STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02137

IBER TSEBROKHENE BRIKN

Josef Luden

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יוסף לודען

*

איבער צעבראָכענע בריקן

יוסף לודען

איבער צעבראכענע בריקן

ראָמאַן

פארלאג „פראבלעמען"
תל־אביב 1966

©
Copyright by Josef Luden, Ramat-Gan. P.O.B. 2126
Israel 1966

פאַרלאַג „פּראָבלעמען"
תל־אביב, הגדוד העברי 28, ישראל

דפוס „אורלי", תל־אביב, טל. 23062

אַמאָל איז געווען

א

אַ פיר שטאָקיק הויז אויף נאַוואָליפּקי גאַס, שיידט זיך מיט גאָרנישט אונטער פון אַנדערע אָרעמע הייף אין וואַרשע. דער זעלבער ריח פון מיסט־קאַסטן, די זעלבע קבצנים, בעטלער און פאַרזעסענע מיידן. קינדער לויפן אַרום אָפּגעריסענע און באָרוועסע, טייל מיט קרומע פיס, גאָר־באַטע פּליצעס מיט גראָבע בייכער פון דער ענגלישער קרענק.

נאָר אַ פּאָר רייכע פראָנט דירות פאַרמאָגט דער קבצנישער הויף. צו זיי פירט אַן אַריינגאַנג מיט אויסגעמאָלטע אין אייל־פאַרב נאַקעטע מלאכימלעך, דירות מיט באַלקאָנען, טעלעפאָן, און דינסטן. אין איינער וווינט דער בעל־הבית פון הויז מיט זיין פרוי, אָנשטאָט קינדער פאַר־מאָגן זיי אַ קליין הינטל, וואָס האַלט זיך זייער גרויס און חברט זיך נישט מיט די אַנדערע קבצנישע הינט. די צווייטע פאַמיליע איז אַמאָל געווען רייך אָבער געבליבן איז זיי נאָר: די רייכע דירה, אַ פוילע דינסט און צעריסענע טאַפּעטן, אונטער וועלכע עס רויען וואַנצן. דערצו איז זי אַ קראַנקע פרוי און אירע צוויי פאַרזעסענע טעכטער פלעכטן אַ גאַנצן טאָג זייערע לאַנגע צעפּ און וועגן חלומען וועגן אַ פּרינץ, וואָס זאָל זיי קומען באַגליקן. אַ שטאָק העכער וווינט אַ יונג פּאָרפּאָלק, ביידע נאָר וואָס אַראָפּ פון די אוניווערסיטעט בענק. ער אַ הויכער און שיינער, זי אַ מיאוסע אין ברילן. שושקעט מען זיך אין דער שטיל אויפן הויף, אַז זיי ווילן אַראָפּוואַרפן דעם קיסר. האַלטן יידן זיך ווייט פון זיי. זי איז אָבער אַ דאָקטאָרין, מוזן יידישן מאַמעס אָפט קלאַפּן אין זייער טיר און רופן זי צו אַ קראַנק קינד. ווערט אַ קינד געזונט איז עס איר פאַר־

דינסט, שטאַרבט אַ קינד, איז עס גאָטס שטראָף. העכער אַ שטאָק וווינט נאָך אַ רייכע פאַמיליע, וועמענס בת־יחידה, די קליינע שרהלע, שפּילט זיך מיט אַלע קבצנישע קינדער פון הויף.

לעבן אויף דעם הויף יידן פראָסטע און פרומע, זיי דאַוונען צו גאָט ער זאָל זיי שענקען פּרנסה און מוחל זיין די זינד. אָבער וואָס פאַראַ זינד קענען טאָן יידן וואָס האָבן קוים אויף ברויט? און אוודאי זענען קינדער ריין פון זינד. דאָך שרעקן זיי זיך שטענדיק פאַר עפּעס אַ שטראָף. זיי ציטערן פאַרן רבינס קאַנטשיק, פאַרן טאַטנס כעס, פאַר שדים, שקצים, פאַרן אייגענעם שאָטן, פאַרן מעלאַנכאָלישן קלאַנג פון די קלויסטער גלאָקן און פאַר די קאַטוילישע פּראָצעסיעס, וואָס פילן אָן מיט פּחד קינדישע נשמות. געפינען זיי שוץ אונטער דער מאַמעס פאַרטעך. אָבער מאַקס זוכט דאָרט קיין שוץ, קוים אַלט פינף יאָר און שוין אָן אַ טאַטן. זיין מוטער האָט חתונה געהאַט מיט אַ צווייטן, אַ מרה־שחורהדיקן ייד מיט אַ סך קינדער. פילט זיך מאַקס פרעמד אין זיין היים און אַנטלויפט אַפּט צו דער באָבען, וואָס ליגט שוין יאָרן אַ קראַנקע צוגעשמידט צום בעט. דערציילט זי איר אייניקל וווּנדערלעכע מעשהלעך פון וואַלד־גזלנים, כישוף־מאַכערס און פּיפּינאַטערס.

קומט אויפן הויף דער פרילינג ברענגט ער מיט זיך וואַרעמקייט און פרייד. פורים פאַרשטעלן זיך קינדער, ווער פאַר מרדכי הצדיק, ווער פאַר המן הרשע. דער שענסטער אָבער יום־טוב איז פּסח. מיט גרויס בענקשאַפט וואַרטן די קינדער אויף אים. אָבער די סדר־נעכט ווי די פּסח־טעג לויפן שנעל אַדורך. קומען ווידער טעג וואָכעדיקע מיט זאָרג פאַר פּרנסה. נישט איין ייד פרעגט דאַן דעם רבונו של עולם אַ גאַר האַרבע קשיה: פאַרוואָס זאָל אַ ייד ווי שמעון דער סטאָלאַר וואָס קען קיין פּרשה חומש נישט, פון גמרא שוין אָפּגערעדט, זאָל עסן יעדן טאָג פליייש, ווען אַנדערע יידן, וואָס זענען בקי אַפילו אין קבלה און אין זהר זאָלן חלומען, וועגן ברויט צו דער זעט? נאָר דערפאַר אויף יענער וועלט וועט קומען די גערעכטיקייט. די צדיקים וועלן זיצן אין גן־עדן און די רשעים אין גיהנום.

ציטערן טאָקע יידישע נשמות אין די ימים־נוראים. ראש־השנה און יום־כיפּור זענען פול די שילן. יידן דאַוונען פרום. פון די ווייבער־שול טראָגט זיך אַ שטאַרק געוויין. דער כל־נדרי ניגון רופט אַפילו ביי מענער אַרויס טרערן. אַ דערשטיקטער יידישער געוויין פאַר לייד פון

דורות, פאַר אינקוויזיציעס אין גלות ספרד, שחיטהס אין כמיעלניצקיס צייטן, פאַר קהילות אויסגעליידיקטע, קינדער דערמאָרדעטע, טעכטער געשענדעטע. אַ גרויס פּחד רופט אַרויס דאָס שופר בלאָזן. אַ גליק, וואָס נאָך יום־כּיפּור קומט סוכות. דאָס בלויזע שטעלן די סוכות רופט אַרויס פרייד. און ערשט שמחת תורה? ווּעמען איז נאָך אַזוי גוט ווי דעם יידישן פאָלק? נאָר זיי האָט גאָט געשאָנקען די תורה. פרייען זיך יידן און זינגען:

כ׳דאַנק דיר גאָטיניו, וואָס כ׳בין אַ ייד,
דערפאַר איז מיר דאָך תמיד גוט.

אויך דער האַרבסט האָט זיין צויבער. פון די ביימער פון קלויסטער־הויף פאַלן די בלעטער און דער ווינט טרייבט זיי איבער דעם גאַנצער גאַס. דערנאָך קומט דער ווינטער מיט זיין פאַרבלענדיקער ווייסקייט. די גאַסן פאַרשאָטן מיט פוכיקן שניי, דער שניי סקריפּעט אונטער די פיס און וואָס נאָר עס ווינטשט זיך די קינדישע פאַנטאַזיע, מאָלט דער פראָסט אויף די שויבן.

אין די ווינטער־אָוונטן טרעפן זיך קינדער פון הויף אין דער שטוב פון די צוויי ברודער יצחק און יעקב. זייער פאָטער האַנדלט מיט לאָ־טעריע־צעטלעך און חלומט וועגן גרויסן געווינס. דערווייל אָבער קאָכט זייער מוטער טעפּ מיט וואַסער, די שכנים זאָלן נישט וויסן, אַז זי האָט נישט צו קאָכן קיין מיטאָג. אין אָוונט זענען זיי־ערע עלטערן נישטאָ. פאַרזאַמלען זיך קינדער אַרום אויוון, די פלאַמען באַלויכטן זייערע פּנימער, אויף די ווענט שאַרן זיך שאָטנס. דאָס פייער פלאַקערט און מאַקס דערציילט אַ מעשׂהלע פון אַ בת־מלכּה, וואָס איז טויזנט יאָר גע־שלאָפן, ביז אַ בן־מלך האָט מיט אַ קוש איר אויפגעוועקט פון שלאָף. הערט שׂרהלע מיט פאַרחלומטע אויגן און פאַרטראַכט זיצט לייבל, דער וואָס האָט מער פון אַלץ ליב צו צייכענען און אַלע ווענט פון הויף האָט ער באַמאָלט מיט הינט, קעץ און פערד. לעבן אים זיצט זיין ברודער דודל דער גרעסטער שטיפער פון הויף. קיינער קען נישט ווי ער, נאָכ־מאַכן ווי עס קרייעט אַ האָן, ווי עס בילט אַ הונט און ווי עס מעקעט אַ קעלבל. אין דרויסן איז אַ פראָסט נאָר אין קינדישע נשמות איז וואַרעם. זעקס קינדער פון איין הויף געבונדן דורך געמיינזאַמע שפּילן, חלומות און מעשׂהלעך. זיי פאַרברענגען צוזאַמען אין וואָכן און יום־טוב

טעג. פסח שפּילט מען מיט ניס, חנוכה אין דריידל, אונטער די פאַר־פרוירענע פענצטער צאַנקען קליינע קאָלירטע ליכטלעך און עס דוכט זיך זיי דערציילן: אַמאָל איז געווען...

אין חדר לערנט דער רבי די קינדער פון חומש: „ואני הנני מביא את המבול מים על הארץ". אויפן וואַנט אין חדר הענגט אַ גרויסער פּאָטרעט פון רוסישן צאַר ניקאָליי. יעדן פרימאָרגן קומט דער לערער פון רוסיש און אַלע קינדער מוזן זיך אויפשטעלן און אין איין כאָר אויסשרייען דעם לאַנגן שווערן נאָמען פון רוסישן אימפּעראַטאָר, מיט אַלע זיינע ראַנגעס און טיטולן. שרעקט פון דער וואַנט אַראָפּ דאָס בייזע פּנים פון צאַר. אָבער לייבלען גלוסט זיך גאָר אים צייכענען. שלעפּט ער פון קעשענע אַרויס אַ בלייער און נעמט אויפן חומש מאָלן, וואַקסט שוין אויס אַ בייז פּנים מיט וואָנצעס. פאַרגעסן די קינדער אין נחן דעם צדיק און דעם גאַנצן מבל און קוקן נייגעריק ווי קונציק לייבל האָט אויסגע־מאָלט דעם צאַר. באַמערקט אָבער דער רבי לייבלס פאַרברעכן, ווערט ער אָנגעצונדן פון כעס, גרייט לייבלען דערלאַנגען קלעפּ. אָבער אין דער מינוט דערהערט זיך אַ בילן פון אַ הונט. ווערט אין חדר אַ מהומה. דער רבי בלייך דערשראָקן, די קינדער זוכן דעם הינט אונטער די בענק, נאָר דודל פאַרזיכערט, אַז ער אַליין האָט געזען ווי דער הונט איז אַנטלאָפן דורך דער טיר. לייבל אָבער ווייסט, אַז דאָס האָט דודל אים אָפּגעראַטעוועט פון רבינס בייזע הענט.

אויפן וועג צום חדר, אויף ראָג פּאַוויע־סמאָטשע שטייט די גיפּסענע פיגור פון גאָטס־מוטער. יידישע קינדער ווייסן, אַז מען טאָר נישט קוקן אויף פרעמדע געטער. בייגן זיי דורכגייענדיק אָוועק די קעפּ און פאַר־מאַכן די אויגן. אָבער לייבל איז נייגעריק און וויל גראָד גוט באַטראַכטן די פיגור, דערפאַר, קומט שנעל די שטראָף. אויפן וועג צוריק פון חדר דערהערט לייבל אַ שרעקלעך געשריי. פון ווייטנס זעט ער ווי ביי דער פיגור פון גאָטס־מוטער, שלאָגט אַ שיכורער קאָזאַק אַן אַלטן יידן. ווען דער ייד ווערט פאַרגאָסן מיט בלוט לאָזט אים דער קאָזאַק אָפּ. ערשט איצט איילן די פאַרזאַמלטע יידן אים צוהילף. מינטערן אים און וואַשן אָפּ דאָס בלוט. ווען לייבל דערנענטערט זיך, דערקענט ער אין אַלטן זיין אייגענעם זיידן. באַפאַלט לייבלען אַ שרעקלעך געפיל פון שולד. דערוויי־זעצן יידן דעם זיידן אַריין אין אַ דראָשקע און פירן אים אַהיים. לייבל נערעפּט דעם זיידן שוין אַ באַנדאַזשירטן, ער זעט אויס ווי אַ פאַרוווּנדע־

טער נביא. אַרום אים זענען פאַרזאַמלט פעטערס און מומעס. זיי רעדן אין דער שטיל וועגן עפּעס אַ „ביילי׳ס פּראָצעס״, וועגן פּאָגראָמען, נאָר די מאַמע דערמאָנט, אַז ווענט האָבן אויערן, ווערט שטיל. מען הערט נאָר דאָס קלאַפּן פון וואַנט־זייגער. און דאָס קרעכצן פון אַלטן זיידן. אין אַ פּאָר טעג אַרום קומט אַ שוואַרצע עגלה מיט שוואַרץ איבערגע־דעקטע פערד. יידן לייגן דעם זיידן אַריין אין אַ שוואַרצן קאַסטן און פירן אים ערגעץ אַוועק. די מומעס ברעכן אויס אין אַ געוויין. די קינדער זאָגט מען, אַז דער זיידע איז אַוועק אין גן־עדן.

נאָך מעריב דאַווענען, איילן יידן שנעל אַהיים פון שיל. ביינאַכט איז אַ פּחד צו גיין אין גאַס. רוסישע קאָזאַקן און פּוילישע כוליגאַנעס לויערן אויף יידן אין דער פינצטער. זאַמלען זיך שכנים צונויף ביי בערל דעם שניידער און שפּילן אין דאָמינאָ. בערל דער שניידער גרייט זיך פאָרן קיין אַמעריקאָ. דאָרטן זאָגט מען וואַלגערט זיך גאָלד אין די גאַסן. בערל קען אָבער נאָך נישט פאָרן אַהין, ווייל מען לאָזט דאָרט נישט אַריין ווער עס קען נישט שרייבן. מוז נעבעך, בערל דער שניידער זיך לערנען שרייבן. זיצן יידן שפּילן אין דאָמינאָ און קרעכצן. ווער קען אַזוי גוט קרעכצן ווי יידן?

פאַרן הויף, אויף אַ ברייטער באַנק דרעמלט שטענדיק דער אַלטער הויז־וועכטער, אַ פּאָליאַק מיט גרויסע וואָנצעס ווי ביי אַ גענעראַל. אים צופיסנס ליגט זיין קודלאַטער הונט. קיין זאַך קעןביידן נישט שטערן דעם שלאָף. נישט דער רעש פון די קינדער, נישט דאָס רויען פון די פליגן אַרום זיי, נאָר אַז עס באַווייזט זיך דער רוסישער רעוויראָווע אין זיין מונדיר און לאַנגער שווערד, שפּרינגען ביידע אויף און בלייבן שטיין ווי פאַרגליווערט ביז ער פאַרלאָזט דעם הויף.

דער רעוויראָווע וואַרפט דאָס ערשטע אַ בייזן בליק אויף שמעון דעם סטאָלאַרס ברעטער, וואָס ליגן צעוואָרפן איבערן הויף. שמעון אָבער ווייסט וואָס יענער וויל, שפּרינגט ער פלינק אַרויס דורכן פענצ־טער פון זיין קעלער וואַרשטאַט און שטופּט דעם רעוויראָווע אַריין אין דער האַנט אַ מטבע. ערשט דאַן אַ צופרידענער לאָזט זיך דער רעוויראָווע אַרויף מיט די טרעפּ צו דער קריסטלעכער נקבה, צו וועמען עס קומען רוסישע קאָזאַקן און פּוילישע מענער. די פליישיקע נקבה איז שטענדיק גרייט פאַרן פאָרשטייער פון דער מאַכט. דערפאַר האָט איר שיכורער

מאַן די פּריווילעגיע, וואָס ער שלעפּט אים נישט אין צירקל פאַר זיינע שיכורע אַוואַנטורעס.

אַ גאַנצן טאָג קומען אויפן הויף פאַרשידענע בעטלער: בלינדע, שטומע און לאָמע קאַליקעס, וואָס בעטן מיט אַ וויינענדיקער שטימע, „שענקט אַ נדבה אַ קאַליקע". קומען הענדלער און זינגען אויס מעלאַנ־כאָליש: „האַנדי, האַנדי, אַלטוואַרק קויף איך!" עס קומען אַלטע און יונגע ציגאַנקעס, וואָס פאַר אַ פּאָר גראָשן לייענען זיי אַרויס פון קאָרטן יעדנס מזל, זאָגן צו גליק, פּרנסה און אַ גוטן שידוך פאַר די טעכטער.

דעם גרעסטן רעש אויפן הויף מאַכט שמעון דער סטאָלאַר. אָבער נאָך מער זיין ווייב חנטשע. זי האָט אַ פּנים פול מיט בראָדאַווקעס און מיט האָר באַוואַקסן ווי אַ מאַן. ווען נישט איר ברייטע יאַקע, וואָלט שווער געווען צו וויסן צי זי איז אַ פרוי. דערפאַר שעלטן קען זי בעסער פון אַלע ווייבער. זי שענקט קללות איר געטרייען מאַן און אייגענע קינדער וואָס זי פאַרמאָגט אַ האַלבן טוץ. אָבער שמעון איז געוווינט צו אירע קללות און זיי שטערן אים נישט אָפּצוואַרטן אין פינצטערן קעלער־דורכגאַנג, אַ יונג ווייבל פון זיינעם אַ געזעל, ווען זי ברענגט איר מאַן דעם פרישטיק. דאָרט איז אַזוי פינצטער, אַז גאָט אַליין זעט נישט זיין חטא. דאָס ווייבל איז אודאי וועט, שמעון זאָל איר מאַן דערלייגן אַ פּאָר קאָפּיקעס אויף דער וואָך.

ביי שמעונען אַרבעט אויך אַ פּוילישער געזעל, יאַנעק דער שיכור, קומט זיין ווייבל בעטן ביי שמעונען ער זאָל איר געבן אַ טייל פון איר מאַנס פאַרדינסט, ווייל ער פאַרשיכורט אַלץ. קען דען שמעון איר אָפּזאָגן? ער אַליין טראָגט איר אָפּ דאָס געלט. וועלכער ייד וואָלט גע־וואָגט גיין אויף דער ריין־פּוילישער וואָלנאָשטש גאַס? דאָ, אַז שקצים דערזעען אַ יידן וואַרפן זיי אים שטיינער, און אַפילו די הינט דערקענען גלייך אַ יידן, רייסן און בייסן זיינע פּאָלעס. שמעון איז אָבער נישט קיין פּחדן. יאַנעקס ווייב טרעפט ער ביי אַ באַליע וועש, מען זעט זי קוים אַרויס פון דער פּאַרע. די אַרבל פאַרקאַטשעט, דאָס קלייד העכער פון די קני. דערלאַנגט איר שמעון דאָס געלט און נעמט זי אַרום. זי קוקט אים אָן פאַרוואונדערט, זי וואָגט אָבער נישט אַנטקעגנצושטעלן זיך איר מאַנס ברויטגעבער. פון דאַן אָן ווערט שמעון אַן אָפטער גאַסט אויף וואָלנאָשטש. דערפון ווערט ביי יאַנעקס ווייב שפּעטער געבוירן אַ מיי־דעלע מיטן נאָמען וואַנדאַ.

קוים אויסגעקויפט זיך פון דער זינד, מיט אַ היבשע מטבע אין שיל, טראָגט דער גורל שמעונען אונטער אַ נייעם חטא. דאָס מאָל איז שולדיק אין דעם זיין ווייב אַליין. זי ברענגט אַראָפּ פון אַ קליין שטעטל איר קרובה נחמה, זי זאָל איר העלפן וואַשן די גרויסע וועש, קאָכן און שבת מאַכן. דאָס ערשטע דערפרייען זיך מיט נחמהן די טרעגער יונגען פון הויף. זיי נעמען איר קיצלען און קנייפּן. אָבער חנטשע האָט פיינט, אַז מען טשעפּעט מיט איר קרובה, שעלט זי די יונגען מיט טויטע קללות: „אַנאויסכאַפּעניש אויף זיי, זיך צוגעטשעפּעט נעבעך צו אַנאָרעמער יתומה, האָבן נישט קיין רחמנות". אָבער ביי נאַכט, אַז חנטשע שנאָרכט שוין ווי פון אַ שופר, כאַפּט זיך שמעון אַריין אין דער קיך ווי עס שלאָפט נחמה.

דער ערשטער איז אַרויס מיט דער נייעס, אַז נחמה טראָגט, דער בלינדער בעטלער. וועגן זיין בלינדקייט שושקעט מען זיך שוין לאַנג אין הויף, אָבער ווער וועט גיין קאָלע מאַכן אַ יידן די פּרנסה? די נייעס אָבער רופט אַרויס אַ גרויסן שטורעם אויפן הויף. חנטשע נעמט שעלטן די יונגען און די פרומע ווייבער ווילן געבנוי וויסן ווי אַזוי דאָס איז איר געשעען? נחמה וויסט אָבער פון גאָרנישט צו זאָגן און שווערט זיך, אַז דאָס קומט איר פון אַ פאַרקילונג. אָבער גוטע יידן נעמען זיך גלייך צו שלמה דעם טרעגער יונג און פאָדערן ער זאָל חתונה האָבן מיט דער מויד, ווייל מען טאָר נישט פאַרשעמען קיין יידישע טאָכטער, דערצו אַ יתומה. דער יונג איז אָבער איינגעשפּאַרט און טענהט, אַז ער איז גאָרנישט שולדיק וואָס די מויד האָט אַ בויך. העלפן נישט די פרומע רייד פון די ווייבער, נישט די קלוגע רייד פון פרומע יידן, ביז שמעון אַליין רוימט איין דעם טרעגער יונג אַ סוד אין אויער. ערשט דאַן ווערט אויפן הויף אָנגעזאָגט די בשורה: „מזל טוב, נחמה איז אַ כלה געוואָרן" ווערט טאַקע געפּראַוועט אַ פריילעכע חתונה. אַ קליינ־קייט, אויסגעגעבן אַ יתומה. דאָס יונגע פּאָרל גייט וווינען אין אַ קעלער־שטוב, וואָס שמעון האָט פאַר זיי געדונגען. נחמה העלפט ווייטער חנטשען וואַשן די וועש און איר מאַן דער טרעגער פירט ווייטער שמעונס פּאַרטיקע מעבל צו די מעבל־קראָמען פון אייזן־הויף.

דער הויף פאַרמאָגט אויך אַ פּאָר געוועלבער. אין איינעם לאָטעט אַ שוסטער אַלטע שיך און וווינט דאָרט מיט זיין גרויסן הויזגעזינד אין דעם צווייטן שניצט אַ טאָקאַר גזימסען צו מעבל. אין דעם גרינס־

געוועלבל וואַלגערן זיך פיר קינדער פון יענטע, דער אַלמנה צווישן ציבעלעס און קרויט. אָבער דאָס וויכטיקסטע איז דאָס געוועלבל, וואָס שפּייזט דעם גאַנצן אָרעמען הויף. די גוטע מלכהלע גיט יעדן אויף באָרג. אָבער ווי קומט צו דער שיינער מלכהלע אָט דער מלך מיטן נאַרישעוואַטן פּנים און פּאָר קאָמישע האָר אויף דער גאָמבע? גאָר פּשוט. צוויי יידן זענען געפאָרן צו איין רבין, איינער האָט געהאַט אַ זון מיטן נאָמען מלך, דער צווייטער אַ טאָכטער מלכה. איז וואָס קען זיין גלייכער, אַז אַ מלך זאָל חתונה האָבן מיט אַ מלכה? האָט אויך דער רבי דערצו געגעבן זיין ברכה. אַז מלכהלע האָט דערזען איר באַשערטן איז איר פינצטער געוואָרן אויף דער נשמה. אָבער ווי האָט אַ יידישע טאָכטער געמעגט אַנטקעגשטעלן זיך איר פאָטערס ווילן? קומען אָפּט אין געוועלב רוסישע קאָזאַקן, קויפן צום רויכערן און מאַכן מלכהלען קאָמפּלימענטן. פאַרשטייט נישט מלך קיין רוסיש און פרעגט וואָס זיי ווילן קויפן? מלכהלע פאַרשטייט אָבער גוט רוסיש, קען פויליש און לייענט ראָמאַנען פון שמר'ן און בלושטיינען אין זשאַרגאָן. די ראָמאַנען פירן זי אַוועק אין אַ וועלט פון פּאַלאַצן און פּרינצן. זי לייענט מיט פאַרכאַפּטן אָטעם ביז דאָס בוך ענדיקט זיך מיט אַ טרויעריקן טויט פון אַ פּרינצעסין, אָדער פריילעכער חתונה פון אַן אָרעמער יתומה.

מלך האָט זיין אייגענע וועלט. דאָס שטיבל און דעם רבינס הויף. פּרייטיקצונאַכטס וועֶרט מלך אַן אמתער מלך. ער קומט פון שיל צעזינגט ער זיך „לכה דודי לקראת כלה". אויף זיין שיין וויבל וואַרפט ער אַפילו נישט קיין בליק. דעם שבת גיט ער אָפּ אינגאַנצן פאַר גאָט. ער קומט אַהיים פון שיל, עסט אָפּ דעם טשאָלנט, כאַפּט אַ נאָכמיטאָג דרעמל און אַוועק אין חסידישן שטיבל. דאָ קומען זיך צונויף צו שלוש-סעודות חסידים אין זיידענע קאַפּאָטעס טייל מיט שטראָמלעך אויף די קעפּ, גלייך צוטראָגן זיך חסידישע נגונים, וואָס קלינגען אָפּ מיט אַן עכאָ אין די הימלען און אין דער בין השמשותדיקער טונקלקייט, דוכט זיך, שוועבן אַרום שדים. באַוויזט זיך דער ערשטער שטערן צינדט מען אָן ליכט, מען מאַכט הבדלה און מען פּראַוועט מלווה-מלכה, מע טרינקט בראָנפן פאַרביסן מיט שמאַלץ-הערינג, דערנאָך לאָזט מען זיך אַוועק אין אַ טאַנץ באַגלייט מיט אויסטערלישע הויות און מאָדנע אויסגעשרייען.

יום-טוב פאָרט מלך צום רבין. זיין פאָטער האָט אים אָנגעזאָגט

ער זאָל ביים רבין בעטן אַ ברכה אויף אַ זכר. מלכהלע בלייבט אין שטוב אַליין. פֿאַלט צו דער אָוונט טויכן אויף ביי איר טרויעריקע מחשבות. ווייל וואָס פֿאַראַ לעבן האָט זי דען? וואָס ווייסט זי פֿון אַ מאַן? שוין צוויי יאָר נאָך דער חתונה און קיין קינד האָט זי נישט. זי שעמט זיך פּשוט פֿאַר די ווייבער. נאָר די ראָמאַנען־ביכער מאַכן זי פֿאַרגעסן אין איר אייגן טרויעריק לעבן. אָבער ווו נעמט מען איצט צו לייענען? דער לערער פֿון רוסיש קומט אָפּט אין געוועלב קויפֿן זעמל מיט הערינג, ברענגט ער מלכהלען אויך ביכער צום לייענען. שוין אויסגעלייענט דעם ערשטן טייל פֿון אַ שפּאַנענדיקן ראָמאַן, ווילט זיך איר אַזוי שטאַרק וויסן וואָס איז געוואָרן מיט דער אָרעמער יתומה. זאָל זי גיין צום לערער בעטן די צווייטע טייל? אָבער ווי מעג אַ יידיש ווייבל גיין אין אַ שטוב צו אַן איינזאַמען בחור? אָבער לייענען ווילט זיך שטאַרק. די איינזאַמקייט טרייבט זי אַרויס פֿון שטוב. ווי פֿאַרגעסן אין אַלץ הויבן אירע פֿוס זיך אויף די טרעפּ. דאָס האַרץ קלאַפּט פֿון שרעק. שדים פּלאָנטערן זיך אונטער די פֿיס. זי שפּאַנט שנעל און קלאַפּט האַסטיק אָן אין זיין טיר, מיט ציטערנדיקע הענט. דער לערער איז גראָד געזעסן פֿאַרזונקען אין זיין חלום וועגן דער שיינער מלכהלען און אָט שטייט זי גאָר אויף זיין שוועל. נעמט ער זי שטאַרק אַרום. זי ציטערט, וויל שרייען, אים זאָגן, צו וואָס זי איז געקומען. אָבער איר מויל איז ווי פֿאַרשלאָסן, אין האַלדז שטיקן טרערן. זי שטאַמלט קוים עפּעס אַרויס, נאָר ער פֿאַרמאַכט איר מויל מיט זיינע ליפּן. ווערט איר אַזוי גוט אויף דער נשמה; ס׳דוכט זיך איר, אַז זי איז גאָר אַ פּרינצעסין פֿון אַ ראָמאַנען־ביכל און איר קושט אַ פּרינץ. — פֿאַרמאַכט זי די אויגן אין אַ גליקלעכן חלום...

כאָטש מלכהלע איז פֿרום פֿאַרשטייט זי נישט איר חטא. זי טראַכט גאָר: פֿאַרוואָס זאָל גאָט זיין קעגן איר גליק? און אַז מלכהלע נעמט מיט גאָטס הילף טראָגן, ווערט זי גאָר שטאָלץ. זי דאַרפֿט זיך מער נישט שעמען פֿאַר די ווייבער. דאַנקט זי גאָט פֿאַר זיין חסד און פּאַקט דעם לערער איין די שענסטע זעמל און בעסטן הערינג. ביידע רעדן צווישן זיך ווייניק, נאָר זייערע אויגן זאָגן זיך אַ סך, און אַז מלכהלע געבוירט אַ בן זכר ווערט גרויס די שמחה ביי מלכן און ביי אַלע חסידים. דער רבי אַליין קומט צום פּדיון־הבן. ברייט און ווייט פֿאַרשפּרייט זיך די ידיעה וועגן רבינס ברכה. יידן זעען באַשיימפּערלעך גאָטס וווּנדער. דערפֿאַר דאַנקען זיי אים און לויבן.

געצל דער זייגערמאַכער איז אַ ייד אַ למדן מיט אַ גרויסער באָרד און לאַנגע פּאות. אַ ברייטע נאָז, וואָס האָט געשמעקט שוין אַ סך טאַבאַק, תורה קען ער גוט, ער ווייסט אָבער נישט ווי מען נעמט אויף שבת. דערצו האָט געצל אַ קראַנק ווייב, די דאָקטוירים הייסן איר עסן היינערן פלייש. אָבער געצל האָט קוים אויף ברויט. דערצו פאַרמאָגט ער צוויי טעכטער, וואָס ווערן גאַרנישט יונגער. זיצט געצל איבער אַ הייליקן ספר און לערנט מיט אַ גמרא ניגון: „די רשעים זאָגן, לאָמיר עסן און טרינקען, ווייל מאָרגן וועלן מיר סיי ווי שטאַרבן, זאָגן די צדקים, לאָמיר גוטס טון, ווייל מיט וואָס וועלן מיר קומען אין גן עדן?״ האָט אָבער געצל אַ גרויסע צרה. דאָס קריסטלעכע פּאָרל האָט אין דעם ריין יידישן הויף און גראָד ביי געצלס טיר געמאַכט זיך אַ נעסט פון זינד. אפשר ווייל גאָט איז אים אויספּרוּוון? צום גליק ווייסט געצל ווי מען קען מיט אַ קאַפּיטל תהילים פאַרטרייבן דעם יצר הרע.

אין אַ שבתדיקן שפּעט־זומער פרימאָרגן ווערן קינדער פון הויף אויפגעוועקט פון שרעקלעכן געוויין פון די מאַמעס. די גאַסן זענען פול מיט מענער, וועלכע איילן ערגעץ. דאָס שרעקלעכע וואָרט „מאָביליזאַציע״ זייעט פּחד איבער יידישע הייף און גאַסן. דעם שבת זענען כמעט אַלע טאַטעס אַוועק אויף דער מלחמה, געבליבן זענען נאָר אַלטע און קראַנקע. אָבער אויך שמעון איז געבליבן, ער האָט אַריינגערוקט אין האַנט פון רעוויראָווע אַ היפּשע מטבע און זיך באַהאַלטן אין קעלער ביי נחמהן, וועמענס מאַן דער טרעגער איז אויך אַוועק.

פליסן וואָכן און חדשים — אין הונגער און אומעט, ביז אין איינעם אַ פרימאָרגן רייסן די רוסישע זעלנער אויף די קערבעדזשער בריק איבער דער ווייסל און אַנטלויפן. פון מעריב זייט קומען די דייטשן אַריין קיין וואַרשע. פאַרשוויצטע מאַרשירן זיי איבער די גאַסן. יידן בעגריסן זיי מיט פרייד. ענדליך פּטור געוואָרן פון די פאָניעס. מיט די יעקעס קען מען זיך אויסטענהן אויף פּראָסט מאַמע־לשון, כאָטש זיי פאַרדרייען אַ ביסל דעם לשון און פאַרשטייען נישט קיין לשון קודש ווערטער.

קריכט שמעון גלייך אַרויס פון נחמהס קעלער, נאָר דער בלינדער בעטלער ווייסט צו דערציילן, אַז ער כאַפּט זיך דאָרט אָפּט אַריין. זעט אויס פון געוווינהייט, ווייל וואָס האָט שמעון מער צו טון? די סטאָלעריי איז געשלאָסן, די פענצטער פאַרצויגן מיט שפּינוועבס.

צו דער זינדיקער נקבה קומען איצט אָנשטאָט רוסישע קאָזאַקן,

דייטשע זעלנער און אָפיצירן. זיי קומען און גייען, נאָר איר מאַן האָט נישט וואָס צו טרינקען. נישטאָ קיין בראָנפן, די קנייפּעס זענען געשלאָסן.

קיין גליק האָבן די דייטשן קיינעם נישט געברענגט. דער הונגער איז נאָך גרעסער, נאָר קיין קרענק פעלט נישט. עפּידעמיעס פון טיפוס רויבן אַוועק עלטערע און קינדער. אויך לייבלס יונג שוועסטערל ווערט קראַנק, הויבט אָן רעדן פון היץ און פאַרמאַכט די אויגן אויף אייביק מיט אַ זיסן שמייכל אויף די ליפּן.

לייבלס מוטער קען נישט צוקוקן ווי אירע קינדער הונגערן, נעמט זי אַ קיישל מיט גרינס און לאָזט זיך אַוועק אויפן באַזאַר האַנדלען. אָבער קיין פּרנסה איז דערפון נישטאָ. קומט לייבל צוהילף זיין מוטער. ער נעמט פּאַפּיר און אַ בלייער, פון די ציגאַרן פּושקעס קאָפּירט ער נאָך די בילדער פון די דייטשע מאַרשאַלן הינדענבורג און לודענדאָרף. מיט אָט די בילדער שטעלט ער זיך אויף דער גאַס, די דייטשע זעלנער און אָפיצירן נעמען ביי אים די בילדער, באַצאָלן מיט פעניגן און גיבן אַ קניפּ אין בעקל. איז דאָס לייבלס ערשטער דערפאָלג אין דער מאָלעריי, אָבער אויך דערפון איז נישטאָ קיין פּרנסה. דערצו חוזקט דודל פון לייבלס גענע־ראַלן... ער פאַרזיכערט, אַז פאַרפוילטע אוגערקעס זענען אַ בעסער־ אַרטיקל. שאַפט ער טאַקע אַ פאַס מיט פאַרפוילטע אוגערקעס און אין מינוטן פאַר־קויפט ער זיין סחורה. ענדיקט זיך דער אוגערקע־סעזאָן נעמט דודל האַנדלען מיט צייטונגען. דערמיט גייט עס אים נאָך בעסער. דודל האָט אַ רייכע פאַנטאַזיע, ער שרייט אויס אַזעלכע נייעסן וועלכע עלעקטריזירן די דורכגייער. די צייטונגען ווערן ממש צעכאַפּט. אין איין טאָג דערקלערט דודל אַ מלחמה צווישן די יאַפּאַנער און טערקן, צומאָרגנס שליסט ער שלום צווישן די נעגער מיט אינדיאַנער, טאָטערן דערטרינקען עסט־רייכישע שיפן אין אונגאַרישן ים. פון זיינע אַלע „וויכטיקע נייעסן" קאָכט זיין מאַמע פלייש און די שכנים זאַפּן זיך אָן מיטן געשמאַקן ריח.

אין שיל האָט דודלס נייעסן אַ גרויסן אָפּקלאַנג. דאָס וואָס אין די צייטונגען איז פון די נייעסן גאָרנישט בנימצא שטערט נישט די קלוגע יידן צו מאַכן גאָר וויכטיקע אויספירן. עס לייגט זיך דאָך פּשוט אַליין אויפן שכל, אַז די יאַפּאַנער וואָס שטאַמען פון די פאַרלוירענע צען שבטים זאָלן ביים טערק צונעמען דאָס הייליקע לאַנד און אָפּגעבן עס די יידן. ניש־קשה, פאַרן סולטאַן אין סטאַמבול וועט נאָך בלייבן אַ האַרעם מיט ווייבער. שטייט דען נישט געשריבן, אַז ווען גוג וועט זיך שלאָגן מיט מגוג וועט

קומען משיח? נאָר ווייבער פאַרשטייען גאָרנישט אין פּאָליטיק. אָט פרעגט פייגע־לאה, פאַרוואָס, אַז דער צאַר ניקאָליי וויל זיך שלאָגן מיטן קייזער ווילהעלם דאַרפט מען צונעמען איר הירש־בערן און זי איבערלאָזן מיט פּיצלעך קינדער אָן ברויט?

אָנשטאָט ברויט שיקן די דייטשן איבער די הייף סאַניטאַרע קאָמיסיעס. יידן ווייסן אָבער געווי ווען זיי דאַרפן קומען, נעמען ווייבער רוימען, וואַשן, קאַלכן, כדי נישט באַשטראָפט צו ווערן פאַר אומריינקייט. געשעט אָבער, אַז נאָך אַזוי פיל רוימען קומט גאָרנישט די קאָמיסיע. בלייבן ווייבער אַנטוישט און פאַרביטערט, אומזיסט נעבעך אַזוי גוט אויסגעריי־ניקט. אָרעמעלייט האָבן קיינמאָל נישט קיין מזל.

קומען דערווייל פאַר אויף דער וועלט גרויסע געשעענישן. די דייטשן רוקן זיך אַלץ טיפער קיין מזרח. די רוסישע אַרמיי ליידט גרויסע מפּלות. אין איינעם אַ ווינטער־טאָג שרייט דודל אויס די גרויסע נייעס וועגן אַ רעוואָלוציע אין רוסלאַנד. דאָסמאָל איז עס נישט זיינס קיין פאַנטאַזיע. דערציילן טאָג־טעגליך די צייטונגען וועגן דראַמאַטישע געשעענישן, זיי ברענגען נייע נעמען: קערענסקי, לענין, טראָצקי. דער נאָמען טראָצקי וועקט נאָך מער שינאה צו יידן. די פּוילישע כוליגאַנעס אָנשטאָט „ביילים״ קרוינען איצט די יידן מיטן צונאָמען „לייבוש״, אָבער דאָס מאָל פילן זיך יידן פון דעם צונאָמען נישט באַליידיקט. די רעוואָלוציע כישופט די פאַנ־טאַזיע פון יידישע קינדער. און צווישן לעגענדעס און פאַנטאַזיעס פאַר־שווינדט פּלוצלינג דודל פון הויף. ער איז אַוועק אין לאַנד פון שטורעם און רעוואָלוציע.

דערווייל פיבערט די וועלט, אויך אין דייטשלאַנד ברעכט אויס אַ רעוואָלוציע. די דייטשע זעלנער אין וואַרשע האַלטן אָפּ מיטינגען און טראָגן רויטע לענטעס. פון אַלע רעוואָלוציעס ווערט געבוירן די פּוילישע מדינה. אויף די גאַסן באַווייזן זיך פּוילישע לעגיאָנערן מיט ביקסן צוגע־נומענע ביי די דייטשן. עס קומען צוריק די טאַטעס פון די פראָנטן און געפאַנגען־לאַגערן. שמעון עפנט זיין סטאָלעריי און צו דער זינדיקער נקבה קומען נייע קליענטן, פּוילישע זעלנער.

זענען טעג הונגעריקע אָבער רייך מיט געשעענישן. רעוואָלוציעס האָבן אָפּגעשווענקט טראָנען, אָפּגעווישט גרענעצן, עס ווערן געבוירן נייע מדינות, נאָר די אָרעמקייט אויפן הויף איז געבליבן. די זעלבע טרויעריקע יידן מיט לאַנגע בערד, יידענעס מיט זויערע פּנימער פון

זאָרג, ווו מען נעמט אויף שבת. זיצן די קינדער פון הויף אויף די ברעטער פון שמעון דעם סטאָלער, קוקן אין הימל און זוכן יעדער זיין שטערן און מאַקס דערציילט אַ מעשהלע פון זיין באָבען, אַמאָל איז געווען...

ב

מאַקס איז אַ שילער פון אַ יידישער פאָלק־שול. דאָ לערנט מען אין דער שפּראַך פון דעם פאָלק. פון יידיש חוזקן די אַנטיסעמיטן און רייכע יידן שעמען זיך מיט דער שפּראַך פון שוסטער־ און שניידער־יונגען. אָבער אין דער שול קלינגט די פּראָסטע שפּראַך מיט אַ סך חן. לויפט מאַקס יעדן טאָג אין דער שול מיט גרויס ליבשאַפט, אָפט אָן פרישטיק, דער הונגער און פראָסט פאַרקלעמט אים ביים האַרצן. ער בלייבט אין מיטן גאַס פאַרחלשט און חלומט אַ זיסן חלום. נאָר עפּעס אַ גוטע קריסטין וועקט אים פון חלום, גיסט אים הייסע קאַפע אין מויל. אַ פאַרשעמטער לויפט ער שנעל אין שול, נישט צו פאַרשפּעטיקן די וואונדערלעכע דערציי־לונגען פון דעם לערער. אין די שול־צימערן איז קאַלט, אָבער די לערער דערוואַרעמען די קינדישע פאַנטאַזיע וואָס פירט זיי איבער לענדער און פעלקער. איבער אַ וועלט פון וואונדער און שיינקייט. וואַקסט אין קינדישע נשמות דער דורשט צו לערנען און וויסן.

אויך לייבל איז אַ שילער אין דער זעלבער שול, אין דער זעלבער אָפּטיילונג וואָס מאַקס. דאָ חוזקט קיינער נישט פון זיינע „מענטשעלעך" נאָר פאַרקערט. די לערער פלעגן זיינע פעיקייטן, גיבן אים חשק צו מאָלן. און אַלץ מער וואַקסט זיין ליבע צו מאָלעריי און אַלץ וואָס איז שיין וויל ער פאַראייביקן אויף לייוונט.

אין די זומער־פעריען פאָרן די קינדער פון עטלעכע פאָלק־שולן אויף אַ געמיינזאַמער זומער־קאָלאָניע אין אַ סאָסנע־וואַלד הינטער וואַרשע. דאָ שפּילן זיך די יינגלעך אין אינדיאַנער־שפּילן און די מיידלעך זינגען און טאַנצן פריילעך. מאַקס האָט נישט ליב קיין מיידלעך, ווייל אין וואָס קען מען מיט זיי זיך שפּילן? וואָס פאַרשטייען זיי פון אינדיאַנער־שפּילן? זיי וויסן נאָר צו פלעכטן די צעפּלעך און זיך רויטלען.

אין אַ הייסן זומער־טאָג פֿאַרציט זיך פּלוצלינג דער הימל מיט אַ שוואַרצן וואָלקן. מיט איינמאָל ווערט פֿינצטער און עס גיט אַ גאָס אַ שלאַקס־רעגן. די קינדער באַהאַלטן זיך אין די געביידעס. אָבער גאָר שנעל נעמט אַ סוף צום רעגן. ער האָט בלויז אָפּגעשווענקט די גראָז און ביימער און אָפּגעפֿרישט די לופֿט. איז ווידער לויטער דער הימל און די קינדער צוריק אין וואַלד. לויפֿט מאַקס אַ פֿריילעכער צווישן די ביימער. ער איז איצט אַ מאָהיקאַנער און קעמפֿט מיט די ווייסע, אָבער פֿון ערגעץ וואַקסט אויס די יונגעטשקע לערערין עטל, זי איז אַ דערציערין פֿון די ייִנגסטע קינדער. אַליין איז זי שטיפֿעריש ווי אַ דערוואַקסן קינד. זי נעמט אַן מאַקסן ביי דער האַנט און פֿרעגט: „דערציילן דיר אַ שיין מעשהלע? זי פֿירט אים אַרונטער אַ יונג סאָסנע־ביימל און הייבט אָן דערציילן: „אַמאָל איז געווען...“ מיט דער האַנט גיט זי אַ שקאָל דאָס ביימל און פֿריש רעגן־וואַסער גיט אַ גאָס אויף מאַקסן פֿון די צווייגן. עטל צעלאַכט זיך מיט אַ קלינגעדיק געלעכטער: „כאַ, כאַ, אַ שיין מעשהלע געווען? אָבער זיי נישט ברוגז, אָט וועל איך דיך איבערבעטן“ און זי גיט אים אַ קוש אין שטערן. „יעצט גיב מיר אַ קוש, וועל איך זיין זיכער, אַז ביסט מער נישט ברוגז. אָבער נישט אין דער נאָז נאָר אין האַלדז. אַך, ווער האָט דיך אויסגעלערנט אַזוי גוט קושן? ווער האָט אויסגעטראַכט, אַז דו האָסט פֿיינט מיידלעך? מיר דוכט, אַז דו האָסט צו שטאַרק ליב“, זאָגט זי און פֿאַרשווינדט. פֿון דעמאָלט אינטערעסירט מער נישט מאַקסן די אינדיאַנער־שפּילן, ווי אַ פֿאַרכישופֿטער זוכט ער עטלען מיט די אויגן. איר געזאַנג און געלעכטער קלינגט אָפּ מיט אַן עכאָ אין זיין נשמה.

אונטער עטלס פֿענצטער שטייט אָפּט דער לערער שלמה. ווי קומט דער ערנסטער לערער צו אָט דער יונגער שטיפֿערין? דער לערער שלמה איז געבוירן אין אַ קליין ייִדיש שטעטל הינטער ביאַליסטאָק. זיין מוטער, אַן אַלמנה, איז געווען אַ גאַנצן טאָג פֿאַרנומען אין איר שניט־קרעמל. האָט טאַקע דער קליינער שלמה גענאָסן פֿון מער פֿרייהייט ווי אַלע ייִדישע קינדער פֿון שטעטל. דערצו איז ער געווען אַ שטיפֿער און דערפֿאַר האָט מען אים גערופֿן „שלמהקע מזיק“. ער האָט ליב געהאַט דאָס שכנותדיקע דאָרף און די ווייסרוסישע ייִנגלעך. גערעדט אין זייער שפּראַך. דאָ, ווייט פֿון רבין, פֿאַרברענגט אין פֿריילעכע שטיפֿערייען. אין אַן אָוונט באַהאַלט זיך שלמה צווישן די הויכע גראָזן ביים טייכל. דאָס וואַרט ער אָפּ די דאָרפֿישע מיידלעך ווען זיי קומען אָנטרונקען די קי. אַרום זינגט די

גאַנצע נאַטור. עס צווישטשען די פייגל, עס קוואַקען די פראָשן אין גראָז. אַ לייכט ווינטל רייסט אַריין זיך אין די זאַנגען, דערציילן זיי עפּעס אַ סוד. אַט הערט זיך שוין פון וויטן מיידלשער געלעכטער. זיי קומען אָן, די קי־מעקען דורשטיקע נאָך אַ טרינק. ביים טייכל נעמט אָן די מיידלעך אַ חשק זיך אויסצובאָדן. זיי קוקן זיך אַרום פאַרדעכטיק, וואַרפן פלינק פון זיך אַראָפּ די קליידלעך און שפּרינגען מיט געפּילדער אַריין אין וואַסער, באַשפּריצנ־דיק איינע דער צווייטער. דאַן שווימט אַרויס שלמה אין מיטן טייכל. ווערט צווישן די מיידלעך אַ בהלה, זיי לויפן צום ברעג זיך פאַרדעקן. נאָר די דרייסטע יאַנינאַ פאַרלירט זיך נישט. זי מוז שלמהן כאַפּן און אים אָנלערנען. אָבער שלמהן איז נישט לייכט צו כאַפּן. ער פאַרנורעט זיך אין וואַסער און שווימט אַלע מאָל אַרויס אויף אַ צווייט אָרט. יאַנינאַ ווערט אָבער נישט מיד און אירע חברטעס אויפן ברעג גיבן איר צו מוט. ענד־לעך כאַפּט זי אים, בײדע ראַנגלען זיך, דערנאָך קושן זיי זיך.

פון דעמאָלט איז אַוועק אַ סך צייט. שלמה איז געוואָרן גרויס, געלערנט, געריזט איבער דער וועלט. אָבער אין דער דרייסטער יאַנינאַ האָט ער נישט פאַרגעסן. די פליכט פון אַ דערציִער מאַכט אים ערנסט, כאָטש ס׳קלאַפּט אין אים אַ וואַרעם האַרץ, וואָס ציט איצט צו עטלס פענצטער. אָבער עטל קעמט אירע קאַשטאַן־האָר און חוזקט פון אים. פון וואַנען קען זי וויסן, אַז אונטער דעם ערנסטן פּנים פון לערער שלמה גליט אַ ליבע צו איר, דער שטיפערקע? און אַוודאי ווייסט נישט עטל, ווי טיף זי האָט צעשטורעמט די בלוטן פון יונגן מאַקסן. אויפגעוועקט אין אים נייע אומ־באַקאַנטע געפילן.

מיט איינמאָל איז פאַרשטומט געוואָרן דער קינדישער געזאַנג און קינדישע ליבע אין דעם וואַלד הינטער וואַרשע. דאָס פּוילן, געבוירן אין שטורעם פון רעוואָלוציעס, וואַרפט זיך דערשטיקן די רוטישע רעוואָלוציע. אירע פּריש־געבאַקענע גענעראַלן ווילט זיך אַ פּוילן „פון ים ביז ים״. קוים אַליין באַפרייט זיך, ווילן זיי שוין אַנדערע אונטערדריקן. אָבער אין דער מלחמה קעגן די באָלשעוויקעס באַקומען זיי געזונטע קלעפּ. זייער גאַנצע גבורה ווייזן זיי אַרויס צו אומבאַוואָפנטע יידישע זקנים, פרויען און קינדער. די פּוילישע פּאַטריאָטן גרייטן שוין זייערע וואַליזעס צו אַנט־לויפן קיין פּויזן. די רויטע אַרמיי דערנענטערט זיך קיין וואַרשע. פאַרלאָזן די לערערינס צוזאַמען מיט די יונגע קינדער און מיידלעך שנעל די קאָלאָ־ניע, עס בלייבן נאָר די לערער מיט די עטלעכע ייִנגלעך צו ליקווידירן

און איבערפירן דעם גאַנצן אינווענטאַר און די פּראָדוקטן קיין וואַרשע. נישט ווייט גראָבן די פּוילישע זעלנער אָקאָפּעס און איבערן וואַלד טראָגט זיך דאָס באַקאַנטע זעלנער־לידל:

מאַרושקאַ, מיין מאַרושקאַ,
קום מיט מיר זיך לייגן.

איז טרויעריק אין וואַלד, נישטאָ שוין מער די קינדישע שפּילערייען, דער מיידלשער געזאַנג. נישטאָ מער דער לערערין עטלס שטיפערישער געלעכטער, נאָר דער ווייטער עכאָ פון האַרמאַטן־שאָסן טראָגט זיך איבערן פוסטן, טרויעריקן וואַלד.

מאַקס, צוריקקומענדיק אין שטאָט טרעפט די טויערן געשלאָסן, דעם הויף פאַרזונקען אין פּחד, די זעלנער פון פּוילישן גענעראַל האַלער נעמען נקמה אין יידן פאַר די קלעפּ, וואָס זיי באַקומען פון די באָלשעוויקעס. עס געשעט אָבער, אַז די רויטע אַרמיי ווערט אָפּגעטריבן פון וואַרשע. עס קומט „דער נס ביי דער ווייסל". די פּוילישע אַרמיי הייבט אָן זיגן, פאַר־כאַפּט שטיקער פון אוקראַינע און ווייסרוסלאַנד. אויך דעם זיג פייערן זיי מיט שטעקנס איבער יידישע קעפּ און רייסן בערד ביי פרומע יידן. די מלחמה איז געענדיקט. די רויטע אַרמיי איז ווייט, נאָר די לעגענ־דעס וועגן בודיאָניס קאַוואַלעריע, וואָס האָט יידישע שטעטלעך אָפּגעראַ־טעוועט פון פּאָגראָמען, בלייבן טיף איינגעקריצט אין קינדישע נשמות.

הייבן זיך ווידער אָן די למודים אין דער שול. זי איז ווי אַ קליין אינדזל אין דעם גרויסן ים פון שנאה. אָנהייב לערן־יאָר באַווייזט זיך אין דער שול־אָפּטיילונג אַ נייע שילערין, אַ וווּנדער־שיין מיידל. איר פאָטער, אַ באַקאַנטער בונדישער עסקן האָט זיך צוליב פּאַרטייאישע סיבות איבער־געטראָגן פון ווילנע קיין וואַרשע. זיצט זיין בת־יחידה, רוטקע, אויף אַ באַנק לעבן מאַקסן און אים איז אַזוי גוט צו קוקן אין אירע בלויע אויגן, אין איר ליכטיק פּנים און הערן איר רעדן, אין דעם זינגעדיקן ליטווישן אַקצענט. נאָך די למודים לויפן קינדער אַהיים פון שול. עסן עפּעס איילִיק אָפּ און לויפן צוריק אין שול. דאָ אין שול־קלוב פאַרברענגט מען צוזאַ־מען, ווער עס זינגט אין שול־כאָר, ווער עס גרייט אַ קינדער־פאָרשטעלונג, אָדער אַ שול־צייטונג. אַנדערע פאַרברענגען סתם פריילעך. מאַקס, וואָס ער זאָל נאָר נישט טאָן, זוכן זיינע אויגן רוטקען. ווי קען ער נישט ליב האָבן דאָס דאָזיקע ווונדער־מיידל? האָבן טאַקע אַלע זי ליב, אָבער מאַקס גלייבט, אַז קיינער האָט זי נישט אַזוי ליב ווי ער. און, רוטקע,

גליטשט זיך צווישן ווייסע שוימיקע כוואַליעס. פון ווייטן זיפּצט דער וואַלד פון בענקשאַפט נאָך די קינדער, וועלכע זענען אַוועק. רוטקע קוקט פאַרגאַפט אויף דער אונטערגייענדיקער זון, אויף די ווונדערלעכע קאָלירן פון הימל. די לעצטע זון־שטראַלן שפּיגלען זיך אין אירע אויגן און אַ לינד ווינטל שפּילט מיט אירע האָר ווי אויף סטרונעס. זיצט מאַקס לעבן רוטקען, אים ווילט זיך שטאַרק איר עפּעס זאָגן, אָבער ער שווייגט מיט אַ טיפן שווייגן. ער פילט, אַז דאָס צויבער־מיידל האָט אַ פּלאַץ אָנגעצונדן אין זיין נשמה, וואָס קיינער וועט מער נישט קענען פאַרלעשן.

אין איינעם אַ טאָג איז רוטקע ווי אַ חלום אַנטרונען. געבליבן איז אַ ליידיק אָרט אויף דער שול־באַנק און אַ טיפער ווייטיק אין מאַקס נשמה. רוטקעס פאָטער איז, ווי אַ סך אַנדערע, פון אַ בונדיסט געוואָרן אַ קאָמוניסט, פאַרוויקלט זיך אין אַ פּאָליטישן חטא און געמוזט אַנטלויפן פון פוילן. די גאַנצע פאַמיליע איז אין געהיים אַוועק קיין ראַטן־פאַרבאַנד. איז מאַקס געבליבן פאַריתומט. אין טיפער בענקשאַפט שפּאַנט ער איינזאַם איבער דער נאַלעווקי און חלומט וועגן רוטקען. אַ הענדלער רעקלאַמירט אַ נייעם פּאַטענט אַרויסצוגעמען פלעקן פון אָנצוגן. אָבער ווער וועט אַרויסנעמען אַ ווייטיק פון אַ יונג האַרץ?

רוטקעס אַנטרינען ברענגט מאַקסן נישט נאָר בענקשאַפט און ווייטיק, נאָר אויך אַ גרויסע נייגעריקייט צום לאַנד וווהין זי איז אַוועק. יעדע צייטונגס־ידיעה, יעדער גרוס פון דאָרט וועקט אין אים נייגער און אַלץ מער וואַקסט אין אים די סימפּאַטיע צום לאַנד פון די ראַטן. דערצו ווירקט אויך דער אַרום, די יידישע גאַסן און הייף לעבן מיט פיבער און דראַנג צו אַן אַנדער לעבן. די יוגנט וויל זיין פריי, זייער שטאָלץ פאַרטראָגט נישט די טאָג־טעגלעכע באַליידיקונגען פון פּוילישע כוליגאַנעס. כישופט זיי אַ וועלט, וואָס טראָגט די בשורה פון פעלקער־ברידערלעכקייט און גלייכהייט, אַ וועלט אַ גערעכטע, אָן נויט. ווערט מאַקס האַרץ אָנגעצונדן מיט דעם גלויבן, וואָס פירט אים אַריין אין אַ נייער וועלט פון געפאַרן, קאָנספּיראַציע און אידעישקייט. דער געפיל, אַז מען דינט אַן אידעאַל גיט אינהאַלט דעם לעבן, מאַכט מוטיק און דרייסט. שפּאַנט שוין מאַקס אין די רייען פון אַ יונגן אַוואַנגאַרד, וואָס מאַכט געשיכטע. די יידישע גאַסן זענען פול מיט אַזעלכע ווי ער. אין די אָוונטן ווערט ענג אויף די טראָטואַרן, איבער די יידישע גאַסן פון שניידערס, זאָקנמאַכערס און געגריוועטע שוסטערס, טראָגט אַ יוגנט דעם גרויסן חלום איבערצואַנדערשן די וועלט.

פילט זיך אַרומגערינגלט מיט ליבע און זי פרעגט נאַיוו, איר מוטער „פאַר־וואָס, מאַמעלע, האָבן אַלע מיך אַזוי ליב?"

איז מאַקס ווידער ווי פאַרכישופט, אויף דער נשמה איז אים ווונדער־לעך גוט. עס ציט אים צו רוטקען, און ער באַמיט זיך נאָר זיין לעבן איר, באַגלייטן איר פון שול אַהיים. ער דערציילט איר פון דורכגעלייענטן ד'אַמיטשיס „דאָס האַרץ" און וועגן אַנדערע ביכער. פרייטיק ענדיקן זיך די למודים פריער, גייען ביידע איבער דער רוישיקער נאַלעווקי. די גאַס פון הורט־געשעפטן, איז אויך פול מיט גאַסן־הענדלער. זיי האַנדלען מיט קראַוואַטן, שקאַרפעטן, פאַרפוילטע טרוסקאַווקעס, מיט אַ פאַטענט אַרויס־צונעמען פלעקן פון אָנצוגן. מיט וואָס ווערט דאָ נישט געהאַנדלט? ס'איז אויך פול די גאַס מיט בעטלער, קאַליקעס, זיי רעקלאַמירן זייערע בלינדע אויגן, פאַרקריפּלטע קערפּערס, האָרבאַטע פּלייצעס. אַרום די הורט־געשעפטן דרייען זיך פּראָווינצער קרעמער, מעקלערס, פאַרשידענע מנחם־מענדלס אַזוי לעבעדיק, ווי שלום עליכם האָט זיי געמאָלט. די גאַס רוישט, מען קויפט און פאַרקויפט. מען צאָלט מיט וועקסלען, מען מאַכט באַנקראָטן, אָבער מאַקס לעבט אין אַן אַנדערער וועלט. ער איז פול מיט ליבע צו רוטקען, וואָס שפּאַנט לעבן אים. ביידע גייען אַריין אין „קראַשינ־סקיס גאָרטן", וואָס איז פול מיט פריידיקן קינדער־געלעכטער. איבער דער אָזערע שווימען געמיטלעך אַ פּאָר שוואַנען און רוטקע מיט אַ צעפלאַמט פּנים זינגט מיט אַ זיסער שטימע:

כ'ווייס נישט, כ'ווייס נישט,

די יוגנט זינגט אין מיר.

זינגט אויך די יוגנט אין מאַקסן און אויף דער נשמה איז אים אַזוי גוט.

אַ צווייט מאָל געפינען זיך ביידע אויף אַ שול־אויספלוג. אַ שיף פירט זיי אַוועק מיט דער ווייסל צום ביעלאַנער וואַלד. ווער האָט אַזוי ליב דעם וואַלד ווי קינדער? טראָגט זיך איבערן וואַלד זייער פריילעכער געלעכטער און געזאַנג. מאַקסן ווילט זיך אָבער נאָר שווייגן און קוקן אין רוטקעס אויגן. זי זיצט אויף אַן אונטערגעהאַקטן בוים, אונטער איר איז ווי אַ טעפּיך אויסגעשפּרייט דער גרינער מאָך, און זי, רוטקע, איז די וואַלד־מלכּה פון קינדישע מעשהלעך. לויפט דער טאָג אַוועק ווונדערלעך שנעל. דער מעלאַנכאָלישער פייף פון דער שיף רופט די קינדער צוריק. רויטלט זיך דער הימל, דער נאַכטיגאַל געזעגנט די קינדער מיט זיין געזאַנג. אפשר איז ער אויך פאַרליבט? זיצן שוין אַלע קינדער אויפן דעק פון דער שיף, וואָס

זיי קומען אויך פון קליינע שטעטלעך, הונגערן געשמאַק אונטער און דעקלאַמירן רעוואָלוציאָנערע פּאָעמעס. צווישן זיי פּלאָנטערן זיך אָפּגע־ריסענע קינדער און שרייען „הייסע בייגל וועך קויפט? הייסע בייגל״.

דער זעלבער גלויבן האָט אויך אָנגעצונדן דאָס האַרץ פון שרהלען, די איינציקע טאָכטער ביי אירע רייכע עלטערן. שרהלע איז צו־פּילבאַר, אַז דאָס זאַטע לעבן זאָל פאַרשטעלן פאַר איר די נויט פון די קעלער־שטיבן. מיט איר גאַנצער געטריישאַפט וואַרפט זי זיך אַריין אין דער אומלעגאַלער באַוועגונג. איר בלאָנדקייט און ריין פּוילישער אַקצענט, מאַכט איר מעגלעך אָנצוגיין פאַר אַ פּויליש מיידל אין וועלכער די באַ־וועגונג נייטיקט זיך גאָר שטאַרק. גאַר ווייניק פון פּוילישע מיידלעך קומען אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, מוזן יידישע מיידלעך אויספּילן דעם בלויז. פאַלט אויף זיי די ראָל צו ווערן די וועקער פון פּוילישן פּראָלעטאַריאַט. דער ביישפּיל פון דער איידעלער ראָזאַ לוקסענ־בורג באַלייכט זייער וועג. לאָזט שרהלע זיך אַוועק צו די פּוילישע גאַסן, צו די גרויסע פאַבריקן, און אַפילו אין דערפער. די נאָך נעכטן צעפּיעש־טשעטע שרהלע פאַרוואַנדלט זיך אין דער דרייסטער סאָניע, וואָס רופט צו שטרייקן און קאַמפן.

אין אַ מאַרק־טאָג אין אַ שטעטל. דאָס ערשטע שפּרייטן יידישע הענדלער אויס זייערע סחורות. דערנאָך קומען אָן פּויערישע וועגענער מיט הינער, גרינס און פּרוכטן. עס קומען אָן פּויערים קויפן שטיוול, אָדער אַ פּעלץ אויף ווינטער. צווישן זיי דרייען זיך אַרום ציגיינער און ציגאַנקעס. דער האַנדל הייבט זיך אָן מיט רעש, געפּילדער און דינגעניש. פּלוצלונג דערהערט זיך אַן ענערגישע מיידל־שטים. די נייגעריקייט פאַרשטומט דעם גאַנצן געפּילדער. מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם הערן די פּויערים ווי די שטים דערציילט פון זייער נויט, מאַנגל אין ערד און הויכע שטייערן. סאָניע רעדט קורץ, אַזעלכע רעדעס טאָרן לאַנג נישט דויערן. ענדיקט זי מיטן רוף: „פּויערים! לאָזט אייך נישט פאַרמאַניען פון דעם נייעם געזעץ וועגן אַגראַר־רעפאָרם. די פּריציש־קאַפּיטאַליסטישע רעגירונג מיינט נישט אייער טובה. זיי ווילן די פּריצים נאָך רייכער מאַכן און אייך אָרעמער. נאָר אַן אַרבעטער־ און פּויערים־רעגירונג וועט אייך געבן ערד אָן אָנט־שעדיקונג״. אַראָפּגעריסן פון זיך דאָס פּויערישע טיכל פאַרשווינדט סאָניע שנעל צווישן די שמאָלע שטעטלדיקע געסלעך.

צוזאַמען מיט סאָניען קומט אין דער באַוועגונג אויך איר בעסטע

זוברטע פון דער גימנאַזיע. אַ שווערן קאַמף האָט מאַגדע געפירט, ביז איר חסידישער פאָטער האָט דערלויבט זי זאָל זיך לערנען. אָבער אַז מען וואַרפט מאַגדען אַרויס פון דער גימנאַזיע פאַר קאָמוניסטישער טעטיקייט, צינדט איר פאָטער אָן צוויי ליכט, זאָגט אָפּ קדיש און זעצט זיך שבעה נאָך זיין לעבעדיקער אַפּיקורסישער טאָכטער. נאָר מאַגדע איז אין איר גלויבן נישט ווייניקער פאַרעקשנט פון איר חסידישן טאַטן, מיט נאָך מער ברען נעמט זי זיך צו אַגיטאַציע און אָרגאַניזירן די יוגנט. אויך זי אַרבעט אויף די פוילישע גאַסן, נאָר איר אויסערגעוויינלעכע שיינקייט איז פאַר איר אַ גרויסע שטערונג. איר געשטאַלט און פּרעכטיק לענגלעך פּנים מיט דער אָדלער־נאָז ציט יעדנס אויפמערקזאַמקייט און זי קען נישט אָפּווישן דעם יידישן חן פון זיך, כדי אָנצוגיין פאַר אַן אמת פּויליש מיידל.

פאַרשידן זענען די וועגן, וואָס פירן דער יידישער יוגנט צו דעם אונטערגרונט. אויך יעקב איז אַוועק אין דעם וועג, זיין פאָטער חלומט נאָך אַלץ וועגן גרויסן געווינס, אָבער יעקב חלומט שוין וועגן דער רעוואָלוציע. ער קומט אין די קרייזן פון שילער און סטודענטן־יוגנט. זיי זאַמלען זיך אַרום ראַדיקאַלע צייטשריפטן און דעקלאַמירן סלאָנימסקיס „שוואַרצער פרילינג", מאַיאַקאָווסקיס „מיסטעריום בופאָ" און רעוואָ־לוציאָנערע לידער פון בראָניעווסקין.

אין די זומער־פעריען אָרדנט די יוגנט איין אַ זומער־קאָלאָניע פאַר נישט־פאַרמעגלעכע שילער. זיי דינגען אין אַ פאַרוואָרפענעם דאָרף ביי די פויערים גרויסע שאַפעס און שטעלן דאָרט איין זייער ווירטשאַפט. אַלע אַרבעטן טוען זיי אַליין, באַדינען זיך זעלבסט, קאָכן, וואַשן און אַ דאַנק דעם קענען זיי געניסן פון אַ ביליקן אָפּרו אויפן שויס פון דער נאַטור. זיי פילן זיך אין די פויערישע שאַפעס פיל בעסער ווי אין די רייכסטע פענסיאָנאַטן. אויף אָט דער שילער־קאָלאָניע האָט יעקב באַקענט קלאַראַן. זייער פריינדשאַפט הייבט זיך אָן אין אַזעלכע אָוונטן, ווען דער הימל באַפאַרבט זיך מיט ווונדערלעכע קאָלירן. די זון גייט אונטער איבערלאָזנדיק נאָך זיך אַ טיפע בענקשאַפט. פון שכנותדיקן שטעטל דערטראָגן זיך טענער פון קלויסטער־גלאָקן. אויף דער אָזערע שווימען אַרום שלעפעריקע שוואַנען. די פייגל געזעגענען דעם טאָג מיט זייער געזאַנג. אַ טשערעדע זאַטע קי קערן זיך צוריק פון דער לאָנקע, באַגלייט פון באָרוועסע דאָרפישע מיידלעך. עס קומט אָן די נאַכט און

וויגט איין די וועלט אין אַ טיפער שטילקייט. דעמאָלט לאָזן חברה זיך אַרויס אויף זייער נאַכט־שפּאַציר מיט געזאַנג:

וועד זינגט דאָס דאָרט אויף יענעם ברעג
ווער זינגט אַזוי געהיים?
דאָס טרייבן יונגע פּויערטעס
די טשערעדעס אַהיים.

נאָכן שפּאַציר, אויף די געלעגער, פּאַרשיכורט זיי דער שאַרפער ריח פון פרישן היי און מיידלשע קערפּערס. דורך די שפּאַרעס קוקט אַריין די לבנה. יעקב קושט קלאַראַס הייסע ליפּן, דורכן זייד פון איר העמדל פילט ער דעם סאַמעט פון איר קערפּער. איז שווער צו לעשן אין זיך די פאַר־לאַנגען. אַמשווערסטן איז זיך אַליין גובר צו זיין. נאָר די ליבע איז שטאַרקער פאַר די גלוסטן, און נאָר זי מאַכט מעגלעך, אַז שלאָפנדיק צוזאַמען, היטן די יאַטן אָפּ דעם כבוד פון זייערע געליבטע מיידלעך. אין די נעכט פון געראַנגל קעגן די שטאַרקע גלוסטן, ווערט אויספּרובירט זייער פאַראַנטוואָרטלעכקייט און געטריישאַפט. צווישן יעקבן און קלאַראַן שמידט זיך אויס אַ גרויסע ליבע און צוזאַמען שפּאַנען זיי אין לעבן געטריי דער רעוואָלוציע.

ג

לייבל איז אין גאַנצן אַנדערש פון אַלע זיינע הויף־ און שול־חברים. אַנדערע זענען זיינע געדאַנקן, שטרעבונגען און חלומות. ער וויל קיינעם נישט באַפרייען, קיינעם נישט באַגליקן. אַלע פּאָליטישע, פּאַרטייאישע ויכוחים זענען אים לאַנגווייליק, נאָר די קונסט איז שיין און אייביק ווי די נאַטור. פּאָליטישע אידעאַלן זענען פאַרבייגייענדיק, רעזשימען בייטן זיך, נאָר די שאַפונגען פון מיקעל אַנדזשעלאָ בלייבן אייביק. גיט נאָר די קונסט לייבלען באַפרידיקונג, נאָר אין איר געפינט ער אינטערעס. אפשר דער־פאַר האָט לייבל שוין אין דער שול געפונען מער געמיינזאַמע שפּראַך מיט די מיידלעך. זיי האָבן, ווי ער, ליב בלומען, מוזיק און שרייבן אין געהיים לידער. זיי האָט לייבל ליב צו מאָלן, יעדע איז מיט עפּעס אַנדערש פון די

אַנדערע. יעדע האָט איר באַזונדערן חן. אָבער מער פון אַלע האָט לייבל ליב געהאַט רוטקען. זיין ליבע איז געווען אַ טיף באַהאַלטענע און אויך ער איז געווען זיכער, אַז קיינער האָט איר נישט אַזוי שטאַרק ליב ווי ער. איז אויך פאַר אים רוטקעס אַנטרונען געווען אַ גרויסער קלאַפּ. היט ער איר בילדל, וואָס ער האָט געמאָלן און ער היט די ליבע, וואָס ליגט ביי אים טיף אין האַרצן.

די אָרעמקייט צווינגט לייבלען איבערצורייסן דאָס לערנען און אַוועק אַרבעטן. אָבער יעדע פרייע צייט גיט ער אָפּ דער מאָלעריי. אין די שבועות־טעג לאָזט זיך לייבל קיין קוזמיר מאָלן. ווען ער קומט אָן אין דעם שטעטל צווישן בערג ביי דער ווייסל איז שוין אָוונט. בעט לייבל ביי אַ יידן אַן אָרט איבערצונעכטיקן. דער ייד פירט אים אַריין אין זיין סטאָדאָלע און לייבל אַ מידער ווערט גלייך אַנטשלאָפן צווישן פרישן היי. די ערשטע פרימאָרגן־שטראַלן וועקן אים אויף פון שלאָף. ער קוקט זיך אַרום און דערזעט אַ הויכן לייטער. אַ נייגעריקער קריכט ער אַרויף אויף דעם בוידעם. דאָ זעט ער אַ פּרעכטיק בילד ווי געמאָלט פון אַ געניאַלן מאָלער. אַ בילד פון בערג, טייך און אַ פּרעכטיקער זון־אויפגאַנג. אפשר האָט דאָ גענעכטיקט אַ מאָלער און דאָ פאַרגעסן אָט דאָס בילד? ווישט לייבל זיינע פאַרשלאָפענע אויגן און וויל מיט די הענט אָנטאַפּן דאָס בילד. ערשט איצט כאַפּט ער זיך אויף זיין טעות. אין דעם קיילעכדיקן בוידעם־פענצטערל האָט די דרויסנדיקע לאַנדשאַפט זיך איינגערעמט ווי אַ בילד. דער געניאַלער מאָלער איז די נאַטור אַליין. באַדויערט לייבל, וואָס ער וועט קיינמאָל נישט קענען אַזוי מאָלן ווי די נאַטור. דאָך קריכט ער אַרויף אויף אַ הויכן באַרג און נעמט מאָלן די אַרומיקע בערג צווישן דער חורבה פון אסתרקעס פּאַלאַץ, די שיינע יידישע געליבטע פון פוילישן קעניג קאַזשימיעזש. צופוסנס פון די בערג ליגט דאָס יידישע שטעטל. פון די קוימענס איבער דעכער טראָגט זיך רויך און פאַרשווינדט צוזאַמען מיט די לעגענדעס.

אָבער וואָס פאַרא צוקונפט וואַרט אויף לייבלען אין פוילן? ווי וועט ער קענען לערנען און דערגרייכן זיין ציל אין דער מאָלעריי? פאַר יידן איז די קונסט־אַקאַדעמיע געשלאָסן, און ווו וועט ער נעמען געלט צום לערנען? קומט ביי אים אויפן געדאַנק צו פאָרן קיין רוסלאַנד. אפשר וועט אים דאָרטן גליקן? דאָרט איז אויך רוטקע, אפשר וועט ער זי געפינען? אויך זיין ברודער דודל איז דאָרט, פון אים איז לאַנג קיין שום

ידיעה נישט געווען; לעצטנס איז געקומען פון אים אַ בריוו. ער געפינט זיך אין מאָסקווע און עס גייט אים גאָר נישט שלעכט. איז פאַרוואָס זאָל לייבל נישט פאָרן אַהין? אָבער ווו זאָל ער נעמען געלט פאַר אַזאַ ווייטער און ריזיקאַלישער רייזע? פאַרמאָגט דער שטילער און באַשיידענער לייבל אין זיך אַ סך עקשנות. ער געפינט אַ זייער נישט־אָנגענעמע אַרבעט, פון עפענען די טיר פאַר סוחרים און מעקלער אין אַ רייכן האַנדלס־הויז פון אַ יידישן וואַלד־סוחר. די דערנידערנדיקע אַרבעט איז דערפאַר אַ בעסער באַצאָלטע און לייבל קען שפּאָרן געלט. פליסן אים דאָ די טעג אין האָפע־נונג און לאַנגווייליקייט. אין דער ביוראָ זיצן בוכהאַלטערן און רעכענען פרעמדע פאַרמעגנס. ביי אַ שרייבטיש קלאַפּט אַ יונגע פריילין אויף דער שרייבמאַשין און קוקט אומגעדולדיק אויפן זייגער... דעם סוחרס זון ביי דער קאַסע ציילט פלינק געלט און דער וואַלד־סוחר אַליין אין זיין קאַבינעט, שליסט טראַנזאַקציעס מיט סוחרים און מעקלער. צוזאַ־מען מיט דער ביוראָ איז די פּריוואַטע וווינונג פון דער רייכער פאַמיליע. דאָ דרייט זיך אַ גאַנצן טאָג אַרום אַן אַלטע פרוי מיט אַ פּאַק שליסלען פון די שענק און קרעדענצן. אַ דאָקטער קומט זייער אָפט און פאַרשרייבט איר רעצעפּטן. שפּעטער קומט אַ שדכן, טרינקט אַ סך טיי און רעדט מיט דער אַלטער וועגן שידוכים פאַר איר טאָכטער. און זי, די כלה־מויד, קלאַפּט אויס אַ גאַנצן טאָג אויף די איידעלע קלאַווישן פון דער פּיאַנינאָ גאָר העסלעכע טענער. ווען די מוטער איז פאַרנומען מיטן שדכן, לאָזט איר זון איבער די קאַסע און כאַפּט זיך אַריין אין קיך, קושן דאָס יונגע דינסט־מיידל. ווילט זיך לייבלען וואָס שנעלער אַנטלויפן פון אָט דער גרויסער לאַנגוויי־ליקייט, נאָך דער ציל, וואָס שטייט פאַר אים, צווינגט אים — בלייבן.

נאָך לאַנגע חדשים, געלונגט לייבלען קוים אָנצוזאַמלען דאָס נייטיקע געלט און ער לאָזט זיך אין וועג. די באַן ברענגט אים צום גרענעץ־שטעטל אָסטראָג. מיט זיין קליין וואַליזקעלע שפּאַנט לייבל אַדורך דאָס יידישע שטעטל פון קרעמלעך און קרעטשמעס, ווו צווישן אַ צערקווע, קלויסטער און שול שטייט אַ גרויסע טורמע. לייבל שפּאַנט צו אַן אוקראַאינישן שמוגלער. ער וווינט ביים טייך האָרן, די גרענעץ צווישן צוויי לענדער. אין אַ נידעריק הילצערן הייזל וואַרט שוין אויף אים דער שמוגלער. ביי אַ טישל אונטער אַ פאַרקאָפּטשעט נאַפּט־לעמפּל זיצט זיין ווייבל, אַ וווּנדער־לעכע שיינקייט. לעבן איר דרעמלט אַ ווייסע, פעטע קאַץ. אויף דער וואַנט הענגט דאָס בילד פון דער הייליקער בתולה און אַ פידל. אין דרויסן

הייבט אָן רעגענען. דער שמוגלער איז צופרידן, ער זאָגט, אַז אין אַ רעגן איז בעסער צו שמוגלען. דאָך פאַרלאָזט ער זיך נישט אויפן רעגן, נאָר גיט אַ ווונק צו זיין שיין ווייבל, זי הייבט זיך פויל אויף, טוט אָן אַ קאָלירט טיכל אויפן קאָפּ, וואַרפט אַ בליק אין אַ קליין שפּיגעלע און פאַרלאָזט די כאַטע. דאָס איז זי אַוועק פאַרשפּילן דעם גרענעץ־פּאָליציאַנט, אַז איר מאַן זאָל קענען אַדורכפירן זיין „סחורה“. נאָך איר, פאַרלאָזן זיי אויך די כאַטע. דער פּאָליציי־וועכטער איז, זעט אויס, שטאַרק פאַרנומען מיטן שמוגלערס ווייבל, גייען ביידע אומגעשטערט דורך דאָס בריקל איבערן טייך. אַזוי העלפט דאָס שיינע ווייבל איר מאַן אין זיין שווערער פּרנסה.

ליבל מיטן שמוגלער געפינען זיך שוין אויף דער סאָוויעטישער זייט פון דעם שטעטל. אָבער ערשט דאָ הייבט זיך פאַר זיי אָן דער שווערער וועג. זיי קריכן איבער פּלויטן. שטיל, נישט אַרויסצורופן קיין שאָרך, ביז זיי קומען אַרויס אויף אַ ברייט פעלד פאַרזייעט מיט אַ סך ליכטיקע פונקטן. דאָס זענען גרענעץ־וואַכן. איילן ביידע שנעל. די נאַכט איז קורץ און זיין דאַרפן וואָס טיפער אַריין אין פרעמדן לאַנד. אַהין, ווו עס דראָט מער נישט קיין סכנה געכאַפּט צו ווערן פון גרענעץ־היטער. דער וועג איז שווער, ליבל איז אין גאַנצן דורכגעווייקט פון רעגן. נאָר דער געדאַנק וועגן רוטקען גיט אים מוט ווייטער צו שפּאַנען דורך חושך און רעגן. נישט ווייט איז אַ ליכטיקער פונקט, אַ געפאַר, וואָס מען דאַרפט אויסמיידן. שפּאַנט מען נאָך שנעלער. נאָר פלוצלונג דערהערט זיך אַ פּליוסק. דאָס איז דער שמוגלער אַריין אין אַ וואַסער. גלייך נאָך דעם דערהערט זיך אַן אויסגעשריי: „סטוי, רוקי ווּיערך!“* בלייבט ליבל שטיין. ליכט פון אַ לעמפּל גיט אַ בליץ אים אין פּנים און אַ קול באַפעלט אים גיין פאָרויס. אין חושך איז דערווייל דער שמוגלער פאַרשוווּנדן, געבליבן איז ליבל אַ געפאַנגענער. אים שרעקט אָבער גאָרנישט, ער געפינט זיך דאָך אין די הענט פון דער רויטער אַרמיי. ערגעץ עפנט זיך אַ טיר, אַ פאַס ליכט און אַן אָנגענעמע וואַרעמקייט נעמט אים אַרום. ער גייט דורך אַ גרויסן זאַל מיט אַ סך בעטן, אויף וועלכע עס ליגן אויסגע־צויגן זעלנער אין די מונדירן און שנאָרכן. אין אַ צווייט קליין צימערל זיצט אַ רויט־אַרמייער איבערגעבויגן איבער אַ טישל, ער וואַרפט אויף

---

* „שטיי! די הענט אין דער הייך!“

לייבלען אַ שטרענגן בליק און שרייט אַריין אין אַ טעלעפאָן־טרייבל. לייבל כאַפּט אויף דאָס וואָרט „בורזשואַזער עלעמענט" — דאָס מיינט מען אים. זעט אויס, צוליב זיין נייעם אָנצוג, זיין איינציק פאַרמעגן. קומט טאַקע דורכן טעלעפאָן דער באַפעל אים צוריק צו שיקן פון וואַנען ער איז געקו־מען... נאָך אַזוי פיל האָפענונגען און מי, צוריק צום אַלטן. דערווייל פירט מען לייבלען אַריין אין אַ פינצטערער זעמליאַנקע. אַ דערשלאָגענער און מידער ווערט ער גלייך אַנטשלאָפן. די גרויסע זאָרג פאַרן מאָרגן, וועקט אים גאָר פרי אויף פון שלאָף. ער באַמערקט די טיר אָפן, קריכט ער אַרויס פון דער זעמליאַנקע. פאַר לייבלען אַנטפּלעקט זיך אַ פּרעכטיקע פּאַנאָראַמע, אַ קלאָרער בלויער הימל, נישטאָ שוין קיין זכר פון נעכטיקן רעגן און די ערד אַ נאַקעטע נאָכן שניט איז באַצירט מיט קאָרן־ און פעלד־בלימלעך פון אַלע קאָלירן, די פייגל פליען אַרום פריי ווי קיין גרענעץ וואָלט גאָר נישט געווען, נאָר לייבל שטייט אויף דער שוועל פון גן־עדן און מען לאָזט אים נישט אַריין. אַ רויטאַרמייער ברענגט עסן: ברויט מיט מילך. ווי נאָר לייבל שטילט דעם הונגער, ווילט זיך אים שטאַרק מאָלן דעם פּרעכטיקן וואָלינער לאַנדשאַפט, זאָל אַ בילדל כאָטש בלייבן אַ זכר פון האָפענונגען אָפּגענאַרטע. נעמט לייבל אַרויס פון זיין וואַליזקעלע פּאַפּיר און אַקוואַרעל־פאַרבן און נעמט מאָלן. דערווייל רייט פון ערגעץ אָן אַ רויטאַרמייער, שפּרינגט אַראָפּ פון פערד, באַטראַכט לייבלס מאָלעריי און פרעגט אים — צו וואָס ער איז געקומען אין דעם לאַנד? דערציילט אים לייבל מיט דער גאַנצער פּשוטקייט וועגן זיין אָרעמקייט, וועגן זיין ווילן צו מאָלן. — פון וואַנען קען לייבל וויסן, אַז פאַר אים שטייט דער הויפּט־קאָמענדאַנט פון דער גרענעץ? ער אונטערשיידט זיך מיט גאָר נישט אונטער פון אַנדערע זעלנער. — פרעגט ער ווייטער לייבלען, פאַרוואָס ער האָט אין פּוילן נישט געהאָלפן מאַכן די רעוואָלוציע, נאָר געקומען אַהער צום גרייטן? ענטפערט אים לייבל, אַז ער איז נישט קיין פּאָליטיקער, נאָר אַ פּשוטער מאָלער. איז דער קאָמענדאַנט נישט צופרידן פון דעם ענטפער. דאָך מעלדעט ער, אַז ער מאַכט בטל דעם באַפעל אים צוריקצו־שיקן און דאָ אין ראַטן־פאַרבאַנד וועט מען שוין לייבלען איבערצייגן, אַז אויך אַ קינסטלער דאַרף זיין אַ רעוואָלוציאָנער. הערט לייבל די בשורה און כאַפּט זיך, אַז ער האָט געהאַט פאַר זיך אַ גאָר וויכטיקע פּערזאָן, וואָס האָט מיט זיין באַפעל געענדערט אין גאַנצן זיין גורל. צי האָט אויפן קאָמענדאַנט געווירקט דאָס מאָלן? באַווייזט זיך טאַקע באַלד אַ פריילעכער

וויטאַרמייער מיט אַ געשטיפּלט פּנים און קיילעכיקער נאָז ווי אַ קאַרטאָפל און ער פירט לייבלען אַוועק צו אַ ניי לעבן...

ד

יעקבס ייִנגערער ברודער, יצחק, ווערט צוליב זיין נידעריקן וווקס געקרוינט מיטן צונאָמען „גוץ". פון דער העברעישער גימנאַזיע פירט דער וועג אים צו דער ציוניסטישער סקויטן־אָרגאַניזאַציע „השומר הצעיר". אין די קעלערן פון „סימאָנס פּאַסאַזש" פאַרברענגען קינדער דאָרט פריילעך, זינגען העברעישע לידער און טאַנצן „הארא". אין די אָוונטן לאָזן זיי זיך גרופּנווייז אַרויס מיט אַ געפילדער איבער די גאַסן. ווער ווייסט פאַרוואָס געפינט זיך גוץ גראָד שטענדיק לעבן שושנהן? שפּאַצירן ביידע אויפן ברייטן טראָטואַר אונטערן אַרסענאַל אויף דער דלוגע־גאַס. דאָ שמעקן אַזוי גוט די לינדן־ביימער און שושנהס אויגן פינקלען מיט פייער. אויך אויף די אויספלוגן פון „השומר" זענען ביידע צוזאַמען. זיי לאָזן זיך אַריין טיף אין וואַלד קלויבן יאַגדעס פון די קוסטן גלייך אין מויל אַריין. ווערט שושנהס מויל שוואַרץ און אפשר אויך זיס? ווי זי וואָלט פאַרשטאַנען זיינע מחשבות רויטלט זי זיך און זאָגט: „קום צוריק צו דער חברה". נעמען זיך ביידע אָן פאַר די הענט און לויפן צווישן די ביימער. חלומען יידישע קינדער אין די וועלדער פון פוילן וועגן כנען, און לעבן זיין שוואַרץ־חנעוודיקער שושנה פליט גוצס פאַנטאַזיע צום לאַנד פון שיר השירים.

שבת פרי גייען פרומע יידן אין שיל און יידישע קינדער לאָזן זיך צו די מוראַנאָווער פעלדער שפּילן אין פוטבאָל. אויף די פעלדער פאַשען זיך קי און הינטער זיי געפינט זיך דער וואַרשעווער ציטאַדעל, ווו אין די צאַרישע צייטן זענען אומגעקומען פיל רעוואָלוציאָנערן. צו אָט די פעלדער שפּאַנט אויך גוץ. די נאַלעווקי־גאַס איז שבתדיק געמיטלעך. די געשעפן געשלאָסן. פון די פענצטער טראָגט זיך דער ריח פון געפילטע פיש און שבתדיקע חלות. פלוצלינג, אַ שרעקלעכער אויפרייס, ווי פון הונדערטער דונערן פאַרהילכט די לופט. די ערד גיט אַ ציטער. דאָס גלאָז פון אַלע

פענצטער גיט זיך אַ שאָט איבער די קעפּ. גוץ בלייבט אַ מינוט פּאַרטויבט אָבער נישט באַשעדיקט. די גאַסן ווערן פול מיט נייגעריקע און די קעטש־לעך פון „רויטן קרייץ״ נעמען צונויף די פאַרוווּנדעטע. עס באַווייזן זיך אויך גלייך עקסטרע אויסגאַבן פון די צייטונגען, וואָס דערציילן, אַז צוויי הויכע אָפיצירן, באַגינסקי און וויעטשאָרקעוויטש, וואָס געהערן צו אַ קאָמוניסטיש־טעראָריסטישער אָרגאַניזאַציע האָבן אויפגעריסן דעם וואַר־שעווער ציטאַדעל. מאַכט אָן דער אויפרייס אַ גרויסן שטורעם און אַ גרויסע סענסאַציע. אָבער אויך אין גוצס נשמה קלינגט עס אָפּ מיט אַ גרויסן עכאָ. אפשר איז דער אויפרייס געווען ווי אַ שוועבעלע, וואָס האָט אָנגעצונדן אַ פלאַם אין זיין האַרצן? די ראָמאַנטישקייט און סודותדיקייט פון דער קאָמוניסטישער באַוועגונג נעמט שפּילן אויף זיין פאַנטאַזיע, און ער ווערט מיטגעריסן מיט דעם שטראָם, וואָס פאַרכאַפּט די בעסטע פון דער יוגנט. נישט קיין איבערצייגונג, דערצו איז ער נאָך צו יונג, נישט די גראָבע ביכער פון מאַרקס און לענין ברענגען אים צום נייעם גלויבן, נאָר אַ פאַרנעפּלטע האָפענונג, וואָס לאָקט און כישופט נאָך שטאַרקער פון שושנהס שוואַרצע אויגן. און ער איז אַוועק מיטן זעלבן וועג, וואָס זיין ברודער און די חברים פון הויף. אַ סוף איז געוואָרן צו זיין זאָרגלאָזיקייט, צו דער ליבע צו צוויי שוואַרצע אויגן, צו די טענץ און געזאַנגען און צום חלום וועגן לאַנד פון תנ״ך.

גוצס ערשטע טריט אין זיין נייעם וועג הייבן זיך אָן אין אַ קעמערל פון ווייס־ראַיאָן, דאָ טרעפט ער זיך צום ערשטן מאָל מיט פּוילישע יאַטן מיט וועלכע ער באַפריינדעט זיך גלייך. צווישן זיי איז מאַניעק, אַ גור־טער בחור, וואָס אַרבעט אַ גאַנצן טאָג אין זיין טאַטנס שוסטער־וואַר־שטאַט און די אָוונטן גיט ער אָפּ דער באַוועגונג. יורעק, אַ ספּריטנער יאַט, אַרבעט אין דער גרויסער מעטאַל־פאַבריק „לילפּאָפּ״. סטאַשעק, אַ שילער פון אַ פאַך־שול, אַ שטיקל שוויצער. פרעדעק מיט זענעקן, ביידע פּשוטע יאַטן, פּאָליטיש נישט רייף. צווישן זיי געפינען זיך אויך צוויי יידישע יאַטן, סעוועק און פעלעק, ביידע כראָנישע אַרבעטסלאָזע, און די צוויי יידישע גימנאַזיסטקעס, בראָנקע און סאַלע. צוואַנציק אַזעלכע קעמער־לעך געפינען זיך אין ווייסל־ראַיאָן און ווערן אָנגעפירט דורך געמיינזאַמע אינסטאַנצן און פאַרנעמען זיך מיט געמיינזאַמע טעכנישע אַרבעטן, טרעפן זיך ביי אַגיטאַציע און אויף דעמאָנסטראַציעס.

פון דער רייכער גאַס קראָקעווער פאָרשטאָט פירן שמאָלע געסלעך

צום אָרעמען ווײַסל־ראַיאָן. יעדן פרימאָרגן וועקן די פאַבריק־סירענעס די אַרבעטער צו די מעטאַל־, כעמישע, לעדער־ און אַנדערע פאַבריקן. יונגע פרויען און מיידלעך צו די פאַפּיראָסן־, צעלולאָיד־ און וועש־פאַבריקן. עלטערע אויסגעהאָרעוועטע ווייבער שטעלן זיך וואַשן ביי גרויסע באַליעס די וועש פאַר רײַכע אויסגעפּאַשעטע דאַמען. אויף די הייף, צווישן די ווייבער, ברעכן אָפט אויס קריגערייען און סקאַנדאַלן. אָט שרייט איינע צו אַ צווייטער: „גיי בעסער וועש וואַשן, איידער פרעמדע מענער דעם קאָפּ צו פאַרדרייען און פּאַשען דײַן הינטן פון פרעמדער פּראַצע". און די צווייטע ענטפערט: „אפשר ווילסטו איך זאָל אומזיסט אויפהייבן דאָס קליידל פאַר דײַן מאַן?".

ווי נאָר מען צינדט אָן די לאַמטערן, ווערן אויף דער דאָברע־גאַס פול די קנייפּעס, און דער ריח פון בראָנפן צעטראָגט זיך איבער דער גאַס. אין דער פינצטער פלאָנטערן זיך שיכורים און גאַסן־פרויען שאַרן זיך אין די ראָגעס. מענער וואַרטן ביי די טויערן ביז ס'וועט ווערן גוט פינצטער צו פאַרשווינדן אין די שאַנד־הייזלעך. פרייליַנס, ווען זיי קומען פון דער אַרבעט, צוואָגן זיי אויס זייערע האָר, שטופּן אַריין שמאַטקעס אין בוזעם, די ברוסטן זאָל אויסזען פולער, און לאָזן זיך מיט זייערע קאַוואַלערן אין די „אילוזיאָנען" (קינאָס). אויפן עקראַן ווייזט ווי אַ באַנדיט פאַרליבט זיך אין אַן אַריסטאָקראַטקע. צוליב דעם קומען פאָר געשלעגן, דועלן, מען שיסט, עס פאַלן טויטע. צו דער צופרידנקייט פון פּובליקום קושט דער באַנדיט דער שיינער אַריסטאָקראַטקע, נאָר צום סוף קומט די גרויסע אַנטוישונג. גראָד ווען זי נעמט זיך אויסטאָן ענדיקט זיך דער פילם. דערפאַר קומט אַ צוגאָב, אַ רעוויע פון לעבעדיקע „אַרטיסטן" — אַ פאַרשוויַן אָנגעטון אין אַ צילינדער זאָגט וויצן און דער עולם לאַכט. אַ צווייטער, איבערגעטון אַלס ייִד מיט אַ לאַנגער קאַפּאָטע, רעדט אין אַ צעבראָכענעם פּויליש געמישט מיט יידישע ווערטער. נאָר די גרעסטע אַטראַקציע זענען די „טענצערינס". וואָס העכער זיי הייבן די קליידלעך אַלס גרעסער זייער דערפאָלג. צום סוף דרייען זיי זיך אויס מיט די פּלייצעס צום פּובליקום און פאַרבייגן זיך „העפלעך"... אַזוי געזעגענען זיי זיך מיטן פּובליקום, וואָס פּאַטשן צופרידענע „בראַוואָ".

זונטיק זענען די ווײַסל־געסלעך פול מיט שפּאַצירנדיקע. אָט גייט אַ יונג פּאָרל, ער דערציילט עפּעס און זי לאַכט. אַן עלטער פּאָרל גייט שווייגנדיק און געגעצט. פּלוצלינג באַווייזט זיך איבער די קעפּ אַ גרויסער

רויטער פאָן. קיינער האָט נישט באַמערקט, ווי און ווער האָט זי אַזוי בליץ־שנעל אויפגעהאָנגען. ווערט אַרום פול מיט נייגעריקע. עס קומט אָן פּאָליציי, זיי רופן אַרויס פייערלעשער מיט הויכע לייטערס. צווישן די פאַרזאַמלטע שטייט אַן אַלטע פרוי מיט אַ זויער פּנים און שעפּטשעט „דאָס האָבן זשידעס זי אויפגעהאָנגען". אָבער גוץ מיט יורעקן זענען שוין אויף אַ צווייטער גאַס. דאָ לויפן אַרום באָרוועסע ייִנגלעך און שרייען: „וואַרשעווער קוריער! פאַרגוואַלדיקט אַ דינסט־מיידל אויף דער כמיעלנע־גאַס". אין די אָוונטן טרעפן זיך די יאַטן פון קעמערל ביים ברעג פון דער ווייסל. אויף די שיפן ציט מען שוין אַרויף די פאָן צום אַפּעל. אויפן ברעג זוכט אַ מאַטראָז מיט אַ גאַסן־פרוי פאַר זיך אַ באַקוועם ווינקל. יאַטן זיצן אויסגעזעצט אויף גרויסע שטיינער און דערציילן וועגן די רעדעס פון די קאָמוניסטישע דעפּוטאַטן אין סיים, וועגן באַרימטע פּאָליטישע פּראָצעסן. צום סוף רעדן זיי וועגן ערשטן מאַי, וואָס קומט אָן.

אין טאָג פון ערשטן מאַי שטראָמען מאַסן אַרבעטער פון אַלע ראַיאָנען און פאָרשטעט, פון אַלע פאַכן און גרויסע פאַבריקן. ריזיקע מאַסן פאַרפלייצן אַלע גאַסן, וואָס פירן צום טעאַטער־פּלאַץ. איבער די קעפּ פלאַטערן רויטע זיידענע פענער. גאָלדענע אותיות רופן צו סאָלידאַריטעט, פעלקער־ברידערלעכקייט און סאָציאַליזם. צענדליקער אָרקעסטערס שפּילן פּראָלעטאַרישע קאַמפּס־מאַרשן. עס מאַרשירט די גרעסטע אַרבעטער־פּאַרטיי פּ.פּ.ס., די אומלעגאַלע קאָמוניסטישע פּאַרטיי אונטער די פענער פון לעגאַלע פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען. עס מאַרשירן די ייִדישע אַרבעטער אונטער די פענער פון „בונד" און „פּועלי־ציון"", עס רעדן רעדנער מיט גרויס פּאַטאָס אויף טריבונעס. איבער די מאַסן אַרבעטער, פרויען און קינדער שוועבט די פייערלעכקייט פון דעם גרויסן אַרבעטער־יום־טוב. פּלוצלינג גיט אַ האָגל מיט קוילן. די ריזיקע מאַסע גיט זיך אַ וויג און עס ברעכט אויס אַ שרעקלעכע מהומה. די שיסעריי דויערט סעקונדן, אָבער דער פּלאַץ ווערט פול מיט טויטע און פאַרוואונדעטע. מען לויפט, פאַלט, מען טרעט אויף קערפּערס און עס טראָגן זיך האַרצרייסנדיקע געשרייען. גוץ ווערט מיט דער מאַסע מיטגעריסן אין אַ זייטיק געסל. דאָ שלאָגן סטודענטן און כוליגאַנעס מיט שטעקנס איבער די, וואָס האָבן אַ סעמיטיש פּנים. ערשט שפּעטער דערוווסט זיך גוץ, אַז דאָס האָט די באָיוווקע (קאַמפּס־אָפּטיילונג) פון פּ.פּ.ס. געעפנט אַ שיסעריי אויף די קאָמוניסטישע רייען. אין די שכנותדיקע גאַסן איז נישטאָ קיין זכר פון דעם

בוידער־מאָרד. דאָ הערשט דער שיינער פרילינג־טאָג. די בירגער שפּאַ־ציירן זיך געמיטלעך, נאָר די קעטשלעך פון רויטן־קרייץ דערמאָנען אין דעם בלוטיקן שניט.

אין אָוונט טרעפן זיך די יאַטן פון ווייסל־ראַיאָן אויפגערעגטע און פאַרביטערטע. כאָטש ברידער־קאַמף איז אַן אָפטע דערשיינונג צווישן די אונטערוועלט־פּאַרטייען, אָבער דאָס וואָס עס איז פאָרגעקומען אויפן טעאַ־טער־פּלאַץ איז פּשוטער מאַסן־מאָרד. רעדן יאַטן מיט היץ און מאַכן הייסע אויספירן. עמעץ זאָגט: „ס'איז ווייניק אַרויסצופירן גרויסע מאַסן אין גאַס, מיר דאַרפן קענען זיי שיצן. עס איז אַ זינד איבערצולאָזן אומ־באַוואָפנטע מאַסן אויף הפקר. מיר טאָרן נישט לאָזן זיך מאָרדן, אויך מיר דאַרפן זיין באַוואָפנט".

אין אַן אָוונט שפּאַצירט זיך אין אַ שמאָל געסל ביי דער ווייסל אַ פּאָליציאַנט מיט אַזאַ זיכערקייט, ווי די וועלט וואָלט געהערט צו אים. פּלוצלינג באַקומט ער אַ קלאַפּ, אַ שטופּ, ער פאַלט אום און פון גרויס איבעראַשונג באַמערקט ער נישט ווי אַזוי עס איז פאַרשוווּנדן זיין רעוואָל־ווער. אין אַ פּאָר טעג אַרום דערציילן די צייטונגען, אַז אין מיט דער נאַכט איז אויסגעהאַקט געוואָרן די שויפענצטער פון אַ גרויס געווער־געשעפט אויף קרולעווסקע־גאַס. עס זענען פון דאָרט פאַרשוווּנדן עטלעכע רעוואָל־ווערן מיט קוילן, נאָר די יעגער־ביקסן זענען געבליבן נישט גערירט. וואָלטן געשען נאָך אַ סך אַזעלכע זאַכן, ווען די אינסטאַנצן וואָלטן נישט געקומען צו די היציקע יאַטן פון די קעמערלעך מיט אויפקלערונגען וועגן דער שעדלעכער ראָל פון אינדיווידועלן טעראָר, פּוטשיזם און בלאַנקיזם.

אויף די וואַרשעווער רייכע גאַסן זענען די געשעפטן אין אָוונט העל באַלויכטן. אין די קאַפעען אַרום טישלעך זיצן בייכיקע הערן אין שוואַרצע פראַקן, דאַמען אין איינגעפּרעסטע גאָרסעטן ענלעך צו די מאָדעלקעס פון די מאָדע־זשורנאַלן. די מוזיק שפּילט דעם נייעסטן שלאַגער

טיטינאַ, טיטינאַ, איך האָב דיך ליב, טיטינאַ.

איבער אַ קינאָ הענגט אַ גרויסע רעקלאַמע אויסגעמאָלט אַ מאַן מיט גרויסע וואָנצעס, מיט אַ רעוואָלווער אין האַנט, דערלעבן אַ האַלב־נאַקעטע פרוי, אונטער דעם אַן אויפשריפט: „דער פילם איז רייך מיט אַוואַנטורעס, אינטריגעס, שפּאַנונג, אייפערזוכט און מאָרד". אין אַ גרויסן טעאַטער־זאַל קלויבט מען די „מיס פּאָלאָניאַ". פּראָפעסאָרן, פּאָלי־טיקער און באַנקירן זאָרגן, אַז די פּוילישע שיינהייטס־קעניגין זאָל האָבן

שיינע פיס, קיילעכדיקע לידקעס, נישט אַ צו גרויסן ביוסט און נישט קיין צו דיקע היפטן. אונטער דער פּאָניאַטאָווסקי־בריק שלאָפן שוין די היימלאָזע. אין אַ קאָטש פאָרן רייכע דאַמען צו אַ פילאַנטראָפּישן באַל. אַן אַלטע פרוי זוכט פאַרדאַרט ברויט אין די מיסטקאַסטנס. אין זייטיקע געסלעך שאַרן זיך די יאַטן פון ווייסל־ראַיאָן און קלעפּן אויפרופן קעגן דער מאַכט.

איינגעהילט אין לעגענדעס ליגט די אַלטשטאָט. פון דער פּרעטע־גאַס הייבן זיך אָן די אַלטע שמאָלע הייזער. דורך מאָסטאָווע מיט אירע פלייש־יאַטקעס און זינד־נעסטן פירט דער וועג צום אַלטן מאַרק. אַ פירקאַנטיקער פּלאַץ, אין מיטן — די שטיינערנע פיגור, האַלב־פרוי, האַלב־פיש, מיט אַ שווערד אין האַנט. אַרום איר זענען פול טויבן, וואָס וואָרקען מעלאַנכאָליש. די אַלטערטימלעכע הייזער אַרום דעם פּלאַץ זענען מיט צעבראָכענע געזימסטן און פיגורן פון הייליקע אָן נעז און אויערן, עס פעלן זיי־שטיקער הענט. ווי אין דרעמל שטייען האַלב־לייִדיקע קרעמלעך. די קרעמער אויף די שוועלן קוקן אויס אַ קונה. וואַנדערנדיקע גאַסן־הענדלער בלאָנדזשען דאָ איבער די געסלעך און רופן מיט טרויעריקע שטימען: „האַנדי! האַנדי!“. די לעצטע זון־שטראַלן זיצן נאָך אויף די קלויסטערשפיצן פון הייליקן יאַן. אויף די ריבאַקעס־גאַס צעשפּרייטן די פישער די נעצן אויף פלויטן צום טריקענען. אַ דראָשקע פאָרט אַדורך מיט רעש אויף דער שלעכט־ברוקירטער גאַס. אַ קאַץ קריכט פון ערגעץ אַרויס, קוקט זיך פאַרדעכטיק אַרום און פאַרשווינדט צוריק אין די אַלטע מויערן.

אויף אַ געסל פון אַלטשטאָט טרעפט זיך גוץ מיט וואַצעקן. זיי ביידע האָט מען פון די הויכע אינסטאַנצן אָנפאַרטרויט צו אָרגאַניזירן אַ פאַרצווייגטן טעכנישן אַפּאַראַט, וואָס זאָל פאַרזאָרגן דירות פאַר געהיימע ליטעראַטור־סקלאַדן און פאַר דרוקערייען. וואַצעק איז שטאַרק צופרידן מיטן צוטרוי, וואָס מען שענקט אים. איצט וועט ער נאָך מער קענען אַריינפאַקן נאַיווע קאָמוניסטן אין די טורמעס און דער ליסער נאַטשאַלניק פון דער דעפענסיווע וועט ענדלעך זיין פון אים צופרידן און אפשר אויך העכערן זיין לוין? אויך גוצן וועט ער אין קורצן פאַרשיטן, אָבער דערווייל איז נאָך צייט, מען דאַרף אַלץ טון פאָרזיכטיק נישט צו וועקן קיין פאַרדאַכט. אויך גוץ טראַכט וועגן פאָרזיכטיקייט, אויך ער טאָר נישט וועקן קיין פאַרדאַכט. אים האָט מען אָנפאַרטרויט צו ליקווידירן וואַצעקן דעם פּראָוואָקאַטאָר, וואָס האָט פאַרשיט אַ סך גוטע חברים. נאָר זיין גרעסטער

פאַרברעכן איז געווען קעגן ראָזאַן. זי איז געשיקט געוואָרן מיט אומלעגאַלער ליטעראַטור אין אַ ווייסרוסישן דאָרף. אויפן וועג באַמערקט זי, אַז זי ווערט שפיאָנירט. באַשליסט זי נישט פאָרן ווייטער, כדי קיינעם נישט צו פאַרשיטן. זי שטייגט אויס אויף דעם סלאָנימער וואָקזאַל און באַמיט זיך דאָ פטור צו ווערן פון איר פסולער סחורה. דער שפיצעל באַמערקט איר כוונה און זי ווערט אַרעסטירט צוזאַמען מיט אַ וואַליזקע ליטעראַטור. די סלאָנימער דעפענסיווע פרוווט מיט די ברוטאַלסטע מיטלען אַרויסבאַקומען פון איר די נעמען און אַדרעסן ווו זי פירט די ליטעראַטור. אָבער די יונגע ראָזאַ האַלט אויס אַלע פייניקונגען און שווייגט. און ווען קיין זאַך העלפט זיי מער נישט, פאַרגוואַלדיקן די שפיצלעס פאַר נקמה דער איידעלער ראָזאַן. די שאַנד האָט זי נישט געקענט איבערטראָגן און איז אַראָפ פון זינען, אָבער אויסגעגעבן האָט זי אויך נאָך דעם נישט. לויפט זי אַרום איבער די גאַסן און ווער עס דערגענטערט זיך צו איר, שרייט זי אים אַנטקעגן: „איך וועל נישט אויסגעבן!". ראָזעס טראַגעדיע האָט געוואָרפן אַ חשד אויף וואַצעקן, ווייל ער האָט געוווסט וועגן איר רייזע. נאָך אַ געוויסער אָבסערוואַציע באַשטעטיקט זיך וואַצעקס פאַררעטערישע ראָל. איצט מוז ער באַצאָלן פאַר ראָזען און פאַר אַלע קרבנות. נאָר צוליב דעם טרעפט זיך גוץ מיט אים אַזוי אָפט. נאָר צוליב דער נקמה איז גוץ מיט אים אַזוי „באַפריינדעט". אַלע זיינע מחשבות זענען פאַרנומען מיט דעם איינציקן געדאַנק, אַ סוף צו מאַכן מיט דעם שרעקלעכן פראָוואָקאַטאָר.

און אָט איז געקומען דער אָוונט. אַ דראָבנער רעגן, אַ האַרבסטיק־טרויעריקער, פרעסט זיך איין אין די ביינער און גריזשעט אין דער נשמה. די אַלטשטאָט־געסלעך זענען איינגעהילט אין אומעט. גוץ גייט אַנטקעגן וואַצעקן. אין זיין קעשענע געפינט זיך אַ קליינער בעלגישער רעוואָלווער מיט זיבן קוילן. אויף גוצס פנים איז ווי אויסגעמאָלט אַ זיסער שמייכל... דעם שמייכל טראָגט ער אַנטקעגן וואַצעקן און זאָגט צו אים: „וואָס זאָגסטו עפעס צום הינטישן וועטער? אין אַזאַ אָוונט איז פשוט אַ מצווה עפעס אויסצוטרינקען". וואַצעק דערהערט וועגן טרינקען ווערט אים היימלעך אויף זיין שוואַרצער נשמה און ער ענטפערט: „איך מיין אויך אַזוי, אונדזערע געדאַנקען זענען שטענדיק די זעלבע".

אין דער קנייפע טומלען די שיכורים. אַ קעלנער דרייט זיך אַרום די טישלעך ווי ער וואָלט געחלומט. נאָכן ערשטן גלעזל וואַקסט וואַצעקס

אַפּעטיט און גוץ קאַרגט אים נישט קיין בראָנפן, אַליין טרינקט ער, נאָר כדי נישט אַרויסרופן ביי וואַצעקן קיין חשד. ווען וואַצעק קען זיך מער אויף די פיס נישט האַלטן, שלעפּט אים גוץ אַרויס פון דער קנייפּע. ער עקשנט זיך און וויל נישט גיין. גיט אים גוץ צו חשק, זאָגט אים צו, אַז ער פירט אים צו אַ נקבה. ער פירט אים אַריין אין אַ פינצטערן טויער: „אָט דאָ וווינט זי", זאָגט ער און שיסט אין אים. נאָכן דריטן שאָס הערט ער דאָס פאַלן פון אַ קערפּער, דערמאָנט ער זיך דעם אָנזאָג פון דעם חבר פון דער אינסטאַנץ: „פאַר יעדן פרייז ראַטעווען דאָס אייגענע לעבן". לויפט גוץ אין חושך און רעגן איבער די שמאָלע, פּוסטע געסלעך, ביז ער קומט אַרויס אויף דער מיאַדאָווע, די העל־באַלויכטענע גאַס פון פּוטער־געשעפטן און געריכטן — אָט דאָ וועט מען אים פאַרמשפּטן צום טויט, אויב מען וועט אים כאַפּן — מיט דעם געדאַנק שפּרינגט ער פלינק אַריין אין אַדורכלויפנדיקן טראַמוויי, וואָס פירט אים אַוועק צו די יידישע גאַסן. לעבן אַ טויער וואַרט שוין אויף אים אַ יונג מיידל. ער גיט איר אַוועק דעם רעוואָלווער און דעם אָפּגערעדטן פאַראָל וועגן וואַצעקס טויט.

גוץ קלאַפּט אָן אין אַ טיר פון אַ בוידעם־שטיבל. עס עפנט אים יאַשקע, וואָס וואַרט אויף אים. יאַשקע פרעגט גאָר נישט. ער ווייסט, אַז זיין חבר דראָט אַ געפאַר, איז זיין פליכט אים צו באַהאַלטן. יאַשקע איז געווען אַמאָל אַקטיוו אין דער באַוועגונג, צוליב אַ חנעוודיק מיידל זיך דערוויי־טערט, אָבער שטענדיק גרייט צו העלפן זיינע חברים. איצט שלאָפט שוין זיין געליבטע אין אַ געשמאַקן שלאָף און אין דעם ענגן שטיבל איז גרייט אַ געלעגער אויך פאַר גוצן. ער וואַרפט פון זיך אַראָפּ די נאַסע קליידער, נאָר די שפּאַנונג קען ער פון זיך נישט אַראָפּוואַרפן. די געפאַר, וואָס דראָט, לאָזט אים נישט איינשלאָפן. ביי יעדן דרימל פייניקן אים שרעקלעכע חלומות. ערשט פאַרטאָג ווערט ער אַנטשלאָפן. ווען ער כאַפּט זיך אויף איז שוין גרויסער טאָג. יאַשקע איז שוין לאַנג ביי דער אַרבעט, זיין געליבטע חוהלע גרייט דעם פרישטיק. דאָס ענגע שטיבל שמעקט מיט פרישע זעמל און געשמאַקער קאַווע. אויך חוהלע זעט אויס זייער געשמאַק, צוליב איר האָט יאַשקע פאַרלאָזט די באַוועגונג, כדי צו בויען זיך אַ נעסט פון ליבע. נאָר גוצס לעבן וועט נישט זיין קיין אידיליע. זיין וועג פירט דורך שטורעמס און געפאַרן. זיין געליבטע וועט זיין די רעוואָלוציע.

צומאָרגנס טרעפט זיך גוץ מיטן פאַרבינדלער פון די אינסטאַנצן. דער חבר מאַכט אים קלאָר די געפאַר, וואָס אים דראָט. די דעפענסיווע

ווייסט דאָך זיכער מיט וועמען וואַצעק האָט זיך געטראָפן אין די לעצטע טעג פאַר זיין טויט. מוז גוץ זיך גוט אויסבאַהאַלטן, ביז ער וועט קענען פאַרלאָזן דאָס לאַנד. און דערוויַיל וועט גוץ דאַרפן אויספירן נאָך אַן ענלעך „שטיקל אַרבעט", צו וואָס ריזיקירן נאָך וועמען פון די חברים? און ווער ווייסט צי אַ צווייטער וועט אַרויסווייזן אַזוי פיל טאַלאַנט און מוט? גוץ איז אַ זעלנער פון דער רעוואָלוציע און וועט זיך נישט אָפּזאָגן פון קיין שום אויפגאַבע, און קיין שום געפאַר וועט אים נישט אָפּהאַלטן אויסצופירן, וואָס עס פאָדערט פון אים די באַוועגונג.

דער חשד איז געפאַלן אויף צביען, נאָר צוליב זיין איבערגעטריבענער דרייסטקייט. חברים האָבן באַמערקט, אַז אויף דעמאָנסטראַציעס אַנטלויפט ער קיינמאָל נישט פאַר דער אָנקומענדיקער פּאָליציי. איז אויף פרעדען אַרויפגעלייגט געוואָרן די אויפגאַבע אים צו אָבסערווירן. צוליב דעם האָט זי גאָר שנעל זיך מיט אים „באַפריינדעט" און אין אַ קורצער צייט צונויפּגעזאַמלט געגנוג באַווייזן פון זיין פּאָרעטערישער ראָל.

אַ פּרייטיק אָוונט באַגלייט צבי פרעדען אַהיים פון קינאָ. דאָס מאָל פירט אים פרעדע אויף אַ צווייטער גאַס. זי דערציילט אים, אַז איר מומע מיט איר פאַמיליע זענען אָפּגעפאָרן אויף אַ פּאָר טעג און איר געבעטן נעכטיקן אין איר דירה. דערהערט צבי אַזאַ געשיכטע, מאָלט זיך שוין אין זיין פאַנטאַזיע אַ נאַכט פון פאַרגעניגענס. נעמט ער צוהילף זיינע קליגסטע אַרגומענטן פרעדען צו איבערצייגן זי זאָל זיך אָפּזאָגן פון די „קליינבירגערלעכע" פאַראורטיילן און דערלויבן אים גיין מיט איר. פרעדע לאָזט זיך נישט לייכט איבערצייגן. זי „שעמט זיך", און וואָס וועלן זאָגן די מומעס שכנים? אָבער צבי זאָגט איר צו, אַז ער וועט זיך האַלטן קאָרעקט און זיין פּאַרזיכטיק, די שכנים זאָלן אים נישט באַמערקן. ענדליך לאָזט די „נאַיווע" פרעדע זיך „איבערצייגן". אין דער דירה וואַרט שוין גוץ באַהאַלטן אין דער שאַנק. די דירה געהערט צו אַן איינזאַמער קראַנקער פרוי, וואָס געפינט זיך גראַד אין שפּיטאָל. האָט ווער שוין צוגעפּאַסט צו דער טיר צווי שליסלען, איינע פאַר גוצן די צווייטע פאַר פרעדען. צבי האָלט ווירקלעך וואַרט, ער קומט אָן זייער פאָרזיכטיק און שטיל. ער צינדט נישט אָן קיין ליכט, וויַיל פרעדע „שעמט" זיך. זי גייט אין דער פינצטער זיך אויסטאָן צו דער שאַנק. אָבער אָנשטאָט פאַרגעניגנס האָט צבי געפונען דאָ דעם טויט. צוויי סאַלוועס האָבן אַ סוף געמאַכט צו זיין לעבן. הערן גוץ מיט פרעדען זיך

איין, צי די שאָסן האָבן קיינעם נישט אויפֿגעוועקט פֿון שלאָף? און ווען אַלץ אַרום איז שטיל, ווי קיין זאַך וואָלט נישט געשען, שלעפּן זיי אַרויס פֿון די קעשענעס פֿון טויטן אַ קליינעם רעוואָלווער און דעם נומער פֿון זיין פּאָליצײַ־דיגנסט. נאָר דאָס געלט לאָזן זיי אים איבער און פֿאָרזיכטיק פֿאַרלאָזן זיי די ווױנונג, לאָזן זיך אַראָפּ מיט די שטיגן. קלינ־גען אָן ביים טויער און שטופּן אַריין דעם פֿאַרשלאָפֿענעם וועכטער אַ שיינע מטבע און געפֿונען זיך שוין אויף דער גאַס. זיי צוקושן זיך ספּאָנטאַניש און גייען זיך שנעל פֿאַנאַנדער אין צוויי באַזונדערע וועגן.

אין אַ האַרבסטיקן אָוונט קומט גוץ אָן צום דאַנציקער וואָקזאַל מיט אַן אַלטער וואַליזע אין האַנט. עס קומען אָן צוגן, וואַרפֿן פֿון זיך אַרויס אַ מאַסע פּאַסאַזשירן. לאָקאָמאָטיוון לאָזן אַרויס אַ מעלאַנכאָלישן פֿייף און גערדיכטן רויך. גוץ שטייגט איין אין דאַנציקער צוג. שוין אין מיטן וועג באַמערקט ער אין זיין וואַגאָן אַ פֿאַרדעכטיקן טיפּ, וואָס לאָזט נישט אַראָפּ קיין אויג פֿון זיין אַלטער וואַליזע. אפֿשר איז ער חושד, אַז גוץ פֿירט אומלעגאַלע זאַכן? לאָזט די געפֿאַר גוצן נישט שלאָפֿן, אויך דער שפּיצעל שלאָפֿט נישט און האַלט אויג אויף גוצן. פֿאַרטאָג אויף דער סטאַנציע טהאָרן, שטייגט אויס דער שפּיצעל, דערנענטערט זיך צום טעלעפֿאָן־טרייבל און רעדט דאָרט אַריין. איז גוץ זיכער, אַז דאָס רעדט ער וועגן אים. און ער ווערט נאָך אומרואיקער. דער שפּיצעל קומט צוריק, דער צוג לויפֿט ווייטער. די רעדער קלאַפּן ריטמיש און גוצס מוח מאַטערט דער געדאַנק — וואָס וועט אים ברענגען דער ניי־געבוירענער טאָג? שוין נאָענט צו דער דאַנציקער גרענעץ בלייבט דער שנעל־צוג פּלוצלונג שטיין אויף אַ קליינער סטאַנציע. מיט גרויס אימפּעט שפּרינגט אין צוג אַריין אַ יונג פּויליש אָפֿיצירל באַגלייט פֿון צוויי זעלנער פֿון דער גרענעץ־וואַך. ער ווענדט זיך צו די פּאַסאַזשירן מיט דער וואָרענונג, אַז יעדער וואָס פֿאַרמאָגט גאָלד אָדער פֿרעמדע וואַלוטע זאָל וועגן דעם גלייך דעקלאַרירן, ווייל עס איז פֿאַרווערט אַרויסצופֿירן אויסער די גרענעצן. ער וואַרט אָבער פֿון קיינעם נישט קיין ענטפֿער און דערנענטערט זיך גלייך צו גוצן און באַפֿעלט אים עפֿענען זיין וואַליזע צום רעווידירן. דערזעענדיק גוצס ביסל אָרעמקייט ווערט ער שרעקלעך אַנטוישט, צינדט זיך אָן מיט כּעס און מיטן זעלבן אימפּעט, וואָס ער איז אַריין, פֿאַרלאָזט ער דעם וואַגאָן. צוזאַמען מיט אים פֿאַרשווינדט אויך דער שפּיצעל. פֿאַרשווינדט אויך ביי גוצן די געשפּאַנטקייט, וואָס האָט אים געהאַלטן אַ גאַנצן וועג.

גאָר די פּאַסאַזשירן וויצלען זיך נאָך אַלץ וועגן דעם אַפּיצירל, וואָס האָט נישט געפונען ביי וועמען צו זוכן גאָלד און וואַלוטע...

דער צוג קומט אָן קיין טשעוו, די גרענעץ צווישן פּוילן און דער פרייִשטאָט דאַנציק. די פּאַסאַזשירן מוזן דאָ אויסשטייגן, כדי פון פּוילישן איבערצוגיין אין דאַנציקער צוג. צווישן ביידע צוגן איז אַ שמאָלער דורכגאַנג, ווי אַ פּוילישער פּאָליציאַנט קאָנטראָלירט די פּעסער פון די פּאַסאַזשירן. געפינט זיך אויך גוץ אין דער לאַנגער רייע, וואָס דערנעענטערט זיך שנעל צום פּאָליציאַנט. שוין גאָר נאָענט באַמערקט גוץ פּלוצלונג, זיין אייגן פּנים צווישן די פּאָטאָס פון געזוכטע פאַרברעכער, וואָס הענגען לעבן פּאָליציאַנט. ווערט גוצן קאַלט און וואַרעם, אָבער נישטאָ ווו זיך צוריקצוציען. יעדע פאַרדעכטיקטע פון אים באַוועגונג קען נאָר שאַטן. דערנעענטערט ער זיך אַלץ מער צום פּאָליציאַנט, וואָס קוקט יעדן אין פּאַס און אין פּנים צו ער איז נישט איינער פון די געזוכטע. שוין גאָר נאָענט לעבן פּאָליציאַנט זאָגט דער אינסטינקט אים אונטער, צו פאַרפּלאָנטערן זיין וואַליזע צווישן די פוס פון זיין שכנטע, אַן אַלטע דאַמע. די דאַמע דענערווירט זיך און דער פּאָליציאַנט, וואָס האָט נישט ליב מען זאָל שטערן די אָרדענונג, כאַפּט גוצן אָן ברוטאַל פאַרן אַרבל גיט איבֿ אַ שלעפּ אַרויס, פאַרגעסנדיק פאַר כעס אַ בליק צו טאָן אין גוצס פּאַס און זיין פּנים. גוץ, שוין אַ געראַטעוועטער, לויפט שנעל אַריין אין דאַנציקער צוג. ווי אַ שיכור פאַלט ער אַוועק אויף אַ באַנק פון וואַגאָן און פון גרויס מידקייט און געשפּאַנטקייט ווערט ער גלייך אַנטשלאָפן.

אויף דעם אַדרעס, וואָס גוץ האָט, טרעפט ער אַ בחור, וועלכער האָט מיט אים אַמאָל געהערט צום „השומר". איצט פירט ער דאָ אויס אַ גאַר וויכטיקע ראָל אַלס פאַרבינדלער און טעכניקערביים פּאָליטביוראָ פון דער קאָמ. פּאַרטיי פון פּוילן, וואָס זיצט אין דאַנציק. אָבער ראָמעק איז געבליבן דער זעלבער שוויצער ווי געוועזן, דערפאַר איז די בחורטע, וואָס אַרבעט מיט אים, אַן ערנסטע און באַשיידענע. ביידע דרוקן דאָ פּאַרטיי־מאַטעריאַלן און שיקן דאָס איבער מיט פאַרשידענע וועגן קיין פּוילן. אָבער די געמיינזאַמע אַרבעט, די געמיינזאַמע דירה, אַפילו דאָס געמיינזאַמע בעט קען ביידן נישט פאַראייניקן. פאַר זייער דייטשע באַלעבאָסטע גייען זיי אָן פאַר מאַן און פרוי און אַליין זענען זיי זיך פרעמד און רעדן ווייניק צווישן זיך. פון זיי באַקומט גוץ אַ ביסל דאַנציקער

גולדנס צום לעבן. אַן אַדרעס צום ווינעצן צוזאַמען מיט אַ צוזאַג פון פּאַליטביוראָ שנעל אָפּגעשיקט צו ווערן קיין ראַטנפאַרבאַנד.

די דירה, וווּ גוץ קומט ווינעצן, איז פון יידישע פּליטים פון פּויזן, אַ שטאָט, וואָס די פּאָליאַקן האָבן געמאַכט „יידן־ריין". דאָ טרעפט גוץ אַ יאָט פון וואַרשע, וואָס געפינט זיך דאָ פּאַרן זעלבן חטא, וואָס ער. אויך אים דאַרף מען אָפּשיקן קיין ראַטנפאַרבאַנד. פּאַוועל איז אַ זון פון אַן אָרעמער פּוילישער וועשן אין דער אָרעמער פאַרשטאָט פּאָוואָנזעק. זיין אויסגעהאָרעוועטע מוטער האָט מיט איר אַרבעט באַדאַרפט חוץ איר קינד, שפּייזן אַן אייביק־שיכורן מאַן. אַז פּאַוועל ווערט קוים זעקס יאָר אַלט שטאַרבט זיין מוטער. דעמאָלט פאַרשווינדט אויך זיין פאָטער און פּאַוועל בלייבט אונטערן שוץ פון זיין מוטערס יידישע שכנים. ער עסט אָבער נישט אומזיסט ביי זיי קיין ברויט. טוט פאַרשידענע אַרבעטן. ברענגט וואַסער פון פּלומפּ, וויגט איין זויג־קינדער. דערפאַר זאָרגן יידישע מאַמעס ער זאָל זיין זאַט און וואַרעם אָנגעטאָן. לעבט ער אין יידישע היימען, שפּילט זיך מיט יידישע קינדער, רעדט ווי זיי יידיש מיטן וואַרשעווער אַקצענט. וואַקסט אויס מיט זיי צוזאַמען און ווערט ווי זיי אַריינגעצויגן אין דער קאָמ. יוגנט־באַוועגונג. און ווייל ער איז געטריי און דרייסט ווערט אים אָנגעטרויט צו ליקווידירן אַ געפערלעכן פּראָוואָקאַטאָר. זיצט פּאַוועל אין דאַנציק און אים ווילט זיך גאָר נישט אַוועק ווייט, ווייל אין וואַרשע האָט ער געלאָזן אַ געליבט יידיש מיידל, צו וועמען ער בענקט גאָר שטאַרק.

גוץ וויל אָבער וואָס שנעלער אַוועק אַהין, צום לאַנד פון אָקטאָבער. נאָר דערווייל שפּאַנט ער איבער די אַלטע גאַסן מיט איר אייגנאַרטיקן סטיל און טריבע לאַנגווייליקייט. איבער דער פרייער שטאָט הענגען אייביק גרויע וואָלקנס און אַ סך מאָל אין טאָג גיסט אויס פון הימל אַ רעגן. שיידן זיך דאָ די בירגער נישט מיט די פּאַראַסאָלן און זעלטן שמייכלט דאָ די זון. איז מיט אַ לעגענדע איינגעהילט די מאַריענקירכע און אַן אומעט שוועבט איבער דער פּאָרט־שטאָט מיט אירע דאַכן און שיפן. איבער די קאַפעען וווּ מען טרינקט רויט־וויין, ביר און מען שווייגט, אין טיפער האָפנונגסלאָזיקייט. איבער דער פרייער שטאָט דריי־ען זיך אַרום די רעשט־לעך פון רוסישע קאָנטררעוואָלוציאָנערן, אַנטלאָפענע פּוילישע קאָמוניסטן. יידישע דעזערטערן פון דער פּוילישער אַרמיי. פּוילישע „דעפענסיוועני־קעס", אינטערנאַציאָנאַלע שפּיאָנען, אַפּעריסטן און דאָלאַרן־פעלשער. וויל פּוילן פון אָט דער שטאָט מאַכן אַ טויער צום ים. דייטשלאַנד וויל מאַכן

אַ בריק צווישןביידע טיילן פֿרייסן. שטייט צווישן ביידע מדינות די פֿרייע שטאָט ווי אַ פֿולווער פֿאַס גרייט אויפֿצורייסן. נאָר דערווייל טרינקען די דייטשע בירגער אַ סך ביר. אין די בישאָף־בערג און וויין־בערג זענען פֿול מיט פּאָרלעך, וואָס קומען אַהער זיך אומלעגאַל „ליבן". איז אפשר טאַקע „ליבע" דער איינציקער געביט ווי עס ברעכן די געזעצן דאָס פֿאָלק, וואָס האָט דעם גרעסטן רעספּעקט פֿאַרן געזעץ. אַפֿילו אויף דעמאָנסטראַציעס פֿון אַרבעטסלאָזע ווערט דאָס געזעץ נישט געבראָכן. אָט מאַרשירן אַרבעטסלאָזע אין רייען, דיסציפּלינירט און פֿלעגמאַטיש. און אויב איך מיטן מאַרש באַווייזט זיך אַ בייכיקער קאָמיסאַר פֿון שוץ־אַמט און לייענט פֿון אַ פּאַפּיר אַרויס אַ באַפֿעל, אַז די דעמאָנסטראַציע איז פֿאַרווערט, גייען די דעמאָנסטראַנטן זיך דיסציפּלינירט פֿאַנאַנדער.

אויך די יוגנט פֿון דער שטאָט איז שטאַרק דיסציפּלינירט. אַלע געהערן זיי צו מיליטעריש־פּאַרטייאישע אָרגאַניזאַציעס. ווי „אייזנבאַנלער", „שטאַלהעלם", „שטורעם־אַפּטיילונג" און „ראָטפֿראָנט". די קאָמוניסטישע פּאַרטיי איז דאָ לעגאַל, אין פּאַרטיי־לאָקאַל הענגען די בילדער פֿון לענין, ליבקנעכט און ראָזאַ לוקסעמבורג. יוגנט אָנגעטאָן אין מונדירן פֿון „ראָט־פֿראָנט" קומען דאָ פֿלירטעווען מיט מיידלעך, וואָס טראָגן רויטע אָפּצייכענונגען. נאָר דער ענטוזיאַזם וואָס הערשט אין דער אומלעגאַלער פּאַרטיי אין פּוילן, איז דאָ נישטאָ. אין פּאַרטיי, אָבער צוויי אַנדערע וועלטן. דער זעלבער עלטער נאָר אַן אַנדערע יוגנט.

אין אַ פֿרימאָרגן לאָזט זיך גוץ באַזוכן צאָפּאָט. די שטאָט פֿון קור־ערטער און באַרימטן קאַסינאָ. ער קומט אָן צום וואָקזאַל נעמט דער צוג רירן, שפּרינגט ער פֿלינק אַרייַן אין נאָענטסטן וואַגאָן, ער איז פֿול מיט היטלער־יוגנט. זיי פֿאָרן אויך קיין צאָפּאָט צו אַ פּאַרטיי־טאָג און זינגען מיט פּאַטאָס:

וויר וואָלען ניכט, וויר דאַרפֿען ניכט

קיין יודען־רעפּובליק, טפֿו, יודען־רעפּובליק.

ווערט גוצן גאָר נישט היימלעך אויף דער נשמה. איינער אַליין צווישן אַ באַנדע פֿאַשיסטן. נאָר זיי, גאָר פֿריינדלעך, זענען אים מכבד מיט רויכערן און פֿאַרפֿירן מיט אים אַ שמועס. טראַכט גוץ, אַז זיי ווייסן זיכער נישט, אַז ער איז אַ ייִד, נאָר מיט זיין אַקצענט וועלן זיי דאָס סיי ווי דערקענען, באַשליסט ער זיי דאָס אָפֿן זאָגן, אָבער די פֿאַשיסטלעך

ווערן דערפון נישט איבערראַשט. זיי זאָגן, אַז זיי האָבן דאָס באַלד געוווּסט. איז פאַרוואָס די פריינדלעכקייט ? פשוט. זיי האָבן גאָרנישט קעגן יודען. זיי זענען נאָר קעגן יודען מאַרקסיסטן, יודען קאַפּיטאַליסטן און יודען קאָ־מוניסטן.

גוץ מיט פּאַוועלן האָבן לײדער געמוזט פאַרלאָזן זייער באַקוועמע דירה צוליב פּוילישע שפּיצלעס, וועלכע האָבן זיי שפּיאָנירט. איז פּאַוועל אַוועק וווינען צו אַ גאַליציאַנער רב, וועלכער האָט דווקא מיט אים גע־וואָלט לערנען תורה און גוץ צו אַ דייטשער פאַמיליע. ער אַ פּאַראַליזשיר־טער, געוועזענער פּאָרט־אַרבעטער. זי אַ ציכטיקע פרוי מיט אַ שמייכל אויף די ליפּן. גוץ קומט ביינאַכט שלאָפן וואַרט אויף אים די דייטשקע גרייט מיט אים צו פאַרברענגען די נאַכט, ווי דאָס וואָלט געהערט צו איר פליכט. זי דערקלערט אים מיט אַ פריינדלעכן שמייכל, אַז די דאַנ־ציקער פרויען טוען אַלץ, אַז פּראָסטיטוציע זאָל ווערן אין דער שטאָט אַן איבעריקע אינסטיטוציע. זיי באַקעמפן די שאַנד פון פאַרקויפן זיך פאַר געלט, דערפאַר זענען זיי שטענדיק גרייט צו שענקען זייער קערפּער, באַ־זונדערס פאַר איינזאַמע מענער. „און דיין מאַן ?“, פרעגט איר גוץ, „מיין מאַן ? — ענטפערט זי — בין איך גענוג געטריי אַ גאַנצן טאָג און באַדין אים, אין די נעכט געהער איך צו מיינע געסט“.

אָבער נישט לאַנג פאַרברענגט גוץ אין דער שטאָט פון אײגנאַרטיקן סטיל, באַהאַלטענע פאַרברעכנס און אומעטיקע לאַנגווײליקייט. אין אַ פרײ־מאָרגן ווערט גוץ מיט פּאַוועלן גערופן איינצושטייגן אין אַ סאָוויעטישער האַנדלס־שיף. זיי פאַרלאָזן די שטאָט און לאָזן זיך איבערן שטילן באַלטישן ים. פּאַוועל איז טרויעריק. ער בענקט צו זיין יידישער געליבטע. וואָס מער ער דערווייטערט זיך, אַלץ טרויעריקער ווערט אים אויף דער נשמה. אָבער גוץ איז גליקלעך. אָט דערנענטערט זיך די שיף קיין לע־נינגראַד. די מאַטראָזן לויפן אַרום נערוועיש. די שיף שווימט אַריין אין פּאָרט מיט אַ פריידיקן פייף: זיי באַגריסט לענינגראַד, וואָס האָט אָנגע־שריבן אַ העראָיש קאַפּיטל אין דער מענטשלעכער געשיכטע און גוצן אָנגעזאָגט אַ נײַ לעבן.

ה

מאַקס איז מיט זיין גאַנצער נשמה געבונדן צו די יידישע גאַסן. דאָ לעבט דער אַקטיוו פון אַלע באַוועגונגען. די פאַן־טרעגער פון די פאַרשידנסטע אידעאַלן. די שפינער פון די שענסטע חלומות. די קעמפער נאָר אַ וועלט־רעוואָלוציע און די חלוצים, וואָס גייען אויפבויען פון דאָס ניי דאָס אַלטע לאַנד פון ציון. די יידישע שרייבער און זייערע לייענער, פּאָעטן און קעמפער. איבער די העסלעכע גאַסן שוועבן די זויבערסטע אידעאַלן. שפּרודלט דאָ מיט יוגנט און מיט לעבן. מיט פּאַרטייען און פאַראיינען. מיט קולטור און ספּאָרט־קלובן, מיט טעאַטער, ביבליאָטעקן, גמילת־חסדים־קאַסעס, יתומים־הייזער, שולן, חדרים און ישיבות. פון „טראָפּן מילך" פאַר זויג־קינדער ביז „חסד של אמת". פון וויגעלע ביז טויט באַגלייטן זיי די יידישע אינסטיטוציעס. און פאַרן גייסט זאָרגן, די אָוונט־קורסן, פאָלקס־אוניווערסיטעטן. צי דאָס איז אין מעטאַל־פאַראיין, צי אין ליטעראַטן־פאַראיין, אין אַלע פאַראיינען קומען פאַר די אָוונטן רעפעראַטן און דיסקוסיעס. אין פּאַרטיי־קלוב אויף קאַרמעליצקע 23 קען מען עסן אַ ביליקע קאַרטאָפל־זופּ און פירן לאַנגע ויכוחים וועגן ארץ־ישראל. אויף פּזשעיאַזד — עסן אַ בונדישן קרופּניק, פאַרביסן מיט אַ קאַפּיטל פון „ערפורטער פּראָגראַם". אין אַלע יידישע טאָג, וואָכן און חודש־זשורנאַלן טראָגן קולטור און וויסן איבער די שמוציקע יידישע גאַסן. קיין טאָג־צייטונג פאַרגעסט נישט אין קיין ליטעראַרישע ביילאַגע און נישט אין אַ הומאָריסטיש זייטל. דאָס פאָלק פון גרויסן עלנט איז רייך מיט הומאָר און האָט ליב צו לאַכן, קוויקט זיך מיט אַ שאַרפן וויץ. אַפילו די יוגנט פון שטעטלעך, וואָס ווי געטאָגט נישט גענעכטיקט, וואָס טיילן זיך מיט אַ שטיקל בייגל און מיט אַ צי פון אַ פּאַפּיראָס וויצלען זיך איבער די הערשער און חוזקן פון אייגענער נויט און אייגענע שוואַכקייטן.

אַ גאַנצן טאָג אַרבעט מאַקס אין אַ קעלער־וואַרשטאַט. גלייך נאָכן ענדיקן די פאָלקס־שול, איז ער געוואָרן אַ לערן־יינגל אין אַ האַלב־טונקעלעם סטאָלער־וואַרשטאַט. דאָ ווי מען זעגט און מען הובלעט ברעטער, וווינט די פאַמיליע פון זיין ברויט־געבער, זיינע קינדער שפּילן זיך אונטער די וואַרשטאַטן מיט האָלץ־שפּענדלעך און אויף דעם ליימענעם

איווועלע קאָכט זיין וויב שוואָמען־זופּ, צוזאַמען מיטן לאָם צו קלעפּן ברעטער.

אין די אָוונטן נאָך דער אַרבעט לאָזט מאַקס זיך אַוועק צו די געהיימע טרעפּונגען, צו זיצונגען און ויכּוחים, וועגן בינעזישן גאָמינדאַן, סאָוויעטישער „פּיאַטילעטקע". מען דיסקוטירט הייס, צו קען מען בויען דעם סאָציאַליזם אין איין לאַנד: וועגן פּערמאַנענטער רעוואָלוציע און צו דראָט נישט דער רוסישער רעוואָלוציע קיין טערמידאָר? שפּעט אין אָוונט לאָזט מען זיך אַרויס אויף די בערזעס צו געפינען אייגענע, חברים און געליבטע. פאַרשידענע גאַסן דינען אין די אָוונטן דער יוגנט אַלס בערזע. אויף זאַמענהאָף־גאַס טרעפן זיך פּראָווינצער מיט חברים פון זייערע שטעטלעך. מילע איז די בערזע פון די אומלעגאַלע פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען. פון דאַנען צעשיקט מען אויף אַרבעט אין די פאַרשידענע וואַרשטאַטן. דאָ אָרגאַניזירט מען שטרייקן און פאַרשידענע פאַכן. די גאַס פון כשרה יאַטקעס אַ ביליקע קנייפּעס איז געווען אַמאָל דאָס וויגעלע פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג. דאָ איז געוואַקסן דער „בונד", „פּועלי־ציון", ס.ד. (ק.פּ.ל.), ס.ס. (פאַרייניקטע) און אַנדערע. דאָ איז אין געהיים געזונגען געוואָרן:

מיר ווערן געהאַסט און געטריבן,

מיר ווערן געיאָגט און געפּלאָגט.

אָבער די באַליבסטע בערזע איז אויף לעשנע גאַס. פרילינג אונטער אַ לינד אָוונט־ווינטל, זומער, אונטער אַן אויסגעשטערנטן הימל, ווינטער, ביי אַ זילבערן פּרעסטל טרעפט זיך די יוגנט אויף לעשנע. דער גרויסער זייגער דינט זיי געטריי מיט זיין פּינקטלעכקייט. אונטערן זייגער קומען פאַר געהיימע פּאָד־פּונקטן (טרעפּונגען) און נישט איין יונג האַרץ קלאַפּט צום טאַקט מיטן זייגער, וואַרטנדיק אויף אַ געליבטער.

אויף לעשנאָ קומט די ראַדיקאַלע יוגנט. אויף איין זייט טראָטואַר, פון קאַרמעליצקע גאַס ביז פשעיאַזד, שפּאַצירן די אָנהענגער פון דער קאָמוניסטישער רעוואָלוציע. אויף דער צווייטער זייט פון אָרלע געסל ביז ביעלאַנסקע — די אָנהענגער פון אַנאַרכיזם. כאָטשביידע באַוועגונגען שטאַמען פון איין מקור און ביידע ווערן גערודפט פון דער מאַכט און זענען אומלעגאַל, דאָך איז צווישן ביידע אַ טיפער תהום. אויב די קאָמוניסטן שטרעבן צו דעראָבערן גרויסע מאַסן, ווילן די אַנאַרכיסטן

ווערן די באַוועגונג פון „גרויסע" יחידים. די קאָמוניסטן שאַפן אַ טיפּ פון אַ „מאַסן־מענטש" און די אַנאַרכיסטן ווילן די מאַסע פאַרוואַנדלען אין מענטשן. די קאָמוניסטן באַטראַכטן דעם מענטש אין הורט, זיי אינטערעסירט דער וואַלד פון מענטשן, נישט דער בוים. די אַנאַרכיסטן לייגן דעם טראָפּ אויף דערציאונג, מאָראַל און עטיק. די מאַכט שרעקט די בירגער פאַר אַנאַרכיסטישע באָמבען־וואַרפער. מאַקס זעט זיי אויף יענער זייט טראָטואַר די טרוימערישע בחורים, נאָר וואָס אַרויס פון ישיבות, הנעוודיקע מיידלעך, וואָס זענען נישט פעיק קיין פליג צו דערהרגענען. אָט שפּאַצירט זיך אַ דראָבנע ספּריטנע מיידל, זי טראָגט אין זיך טויזנט טעמים אָבער נישט קיין באָמבעס. דאָרט גייט אַ גרופּע יוגנט אַרומגענומען און זינגען:

איך פלי אין די הימלען ווי אַן אָדלער אַ פרייער,

מיין נשמה איז אין הימל אַ שטערן אַ נייער.

מאַקסן ציט צו דער לעשנאַ די וואונדעלעכע מיידלעך. די נייטאָרינס, שטריקערינס, און שילערינס. דער אידעאַליזם שרייט אַראָפּ פון זייערע פנימער און יעדע צויבערט מיט אַ באַזונדערן חן. אויף לעשנאַ טרעפט מאַקס אָפט סאָניען, נאָר זיינע אויגן זוכן איר חברטע מאַגדע. זי געהערט שוין צו די הויכע אינסטאַנצן פון דער באַוועגונג און צוליב קאָנספּיראַציע, באַווייזט זי זיך דאָ זעלטן. נאָר ווען זי זוכט וועמען. אָפט זוכט זי דאָ מאַקסן אים אָנצוטרויען עפּעס אַ וויכטיקע אויפגאַבע. גייען ביידע אַריין אין שטילן אָרלע־גאַסל און מאַגדע גיט אים איבער אינסטרוקציעס. דערווייל גיט אַ גאַס אַ זומער־רעגן. מאַגדע איז אין אַ לייכט קליידל, וויל מאַקס זי צודעקן מיט זיין רעקל. איז אָבער מאַגדע נישט מסכים, ער זאָל אויסגעווייקט ווערן, גייען ביידע איין אויף אַ קאָמפּראָמיס און מיטן איינציקן רעקל פאַרדעקן ביידע פּלייצעס. דריקן זיך אַקסל צו אַקסל. מאַגדע רעדט און ער איז באַרוישט פון דער וואַרעמקייט פון איר קערפּער, פאַרשיכורט פון איר צויבער. געדויערן גליקלעכע מינוטן קיינמאָל נישט לאַנג. מאַגדע געזעגט אים אין מיטן גאַס און פאַרשווינדט. און מאַקס בלייבט לאַנג נאָך פאַרכישופט פון אָט דעם וואונדער־מיידל. אָבער פון דעמאָלט אָן האָט ער מאַגדען אין ערגעץ מער נישט געטראָפן. די געזעצן פון קאָנספּיראַציע דערלויבן נישט זיך צופיל פאַראינטערעסירן ווי, ווער ס'איז פאַרשוואונדן. בלייבט מאַקסן נאָר צו בענקען און חלומען ווידער צו טרעפן דער וואונדער־

לעכער מאַגדען, ביז אויף זיינע וועגן באַוויזט זיך אַן אַנדער ווונדערלעך מיידל.

פרעדע איז געקומען פון קיעוו מיט אירע עלטערן, ברודער און שוועסטער. דאָרטן איז איר פֿאָטער געווען אַ רייכער סוחר. די מלחמה, רעוואָלוציע און פּאָגראָמען האָבן אים צערונירט, און ווען בלוט־דורשטיקע באַנדעס טראָגן זיך איבער אוקראַינע מיט מעסערס און מיטן געזאַנג:

איר שוואַרצע הוזאַרן,
ראַטעוועט רוסלאַנד און שלאָגט די יידן.

אַנטלויפט די פֿאַמיליע קיין פּוילן.

פרעדע איז דערצויגן געוואָרן אין דער רוסישער שפּראַך. אין וואַרשע איז זי גלייך אַריבער צו פּויליש, נאָר געבונדן ווערט זי מיט די יידישע גאַסן. אפשר די שינאה און די פּאָגראָמען, וואָס זי האָט געזען מיט אייגענע אויגן האָבן איר געבראַנגט צום קאָמוניזם און צו דער יידישער גאַס? פרעדע איז דרייסט און געטריי און האָט שוין אונטער זיך אַ דרייסטן טאַט, ווי דער ענין מיט צבי'ען, דעם פּאַרטעטער. קיין שיינקייט איז זי נישט. זי פֿאַרמאָגט אָבער אין זיך אַזעלכעס, וואָס ציט צו איר. איז זי שטענדיק אַרומגערינגלט מיט חברים און חברטעס. בחורים חלומען וועגן איר און מיידלעך זוכן איר פֿריינדשאַפֿט.

צווישן מאַקסן מיט פרעדען הויבן זיך אָן גאָר פֿריינדלעכע באַציונגען. ביידע טרעפֿן זיך יעדן אָוונט און שפּאַצירן ביז שפּעט אין דער נאַכט, אָדער גייען צוזאַמען אין טעאַטער און קינאָ. ביידע טרויען אָן איינער דעם צווייטן דאָס אינטימסטע פון זייער פּריוואַטן לעבן. מאַקס קומט אויך צו איר אין שטוב, אָבער קיינמאָל דערלויבט נישט פרעדע, אַז אין זייערע באַציונגען זאָל זיין עפּעס מער ווי פֿריינדשאַפֿט. פרעדע איז אַנדערש פון אַנדערע מיידלעך. איר טאָר מען נישט מאַכן קיין קאָמפּלימענטן, נישט פלירטעווען, נישט אַרומנעמען איר, איז ווער וועט וואַגן אַ קוש טאָן אין אירע פּליישיקע ליפּן? פרעדע איז קלוג און אינטעליגענט אָנגעלייענט מיט ביכער, קען אויסגעצייכנט די רוסישע ליטעראַטור, איז מאַקסן אַזוי גוט מיט איר צו פירן לאַנגע אינטערעסאַנטע שמועסן. אָבער אים ווילט זיך שטאַרק זי אַרומנעמען און אויסקושן, ער ווייסט אָבער, אַז דאָס וואָלט באַדייט דער סוף פון זייער פֿריינדשאַפֿט. פון וואַנען נעמט זיך פרעדעס גוזמהדיקע באַשיידנקייט? מעגלעך, צוליב איר שוועסטער מאַניע, פון וועלכע פרעדע וויל זיין אינגאַנצן אַנדערש. מאַניע צייכנט זיך גאָר נישט אויס מיט

קיין צניעות, זי האָט ליב צו פּוצן זיך און פאַרברענגען אין תענוגים. איר אינטערעסירן נישט קיין אידעען און קיין „איזמען", איר פילאָזאָפיע איז, וואָס מער געניסן, און אויב זי באַגייסטערט זיך אַמאָל איז עס צוליב אַ שיין קליידל. מאַניע איז שענער פון איר שוועסטער, נאָר איר שיינקייט איז אָן וואַרעמקייט, ווען צו פרעדען ציט ווי אַ מאַגנעט.

אויך מיט איר ברודער גייען זייערע וועגן זיך פאַנאַנדער. כאַטש דב איז אידעאיש און געטריי נישט ווייניקער ווי פרעדע, נאָר זיין גלויבן איז אַן אַנדערער. צוויי קעגנזעצלעכע אידעען באַהערשן די מוחות פון דער יידישער יוגנט: די קאָמוניסטישע און די ציוניסטישע. ווען איינע בינדט אירע האָפענונגען אויף דעם אינטערנאַציאָנאַל און רעוואָלוציע, וויל די צווייטע דינען איר אייגן פאָלק. אויך ציוניזם באַדייט אַ רעוואָלוציע. זי וויל איבערפלאַנצן אַ פאָלק אויף אַ נייער ערד צו אַ נייעם לעבנסשטייגער. צוריקפירן צו איר אַלטער היים, צו איר אַלטער שפּראַך. אויב די קאָמוניסטן באַנוצן זיך מיט אַגיטאַציע, ווירקט דער „השומר" מיט טענץ און געזאַנג. זיי זינגען אויס אַ בענקשאַפט צו דער אַלטער היים אין ציון, צו אַ פריי פולבלוטיק לעבן. צו זעלבסטשטענדיקייט און פרייהייט. חלומט דב וועגן אַלטן לאַנד פון תנ"ך און ער האָט ליב דאָס פלינקע מיידל, די „ווילדע צילקע" — אַזוי רופט מען זי צולים איר שטיפערישקייט און טעמפּעראַמענט — ברוין פון דער זון מיט אַ פאַרריסן נעזל; קיינמאָל נישט מיד פון טאַנצן „הראָ", איז שווער אַזאַ מיידל נישט ליב צו האָבן. חלומט דב וועגן לאַנד פון שיר השירים און זיין שוועסטער בענקט נאָך אַ פוילישן אָקטאָבער.

פרעדע אַרבעט ווי אַ דערציערין אין אַן אַנשטאַלט פאַר פאַרמעגלעכע קינדער. אין די ווינטער פעריען פאָרט זי אַוועק מיט די קינדער קיין זאַקאָפּאַנע, אַ קור־אָרט אין די טאַטרן־בערג. די ערשטע טעג איז פרעדע באַרוישט פון דער שיינקייט צווישן די שנייאיקע בערג און ווייסער געמיטלעכקייט. דערנאָך קומט די גרויסע בענקשאַפט, צו וועמען? צי איז דאָס מעגלעך? דערשרעקט איר דער נייער געפיל, ווי אַ געפאַר. צו הייסט דאָס ליבע? צי האָט דאָס אויך איר נישט געמיטן? און ביז ווייטיק פייניקט איר די בענקשאַפט צו אָט דעם בחור מיט דער שוואַרצער טשופּרינע און אומרואיקע אויגן. ציילט זי די טעג און שעהען, וואָס שנעלער זיך צוריקקערן צו די גליקלעכע שפּאַצירן מיט מאַקסן. אין געהיים אפשר חלומט זי, ער זאָל זי שטאַרק אַרומנעמען.

אויף פאַר מאַקסן זענען די טעג אַן פרעדען אומעטיקע און לאַנג־ווייליקע, אויך ער בענקט און פילט ווי שטאַרק זי פעלט אים. אַ גאַנצן טאָג היבלעווועט ער אין דעם קעלער־וואַרשטאַט אין אַ הויף אויף קראָכּ־מאַלנע. דאָס איז די שמוציקסטע גאַס אין וואַרשע. זי איז פול מיט טרעגער, גנבים, מאַטשאַרניקעס און פּראָסטיטוטקעס. אויף די שוועלן פון די געוועלבער זיצן אַלטע ווייבער און פאַרקויפן הייסע באַבעס. קינדער האַנדלען מיט בייגל. אויף דער גאַס ברעכן אָפט אויס סקאַנדאַלן און געשלעגן. די הייף שמוציקע, די דירות ענגע. נישט זעלטן צוויי פּאַ־מיליעס אין איין שטוב. אָפט ווערט נאָך אַ בעט פאַרדונגען פאַר אַ פּרעמדן אָדער פאַר אַ פּראָסטיטוטקע. ווערן דאָ געבוירן קינדער און שטאַרבן. לעבן אויף דער גאַס אויך נישט ווייניק האָרעפּאַשנע, ערלעכע און פּראָסטע יידן: שוסטער, סטאָלער, בעקער. מיידלעך נייען דאָ אַ גאַנצן טאָג אויף זינגער־מאַשינען, פאַמיליעס לעבן פון באַקן זיסוואַרג, פון איינבינדן הייליקע ספרים. אַ ליכטיקער פּונקט איז די פאָלקס־שול, ווי די לערערן אָרושקעס פּלאַנצט איין אין אָרעמע קינדער ליבע צו דער נאַטור און צום מענטש. דאָס זעלבע טוט דאָ אויף דער גאַס דער גוטער דאָקטאָר קאָרטשאַק צווישן „יינע יתומים די „יאַשקעס, מאַשקעס און סרוליקעס", און מאַקס אין דעם האַלב פינצטערן קעלער וואַרשטאַט זעגט און היבלעווועט ברעטער, חלומט וועגן דער רעוואָלוציע און בענקט נאָך פרעדען.

גלייך נאָך דער אַרבעט לאָזט מאַקס זיך אַוועק צו די זיצונגען אויף קעמערלעך און אינסטאַנצן און שפּעט אין אָוונט צו דער לעשנאָ. אָבער פרעדאַ איז נישטאָ. גייט אים אַנטקעגן זיסל. זי האָט געלערנט אין דער זעלבער שול וואָס מאַקס, נאָר אין אַ יונגערער אָפּטיילונג. איצט איז זי אויסגעוואַקסן גאָר היפּש און פאַרמאָגט אַ פּאָר גרויסע טרוימערישע אויגן. שפּאַצירן ביידע צוזאַמען. אָבער וועגן וואָס קען מען מיט זיסלען רעדן? ווי ווייט איז זי פון פרעדעס אינטעליגענץ? שווייגט זיסל, נאָר אירע ליפּן דוכט זיך בעטן „קוש מיך". קושט מאַקס אירע ליפּן און בענקט נאָך פרעדען.

קומט פרעדע צוריק, לויפט מאַקס מיט פרייד איר אַנטקעגן. פרעדע איז מאָדנע גליקלעך. קיינמאָל האָט ער נישט געזען אירע אויגן אַזוי בלישטשען. זי דערציילט אים וועגן די שנייאיקע בערג און הוצולישע דערפער, זי איז אָבער שטאַרק נייגעריק צו וויסן, ווי ער האָט פאַר־

ברענגט אָן איר. זי שעמט זיך נאָר צו פרעגן, צי אויך ער האָט געבענקט. מאַקס — ווי פאַר אַ שוועסטער, דערציילט איר אַלץ וועגן זיך. מיט איר קען ער זיין אויפריכטיק, דערציילן אַפילו וועגן זיסלען, ווייל פרעדאַ איז דאָך אַנדערש פון אַנדערע מיידלעך. אָבער ווען ער דערציילט וועגן זיסלען ווערט פרעדע אינגאַנצן געענדערט, דאָס פּנים בלייך, די אויגן פייכט, נישט פעאיק ארויסצוברענגען אַ וואָרט פון מויל. צום סוף לאָזט זי אים איבער און אַנטלויפט. וואָס איז געשען מיט פרעדען, צו איז עס געגלעך, זי זאָל זיין אייפערזיכטיק? אַזוי לאַנג געוווען מיט איר צוזאַמען און נישט פאַרשטאַנען, אַז אויך זי האָט אַ נשמה, וואָס קען ליבן און מקנא זיין. האָט די מיספאַרשטענדעניש אַ סוף געמאַכט צו זייער גרויסער פריינדשאַפט. פרעדע איז צו שטאָלץ זי זאָל אים מוחל זיין דאָס קושן זיסלען. ווערט אויך פרעדע פאַר אים אַ פאַרגאַנגענער חלום, ווי דאָס איז געווען רוטקע און מאַגדע. כדי זיך באַפרייען פון דער גרויסער בענקשאַפט צו פרעדען פאַרטיפט זיך מאַקס נאָך מער אין דער אַקטיווער אַרבעט.

די יוגנט, וואָס זינגט: „קיינער וועט אונדז נישט באַפרייען, נישט גאָט אַליין און נישט קיין העלד" גלויבט שוין לאַנג נישט אין גאָט, אָבער העלדן האָבן זיי דווקא ליב. ווער ווייסט פאַרוואָס, איז אויך מאַקס אויסגע־וואַקסן אין זייערע אויגן ווי אַ העלד? זיי שרייבן אים צו מעשים, וועלכע ער האָט קיינמאָל נישט געטאָן. יעדער פּרווו עס אָפּצולייקענען, גיט גאָר פאַרקערטע רעזולטאַטן. בלייבט מאַקסן נישט קיין אַנדערע ברירה און ער מוז אָנגיין פאַר אַ העלד. אָבער ווער נאָך ווי ער ווייסט, ווי דאָס איז שווער? וויפל דאַרף מען קעמפן קעגן אייגענער פּחדנות? אָבער מאַקס וויל נישט אַנטוישן זיינע חברים, ציטערן אונטער אים די פיס און ער מאַרשירט אין די ערשטע רייען אויף אַלע דעמאָנסטראַציעס.

אָט איז אַ „מאַסוווקע" אויף ראָג קאַרמעליצקע־דזשעלנע, נישט ווייט פון דער טורמע. עס רעדט מאַקס. אַרום אים זענען אַ פאָר צענדליק חברים פון די קעמערלעך. מאַקס רעדט נישט, נאָר שרייט. אפשר דעם אייגענעם פּחד איבערצושרייען? זיינע חברים זענען אָבער זיכער, אַז דאָס שרייט אין אים די דרייסטקייט. ער פאָדערט צו באַפרייען די פּאָליטישע אַרעס־טירטע. פאַרבייגייער שטעלן זיך אָפּ און הערן נייגעריק. נאָר איידער עס קומט אָן פּאָליציי, ענדיקט מאַקס זיין רעדע און מישט זיך אויס צווישן די דורכגייער. אָבער, דאָסמאָל האָלט אַ שפּיצעל אויף אים אַן אויג, און ווי

נאָר עס באַוויזט זיך אַ פּאָליציאַנט, גיט ער איבער מאַקסן אין זיינע הענט. שפּאַנט מאַקס באַגלייט פון אַ פּאָליציאַנט אין דער ריכטונג צו דער דעפּענסיווע און טראַכט וועגן טורמע, וואָס עס דערוואַרט אים. אַ חבר זעענ־דיק מאַקסן אַ געפּאַנגענעם פּאַלט גלייך אויף אַ קלוגן פּלאַן אים צו באַפרייען. ער לויפט שנעל פאָרויס צו דער טרעגער־סטאַציע, ראָג קאַר־מעליצקע־נאַוואָליפּיע און רוימט עפּעס איין די טרעגער אויפן אויער. זיי געהערן צום רויטן טרעגער־פאַריין און קענען גוט מאַקסן, ווייסן זיי, וואָס מען וויל פון זיי און נעמען גלייך אין זייער טרעגערישער שפּראַך זיך קריגן און שעלטן. די טרעגערישע קללות צעטראָגן זיך איבער דער גאַנצער גאַס, וועלכע ווערט פול מיט נייגעריקע און ליידיקגייער. נאָר מאַקס שפּאַנט אַלץ אַ טרויעריקער און ווייסט נישט, וואָס אַרום אים גרייט זיך. אַז ער דערנעענטערט זיך מיטן פּאָליציאַנט איז שוין דער געשלעג ביי די טרעגער אין פולן ברען. אַ געשלעג צווישן טרעגער איז נישט קיין נאָווינע, אַמאָל צוליב אַ קונה אָדער צוליב אַ נקבה. שטענדיק איז דאָ אַ סיבה צו קריגן זיך און צו שלאָגן. איז טאַקע דער פּאָליציאַנט נישט אי־בערראַשט און שפּאַנט רואיק ווייטער. אָבער די טרעגער רינגלען אים אַרום, עמעץ כאַפּט אים אָן. וויל אים איבערצייגן, אַז נישט ער נאָר דער צווייטער איז שולדיק אין געשלעג — און איידער דער פּאָליציאַנט אָריענ־טירט זיך פאַר וואָס אין פאַר וועמען מען שלאָגט זיך, גיט ווער מאַקסן אַ צי ביים אַרבל און אין איין אויגנבליק כאַפּט זיך מאַקס, אַז דער גאַנצער געשלעג איז צוליב אים. גיט ער זיך אַ פלינקן דריי און פאַרשווינדט צווישן דער פאַרזאַמלטער מאַסע. מאַקס איז פריי און די לעגענדע וועגן זיין העלדישקייט שפּינט זיך ווייטער.

צו וואָס איז דער הויכער פּאַרקן אַרום דעם יידישן בית־הקברות? די טויטע וועלן דאָך פון דאָרט נישט אַנטלויפן. צווישן די טויטע פּאָרען זיך דאָ לעבעדיקע: באַגרעבער, וועכטער. קדיש־זאָגער, חזנים, וואָס מאַכן אָן „אל מלא רחמים", „חברה קדישה"־יידן און בעטלער אָן אַ צאָל. אַ גאַנצן טאָג ציען זיך איבער דער גענשע גאַס צום בית־הקברות שוואַרצע עגלות באַגלייט פון טרויעריקע יידן און וויינענדיקע ווייבער. נאָר וואָס גייט מאַקסן אָן דער טויט? ער שפּאַנט צו אַ הויף אויף גענשע פול מיט מאַרמאָר־שטיינער פאַר מצבות, ווי עס געפינט זיך אָן אומלעגאַלע פּרימי־טיוו־געהיימע ליטאָגראַפיע. מאַקס טרעפט שוין דאָרט אַלעקן און בערלען און ער נעמט זיך גלייך צו דרוקן די אומלעגאַלע יוגנט־צייטונג. אין

מיטן טאָג דערהערט זיך אַ שטאַרק קלאַפּן. די טיר ווערט אויפגעריסן. אויף דער שוועל שטייען פּאָליציי־לייט מיט רעוואָלווערן אין די הענט. „די הענט אין דער הייך!" פּאַלט אַ באַפעל. נאָך דעם ווי זיי איבערצייגן זיך, אַז די דריי פּאַרמאַגן נישט קיין געווער, באַקומט די פּאָליציי אַ ביסל הומאָר און שוין פרידלעך נעמען זיי צונויף אַלע מאַטעריאַלן, דאָקומענטן און פירן דאָס צוזאַמען מיט די אַרעסטירטע אַוועק אין דער דעפענסיווע. ווי עס איז די טאַקטיק ביי אַלע אַרעסטן, שפּילט מאַקס מיט בערלען די ראָל פון אומשולדיקע, וועלכע האָבן אַלס אַרבעטסלאָזע געאַרבעט ביי אַלעקן, נישט וויסנדיק, — אַז זיי טוען אַן אַנטי־מלוכהשן פאַרברעכן. אַלעק נעמט אויף זיך די גאַנצע שולד, ער איז זיך מודה אין אָנגעהערן צו דער קאָמוניסטישער באַוועגונג. ער איז סיי ווי אַ קאָמפּראָמיטירטער, שוין אָפּגעזעסן אַ טורמע שטראָף, איז זיין פליכט צו ראַטעווען זיינע חברים פון גרויסע שטראָפן און אויך היטן דעם כבוד פון דער פּאַרטיי. נאָך לאַנגע פאַרשונגען און פּראָטאָקאָלן, נאָך פּאָטאָס און פינגער־אָפּדרוקן, ווערן די דריי אָפּגעפירט אין „פּאַוויאַק".

גייט מאַקס דורך אַ לאַנגן קאָרידאָר פול מיט אייזערנע טירן. מען פירט אים אַריין אין אַ קליינע האַלב־פינצטערע צעלע מיט אַ קליין פאַרקראַטעוועט פענצטערל אונטערן האַלב־רונדן סופיט. דאָ שטייט אַן אייזערן בעטל, אַ קליין טישל, אַ בענקל, אַ קרוג מיט וואַסער און אַן עמער אויף שמוץ, די אַזוי גערופענע „פּאַראַשע". אין דער טיר איז אַ קליין לעכל, דורך וועלכן דער וועכטער קען יעדע מינוט אַריינקוקן און זען, וואָס עס טוט דער אַרעסטאַנט, דערפאַר רופט מען דאָס לעכל „יודאַשקע". נאָכן אָוונט־ברויט פון שוואַרץ קלעפּיק ברויט מיט שוואַרצע וואַסער, וואָס מען רופט דאָ קאַווע, קומט דער אַפּעל. די וועכטער ציילן די אַרעסטירטע און פאַרלאָזן דעם קאָרידאָר אויף אַ גאַנצער נאַכט. הויבט אָן הערשן די שרעקלעכע שטילקייט. מען הערט נאָר דעם עכאָ פון פאַרשטיקטע קלאַנגען וואָס טראָגן זיך פון יענער זייט מויער, ווי אַ ווייטע שטים פון לעבן. וועקט די שטילקייט אין אים אַ געפיל פון איינזאַמקייט און שטאָלץ, אַלס געפאַנגענער רעוואָלוציאָנער. און מיט דעם שטאָלץ ווערט ער אַנטשלאָפן אין זיין ערשטער טורמע־נאַכט.

דער טורמע־גלאָק וועקט פרי די אַרעסטאַנטן פון שלאָף. עס הויבט זיך אָן דער טורמע־טאָג, מיט זיין פּאַסקודנעם פרישטיק, נאָך וועלכן מען וואַרט מיט אומגעדולד אויף דעם געמיינזאַמען שפּאַציר איבערן

טורמע־הויף. אויפן שפּאַציר טרעפט מאַקס באַקאַנטע, אויך אומבאַקאַנטע ווערן גלייך נאָענט. ער ברענגט זיי דעם גרוס פון דער פריי. יעדער האָט אַזוי פיל צו פרעגן וועגן חברים און חברטעס. לויפן גאָר שנעל דורך די צוויי שעה שפּאַציר און ווידער זיצט מאַקס אַן איינזאַמער אין זיין צעלע. שלעפּט זיך דער טאָג ווי אַ טשערעפּאַכע. אַ גליק, וואָס חברים פון דער פריי זאָרגן וועגן ביכער, ווייל ווי נאָך קען מען אַזוי זיך פאַרטיפן אין אַ בוך, ווי אין אָט דער טורמע שטילקייט? ווערט נאָר פינצטער טויכן אויף מחשבות. אין שלאָפלאָזע נעכט קומט די בענקשאַפט. ער חלומט וואָכעדיק וועגן רוטקעס, מאַגדעס און פרעדעס. ער בענקט צו זיינע ליבע חברים און טייערע חברטעס.

אויף די טורמע־שפּאַצירן דערקענט מאַקס נייע פריינד. אָט איז שימעק. ווי מאַקס גאָר יונג, קוים 17 יאָר, אַ פריילעכער און גוטער יאַט מיט שוואַרץ־געקרייזלטע האָר, אויף דער פריי געווען באַליבט אין זיי ראַדיקאַלע שילער־קרייזן און באַזונדער ביי די שילערינס. זיי שיקן אים דאָ אַריין אַ סך פעקלעך מיט זיסוואַרג און ביכער. אויף דער פוילישער יאַט פראַנעק געהערט צו די יונגסטע אַרעסטאַנטן. ער געפינט זיך דאָ אין גאַנצן צופעליק. פון קליינעם שטעטל פּלאָנסק האָט אים דער הונגער געטריבן קיין וואַרשע. דאָ געאַרבעט פאַרן בלויזן עסן אַלס לערן־ייִנגל ביי אַ שוסטער. זיין גוטער קוזין האָט אים געגעבן נישט נאָר אַ נאַכט־געלעגער, נאָר אויך אַן אָוונט-ברויט און אַ בגד אומזיסט. געשעט, אַז אין מיטן דער נאַכט רייסט זיך אַריין צו זיין קוזין פּאָליצייַ און געפונען אונטערן בעט פּעק מיט קאָמוניסטישע ליטעראַטור. פראַנעק האָט נאָך דאַן נישט געוווּסט, וואָס דאָס זענען פאַר אַ „פּאַפּירן", נאָר פון קוזינס אויגן און זיין פרויס בלייך פּנים האָט ער געדרונגען, אַז זיי דראָעט אַ גרויס געפאַר, דערקלערט ער דער פּאָליציי אַן וואַקלעניש, אַז די אַלע „פּאַפּירן" געהערן צו אים. די פּאָליציי האָט אים ווייניק געגלויבט, דאָך האָט זי אים אַרעסטירט צוזאַמען מיטן קוזין. אויפן וועג צו דער דעפּענסיווע געלונגט אים איבערצוצייגן זיין קוזין, ער זאָל אים דערלויבן צו נעמען אויף זיך די שולד פאַר די „פּאַפּירן", ווייל ער איז יונג וועט די שטראָף זיין אַ קלענערע, דערצו פאַרמאָגט ער דאָך נישט קיין פרוי און קינד אויסצוהאַלטן. אַזוי איז פראַנעק געוואָרן אַ פּאָליטישער אַרעסטאַנט. דאָ האָט ער זיך שוין דערוווּסט, וואָס דאָס זענען פאַר אַ „פּאַפּירן" און דאָ איז פראַנעק געוואָרן אַן „אייגענער".

דערפאַר איז וואָלף שוין אין זיין מוטערס בויך געווען אַ רעוואָלו־ציאָנער. ער איז געבוירן אין סיביר ביי אַ פוילישער מוטער, וואָס האָט באַגלייט איר יידישן מאַן, אַ רעוואָלוציאָנער, אויף פאַרשיקונג. וואָלף איז אַלט געווען קוים צוויי יאָר ווי זיין פאָטער איז אויף פאַרשיקונג גע־שטאָרבן און זיין מוטער האָט זיך מיט אים צוריקגעקערט קיין פוילן ווען וואָלף ווערט 12 יאָר שטאַרבט אויך זיין מוטער אויף שווינדזוכט און ער בלייבט אַליין. איז פון וואַנען קומט צו אים אַזאַ לאַכנדיק פּנים מיט אַזוי פיל לעבנס־פרייד, ווען דאָס לעבן האָט אים נישט געקאַרגט קיין צרות. אַפילו ווען אים איז טרויעריק אויפן האַרץ — לאַכט זיין פּנים. וואָלף איז שוין נאָכן משפט. ווער ווייסט צו נישט צוליב זיין לאַכנדיק פּנים האָט ער באַקומען אַזאַ שווערן אורטייל פון 6 יאָר שווערע טורמע? איינע פון די אַרגומענטן פון געריכט איז טאַקע געווען „גרינגשעצונג צום געריכט״. זעט אויס, אַז זיין סימפּאַטיש לאַכנדיק פּנים איז נישט געפאַלן געוואָרן די ריכטער. וואַרט ער אויף דער אַפּעלאַציע, און די חברים בעטן אים, ער זאָל זיך באַמיען אין געריכט מאַכן אַן ערנסט פּנים. נאָר צו וועט דאָס אים געלונגען?

יעדן אָוונט נאָכן אַפּעל, ווי נאָר דער וועכטער פאַרלאָזט דעם קאָרי־דאָר, טראָגן זיך פון צעלעס אויסרופן פון ציפערן און אותיות. דאָס שפּילט סעוועק אין שאַך מיט עטלעכע חברים פון פאַרשידענע צעלעס צוזאַמען. סעוועק איז נאָך זייער יונג אָבער שוין אַ גלענצנדיקער מאַטע־מאַטיקער און שאַכיסט. זיינע אויסערגעוויינלעכע פעאיקייטן האָבן מעגלעך געמאַכט, אַז דער אָרעמער יידישער בחור זאָל אַזוי יונג ענדיקן די גימ־נאַזיע און די טויערן פון אוניווערסיטעט זאָלן שטיין פאַר אים אָפן, און אָפן זאָל זיין פאַר אים דער וועג צו אַ גלענצנדיקער קאַריערע. אָבער דער גורל האָט געוואָלט, אַז זיין אוניווערסיטעט זאָל ווערן די טורמע.

אָבער פון אַלע מאַקס חברים בלייבט בערל, וואָס איז צוזאַמען מיט אים אַרעסטירט געוואָרן, אים אַמנאָענטסטן. אין דער באַוועגונג רופט מען אים בערל טשאַפּ, צוליב זיין אַפּגעלאָזנקייט, די שיך ביי אים קיינמאָל נישט פאַרשנורוועט, זיין רעקל אָן קנעפּ, נאָר בערל האָט אַ שאַרפן מח. אַ געשליפענע אין די ישיבות, אויף חריפותן פון גמרא און מהרש״א־פשטלעך. האָט בערל נאָר פאַרלאָזט זיין גאָט און דעם רבין פון גער, ווערט ער גלייך אַ חסיד פון „דיאַלעקטישן מאַטעריאַליזם״. ער בלייבט פאַנאַטיש אויך אין זיין נייעם גלויבן און פאַרטראָגט נישט קיין שום אַפּיקורסישן

געדאַנק. ווער עס טראַכט אַנדערש ווי ער, איז אַ פאַררעטער פון אַרבע־טער־קלאַס און אַ דינער פון אימפּעריאַליזם.

כאָטש דאָס איז שטרענג פאַרווערט, כאַפּט זיך מאַקס אָפּט אַרויף אויף דעם פאַרקראַטעוועטן פענצטערל פון זיין צעלע צו זען די שפּאַצירנ־דיקע חברים פון אַנדערע אָפּטיילונגען. דאָרט זיצן די מער דערפאַרענע, די פירער פון דער פּאַרטיי. יעדער פון זיי איז פאַר מאַקסן אַ לעגענדע. אָט שפּאַנט די מאַיעסטעטישע פיגור פון אַלטן וועטעראַן ברון, דער סטאַ־ראָסטע פון די פּאָליטישע אין „פּאַוויאַק", לעבן אים דער הויכער דזשאַרסקי, אַ גרויסער שווייגער. עס גייט פורמאַן און דערציילט זיינע פאַנטאַסטישע געשיכטעס פון אַנטלויפונגען פון פאַרשידענע טורמעס. נישט געווען קיין טורמע, פון וואַנען פורמאַן זאָל נישט האָבן אַנטלאָפן. אין אָט אין מיטן פון זיינע געשיכטעס, פאַרוואָרפט ער מיט דזשאַרסקען איבערן טורמע־פּאַרקן אַ לייטער געמאַכט פון די טורמע־ליילעכער, און גאָר פלינק זענען שוין ביידע אויף יענער זייט. די גאַנצע פּאָליציי ווערט געשטעלט אויף די פיס. נאָר זיי געלונגט אין קורצן צו שיקן אַ גרוס שוין פון מאָסקווע.

אַ צייט האָט אויך לאַפּאַן דאָ שפּאַצירט, ער איז אָבער שוין מער נישטאָ. אַ יידיש יונג סטודענטל, וויניק ערנסט און ייִנגליש, געוויצלט זיך און דערציילט אַנעקדאָטן. נאָר די דעפּענסיווע האָט נישט געלאָזט זיך אָפּנאַרן. זיי זענען געווען זיכער, אַז אָט דער יונגלישער לאַפּאַן איז נישט קיין אַנדערער ווי דער גרויסער אָרגאַניזאַטאָר און גוט־קאָנספּירירטער קאָמוניסטישער טוער אונטערן פּסעוודאָנים אַלבין. זיי האָבן אָבער ביים אַרעסט נישט געפונען ביי אים קיין שום מאַטעריאַלן צו קענען אים באַ־שולדיקן און משפּטן אויף יאָרן טורמע, באַפרייען האָבן זיי אוודאי נישט געהאַט קיין חשק, פירן זיי אים פון טורמע אַוועק צום אויספאָרשונגס־ריכטער, פון וואַנען ער איז מער שוין נישט צוריקגעקומען. אַ קורצער פּאָליציי־קאָמוניקאַט האָט געמאָלדן: „דערשאָסן ביי אַ פּרווו צו אַנט־לויפן". אַזעלכע זענען זיי אָט די פאַרשידענע טיפּן פון רעוואָלוציאָנערן. יעדער האָט זיין באַזונדערע אייגנשאַפט, נאָר אַלע שפּאַנען זיי אויף דעם זעלבן שטורמישן וועג צו דער רעוואָלוציע.

אינמיטן טעג אומענדלעך לאַנגע, קומט אַ צערודערונג אין דעם נאָרמאַלן טורמע־לעבן. מען ברענגט אין „פּאַוויאַק" דריי קאָמוניסטן, וועלכע האָבן געמאַכט אַ נישט געלונגענעם אַטענטאַט אויף דעם באַרימטן

פּראָוואָקאַטאָר טשעכאַנאָווסקי. ער איז געווען אַרומגערינגלט מיט שפּיצ־לעס, און צווישן זיי מיט די דריי קאָמוניסטן האָט זיך אַנטוויקלט אַ העפּ־טיקע שיסעריי. די דריי זענען געטראָפן געוואָרן פון קוילן נאָר דער פּראָוואָקאַטאָר איז געבליבן גאַנץ. די דריי: היבנער, קניעווסקי און רוט־קאָווסקי זענען דערקלערט געוואָרן אַלס באַנדיטן און דורך אַ שנעל־געריכט פאַרמשפּט געוואָרן צום טויט. מען ברענגט די דריי האַלב־לעבעדיקע העלדן אין „פּאַוויאַק" דאָ צו וואַרטן ביז מען וועט זיי פירן צום טויט, באַשליסן די פּאָליטישע צו געזעגענען זייערע העלדישע חברים פאַרן פירן צום טויט מיטן געזאַנג פון „אינטערנאַציאָנאַל".

אין דער נאַכט שלאָפט נישט קיינער פון די פּאָליטישע. אַלע וואַרטן אויף אָט דער שרעקלעכער מינוט. פּאַרטאָג דערהערט זיך ווי אַ פאַר־שטיקטער געשריי: „זאָל לעבן די קאָמוניסטישע פּאַרטיי! זאָל לעבן דער קאָמינטערן!" דאָס זענען זייערע לעצטע ווערטער אויפן וועג צום טויט. מען פירט זיי אַוועק אין ציטאַדעל צום דערשיסן. ווי אַן ענטפער אויף זייערע אויסגעשרייען ברעכט אויס מיט איינמאָל פון אַלע צעלעס דער געזאַנג פון „אינטערנאַציאָנאַל". אָבער מיטן געזאַנג דערהערן זיך שרעק־לעכע געשרייען: „מען שלאָגט" און אַלס פּראָטעסט הויבט זיך אָן אַ קלאַפּן אין די טירן. כאַפּט אויך מאַקס דאָס בענקל און קלאַפּט מיט אַלע כוחות אין דער אייזערנער טיר. עפנט זיך גלייך די טיר און עס פאַלן אַריין אין זיין צעלע מונדירטע פּאָליציאַנטן מיט בייזע פּנימער און שלעפּן פון זיין צעלע אַרויס אַלץ, וואָס קען דינען פאַר אַ געצייג צום קלאַפּן. דערווייל ווערט שטיל און דער גאַנצער טורמע. דער „ראַבאַן" (דאָס קלאַפּן) האָט אויפגעהערט, ווי אַלץ וואָלט מיט איינמאָל אָפּגעשטאָרבן. רופט אָט די שטילקייט אַרויס ביי מאַקסן אַ גרויסע אומרואיקייט. עס קאָן דאָך נישט זיין זיינע חברים זאָלן האָבן קאַפּיטולירט, נישט אַנדערש, נאָר מען האָט זיי אַלע אַוועקגעשלעפּט אין די קאַרצערס. איז פאַרוואָס האָט מען גראָד אים איבערגעלאָזט? אפשר האָט ער צו ווייניק געקעמפט? דער געדאַנק, אַז ער קען ביי זיינע חברים באַטראַכט ווערן אַלס פּחדן וועקט אין אים אַ פּחד און מיט אַלע כוחות נעמט ער קלאַפּן מיט די פיס אין דער טיר. גלייך עפנט זיך ווידער די טיר און מאַקס דערפילט קלעפּ איבערן קערפּער און פאַרלירט דעם באַוואוסטזיין. ווען ער קומט צוריק צום באַוואוסטזיין, געפינט ער זיך אין אַ פינצטערן קאַרצער. לעבן אים איז אַלעק, וועלכער מינטערט אים. מאַקס טאַפּט אַרום זיין קערפּער און פילט אַ געדיכטע פליסיקייט פון

בלוט. מאַקס איז אין אײן קאַרצער מיט אַלעקן, ער איז נישט צעשלאָגן אָבער מאַקס פילט אַ גרויסן ווייטיק אין אַלע טײלן פון קערפּער. אין אַ צײט אַרום, עפנט זיך די טיר פון קאַרצער. אַ וועכטער צוזאַמען מיט קרימינעלע קאַלפאַקטאָרן האָבן געברענגט עסן, אָבער די פּאָליטישע פון אַלע קאַרצער־צעלעס זאָגן זיך אָפּ דאָס אָנצונעמען. ווען עס פאַרמאַכט זיך צוריק די טיר, הײבט אַלעק אויף אַ פּאַפּיראָס, וואָס אײנער פון די קרימינעלע האָט געשיקט אַרײנגעוואָרפן. פון פּאַפּיראָס שלעפּט אַלעק אַרויס אַ בריוול. זײנע אויגן זענען שוין צוגעוווינט צו דער קאַרצער־פינצטערניש און ער לײענט: די חברים פון דער דריטער און פערטער אָפּטײלונג שרײבן, אַז מיטן באַווײזן זיך פון מונדירטע פּאָליצײ אין די טורמע־קאָרידאָרן איז זײ קלאָר געוואָרן די באַזונדערקײט פון דער לאַגע און זײ האָבן געהאַט דעם באָלשעוויסטישן מוט זיך צוריקצוציען אין דער לעצטער מינוט פון קאַמף. זײ באַדויערן, וואָס אַ גרופּע פון אַ 30 נישט־דערפאַרענע חברים אויף דער צאָל פון 200 פּאָליטישע אַרעסטירטע האָבן זיך נישט גענוג אָריענטירט אין דער געשפּאַנטער לאַגע און געלאָזט זיך פּראָוואָצירן, רופן זײ די אַלע אין די קאַרצערס נישט צו פאַרשאַרפן נאָך מער די לאַגע און נישט אָפּזאָגן זיך פון אָננעמען דאָס עסן. און זײ פון זײער זײט וועלן אינטערווענירן, מען זאָל זײ וואָס שנעלער באַפרײען. אָט דאָס בריוול טוט מאַקסן מער וויי, ווי די קלעפּ. וויפל מי האָט דאָס אים געקאָסט אַרויסצווײזן דרײסטקײט, געקלאַפּט מיט אַלע כוחות, כדי נישט געשטרויכלט צו ווערן מיט פּחדנות. איצט ווערט זײן דרײסטקײט געשטעמפּלט אַלס לײכטזין. ס'איז דאָך געווען אַן אַלגעמײנער באַשלוס צו קעמפן מיט אַלע מיטלען. איצט דעקן זיך די, וואָס האָבן קאַפּיטולירט אונטער דער „שײנער" טעאָריע פון „באָלשעוויסטישער אויסגעהאַלטנ־קײט". הויבט זיך אָן אַ שאַרפער ויכוח דורך גריפּסן צווישן די, וואָס זיצן אין די קאַרצערס, מיט די, וואָס זענען געבליבן אין די צעלעס. די פון די קאַרצערס ווילן נישט אָננעמען קײן עסן און רופן די איבעריקע צו אַ הונגער־שטרײק. די פון די צעלעס האַלטן דאָס פאַר אַן אולטראַ־לינקע שטעלונג, וואָס קען דערפירן צום פאַרלירן אַלע דעראָבערטע פּריווילעגיעס. אַ סוף צום ויכוח מאַכט מאַגדע, די סטאַראָסטין פון דער פרויען־טורמע „סערביאַנקע". זי שטעלט אין נאָמען פון די פּאָליטישע אַרעסטאַנט־קעס אַן אולטימאַטום דעם טורמע־נאַטשאַלניק, אויב עס וועלן נישט גלײך אַרויסגעלאָזט ווערן זײערע חברים פון די קאַרצערס, דערקלערן זײ

אַ הונגער־שטרייק. אַדאַנק דעם וועלן אַלע גלייך באַפרייט פון די קאַרצערס און מאַקס — אַ צעשלאָגענער און צעבראָכענער קערט זיך צוריק צו זיין צעלע מיט אַ נייער דערפאַרונג פון חשד צו שיינע טעאָריעס.

אין דער פרויען־טורמע „סערביאַנקע" ביים „פאַוויאַק" געפינט זיך שוין אויך סאָניע. זי האָט שוין לאַנג פאַרלאָזט אירע רייכע עלטערן, וועמענס ליבע איז געווען פאַר איר נאָר אַ שטערונג אין איר וועג. איז זי אַוועק קיין לאָדזש אין דער שטאָט פון טעקסטיל־פאַבריקן, נויט און קאַפּעטש. דאָ האָט סאָניע זיך געוואָרפן מיט גרויס ענערגיע און געטריי־שאַפט צו אָרגאַניזירן די אַרבעטער. זי אַליין ווערט אַן אמתע פּראָלע־טריערין. אַרבעט אין אַ קליין יידיש טעקסטיל־פאַבריקל, ווו זי פאַרדינט קוים אויף צו באַצאָלן פאַר דעם נאַכטלעגער און פאַר אַ האַלבן ברויט מיט אַ הערינג. לאַנג געלונגט אָבער נישט סאָניען זיך צו האַלטן אויף דער פריי. לאָדזש איז פול מיט שפּיצלעס, זיי קומען אויף אירע שפּורן און זי ווערט אַרעסטירט. אין דער „סערביאַנקע" טרעפן זיך ווידער די־צוויי בעסטע חברטעס: סאָניע מיט מאַגדען.

מאַגדען האָט די באַוועגונג נישט נאָר געשאַנקען אַן אידעאַל, נאָר אויסגעשליפן פון איר אַ טיפּ פון אַ רעוואָלוציאָנערין. איר וווּנדערלעכע שיינקייט און איר פּערזעלעכקייט שאַפט אַ האַרמאָנישע גאַנצקייט, וואָס רופט ביי אַלעמען אַרויס רעספּעקט. אין דער באַוועגונג, געשעצט און באַליבט. האָט מאַגדע געגלויבט, אַז זי האָט געפונען אויך ליבע. ער האָט געהערט צו די העכסטע „שפּיצן" אין דער באַוועגונג. געווען ענערגיש, געלאָקט האָט מאַגדען אויך דאָס, וואָס ער איז אַן אמתער פּאָליאַק. זי האָט איר פּערזענלעך גליק געבונדן מיט דעם אידעאַל פון אינטערנאַציאָנאַליזם. איר שטאָלץ האָט אָבער שנעל באַקומען אַ שווערן קלאַפּ. ער האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַ פּראָוואָקאַטאָר, ער האָט איר אויך אָפּגענאַרט, געהאַט אַ פרוי מיט אַ קינד. ווען עס איז געפאַלן דער באַשלוס אים צו ליקווידירן נעמט די באַוועגונג צו הילף מאַגדען. ביידע ווערן אַרויסגעשיקט צו עפּעס אַ פּיקטיוון קאָנגרעס קיין מאָסקווע. ער פאָרט גערן, ווייל מאַגדע פאָרט מיט אים און ער גלויבט אויך צו ברענגען גרויסע נוצן דעם פּוילישן שפּיאָנאַזש־דינסט. ער קומט נאָר אָן אין ראַטנ־פאַרבאַנד געפינט ער זיך שוין אין די הענט פון דער רעוואָלוציאָנערער גערעכטיקייט. נאָך דעם, ווי מען באַקומט פון אים אַרויס אַלץ, וואָס עס איז נויטיק דער באַוועגונג צו וויסן, פאָדערט מאַגדע פאַר זיך די רעכט

צו דערשיסן אים מיט אירע אייגענע הענט. צוליב אירע פאַרדינסטן ווערט אָט די רעכט איר געגעבן. נאָכן צוריקקומען קיין פּוילן ווערט זי אַרעסטירט. די דעפּענסיווע וויל שטאַרק וויסן, וואָס עס איז דער גורל פון איר אַגענט צו ער לעבט אָדער נישט? פון מאַגדען קענען זיי אָבער גאָרנישט זיך דערוויסן. זיצט זי אין דער טורמע אָן אַ משפט און אָן אַ האָפענונג ווען עס איז באַפרייט צו ווערן.

אויב אין דער מענער־טורמע לעבן די פּאָליטישע אין אַ ווירטשאַפט־לעכער קאָמונע, טיילן זיך מיט די פּעקלעך, וואָס יעדער באַקומט פון דער פריי, טיילן זיך די פּאָליטישע אַרעסטאַנטקעס אויך מיט זייערע געפילן און חלומות. ס׳איז ערב פרילינג, די זון־שטראַלן רייסן זיך אַריין דורך די קראַטן. אויפן טורמע־הויף טייעט דער שניי און עס טריפט פון די אייז־צעפּלעך — זילבערנע טראָפּנס, ווי מיידלשע טרערן. רעוואָלוציאָנערקעס טאָרן נישט זיין סענטימענטאַל, דאָס לעבן האַרטעוועט זייערע נשמות. האָט דאָך מאַגדע מיט אירע אייגענע הענט דערשאָסן איר געליבטן און סאָניע האָט נאָך קיין צייט נישט געהאַט אויף ליבע. סטעפאַ האָט איר מזל, ווען איר יאַט זיצט איז זי פריי, ווען ער איז פריי, זיצט זי און שטענדיק שטייען די קראַטן צווישן זייביידן. בעלאַ האָט איבערגעלאָזט אַ בירגער־לעכע וועלט, שיינע קליידער, פּאַרוויילונגען און טענץ. נאָר דאָס שפּיגעלע איז איר געבליבן, היט זי דאָס שפּיגעלע, די וועכטערקעס זאָלן דאָס נישט אַנטדעקן. זי האָט ליב אירע חברטעס, נאָר אין מאַרקסיזם פאַר־שטייט זי ווייניק אָבער אירע חברטעס זענען שטאָלץ מיט איר און זאָגן: „בעלאַ איז אַן אונדזעריקע“, איז דאָס פאַר איר די העכסטע אָנערקענונג. פראַנקאַ נוטיקט זיך נישט אין שפּיגעלע, זי בענקט אויך נישט צו קיינעם פון די יאַטן. זי לערנט אין טורמע איטאַליעניש, פאַר וואָס דווקא איטאַל־יעניש? אירע חברטעס פאַרזיכערן, אַז נאָך דער רעוואָלוציע וועט זי זיין די אַמבאַסאַדאָרין פון רויטן־פּוילן אין איטאַליע. אָבער אַנדערע מיידלעך בענקען גאָר שטאַרק צו זייערע יאַטן אויף דער פריי. זיי חלומען וועגן רעוואָלוציע און ליבע און די זון פון ערב־פרילינג שמייכלט צו זיי אַריין דורך די קראַטן.

מאַקסן, בערלען און אַלעקן פירט מען צום משפט. דריי ריכטער, ווי דריי סטאַטועס, זיצן אונטער פּוילנס ווייסן אָדלער. דער פּראָקוראָר לייענט דעם באַשולדיקונגס־אַקט, פול מיט פּאַראַגראַפן. די אַדוואָקאַטן וואַרטן גלייכגילטיק אויף זייער ראָל, נאָר אַלעק שטערט די לאַנגווייליקייט מיט

זיינע שאַרפע און דרייסטע ווערטער. צום סוף לייענט דער ריכטער דעם אורטייל גלייכגילטיק. אַלעק באַקומט זעקס יאָר שווערע טורמע. מאַקס מיט בערלען, ווייל דאָס איז זייער ערשטער אורטייל, נאָר צו אַנדערטהאַלבן יאָר. בלייבט זיי ביידן צום זיצן נאָר געציילטע חדשים, ווייל דעם גרעסטן טייל פון דער שטראָף, זענען זיי שוין אָפּגעזעסן ביזן משפּט, פּירט מען זיי אַוועק אין דער מאָקאָטאָווער טורמע אָפּזיצן דעם רעשט פון זייער שטראָף.

אין מאָקאָטאָוו זיצן די פּאָליטישע אין גרויסע, אַלגעמיינע צעלעס, צו דרייסיק ביז פערציק מאַן. זיי אַלע זיצן שוין דאָ לאַנגע יאָרן און האָבן נאָך לאַנג צו זיצן, פּילט זיך מאַקס מיט זיין קליינע שטראָף גאָר מינדערוועריק. אין זיין צעלע זיצן פאַרהאַרטעוועטע מענער מיט שטורמישע פאַרגאַנגענהייטן און לאַנגע יאָרן טורמע. אַ גאַנצן טאָג פאַרטיפט אין לייענען און לערנען. איינער שטערט נישט דעם צווייטן. נאָר די אָוונטן פאַרברענגט מען צוזאַמען אין רעפעראַטן און דיסקוסיעס. זיצט יעדער איף זיין בעטל און טראָגט אין זיך זיין שטורמישן נעכטן און חלומט וועגן אַן אַנדערן מאָרגן. אָט איז לאַמפּע דער געוועזענער פּועלי־ציוניסט. ווערט דאָ באַטראַכט פאַרן פּוילישן לענין. לעבן אים ליגט דער הויכער רייד, אַ דייטשער בחור, וועלכער האָט זיין רעוואָלוציאָנערע קאַריערע אָנגעהויבן מיט אָרגאַניזירן אַ שטרייק אין זיין פאָטערס טעקסטיל־פאַבריק. אָט איז אַ זון פון אַ יידישן הויז־ווירט, דער נערוועישער ציטערשפּילער, באַרימט געוואָרן מיט זיינע רעדעס אין געריכט. ליינצוצקי מיט טיפּיש פּוילישע וואָנצעס, אַ געוועזענער קאָמוניסטישער דעפּוטאַט און געוועזענער פאַבריקס־אַרבעטער. נאָוואַק, אַ געוועזענער לעגיאָניסט, נעכטיקער קעמפער פאַר פּוילן, אַנטוישט אין פּילסודסקין און אין נייעם פּוילן, איצט אַ קראַנקער אויף שווינדזוכט, זיין לעבן איז אין גרויס געפאַר, אָבער זיין שטאָלץ לאָזט אים נישט אונטערשרייבן קיין ביטע אויף אַ געזונטהייטס־אורלויב. מאַרקוס, אַ געוועזענער ישיבה בחור און גלענצנדיקער מאַסן־רעדנער. יאַן העמפּעל, געוועזענער גלח און איצט אַ קעמפנדיקער אַטעיסט. פּראָפעסאָר הערינג, אַן עקאָנאָמיסט, אַמסטער, אַ יידישער מעטאַל־אַרבעטער. זיצט מאַקס צווישן די אַלע אַרבעטער און אינטעליגענטן, קעמפער פון פאַרשידענע נאַציעס מיט זיין קליינעם אורטייל, וואָס ציט זיך אָבער פאַר אים ווי אַן אייביקייט. ערשט ווען ער פאַרלאָזט די טורמע, דוכט זיך אים, אַז דאָס איז געווען גאָר אַ קורצער חלום. מאַקס לאָזט זיך צוריק

צו די יידישע גאַסן. דאָ וואַרטן אויף אים געטריי חברים, דאָ באַגעגנט מען אים מיט פרייד.

ו

וואָס קען זיין אַ גרעסערע שמחה, ווי די באַפרייאונג פון אַ חבר? זיצט מען צוזאַמען ביי געדעקטע טישן. אין פראָלעטאַרישע שטובן איז ענג, ד'ערפאַר אָבער היימיש. מען גיסט אָן גלעזלעך בראָנפן, עמעץ באַגריסט דעם באַפרייטן און אַלע טרינקען פאַרן געזונט פון אַלע פּאָלי־טישע אַרעסטאַנטן און פאַר דער רעוואָלוציע. צעוואַרעמט פון בראָנפן, נעמט מען זינגען:

לאָמיר טרינקען אַ לחיים טראַלאַ, לאַ, לאַ,
פאַר דעם לעבן, פאַר דעם נייעם טראַלאַ, לאַ, לאַ.

לידער יידישע, פּוילישע און רוסישע זינגען זיך אַרויס טיף פון הארצן און וואַרעם ווערט אויף דער נשמה. נאָר מאַקס ווערט נישט מיט־געריסן מיט דער פריילעכקייט. נאָך צו פריש די טורמע טעג. דער טורמע טרויער ליגט נאָך אין זיינע אויגן. אָבער די חוצפהדיקע מיניע וויל פאַר יעדן פּריַיז אים פריילעך מאַכן. זי לאַכט אים גלייך אין פּנים, שפּילט זיך מיט זיין שוואַרצער טשופּרינע, צום סוף זעצט זי זיך אויף זיינע קני און דערנעענטערט אירע ליפּן צו זיינע. באַרוישט פון דער וואַרעמקייט פון איר קערפּער פון דעם אָטעם פון איר מויל, ווי ער וואָלט אין אַלץ פאַרגעסן, נעמט מאַקס הייס איר קושן. שפּרינגט זי אויף מיט טריומף־אויסגעשריי: „זעט, חברה, ווי איך האָב עס צעוואַרעמט אָט דעם קאַלטן יאַט". און אַלע צעלאַכן זיך פריילעך. לויפט דער אָוונט אין פרייד און געזאַנג שנעל דורך. מאָרגן וואַרט אויף זיי אַרבעט און פליכטן.

אַ שטאַרקע שיסעריי וועקט מאַקסן אויף פון שלאָף. ער לאָזט זיך שנעל אַוועק צו די פּוילישע גאַסן פון וואַנען עס הערן זיך די שיסערייען. דאָ זעט ער פּוילישע זעלנער אויסגעצויגן אויף די גאַסן און שיסן צו אַנדערע פּוילישע זעלנער פון מאַשין־געווער. די אָפיצירן זענען מאָדנע העפלעך צו אַלעמען, ווענדן זיך צו יעדן מיטן טיטל: „בירגער", אַנשטאָט

דעם אָנגעגומענעם טיטל „פּאַן". די גאַסן זען אויס עפּעס גאָר יום־טובדיק. געמט מאַקסן קלאַפּן דאָס האַרץ, און אַ גרויסע האָפענונג פילט אָן זיין נשמה. ווערן די פוילישע גאַסן פול מיט יידישער יוגנט. זייערע אויגן שיינען פון שמחה. ווער ווי זיי, בענקט צו אַ שטורעם, וואָס זאָל אָפּשווענקען די נויט און די שינאה? ווערן די ווענט גלייך באַקלעפּט מיט פּלאַקאַטן און אויפרופן פון די פאַרשידענע פּאַרטייען. די פוילישע סאָציאַליסטן רופן דעם פוילישן פּראָלעטאַריאַט צו שטיצן דעם מאַרשאַל פּילסודסקין אין זיין קאַמף קעגן דער „כיענאַ־פּיאַסט"־רעגירונג. דער לעגיאָנערן־פּאַרבאַנד רופט אַלע פּאַליאַקן צו קעמפן אונטער פּילסודסקיס אָנפירונג קעגן די געזעלשאַפטלעכע גנבים פאַר אַ מאַראַלישער רעוואָלוציע. די קאָמוניסטישע אויפרופן שרייבן: „כאָטש אונדזערע וועגן גייען ווייטער, דאָך רופן מיר דעם פּראָלעטאַריאַט צו שטיצן פּילסודסקין אין זיין קאַמף קעגן דער רעאַקציע". דערווייל דויערט דער קעגנזייטיקער קאַמף צווישן דעם רעגירונגס־מיליטער מיט די מיליטערישע גרופּן פון פּילסודסקין, נאָר די יידישע יוגנט דערפילט זיך ווי אויף אַ פרעמדער חתונה. ווייל וואָס איז דאָס פאַר אַ רעוואָלוציע, אָנגעפירט דורך אָפיצירן? די טורמעס נישט געעפנט, די פּאָליציי נישט צעטריבן? טרייסט זיי אָבער דער צענטראַלקאָמיטעט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, אַז יעדע רעוואָלוציע האָט צוויי עטאַפּן. אָט די „מאַי־איבערקערעניש", דאָס איז דער פוילישער מערץ, נאָך דעם וועט קומען דער פוילישער אָקטאָבער. פּילסודסקי, דאָס איז דער פוילישער קערענסקי, נאָך אים וועלן קומען די פוילישע באָלשעוויקעס. געפינען זיך אָבער אָפּיקורסים, וואָס זאָגן, אַז דער גאַנצער בונט פון פּילסודסקין איז נישט מער ווי אַ קליקע קאַמף פאַר מאַכט. ווערן אַזעלכע אָפּיקורסים אויסגעשלאָסן פון דער באַוועגונג. נאָר גלייך נאָכן זיג, איילט פּילסודסקי אָנצוזאָגן, אַז זיין „רעוואָלוציע" וועט זיין „אָן קאָנסעקווענצן", און זיין ציל איז נאָר צו באַזייטיקן די גנבים פון דער מאַכט מאַכן אַ מאָראַלישע סאַנאַציע און איינשטעלן „רו און אָרדענונג".

צומאָרגנס נאָך דער „מאַי־רעוואָלוציע" פליסט דאָס לעבן ווידער „נאָרמאַל", מיט די זעלבע קריזיסן, אינפלאַציעס, אַרבעטסלאָזיקייט און אַנטי־יידן־העצע. אויפן אָרט פון דער אַלטער רעאַקציאָנערער רעגירונג קומט די דיקטאַטור פון פּילסודסקין און חוץ מיט פאַרשטאַרקטן טעראָר האָט פּילסודסקי מיט גאָרנישט „באַגליקט" דאָס לאַנד. נעמען די שפּיצן פון דער קאָמ. פּאַרטיי זיך וואַשן פון „מאַי־פעלער". די פּאַרטיי שפּאַלט זיך

אויף צוויי גרופּן, וואָס איינע וואַרפט אויף דער צווייטער די שולד פאַר די „מאַי־זינד". יעדע גרופּע האָט איר אָנשפּאַר אין מאָסקווע. אונטער איינער שטייט סטאַלין, אונטער דער צווייטער — בוכאַרין. וואַרפט יעדע גרופּע אויף דער צווייטער די שווערסטע באַשולדיקונגען. שטייען אויך אויף דער יידישער גאַס קעגן זיך צוויי לאַגערן. נעכטיקע חברים ווערן זיך פיינט, געליבטע ווערן זיך שונאים און בערל טשאַפּ שווימט אין דעם ים פון שינאה ווי אויף אַ היימישער חתונה. מיט גרויס פּאַטאָס רעדט ער וועגן די פאַררעטער פון אַרבעטער־קלאַס. ער זאָגט: „די רעכטע אָפּאָרטוניסטן פון וואַרסקיס און קאָסטושעוואָס חדר זענען נישט מער ווי אַן עקספּאָזיטור פון טראָצקיזם, וואָס קייקלט זיך צום אָפּגרונט פון פאַראַט און קאָנטררעוואָלוציע". דער צווייטער לאַגער בלייבט אויך נישט אונטער־שטעליק און קרוינט אירע קעגנער אַלס קאַפּיטולאַנטן און ליקווידאַטאָרן.ביידע גרופּן האַלטן זיך פאַר אויסגעהאַלטענע מאַרקסיסטן־לעניניסטן.

ווער זייעט אָט דעם האַס צווישן אייגענע חברים? נישט אויף די יידישע גאַסן איז די שינאה געבוירן. זי איז אַהער אימפּאָרטירט געוואָרן. די שינאה, וואָס האָט זיך צעפלאַקערט צווישן די שפּיצן פון קאָמינטערן האָט פון וויטן מאָסקווע אָנגעשטעקט די יידישע יוגנט מיט קעגנזייטיקן האַס. די, וואָס זענען געטריי זייער גלויבן נעמען צוזאַמען מיטן האָניק אויך דעם סם.

אינמיטן פון קאַשמאַרן ברודער־קאַמף פאַרגעסן נישט ביידע שפּליטער־גרופּן אין דעם „קלאַסן־שונא", דאָס זענען די מאַסע אָרעמע שוסטערס, שניידערס, סטאָלערס און בעקערס, וואָס „עקספּלאָאַטירן" איינעם אָדער צוויי אַרבעטער און אַליין האָבן זיי זעלטן פון וואָס שבת צו מאַכן. ביי קיין פאָלק פירט זיך נישט אַזאַ פאַרביסענער „קלאַסן־קאַמף" און פּאָליטישער געראַנגל, און ווי געפינט זיך אַזוי פיל פּאַרטייען ווי ביי יידן?

מאַקס פּאָרט איבער שטעט און שטעטלעך און האַלט אומלעגאַלע און האַלב־לעגאַלע רעפעראַטן. ער רעדט וועגן קריזיס, פון קאַפּיטאַליזם, וועגן דער כינעזישער רעוואָלוציע, וועגן ענגלישן אימפּעריאַליזם. ער רעדט אַמאָל אין וואַלד, אין אַ „פּרץ"־ביבליאָטעק, אָדער אין אַ פּראָפעסיאָנעלן פאַראיין. עס קומען אין די שטעטלעך רעדנער פון די פאַרשידנסטע פּאַרטייען. אַ פּועלי־ציוניסט רעדט וועגן אַנטיסעמיטיזם און רופט צו פאָרן קיין פּאַלעסטינע, אַ בונדיסט רופט צו קעמפן אויפן אָרט פאַר רעכט אויף אַרבעט, פאַר יידישער קולטור און שפּראַך. די קאָמוניסטן זענען

אומלעגאַל און טאָרן עפנטלעך נישט האַלטן קיין פּאָליטישע רעדעס, לעגאַליזירן די פּאַלעניצער חברים אַ לעגאַלן רעפּעראַט אויף דער אומשולדיקער טעמע: „די צענטע מוזע". אָבער מאַקס האָט גאָרנישט, וואָס צו זאָגן וועגן די האָליוואודער „חלומות־פאַבריקן", און אַוודאי גאָרנישט וועגן די שיינע פּיס פון גרעטאַ גאַרבאָ, ער רעדט גאָר וועגן דער כינעזישער רעוואָלוציע, וועגן הונגער אין אינדיע, וועגן די שטרייקן אין פּוילן און רופט נאָכצוטאָן דעם ביישפּיל פון דעם רוסישן פּראָלעטאַריאַט. ווען ער ענדיקט זיין רעדע, וואַרטן אויף אים אַ שפּיצעל און פּאָליציאַנט און פירן אים אַוועק אין דער פּאַלעניצער פּאָליצײַ פון וואַנען מען דאַרף אים איבערפירן אין דער וואַרשעווער דעפּענסיווע.

דאָס פּאַלעניצער אַרעסט־הויז איז אַ הילצערנע קליינע געביידע, מיט פאַרקראַטעוועטע פענצטער, באַשטימט פאַר „קליינע פאַרברעכער", וואָס האָבן אַ שטייער נישט באַצאָלט, אָדער אַ קרעמל אין אַ זונטיק געעפנט. נאָר דאָס מאָל איז דאָ פּוסט. זיצט מאַקס אַ טרויעריקער אויף דער הילצערנער נאַרע, אויף דער וואַנט קריכט אַ וואַנץ און מיט אַ גריפל האָט דאָ ווער אָנגעשריבן „דאָ איז אַ האָטעל פון פיין און לייד", אין מיטן פון די טרויעריקע מחשבות עפנט זיך די טיר און דער פּאָליציאַנט דערלאַנגט מאַקסן אַ פּעקל עסן, ברויט מיט ווורשט. ווער זאָרגט דאָס אין אָט דעם פרעמדן שטעטל, ער זאָל נישט הונגערן? נעמט ער עסן מיט גרויס אַפּעטיט און דערשפּירט אין מויל פּאַפּיר. ער שלעפּט אַרויס אַן איינגעוויקלט בריוול, פון וועלכן עס ווערט אים קלאָר אַ גאַנצער פּלאַן פון די פּאַלעניצער חברים אים צו ראַטעווען פון אַרעסט: מאָרגן, זונטיק וועט מען אים נישט אָפּפירן קיין וואַרשע און אין אַרעסט־הויז וועט אויך זונטיק נישט זיין מער ווי איין פּאָליציאַנט, ווילן די חברים דאָס אויסנוצן אין משך פון דער נאַכט אַרויסשלעפּן אַ ביסל טשוועקעס פון די קלאָזעטברעטער, וואָס געפינט זיך אויפן אַרעסט־הויף. דעם צווייטן אָוונט דאַרף מאַקס אין אָוונט אָנקלאַפּן און בעטן מען זאָל אים אַרויסלאָזן אין קלאָזעט. וואַרט מאַקס מיט שפּאַנונג אויף דער מינוט. מיט האַרץ־ציטערניש קלאַפּט ער אָן אין דער טיר. דער פּאָליציאַנט עפנט פויל די טיר, ער ווייסט דאָך, צו וואָס עס קלאַפּט אַן אַרעסטאַנט, לאָזט ער אים גיין אין קלאָזעט, און בלייבט געדולדיק וואַרטן ביז מאַקס וועט זיך צוריקקערן. אָבער מאַקס גיט אין קלאָזעט אַ שטופּ די ברעטער, וועלכע רוקן זיך לייכט אָפּ, ער קריכט אַרויס פון דער צווייטער זייט, שפּרינגט פלינק אַריבער

דעם פּאַרקן. עמעצער שטופּט אים אַריין אין די הענט געלט און אַן אַדרעס פון אַ פּענסיאָנאַט אין אָטוואָצק, און מאַקס נעמט לויפן צווישןביימער און דאַטשעס. ער קריכט איבער פּלויטן, עס באַגלייטן אים דאָס בילן פון הינט. ער לויפט דורך וואַלד און נאַכט, אין דער פרי קומט ער אָן קיין אָטוואָצק און עסט אַ פרישטיק אין אַ פּענסיאָנאַט.

צום ערשטן מאָל איז מאַקס צווישן פּענסיאָנאַטן און דאַטשעס. דאָ געפינען זיך אַ סך לונגען־ און טובערקולאָז־קראַנקע. זיי ווילן פון וואַלד אויסבעטלען נאָך אַ ביסל לעבן. עס זענען פאַראַן צווישן זיי אַזעלכע, וועמענס מאַן פאַרקויפט דאָס לעצטע צו ראַטעווען זיין פרוי פון טויט, און פרויען, וועלכע גייען וואַשן פרעמדע וועש, כדי צו קויפן אַ פּאַמעראַנץ פאַר זייער קראַנקן מאַן. ווייסט דער וואַלד פון אַ סך געטריישאַפט, אָבער אויך פון אַ סך פאַלשקייט און ליגנט.

אין די ווילעס זיצן ווייבער, וועמענס מענער זענען שטאַרק פאַרנומען אין זייערע געשעפטן אין שטאָט און זיי דאָ פּאַשען זיך מיט געזונט־שמאַלץ און רכילות. פרייטיק קומען פון שטאָט די מענער, צעזעצט מען זיך ברייטלעך אויף די וועראַנדעס ביי געשמאַקע מאכלים. ער קלאָגט זיך אויף די שלעכטע געשעפטן און זי אויף איר געזונט. זי דאַרף נעבעך די פרישע לופט ווי דאָס לעבן, ווייל ווער נאָך ווייסט אַזוי גוט איר קרענק ווי זי אַליין? זונטיק פרי צעפאָרן זיך די מענער, בלייבן נאָר פרויען און קינדער. צו טייל פרויען קומען ווייטע „קוזינען" צו געסט. די ווייבער צו וועמען קיינער קומט נישט, זיצן אויף די וועראַנדעס און קוקן נייגעריק נאָך. יעדעס דורכגייענדיקע פּאָרל. אַמאָל נעמען זיך צונויף אַזעלכע ווייבער, איז וועגן וואָס קען מען רעדן אין טונקעלע זומער־אָוונטן ווען די לופט שמעקט מיט שאַרפן סאָסנע־ריח? אַן אָוונט־ווינטל צעוויגט די צווייגן און עס שומען די בלעטער, ווי זיי וואָלטן דערציילט עפּעס אַ סוד. די מאַדאַם שפּיצשנאַבל ווייסט אַ סך סודות פון ווייבערישע זינד נאָר זי האָט נישט ליב קיינעם צו באַרעדן, נאָר פאַר אייגענע שכנטעס מעג זי דערציילן, אַז ווי נאָר צו דער מאַדאַם פויגלנעסט קומט איר „קוזין" פאַר־מאַכן זיך ביי איר גלייך די לאָדנס. און זלאַטע, די געפּאַרבטע בלאָנדינקע, גייט אַלע מאָל מיט אַן אַנדערן מאַן אין וואַלד. אוודאי גייען זיי נישט קלויבן קיין שוואָמען, נאָר וועגן איר איז בעסער צו שווייגן, ווייל די פייגל אין וואַלד זינגען וועגן אירע זינד. וואָס האָבן די מענער זיך צוגעטשעפּעט צו איר ווי די פליגן, עס פעלן דען ווייבער אויף דאַטשע? זי איז גאָר־

נישט אַזוי איי, איי; אַנדערע זענען נאָך זוי שיין ווי זי. זי ווייסט אויך, אַז די מאַדאַם פון דער גרינער ווילֿיע, וואָס רעדט נאָר פויליש, איז רייך דערפון, וואָס איר מאַן מאַכט באַנקראָטן, נאָר קיין קינד, זעט אויס, קען ער נישט מאַכן. אפשר דערפאַר האָט זי זיך צוגעטשעפּעט צו סטעפאַנען, דעם וועכטער, ער זאָל איר ברענגען וואַסער פון ברונעם, נאָכטראָגן דאָס קײשל פון קלייטל. אפשר וויל זי, אַז סטעפאַן זאָל איר אויך העלפן פון דער דאַטשע אַהיימפאָרן מיט אַ בויך?

מאַדאַם פיינקרויט געהערט נישט צו יענע ווייבלעך, וואָס האָבן ליב זיך אַרומצושלעפּן מיט פרעמדע מענער. זי וויל זיך עלטערן מיט איר מאַן ביז הונדערט און צוואַנציק. דער איינציקער מאַן, וואָס קומט צו איר איז דער דאַטשע־שכן, קען זיין ווייב דאָס איר אויך נישט פאַרגינען. מען טאָר גאָר מיט איר מאַן קיין וואָרט נישט אויסרעדן? און אַז ער גיט אַ קוש איז וואָס? איר, דער שכנטע, געפעלט נישט, וואָס זי גייט צופיל אויסגעטאָן אָדער צו וויניק אָנגעטאָן. זאָלן זיך פאַרדעקן די, וואָס האָבן קרומע פוס און איינגעפאַלענע ברוסטן. אים געפעלט זי גאָר אָן די קליידער און ער זאָגט: „אויב מיין ווייב איז אייפערזיכטיק, זאָל זי כאָטש האָבן פאַרוואָס״.

אין איינער אַ ווילֿיע, וווינט דאָס פּאָרל פון הויף פון דער נאָוואָליפּקי: די מיאוסע דאָקטאָרין מיט איר הויכן, שיינעם מאַן. ביידע זענען שוין אַ סך עלטער געוואָרן, שוין נישט מער יענע געפערלעכע סאָציאַליסטן, וואָס האָבן געוואָלט אַראָפּוואַרפן דעם צאַר. היינט איז סאָציאַליזם מער נישט קיין פאַרברעכן. עס זענען דאָ סאָציאַליסטן מיט גראָבע בייכער און שוואַרצע פראַקן. אויך ער איז געוואָרן אַנדערש, פּראַקטישער. אַוועק יענע נאַיווע צייטן פון רעוואָלוציאָנערער ראָמאַנטישקייט. היינט איז ער אַ פּאַרטיי־פירער, נאָר די שוואַכקייט צו די מיידלעך פון דער יוגנט־אָרגאַניזאַציע איז אים פאַרבליבן. זיין פרוי, די דאָקטאָרין, איז שוין דערצו געוווינט, כאָטש איר איז קיינמאָל נישט געפעלן, אַז אַזאַ פּערזענלעכקייט זאָל קושן פּראָסטע שניידערקעס־מיידן. דערצו איז עס גאָרנישט היגיעניש. ווייל מיט יעדן קוש ווערן דורכגעפירט טויזנטער מיקראָבן. אָבער צו דעם וואָס עס דערלויבט זיך פרוי עוואַ קען זי זיך נישט צוגעוווינען. עוואַ איז די פרוי פון זייער בעסטן פריינד, ער איז געווען אַמאָל אַ באַקאַנטער סאָציאַליסט, נאָכדעם, ווי ער איז רייך געוואָרן איז ער אַלץ נאָך געבליבן געטריי דעם סאָציאַליזם. צו פּאַרטיי־זיצונגען האָט ער מער נישט

קייט צייט, דערפֿאַר איז ער מיט געלט קיינמאָל נישט קאַרג און האַלט אַלץ אָן די פֿריינדשאַפֿט מיטן וויכטיקן פֿירער און מיט זיין פֿרוי דער דאָקטאָרין. זיי טרעפֿן זיך אָפֿט צוזאַמען און פֿאָרן אויף דאַטשע צוזאַמען. זיין ווייב, עוואַ, פֿאַרשטייט ווייניק פֿון סאָציאַליזם און פֿון אַלץ אין דער וועלט, האָט זי ליב זיך אַליין און זאָגט זיך קיינמאָל נישט אָפּ פֿון פֿאַרגעניגנס. איר מאַן זאָרגט, אַז איר זאָל קיין זאַך נישט פֿעלן, איר דינסט טוט אַלץ אין שטוב און פֿאַרנעמט זיך מיט אירע צוויי קינדער, איז פֿאַר איר נאַטירלעך, וואָס איר מאַנס בעסטער פֿריינד זאָרגט, אַז איר זאָל נישט זיין לאַנגווייליק. זיין פֿרוי, די דאָקטאָרין, שטערט איר גאָרנישט. זי איז דען נישט איר בעסטע פֿריינדין? זאָל די דאָקטאָרין לייענען ראָמאַנען, זי, עוואַ, האָט נישט ליב קיין פּאַפּירענע ראָמאַנען. זעט די דאָקטאָרין דורך אירע ברילן פֿיל זאַכן און נאָך מער שטעלט זי זיך פֿאָר און אַ וויטיק שטעכט איר ווי מעסערס. אַ וויטיק, וואָס מען קען מיט קיין רעצעפּטן נישט אויסהיילן. זי איז אָבער צו קלוג אַרויסצוווייזן איר אייפֿערזוכט. און ער, צי איז ער דען נישט געטריי זיין ווייב? נאָר מיט איר, זיין לעבן־באַגלייטערין, באַראַט ער זיך אין די וויכטיקסטע פּאַרטיי־ענינים. ער האָט ליב זיין ווייב, אָבער אַנדערש ווי דער פֿרוי פֿון זיין פֿריינד. עס וואָלט דאָך געווען לעכערלעך, ער זאָל זיין אייגענע פֿרוי צערטלען און קושן ווי עווען.

איז מאַקס ווי פֿאַרבלאָנדזשעט אין אַ פֿרעמדע אים וועלט פֿון ליגנט און פֿוסטקייט, פֿון אומלעגאַלע „ליבע" און קאָנספּיראַטיווע טרעפֿונגען אין וואַלד. אָבער מאַקס געהערט צו אַן אַנדערע וועלט, פֿון אַן אַנדערע קאָנספּיראַציע. ער בענקט צו אַן אַנדערע ליבע, מיט וועלכע מען דאַרף זיך נישט שעמען און באַהאַלטן. אים ציט צו זיינע ליבע חברטעס, מיט זיי צו צעשטערן די פֿאַלשקייט פֿון דער בירגערלעכער מאָראַל און ליגנט פֿון פֿאַמיליע־לעבן. מאַקס קען אָבער דערווייל נישט צוריקקערן זיך, ווייל זיין פּאַס איז געבליבן אין דער פּאָלעניצער פּאָליציי. צום גליק האָבן די חברים אין אים נישט פֿאַרגעסן. עס באַווייזט זיך אַ חבר, וואָס שלעפּט אַרויס פֿון זיין בוזעם־קעשענע אַ פּאַס־ביכל, קלעפּט דאָרט אַריין מאַקס פּאָטאָ, קלאַפּט אַרויף אויף דעם אַ שטעמפּל פֿון לובלינער סטאַראָסטע און מאַקס ווי אַ ניי־געבוירענער, מיט אַ נייעם פּאַס און אַ נייעם נאָמען, לאָזט זיך דערווייל אַוועק אין נאָענטסטן שטעטל צו אַ חבר, צו פֿאַרברענגען דאָרט די יום־טוב־טעג.

ביים אַריינגאַנג אין שטעטל שטייט אַ קלויסטער, דערלעבן איז אַ סאַד, אַרומגעצוימט מיט אַ פּאַרקאַן, אַ הייזעריקער הונט בילט אויף יעדן דורכגייער. ווייטער איז אַ קרעטשמע און אַ טריפהנע יאַטקע, וווּ מען פאַרקויפט חזיר־פלייש. פון דאַנען הייבן זיך אָן די שמאָלע יידישע געסלעך, מיט הילצערנע הייזלעך. צו אַ בוים שטייט צוגעבונדן אַ קאָזע און גריזשעט די קאָרע. הינער זוכן מיט די שנאָבלען אין דער ערד און צווישן זיי דרייט זיך אַרום מיט גאווה אַן אַריסטראָקראַט־ישע גאַנדז. פון אָפענע טירן טראָגט זיך דאָס קול פון חדר־יינגלעך, וואָס לערנען חומש. די נישט ברוקירטע וועגן פירן צום פירקאַנטיקן מאַרק. דאָ ביים ברונעם שטייען וועגענער אָן די פערד. איבערן יידישן שטעטל שיינט די זון גלייכ־גילטיק און אַפּאַטיש.

לעבן אין שטעטל יידן: בעלי־עגלות, דאָרפס־גייער, שניידער־לאַטוט־ניקעס, איידעמס אויף קעסט, בעטלער און סתם יידן, וואָס ווייסן אַליין נישט פון וואָס זיי לעבן. טייל יידן קויפן אין דאָרף פּוטער און אייער און פאַרקויפן דעם פּויער שטיוול און פעלצן. אוודאי ווייסן די פּויערים, אַז יידן האָבן דערהרגעט זייער גאָט. זיי ווייסן אָבער אויך, אַז בערל מיט יאַנקלען און אַלע זיי באַקאַנטע יידן זענען שטילע גוטע יידן, די פּויערים האָבן פיינט די יידן אָבער נישט בערלען מיט יאַנקלען. נאָר די דאָר־פישע יוגנט איז פאַרסמט מיט שינאה. זונטיק, אַז זיי קומען אין קלויסטער, דערנאָך אין שענק, פאַרמאַכן יידן די לאָדנס און יידישע מייד־לעך וואָגן זיך נישט אַריבערצוטרעטן די שוועלן פון זייערע שטובן.

זענען יידן אין שטעטל פּראָסטע און פרומע, זיי בעטן גאָט אויף פּרנסה, די קו זאָל זיך קעלבן, און פאַר טעכטער אַ גוטן זיווג. שבת און יום־טוב פאַרגעסן יידן אין אַלע צרות, דאַוונען פרום און זינגען זמירות. איז אַ חתונה אין שטעטל זענען אַלע פריילעך. שטאַרבט ווער, טרויערן אַלע. די יוגנט, ווי נאָר זיי פאַרלאָזן די ישיבות, פאַרקירצן זיי די פּאות און כאַפּן זיך דורשטיק צו דאַרווינען, שפּינאָזאָן און מאַרקסן. זיי ווערן אָנהענגער פון פאַרשידענע „איזמען”. קיין פּאַרטייען פעלן נישט אין שטעטל, נאָר פּרנסה איז שווער צו געפינען. —

ס'איז ראש־השנה, יידן דאַווענען פרום און ווייבער גיסן טרערן איבערן סידור. מאַקס שפּאַצירט מיט דער שטעטלדיקער יוגנט אין אַ שפּעט־זומערדיקן פרימאָרגן. אויף די פעלדער שוין געשניטן די תבואה. אַ ווינטמיל דרייט זיך לאַנגזאַם און פויל. אין דער לופט פליטערן אַרום

פּילקאָליריקע שמעטערלינגען און מאַקס רעדט צו זײַנע חברים וועגן באַנקראָט פון קאַפּיטאַליזם און דער אומפּאַרמײַדלעכקייט פון דער רעוואָ־לוציע. נאָכן שפּאַציר קערט זיך די יוגנט צוריק צו די יום־טובדיקע טישן. מאַקס זיצט ביים טיש פון זיין חבר סרולקעס פאַמיליע. סרולקע אַרבעט אַ גאַנץ יאָר אין וואַרשע, נאָר אויף יום־טוב קומט ער אַהיים אין שטעטל. ער איז יונג, נישט לאַנג אין דער באַוועגונג, קוקט ער אויף מאַקסן מיט אָפּשיי ווי אויף אַ דערפאַרענעם רעוואָלוציאָנער. נאָך דער יום־טוב־סעודה כאַפּן יידן אַ דרעמל און די יוגנט לאָזט זיך אַוועק אין דער פּרץ־ביבליאָטעק פירן וויכוחים, וואָס האָבן נישט קיין סוף. אין שטעטל זענען דאָ פאַנאַטיש־גלויביקע אין די פאַרשידנסטע „איזמען" און אויך גע־שווירענע צוייפלער. אין אָוונט זאַמלט זיך די יוגנט אויף דער וואַרשעווער גאַס. יעדעס שטעטל האָט אַ וואַרשעווער גאַס און אַ שטרעבנדיקע יוגנט. פאַר זיי איז דאָס שטעטל צו ענג. זיי שטיקט דאָ, רייסן זיי זיך צו דער גרויסער שטאָט. פאַרבלאָנדזשען אָפט אין דער ברייטער וועלט, נאָר מיט דער נשמה בלייבן זיי צוגעשמידט צום שטעטל. אין איר נויט און האָפע־נונגלאָזיקייט פאַרמאָגט דאָס שטעטל אַזאַ מאַגנעטישע קראַפט פון וועל־כער עס איז שווער צו אַנטלויפן.

שפּאַצירט מאַקס מיט סרולקען איבער דער וואַרשעווער גאַס פאַר־טיפט אין אַ שמועס. קומט זיי אַנטקעגן אַ פּרעכטיק מיידל, וואָס פירט אַ קאָזע. דוכט זיך מאַקסן, אַז ער האָט ערגעץ געזען אַ בילד פון אַ וווּנ־דערלעך מיידל מיט אַ קאָזע. איר גאַנצע געשטאַלט וועקט פרייד. „דאָס איז גאָלדעלע די אַנאַרכיסטקע" זאָגט אים סרולקע. פון וואַנען אַזאַ פּראַכט אין דעם אָרעמען שטעטל? מאַקס האָט נאָך אין ערגעץ אַזאַ שיינ־קייט נישט געזען. וויל זיך מאַקסן וויסן פון וואַנען קומט אַנאַרכיזם צו אָט דעם פּרעכטיקן מיידל מיט די גוטע אויגן? לאָזט זיי סרולקע איבער און זיי ביידע שפּאַצירן צוזאַמען און רעדן וועגן אַנאַרכיזם. גאָלדעלע איז פאַר פרייהייט און מאַקס פאַר רעוואָלוציאָנערער דיסציפּלין. גאָלדעלע איז קעגן יעדע מין הערשאַפט איבערן מענטש און מאַקס איז פאַר דער דיק־טאַטור פון פּראָלעטאַריאַט. זאָגט מאַקס, אַז צום ערשט דאַרפן די אידעאַ־ליסטן דעראָבערן די מאַכט, כדי צו קענען פאַרווירקלעכן זייער אידעאַל. זאָגט גאָלדעלע, אַז אידעאַליסטן וועלן קיינמאָל נישט באַזיצן די מאַכט, ווייל מיט דער מינוט פון דעראָבערן די מאַכט הערן זיי אויף צו זיין אידעאַ־ליסטן און פאַרוואַנדלען זיך אין הערשער. און יעדע הערשונג, אַלץ איינס,

וואָס פאַראַ נאָמען זי טראָגט, באַדייט אונטערדריקונג. פאַרטיפט אין שמועס קומען בײדע צו אַן אָרעם שמוציק שטיבל פון וואַנען עס הערט זיך דער ריח פון פאַרפוילטע גרינס. אין אָט דעם שמוץ וווינט זי, די פּראַכט.
צי מוזן טאַקע די שענסטע רויזן וואַקסן אויף מיסט?
שלאָפט שוין דאָס שטעטל און בײדע נאָך שפּאַצירן. די לבנה צעלייגט איר שיין איבער די צעבראָכענע דעכער און גאָלדענע זינגט ווי אין זיך:
עס דרעמלט דאָס שטעטל, די לאָדנס פאַרמאַכט,
עס ווינקט צו מיר דאָס גליק אין אַ פינצטערע נאַכט.
אָבער צו מאַקסן ווינקט גאָר נישט דאָס גליק. די מיינונג־פאַרשידנקייט, וואָס האָט מיט צענדליקער יאָרן צוריק זיך אָנגעהויבן צווישן מאַרקסן און באַקונינען, דערלאָזן נישט דאָס גליק צווישן צוויי יונגע נשמות אין אַ קליין שטעטל. און כאָטש מאַקסן ווילט זיך אַזוי שטאַרק אַרומנעמען אָט דאָס זיסע מיידל און אויסקושן איר געשמאַק פּיסקל, דערלויבט אָבער נישט דאָס וואָס טיילט זיי, צו פאַראייניקן זייערע ליפּן. דער אונטערשיד פון מיינונגען דערלאָזט נישט דאָס גליק.
אין וואַרשע קערט זיך מאַקס נאָך נישט צוריק צו אַקטיוּוער אַרבעט. די באַוועגונג גיט אים אַ קורצן אורלויב, ווייל ער ווערט נאָך געזוכט דורך דער דעפּענסיווע און טאָר נישט קומען אין פאַרדעכטיקע קרייזן. אַרבעט מאַקס אַ גאַנצן טאָג אין דער סטאָלערײ אין די אָוונטן פאַרברענגט ער אין ליטעראַריש־קינסטלערישע קרייזן, אין אַ נײַער וועלט מיט אַנדערע ויכוחים. זאָגט עמעץ, אַז קונסט דאַרף אָטעמען מיט לעבן, זיין רעאַליסטיש. אַז מען דאַרף זיך לערנען שרייבן ווי זאָלאַ אין זיין „זשערמינאַל", ווי גאָרקי אין זיין „מוטער". דער שרייבער דאַרף מיט זיין טאַלאַנט דינען דער רעוואָלוציע. טענהט אָבער אַ צווייטער, אַז קונסט דאַרף זיין פריי פון טענדענצן, ווייל ווי קומט פּאָעזיע צו קלאַסן־קאַמף? אַגיטאַציע איז נישט קיין ליטעראַטור, פּלאַקאַטן קיין מאָלערײ. זענען אויך דאָ אַזעלכע, וואָס ווילן מאַכן אַ רעוואָלוציע אין דער קונסט. זיי פּראָקלאַמירן זיך פאַר אָנהענגער פון נײַע „איזמען", דערקלערן קריג דער לאָגיק, דער אינהאַלט איז בײ זיי גאָרנישט, די פאָרעם — אַלץ. קליידן זיך אַזעלכע פּאָעטן גאָר אָריגינעל, פאַרלאָזן זיך לאַנגע האָר ווי בײ פּרויען, האַלטן זיך פאַר נביאים און זוכן באַהויכונג בײ שיינע ווייבלעך. אויב קעמפן, זענען זיי גרייט נאָר אויף די באַריקאַדן פון דער ליבע.
צווישן די מאָלער זענען דאָ גרויסע טאַלאַנטן, זיי זענען אָבער זייער

באַשיידן. נאָר די טאַלאַנטלאָזע טומלען און פּראָקלאַמירן זיך פאַר גאונים וועמען דער הייַנטיקער דור איז ליידער נישט דערוואַקסן צו פאַרשטיין. אויף אַן אויסשטעלונג פון אַזאַ גאון זענען איינגערעמט משונהדיקע פלעקן. איינע באַדייט „דער פּאָעט און זיין מוזע", די צווייטע — „שיר השירים" און „יעקבס חלום". אויב מען זעט נישט קיין מלאכים און נישט קיין לייטער, איז עס נאָר דערפאַר, ווייל אַ קינסטלער זעט אַנדערש פון אַ פּשוטן קליינבירגער. און אַ מאָלער איז נישט עפּעס אַ פאָטאָגראַפיסט. צו זיין מזל קומען אויף אַזעלכע אויסשטעלונגען מאָדערנע ווייבלעך, זיי פאַרשטייען זייער גוט די מאָדערנע קונסט, זיי ווייסן למשל, אַז ווען עס זענען מאָדיש לאַנגע קליידער, וועט אַ בכבודדיקע דאַמע נישט אָנטאָן אַ קורצע יאַקע ווי אַ דינסטמויד. קויפט טאַקע אַזאַ דאַמע אַ מאָדערן בילד, צו מאַכן איר מאַן אַ סורפּריז, זאָל ער זען, וואָס פאַראַ אינטעליגענטע פרוי ער פאַרמאָגט. קומט איר מאַן אַהיים און דערזעט דאָס בילד, שרייט ער אויס: „וואָס פאַראַ פּאַטשקעריי האָסטו עס אויפגעהאַנגען?" יוערט דאָס מאָדערנע ווייבל ברוגז און זאָגט: „וואָס פאַרשטייט אַ לעדער־סוחר אין קונסט?" פרעגט ער, וואָס זי פאַרשטייט אין בילדער? ענטפערט זי אים „איך פאַרשטיי, אַז אַ בילד קאָסט טייער איז עס מסתמא ווערט".

אויך אַ צווייט ווייבל באַשליסט מאַכן איר מאַן אַ סורפּריז, אָבער טאַקע מיט איר אייגענעם פּאָרטרעט, זאָל איר מאַן זען וואָס פאַראַ שיינע פרוי ער האָט. טוט זי אָן איר יום־טוב־קלייד און גייט צום מאָלער, ער זאָל זי מאָלן. דער מאָדערנער מאָלער, ווען ער דערזעט אַ שיין ווייבל ווערט ער גלייך רעאַליסטיש געשטימט און וויל זי מאָלן דווקא נאַקעט. אָבער נישט לייכט איז איבערצוצייגן אַ ווייבל פון אַ סוחר, זי זאָל זיך אויסטון. זי איז דען אַן אויסגעלאַסענע, זי זאָל זיך אויסטון פאַר אַ פרעמדן מאַן? צו וואָס טראָגט דען אַ פרוי קליידער אויב נישט צו פאַרדעקן אַלץ, וואָס עס איז נישט עסטעטיש? דער מאָלער וויל אָבער נישט הערן אירע אַרגומענטן, ווייל וואָס עס איז עסטעטיש ווייסט ער בעסער, און אַ קינסטלער איז ווי אַ דאָקטאָר, אַז ער הייסט זיך אויסטון דאַרף מען אים פאָלגן. דער מאָלער איז געוווינט צו מאָלן נאַקעטע אַקטן און געוווינט צו דערלויבן זיך אַ ביסל מיט זיינע מאָדעלקעס. קומט די מאַדאַם אַהיים פון אים שטאַרק ברוגז. ערשט צומאָרגנס פאַרגייט איר כעס, ווייל וואָס וועט זי אים אָפּטון. אויב זי וועט מער נישט גיין צו אים, ער וועט דען נישט געפינען קיין צווייטע? איז זי ווידער אַוועק זיך לאָזן מאָלן. נאָך חדשים האָט זי

אַהיימגעבראַכט איר מאַן צוויי סורפּריזן, איר פּאָרטרעט און אַ לעבעדיק בילד אין איר בויך.

בלומע שפּילט טעאַטער. אַוועק יענע צייטן ווען זי האָט געשפּילט „בינקע־פּינקע", „ווו נעמט מען אַ חתן?", אָדער „כאַסיע די יתומה". היינט איז בלומע אַ באַוווסטע אַרטיסטקע, דער דירעקטאָר אַליין קומט אין די הינטערקוליסן איר העלפן איבערטאָן און קושט זי אין פּלייצע. אין דער ערשטער ריי זיצט איר נייער פּאַרערער. ער איז פּאַר איר מיט גאָרנישט קאַרג. נאָר זיין ווייב איז נישט צופרידן, אַזאַ יאַכנע דאַרף זיין שטאָלץ, וואָס איר מאַן ליבט זיך אין אַן אַרטיסטקע.

אָבער נישט נאָר אַרטיסטן שפּילן ראָלן, אויך אַנדערע טראָגן מאַסקעס און גרים. דאָס לעבן האָט זיינע אונטערקוליסן. טייל זאָגן, אַז טעאַטער איז אַ שפּיגל פון לעבן, אַנדערע — אַז דאָס לעבן איז אַ טעאַטער. ווער ווייסט צי טעאַטער איז דמיון, אָדער אילוזיע, ווו אַ קאַרליק שפּיל די ראָל פון אַ נאַפּאָלעאָן און אַ ליץ די ראָל פון אַ האַמלעט? און אפשר איז די טעאַטער־סצענע צו ווייזן די הינטערקוליסן פון לעבן און עס גרימירט זיך דער אַקטיאָר, כדי צו ווייזן דעם מענטש אָן גרים? און אויב דאָס לעבן איז געגליכן צו אַ טעאַטער, זענען די מענטשן, סיי די אַרטיסטן, סיי די צו־שויער. איז צו וואָס שרייבט מען ראָמאַנען, דראַמעס און טראַגעדיעס? צו אַנטלויפן פון דער ווירקלעכקייט, אָדער צו בויען זיך אַן אילוזיע? מאַקס וויל אָבער נישט אַנטלויפן פון דער ווירקלעכקייט נאָר זי ענדערן, דערפאַר געהערט ער צו דער יוגנט, וואָס שפּאַנט אַרויס אויף דער לעבנס־בינע, צערוקט די קורטינע און זינגט אויס:

שטייט אויף פּראָלעטאַריער פון וואַרשטאַט און פאַבריק.
שטייט אויף צום קאַמף, קיין טראָט נישט צוריק.

*

אויף די רייכע פּוילישע גאַסן מיט מאַסיווע הייזער שטייען קלויסטערס ווי פעסטונגען, וואָס היטן דעם גלויבן, אַז איבער דער ערד זאָל הערשן דער הימל. רייסן זיך זייער שפּיצן מיטן קרייץ צו די הימלען און טראָגן אַהין די פרומע תפילות פון די אייגנטימערס פון בענק, פאַבריקן און געשעפטן. אויף די גאַסן מיט רייכע געשעפטן און קאַפעען, מיט ברייט צעוואַקסענע אַלטעביימער געפינען זיך די מיניסטעריומס און מלוכה־ביוראָען, ווי איז טויזנטער שופלעדער וואַלגערט זיך דער גורל פון די „קליינע מענטשע־

לעך", וואָס טרייבן אַלע מאַשינען, עלעקטרישע סטאַנציעס, טראַמווייען און באַנען. זענען דאָ די ביוראַליסטקעס שטאַרק פאַרנומען מיט פודרירן זיך די בעקלעך און פלירטעווען דורכן טעלעפאָן. די מיאוסע פון זיי מוזן ווירקלעך עפּעס קענען, נאָר די שיינע אַוואַנסירן שנעל. אַ גרויס געשעע־ניש אין דער ביוראָ איז דאָס באַווייזן זיך פון אַ נייער ביוראַליסטקע. יעדע באַמיט זיך צו טרעפן מיט וועמענס פּראָטעקציע. זי איז געקומען, און וועמענס האַרץ וועט זי פאַנגען? די פריילין זאַשאַ פאַרזיכערט, אַז דאָס איז אַ נייע געליבטע פון פאַן זאַיאַנץ. דאָס וואָס ער איז אַלט מאַכט גאָרנישט אויס, ער וועט איר קויפן אַ פוטער וועט דאָס איר וואַרעמען.

פריילין זאַשעס אַרבעט באַשטייט אין פונאַנדערמראַגן דאָקומענטן צווישן די ביוראָ־צימערן און שרייב־טישלעך, טראָגט זי אויך גערן פונאַנדער פּליאָטקעס און רכילות. שווער זיך פאַרצושטעלן אַ וויכטיקע ביוראָ אָן אַ פריילין זאַשע. אַ דאַנק איר ווייסן אַלע דעם סוד, אַז פאַני העלענאַ האָט הויך אַוואַנסירט, ביי איר מאַן איז זי געווען אַ פּשוטע „אונטער"־אָפיציר און ביי איר נייעם געליבטן איז זי שוין אַן „אונטער"־מאַיאָר. און ווער וואָלט געוווסט, אַז פאַני סטאַכאַ האָט ביי אַ יונגן יידן געקויפט אויף אויסצוצאָלן אַ טעפּיך און זי צאָלט אים די ראַטעס מיט ליבע?... יאָ, די פאַני סטאַכאַ וועט אַפילו פאַרן טייוול צעשפּרייטן אירע פיס, אָבער ווער וואָלט געגלייבט, אַז פאַני אַלאַ וועט צוגנבענען ביי איר אייגענער דינסט דעם קאָכאַנעק (געליבטן)? געשען איז עס אין אַ שיינעם זונטיק־טאָג, ווען די דינסטן זענען פריי אַ ביסל צו פאַרברענגען, באַ־מערקט פאַני אַלאַ אין קיך ביי איר דינסט אַ יונג זעלנערל. פאַרדריסט דאָס איר אויף דער אויסגעלאַסענער דינסט און זי שיקט איר גלייך אין אַפּטייק ברענגען אַ פּראָשעק צו קאָפּ־ווייטיק און ווייל זונטיק זענען נאָר געצײילטע אַפּטייקן אָפן, באַווייזט די מאַדאַם איבערצוציגן דעם זעלנער, אַז זי איז גאָרנישט ערגער פון איר דינסט.

געשעט, אַז אין מיטן די רכילות באַווייזט זיך דער שעף. פאַרשטומען גלייך אַלע מיילער. די ביוראַליסטקעס לאָזן אַראָפּ די קעפּ איבער די שרייב־טישן, אָדער נעמען נערוועז קלאַפּן מיט די פינגער אויף די שרייב־מאַשינען. ווי נאָר ער פאַרשווינדט הייבן זיך ווידער אָן די רכילות. אָט דערציילט אַ פרוי וועגן אַ שניידערין, וואָס נייט אומזיסט קליידער פאַר אירע קליענטקעס. פאַרשטענדלעך, אַז עס געפינען זיך הערן, וואָס צאָלן

פֿאַר די קליידער, אַ דאַמע, וואָס וויל זיין עלעגאַנט אָנגעטאָן, פֿאַרשטייט.
אַז זי דאַרפֿט דערפֿאַר זיך אויך פֿאַר עמעצן אויסטאָן.

אַ נישט קליינע ראָל אין לעבן פֿון דער הויפּטשטאָט שפּילט דער רעס־טאָראַן „פֿאָד סעטקאָן“. דאָ טרינקט די „סמעטענע“ פֿון פּוילן: הויכע מלוכה־לייט, סיים־דעפּוטאַטן, באַנקירן, צושטעלער פֿאַר דער אַרמיי און פּראָפֿעסאָרן. אַרום טישלעך זיצן עלטערע הערן מיט שיכורע אויגן און פּירן רוישיקע געשפּרעכן. ווער עס היצט זיך, אַז פּוילן האָט היסטאָרישע רעכט אויף דאַנציק, אַ צווייטער זידלט די יידן, מאַסאָנען און קאָמוניסטן, אַ דריטער וויל איבערצייגן זיין שכן, אַז אים קומט אַ העכערע ראַנגע, ער האָט דען ווייניק געקעמפֿט פֿאַר פּוילן? אין אַ זייט זיצט אַ קאַפּיטאַן פֿאַר־זונקען אין שיכורע מחשבות: — ווי פּאַסט דאָס פֿאַר אים צו קריכן צו זיין אייגענער דינסט? ער האָט שוין עטלעכע מאָל באַשלאָסן — גענוג. אָבער עפּעס אַ טייוול ליגט אין דער מויד. די אײדעלע פּאַני זאַלעווסקא דערלויבט אים קוים קושן אין האַנט, און אָט די פּרעכטע מויד, טפֿו, אַ חרפּה... זי פֿאַרגעסט, אַז ער איז אַ קאַפּיטאַן.

צו דער הויכער פּוילישער געזעלשאַפֿט האָט דורך מאָדנע וועגן פֿאַרבלאָנדזשעט די פֿריילין וואַנדאַ. זי איז געבוירן געוואָרן, ווייל איר מוטער, די וועשין, האָט נישט געוואָגט אַנטקעגנצושטעלן זיך דעם ווילן פֿון איר מאַנס ברויטגעבער, שמעון דעם סטאָלאַר. ראָמאַנען־שרייבער וואָלטן פֿון איר לעבן געקענט אָנשרייבן אַ סך זייטלעך פֿון אַ בוך. זיי וואָלטן דער העלדין דערלויבט אויסצוּוואַקסן הויך און שיין און וואָלטן נישט געשפּאָרט איר קיין לייד אַלס דינסט ביי קאַפּריזנע מאַדאַמען און זייערע זינדיקע מענער. צום סוף וואָלט דער מחבר רחמנות באַקומען אויף זיין אָרעמער העלדין נעבעך, און באַלוינט זי פֿאַר אַלע ליידן מיט אַ סך גליק. וואַנדאַ איז אָבער נישט קיין העלדין פֿון ראָמאַנען, נאָר פֿון אמתן לעבן און די פֿאַנטאַזיע פֿון אַ ראָמאַנען־שרייבער וואָלט זיך נישט דער־קליבן צום אָפּגרונט פֿון דער ביטערקייט פֿון איר יוגנט. אָבער אַזאַ גליק, וואָס איר, טרעפֿט נאָר אין געשריבענע ראָמאַנען, אין לעבן טרעפֿט דאָס זעלטן, אַז אַן אָרעם מיידל זאָל פֿאַרוואַנדלט ווערן אין אַ דאַמע פֿון דער הויכער געזעלשאַפֿט. געשען איז עס נאָר אַ דאַנק דעם פּוילישן אָפֿיציר, פֿאַן יורעק, וועמען וואַנדאַ האָט געטראָפֿן אַזוי אומגעריכט אין אירע זונטיק־שפּאַצירן אין זאַקסישן גאָרטן.

פֿאַן יורעק איז אויך אַ פּרוכט פֿון אַ זינד, וואָס ס'איז באַגאַנגען אַן

אַלטער דייטשער פֿאַבריקאַנט איבער זיינער אַ פּוילישער אַרבעטערין. דאָס איז געשען אין אַ שטאָט פֿון שלעזיע. דאָרט האָבן געהערשט די דייטשן איבער אַ קליינער מינדערהייט פֿון פּאָליאַקן. נאָך דער מפּלה פֿון די דייטשן און מיטן אַנטשטיין פֿון אומאָפּהענגיקן פּוילן, פֿאַלט אָט די שטאָט, צוזאַמען מיט אַ גרויסן טייל פֿון שלעזיע, אַרונטער דער פּוילישער הערשאַפֿט. פֿאַן יורעק, וואָס האָט געצויגן פֿון פּוילישע ברוסטן איז אויסגעוואַקסן אַ דייטשער פּאַטריאָט, שעמט זיך מיט זיין האַלב־פּוילישער אָפּשטאַמונג און זיין באַליבט לידל איז „דויטשלאַנד, דויטשלאַנד איבער אַללעס". ער גלייבט, וואָס עס זאָגן די דייטשע גענעראַלן, אַז די דייטשע אַרמיי האָט אין דער מלחמה נישט קאַפּיטולירט, נאָר דאָס האָבן די יידן און מאַרקסיסטן אַריינגעשטאָכן אַ מעסער אין רוקן פֿון פֿאָטערלאַנד. ער גלייבט, אַז דייטשלאַנדס רום און גרויסקייט וועט צוריק אויפשטיין. מיט דעם גלויבן שטעלט זיך יורעק צום דינסט פֿון די דייטשע גענעראַלן. זיינע נאַציאָנאַליסטישע געפֿילן און דער לוסט צו מאַכן אַ לייכט לעבן פֿירט אים צו דער באַזונדערער אָפּטיילונג פֿון געהיים־דינסט ביים פֿון דאָס ניי אָרגאַניזירטער רייכסווער, וואָס שיקן אים קיין פּוילן אין זייער דינסט. אַ דאַנק זיין פּוילישער מוטער איז אים נישט שווער אַריינצובאַקומען זיך אין דער פּויליש־פּאַטריאָטישער מיליטערישער אָרגאַניזאַציע „שלעזישע אויפשטענדלער", וווּ ער אַוואַנסירט שנעל צו דער ראַנגע פֿון אַן אָפֿיציר. מיט אָט דער ראַנגע לאָזט ער זיך קיין וואַרשע. שוין אויפֿן וועג שיינט אים דאָס מזל. אין זיין וואַגאָן שנייגט איין אַן אַלטיטשקע מיט אַ קליין וואַליזקעלע. זי קוקט זיך פֿאַרדעכטיק אַרום און דערזעענדיק אַן אָפֿיציר, שעפּטשעט זי אַ צופֿרידענע אויס: „דאַנקען גאָט, וואָס כ׳געפֿין זיך צווישן אָרנטלעכע מענטשן" זי דערציילט דעם פֿאַן יורעק, אַז זי האָט פֿאַרקויפֿט איר ווירטשאַפֿט אונטער טשענסטאָכאָוו. ווייל זי איז שוין צו אַלט און זי פֿאָרט קיין וואַרשע צו אירע צוויי טעכטער, אָפּלעבן די לעצטע פּאָר יאָר און זי פֿירט פֿאַר זיי אין דעם וואַליזקעלע די ירושה. ווי נאָר זי ווערט אַנטשלאָפֿן, שטייגט פֿאַן יורעק אויס אויף דער נאָענטסטער סטאַציע און צוזאַמען מיט זיין וואַליזקע פֿאַרגעסט ער נישט צו נעמען דאָס קליינע וואַליזקעלע פֿון דער אַלטיטשקער.

בראָנפֿן, קאָרטן און פֿרויען עפֿענען פֿאַרן פֿאַן יורעק אַלע טירן צו דער הויכער געזעלשאַפֿט און הויכע מיליטער־לייט. ער באַקענט זיך מיט דער שיינער דינסט וואַנדען, און זי ווערט פֿאַר אים אַ גאַר וויכטיקע קאָרט

אין זיין שפּיל. זי העלפט אים צו דעראָבערן די פריינדשאַפט פון גאַר וויכטיקע פּערזענלעכקייטן, אין דער ערשטער רייע דעם פּולקאָווניק זדאַלסקי, וועלכער האַלט זיך פאַר אַ גרויסן מבין אויף פערד און פרויען.

פּולקאָווניק זדאַלסקי האָט זיין קאַריערע אָנגעהויבן נאָך אין גאַליציע אַלס עסטרייכישער אָפיציר, פּוילישער פּאַטריאָט און פּאַטריאָטישער סאָציאַליסט. זיין סאָציאַליסטיש געוויסן האָט אים נישט געשטערט חתונה צו האָבן מיט דער איינציקער טאָכטער פון אַ רייכן פאַבריקאַנט. דער גביר האָט דווקא געוואָלט אַן אָפיצירל פאַר זיין נישט-נאָרמאַלע טאָכטער. האָט פאַן זדאַלסקי נישט געקאָנט אים אָפּזאָגן, נאָר דערפאַר געפונען טרייסט ביי פאַרשידענע קאָקאָטעס און געצאָלט מיט אַ ברייטער האַנט פאַר געקויפטער ליבע. צום לויב פון זיין שווער דאַרף געזאָגט ווערן, אַז ער האָט געוווסט ווען צו שטאַרבן און איבערגעלאָזט זיין איידעם אַ היפּש פאַרמעגן. דער איידעם איז דערפאַר אים געווען זייער דאַנקבאַר, געשטעלט אים אַ שיינע מצבה, ער האָט נאָר באַדויערט, וואָס דער קלוגער שווער נעמט נישט צו זיך זיין באַליבטע טאָכטער. נאָר דער מלאך-המות האָט, זעט אויס, אין איר אין גאַנצן פאַרגעסן. דאָס פאַרמעגן ברענגט דעם פאַן זדאַלסקי גרויס כבוד אין די פּאַטריאָטיש-„סאָציאַליסטישע" קרייזן, אָבער ערשט אין אומאָפּהענגיקן פּוילן וואַקסט זיין ראָל און נאָך פּילסודסקיס מאָראַלישע רעוואָלוציע באַקומט ער די הויכע ראַנגע פון אַ פּולקאָווניק.

איצט וווינט דער פּולקאָווניק אין וואַרשע אין אַ גרויסער און רייכער דירה אויף דער אַלייע אויאַזדאָווסקע. ער איז געטריי דעם גרויסן מאַרשאַל פון פּוילן און דער פּאַרטיי פון מאָראַלישער סאַנאַציע. אים האָט דער פאַן יורעק געהאַלטן פאַר נייטיק צו שענקען דער יונגער און שיינער וואַנדען, אַלס אַ ווירטין אין זיין רייכער דירה. נאָר פאַן יורעק האָט איר אויפגעקלערט, אַז איר אמתע ראָל וועט דאַרפן זיין צו באַקומען דעם טיטל מאַדאַם פּולקאָווניק און איר צוגעזאָגט נאָכדעם נאָך מער ליב צו האָבן.

דאָס איבערגייין פון דער אָרעמער דירה אויף וואָלנאַשטש, וואָס שמעקט מיטן ריח פון זייף, זויערקייט און נויט, צו דער רייכער דירה פון דעם פּולקאָווניק, וואָס שמעקט מיט טייערן פאַרפום און מיטן גלאַנץ פון רייכטום, איז פאַר וואַנדען ווי פאַר אַן אַרטיסטקע, וואָס ענדערט פּלוצלינג איר ראָל. די פריילין וואַנדע שפּילט אָבער גלענצנדיק איר נייע ראָל אין לעבן. די געכטיקע דינסט פאַרוואַנדלט זיך לייכט אין אַ

מאַדאַם מיט אַלע קאַפּריזן, וואָס זי האָט זיך אויסגעלערנט ביי אירע געווע־זענע מאַדאַמען. זי הערשט איבער איר דינסט און קעכין, איר גאַנצע נקמה פאַר די לייד פון איר יוגנט לאָזט זי אויס צו דער האַלב־נאָרמאַלער פרוי פון דעם פּולקאָווניק, באַליידיקט און דערנידעריקט זי, צווינגט איר זיך צו באַדינען, זי איז דאָך די איינציקע שטערונג פאַר וואַנדען נאָך העכער צו דערהייבן און צו באַקומען דעם טיטל מאַדאַם פּולקאָווניק. נעמט זי צו ביי איר דאָס רייכע צירונג, אַ ירושה פון איר מוטער. און כדי איר צו באַווייזן ווי איבעריק זי איז, רופט זי איר אָפּט אַריין אין שלאָפצימער גראָד ווען זי שלאָפט מיטן פּולקאָווניק. כאָטש דער אַלטער פּולקאָווניק רופט ביי וואַנדען אַרויס עקל, דאָך דעמאָנסטרירט זי אָפן ווי זיין פרוי. פאָרמעל איז דערצו דאָ אַ קליינע שטערונג, דאָס איז זיין נאָך לעבעדיקע פרוי און די קאַטוילישע געזעצן, וואָס בינדט פרוי און מאַן ביזן טויט. אָבער דאָס שטערט נישט וואַנדען צו ווערן די הערשערין און דיקטאַטאָרין אין דער רייכער שטוב. זי הערשט אויך איבערן פּולקאָווניק, שלעפּט פון אים געלט אָן אַ גרענעץ, קליידט זיך ווי די רייכסטע דאַמען, באַפּוצט זיך מיט די טייערסטע צירונג. און ער, איינער פון די הערשער פון פּוילן, איז אין גאַנצן אונטערטעניק צו דער נעכטיקער דינסט, לעבט אין שרעק, אַז זי זאָל אים נישט פאַרלאָזן. און געהאָרכזאַם טראָגט ער אויף זיך דעם שפּאַן פון איר הערשאַפט.

נאָר דעם פאַן יורעק איז וואַנדע געטריי. ער האָט זי אַרויסגעשלעפּט פון דער אָרעמקייט, פון אַ דינסט פאַרוואַנדלט אין אַ רייכער דאַמע. איז זי טאַקע שטענדיק גרייט צו טאָן אַלץ, וואָס ער פאָדערט נאָר פון איר. עס איז גענוג ער זאָל אָנקלינגען, ווען און ווו ער וויל זי טרעפן, און זי איז שוין גרייט צו טאָן זיין ווילן. איז איר אומפאַרשטענדלעך, צו וואָס דאַרף פאַן יורעק זי זאָל זיין די געליבטע פון דעם אַלטן פּולקאָוו־ניק? און צו וואָס פירט ער זי אויף אַזעלכע בעלער, ווו זיינע פריינד, שוין האַלב־שיכורע, דערלויבן זיך צו איר ווי זי וואָלט גאָר געווען זייערס אַ געליבטע, אָדער עפּעס אַ קאָקאָטע? און צו וואָס דאַרף פאַן יורעק זי זאָל זיך טרעפן מיטן מאַיאָר אין האָטעל?

דער מאַיאָר איז אַ קוזין פון פּולקאָווניק זדאַלסקי און טראָגט דעם זעלבן פאַמיליע־נאָמען, נאָר זיין מזל איז אַן אַנדערער. ער האָט נישט פאַרמאָגט קיין רייכן שווער, וואָס זאָל ווערן שטאַרבן. ליידער האָט ער

אויך נישט קיין קראַנקע פרוי נאָר פאַרקערט, זיינע איז אַ געזונט שטיק און פאַרמאָגט אַ פּאָר געליבטע. מיט איינעם פון זיי האָט דער מאַיאָר געהאַט אַ דועל. ביידע האָבן אויסגעשאָסן אין דער לופט. כבוד איז כבוד, נאָר צוליב אַ ווייב איז נישט כדאי צו שטאַרבן. צוליבן דועל איז ער פאַרמשפּט געוואָרן אויף דריי טעג שטוב־אַרעסט, דריי טעג נישט געטרונקען, נישט געשפּילט אין קאָרטן, דערצו האָט זיין ווייב פאַרטריבן דאָס שיינע דינסט־מיידל. איצט פאַרנעמט זיך דער מאַיאָר אין רעזערוו מיט פּאָליטיק. אויף זיין גורל איז אויסגעפאַלן צו ווערן דער וואָרטזאָגער פון דער אָפּאָזיציע און איר טריבון. אין דער ראָל איז ער מצליח געווען... מען רומט זיין רעדנער־טאַלאַנט און די ראַדיקאַלע יוגנט פּילט אויס די זאַלן אויף זיינע אָפּאָזיצ־יאָנעלע רעפעראַטן. אָבער אין מיטן דער נאַכט שלעפּן דעפּענסיווע אַגענטן אַרויס זיינע אָנהענגער פון די בעטן. נאָר איין מאָל איז געשען, אַז אַ פויערים־דעפּוטאַט האָט עפנטלעך אים באַשולדיקט, אַז ער דינט דער דעפּענסיווע, האָבן אָבער זיינע אָנהענגער אויפגעהויבן אַ געוואַלד, אַז דאָס איז אַ פּראָוואָקאַציע מיטן ציל אים צו פאַרמאַכן דאָס מויל, אַז דאָס איז אַ פאַרגוואַלדיקונג פון די דעמאָקראַטישע פרייהייטן, און דעם דעפּוטאַט איז געבליבן נאָר זיך צו אַנטשולדיקן. האַלט דער מאַיאָר ווייטער זיינע ראַדיקאַל־אָפּאָזיציאָנעלע רעדעס און די דעפּענסיווע שלעפּט ווייטער זיינע אָנהענגער ביי נאַכט פון די בעטן.

אַ גוטער פריינד פון פאַן יורעק איז אויך דער פּראָפעסאָר פאַר נאַציאָ־נאַלער עקאָנאָמיע, פאַן סאָלסקי. דער פּראָפעסאָר איז אַ גרויסער טעאָרע־טיקער פון דער שעדלעכקייט פון יידיש־פּאַראַזיטישן קאַפּיטאַל און קעמ־פער פאַר דער נאַציאָנאַלער אומאָפּהענגיקייט פון דער פּוילישער עקאָנאָ־מיק. האָט ער טאַקע זייער פיל אָנהענגער צווישן די נאַציאָנאַלע סטודענטן און פּאַטריאָטישע פּאָליטיקער. אָבער דעם פּראָפעסאָרס יונג ווייבל האָט אַ סך פּאַטריאָטן פון איר שיינקייט. אויך פאַן יורעק איז אַ גרויסער אָנהענגער פון דעם פּראָפעסאָר און אַן אָפטער גאַסט אין שלאָפצימער פון זיין ווייבל. פריילין וואַנדע האָט זיך מיט איר באַפריינדעט אויף די פריילעכע בעלער, פאַרברענגט מיט די זעלבע מענער, ביידע האָבן שותפותדיקע פאַרגעניגנס און שותפותדיקע סודות. דער אַלטער פּראָפעסאָר איז שטאָלץ מיט זיין יונג ווייבל, מיט איר דערפאָלג, מיטן רייכטום און לוקסוס, וואָס וואַקסט אַרום איר, פון די מתנות, וואָס זי באַקומט פון וויכטיקע לייט. און

אַלץ מער וואַקסט איר ווערט אין די אויגן פון דעם פּראָפעסאָר פון נאַציאָ־נאַלער עקאָנאָמיע.

*

ווידער איז מאַקס ביי דער אַקטיווער אַרבעט אין דער באַוועגונג. אין אַן ערב־פרילינג־אָוונט שפּאַנט ער צו דער וואָלסקע גאַס אויף פּאָד־פּונקט. אויף אַ ראָג פון דער גאַס וואַרט שוין סענדער, אַן עלטערער יידישער מאלער־ארבעטער, וועלכער איז נאָך לאַנגע יאָרן פון געטריישאַפט דער־גאַנגען צו די העכסטע פּאַרטיי־שפּיצן. עס קומט אויך אַ הויכער יידישער בחור אין אַ סטודענטיש היטל, וואָס שטעלט זיך פאַר מיטן נאָמען זענעק. איינציקווייז גייען זיי דורך אַן אָרעמען הויף און קומען אַריין אין אַ טונקל צימער, ווו עס זיצט אַן אַלטיטשקע איינגעהויקערט און שיילט קאַרטאָפל. ביי אַ קליין טישל הייבט זיך אָן די ערשטע באַראַטונג פון דער וואַרשעווער יוגנט־קאָמענדאַנטור צום ערשטן מאַי. סענדער געפינט זיך דאָ אַלס פאַר־שטייער פון דער צענטראַלער פּאַרטיי־קאָמענדאַנטור, זענעק אַלס פאַראַנט־וואָרטלעכער פאַר דער פּוילישער גאַס און מאַקס פאַר דער יידישער. דאָס ערשטע גיט סענדער אָפּ אַן אינפאָרמאַציע, וואָס ער האָט באַקומען דירעקט פונעם פאָרשטייער פון קאָמינטערן: דעם קאָמינטערן איז באַוווסט, אַז די וואַרשעווער פּאָליציי האָט באַקומען אַ באַפעל פון דער רעגירונג צו מאַכן אַ בלוט־באָד איבער די וואַרשעווער אַרבעטער אין טאָג פון ערשטן מאַי. דאָס וואָס פאַראַיאָרן איז פאָרגעקומען אין בערלין וועט היי־יאָר פאָרקומען אין וואַרשע. די אינפאָרמאַציע דאַרף בלייבן שטרענג געהיים אַפילו פאַר די העכסטע פּאַרטיי־אינסטאַנצן, בלויז די קאָמענדאַנטור דאַרף דערפון וויסן, ווייל זי דאַרף צוגרייטן גוט־אָרגאַניזירטע און אַפילו באַוואָ־פנטע זעלבשוצן, עס זאָל דער פּאָליציי נישט געלונגען אומבאַשטראָפט צו מאָרדן. זיי דאַרפן אָנטרעפן אויף אַ גוט־אָרגאַניזירטן ווידערשטאַנד. נאָך דער באַראַטונג לאָזט מאַקס זיך אַוועק אין די יידישע גאַסן, צו דער יוגנט אין די פאַראיינען און קלובן, אָרגאַניזירן זעלבשוצן. עס געלינגט אים צו אָרגאַניזירן אַ גרופּע פון אַזעלכע, וואָס באַזיצן אין געהיים רעוואָלווערן. און די אַנדערע באַוואָפענען מיט שטעקנס און קאַלט געווער.

אינעם טאָג פון ערשטן מאַי שטייט מאַקס אויף גאָר פרי. דער ביידע שטיין און צוזאַמען מיט זיי די זעלבשוץ, צו פאַרטיידיקן דעם צוג פון נאָך, וועגענער צעפירן ברויט אין די קראָמען און אַ געשמאַקער ריח פון

פריש געבעקס טראָגט זיך איבער דער גאַס. מאַקס גייט צו דער גרויסער מעטאַל־פאַבריק אויף בעמאַ. אונטער דער פאַבריק טרעפט ער נאָר איינ־צלנע, אָבער שנעל וואַקסט אויס אַ גרויסע מאַסע, וואָס גרייט זיך צום פייערלעכן מאַרש. אָט הייבן זיך גרויסע זייעדע פענער און די מאַסע רירט. עס איז פרי. די רייכע יעראָזאָלימער אַלעע שלאָפט נאָך. די טויערן האַלב פאַרמאַכט. איבער די פענצטער נאָך פאַררוקט די ראָלעטן. נאָר איינציקע בורזשויען קוקן פאַרוואונדערט אויף די מאַרשירנדיקע אַרבעטער. דער צוג מאַרשירט אין געשפּאַנטער שטילקייט. פלוצלינג, ווי פון אונטער דער ערד, וואַקסט אויס אַ פּאָליציי־אָפּטיילונג מיט אויסגעשטרעקטע ביקסן. פאָרויס שפּאַנט אַ קאָמיסאַר, אין האַנט אַ אַנטבלויזטע שווערד און קאָמאַנדירט: איינס... צוויי... לינקס...ביידע מחנות גייען זיך אַנטקעגן. מען זעט שוין דייטלעך די בייזע פּאָליצייאישע פּנימער. אָט באַלד וועט עס זיך אָנהייבן, טראַכט מאַקס. אָבער דאָ געשעט אַ ווונדער. די פּאָליציי־אָפּטיילונג צעטיילט זיך אין צווייען אין אַ שפּאַליער, מאַכנדיק פריי דעם וועג פאַר דעם אַר־בעטער־צוג. מאַקס און זענעק קוקן זיך איבער, פאַרשטייענדיק אויפן ווינק דעם פּאָליצייאישן מאַנעוור, אָנצופאַלן אויפן צוג פון הינטן. בלייבן ביידע שטיין און מיט זיי דער זעלבּ־שוץ, צו פאַרטיידיקן דעם צוג פון הינטן. אָבער קיין זאַך געשעט נישט, די פּאָליציי מאַרשירט ערגעץ אַוועק. זעט אויס זיי גרייטן זיך אָנצופאַלן אויף אַ מער פּאַסיקן פּלאַץ. דערווייל פאַרשווינדט צווישן די מאַרשירנדיקע די געשפּאַנעקייט און זיי זינגען שוין מונטער דעם „אינטערנאַציאָנאַל".

דער צוג מאַרשירט צום אַלגעמיינעם זאַמל־פּונקט, צום פּלאַץ גזשי־באָווסקי. אָבער מאַקס פאַרלאָזט דעם צוג און אײלט שנעל צו די יידישע גאַסן. די מילע, ניזקע, סטאַווקע, סמאָטשע איז פאַרפלייצט מיט אַרבע־טער און מיט אַ ים פון פענער. אַלע פאַראיינען, קלובן און אָרגאַניזאַציעס שטייען אין געשלאָסענע רייען אונטער זייערע פענער אין אַ מוסטערהאַפטער אָרדענונג. ביי יעדער גרופּע אַ זעלבשוץ מיט שטעקנס. אויף אַ באַפעל פון די קאָמענדאַנטן רירט דער ריזיקער אַרבעטער־צוג. אויף לעשנאָ פאַראייניקט זיך דער יידישער צוג מיט דעם פּוילישן. מאַקס מיט זענעקן נעמען צונויף די אַלע זעלבשוץ־גרופּן און אײלן שנעל צום גרויסן פּלאַץ גזשיבאָווסקי, וווּ אַהין עס דאַרפן אַריינשטראָמען די מאַסן אַרבעטער. דער פּלאַץ האָט שוין אַן אַלטע טראַדיציע פון אַרבעטער־קאַמפּן. דאָ איז נאָך אין 1905 פאַרגאָסן געוואָרן אַרבעטער־בלוט. איצט איז דער פּלאַץ

פול מיט פּאָליציי אין פולער קריג־גרייטקייט. איז די איינציקע האָפענונג פאַר מאַקסן די גרויסע וועגענער, וואָס שטייען אויפן פּלאַץ. זיי קענען פאַרוואַנדלט ווערן אין באַריקאַדן און די פיל אייזערנע שטאַבעס, וואָס ליגן צעשפּרייט אין די הייף לעבן די מעטאַל־פאַבריקלעך, זיי קענען דינען פאַר קאַלט געווער. אַט קומט שוין אָן דער קאָפּ פון אַרבעטער־צוג, און באַלד וועט דאָס געשעען. דוכט זיך, אַז דער גאַנצער פּלאַץ שטייט אין נערוועאישער דערוואַרטונג. מען הערט די הילכיקע גזאַנגען און דער פּלאַץ ווערט פול מיט מענטשן און פענער. די וועגענער ווערן פאַר־וואַנדלט אין טריבונעס, עס רעדן רעדנער. די פּאָליציי שוויגט נאָך. די אַרבעטער — גייען זיך פאַנאַנדער, די פּאָליציי שטייט נאָך אַלץ רואיק אויף זייערע ערטער. צו האָט דער קאָמינטערן געהאַט אַ טעות? איז דאָך דאָס געווען דער פרידלעכסטער ערשטער מאַי אין וואַרשע, אין דער גאַנצער געשיכטע פון באַנייטן פּוילן.

צומאָרגנס הויבט זיך אָן אין דער גאַנצער באַוועגונג, אויף די קע־מערלעך און אינסטאַנצן אַ שאַרפע קריטיק קעגן דער קאָמענדאַנטור. מען באַשולדיקט זיי אין אָרגאַניזירן באַוואָפנטע קאַמף־גרופּן, אין אַוואַנטו־ריזם און פּוטשיזם. ווערט טאַקע מאַקס מיט זענעקן גערופן צו אַ פּאַר־טיי־געריכט. נאָכן אויסהערן אַלע שווערע באַשולדיקונגען דערקלערן ביידע, אַז זיי לייקענען גאָרנישט אין אַלץ, וואָס מען וואַרפט זיי גאָר. זיי האָבן טאַקע אָרגאַניזירט באַוואָפנטע גרופּן פון זעלבשוץ, נאָר דאָס אַלץ האָבן זיי געטאָן אין פולער איינקלאַנג מיט די באַקומענע אינסטרוקציעס. רופט זייער דערקלערונג אַרויס נאָך אַ גרעסערן שטורעם. צי איז עס מעגלעך, עס זאָל עמעצער זיי געבן אַזעלכע אינסטרוקציעס? נעמט אַ וואָרט דער פאַרשטייער פון צענטראַל־קאָמיטעט און דערקלערט: „דער צענטראַל־קאָמיטעט האָט קיינמאָל דער קאָמענדאַנטור נישט געגעבן קיין שום אינ־סטרוקציעס צו באַוואָפּענען זעלבשוצן און זי טראָגט נישט קיין שום פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר די מעשים פון דער קאָמענדאַנטור, איך בין אָבער גלייכצייטיק זיכער, אַז די קאָמענדאַנטור האָט נישט געקאָנט טאָן אַזאַ זאַך אויף אייגענער האַנט, דעריבער לייג איך פאָר, אָפּלייגן דאָס געריכט, ביז איך וועל קאָנען געבן גענויע אויפקלערונגען, ווער עס איז אין דעם שולדיק". נאָר דאָס געריכט איז מער נישט גערופן געוואָרן. קיי־נער איז מער נישט באַשולדיקט געוואָרן, די קאָמענדאַנטן האָט קיינער

אויך נישט ריינגעוואַשן. און מאַקס זעצט ווייטער פאָר זיין אַקטיווע אַרבעט. אַרבעט.

אין אַ יידיש שטעטל, הינטער לאָדזש, ווי מענער, פרויען און קינדער שטריקן און שפּאָלן ביז טיף אין דער נאַכט אַריין האָט מאַקס זיך באַקענט מיט רייזלען. זי איז אַ קליינשטעטלדיקע אינטעלעגענטקע, וואָס לערנט קינדער און דערוואַקסענע שרייבן און לייענען. שרייבט פאַר פויערים ביטעס צו פאַרשידענע „אוזשענדן", זי איז די פאַרוואַלטערין פון „פּרץ"־ביבליאָטעק און פירט אָן מיטן אומלעגאַלן פּראָפעסיאָנעלן פאַריין אין דעם שטעטל. האָט צווישן ביידע זיך גלייך איינגעשטעלט אַ פריינדשאַפט. דאָס איז געשען אַזוי פשוט און נאַטירלעך, אָן ראָמאַנטישקייט, אָן דער הילף פון די לבנה־נעכט, אָן ליבע־דערקלערונגען, נאָר פשוט ווי אַ חבר מיט אַ חברטע בינדן זייער לעבן צו דינען בשותפות זייער גלויבן, אַזוי ווי עס זינגט זיך אין לידל:

דערמוטיק שוועסטער צום קאַמף דיין ברודער

ער זאָל אין שלאַכט נאָך דרייסטער זיין.

רייזל כישופט נישט מאַקסן מיט איר שיינקייט ווי יענע נישט פאַר־געסענע רוטקע, זי רייצט אים נישט ווי מאַגדע און ציט נישט צו זיך ווי פרעדע און אַוודאי וואָלט ער גערן געקושט גאָלדעלען די אַנאַרכיסטקע, אָבער זיי אַלע זענען פאַר אים פאַרגאַנגענע חלומות. רייזל איז אַ ווירק־לעכקייט, איר האָט ער דעם מוט צו זאָגן: „קום, לאָמיר צוזאַמען שפּאַנען אין לעבן". רייזל רייצט נישט זיינע געפילן, מאַכט נישט שטאַרקער קלאַפּן זיין האַרץ. זי איז אַ קלוג מיידל מיט גוטע אויגן מיט וועמען עס בינדט אים דער געמיינזאַמער גלויבן. און ביידע מיינען, אַז דאָס איז גענוג, אַז צוויי מענטשן זאָלן בינדן זייער גורל און לעבן צוזאַמען. פאַרלאָזט רייזל דאָס קליינע שטעטל און ביידע דינגען אַ בוידעם־שטיבל אויף דער אָרעמער ניסקע גאַס. ביידע אַרבעטן. ער ביי סטאָלעריי, זי ביי טעקסטיל. די אָוונטן גיבן זיי אָפּ דער באַוועגונג, נאָר אין די שפּעטע נעכט טרעפט מען זיך צוזאַמען.

שווער און אָרעם איז זייער לעבן, נאָר דער חלום פון דער רעוואָלוציע באַשיינט און באַרייכערט זייער אָרעמקייט. וואָס פאַר אַ זין האָט דען אַ לעבן אָן וועלכן ס'איז חלום?

לענדער און יאָרן

גוט איז גוצן צו שפּאַנען איבער דעם שיינעם לענינגראַד. ס'איז פרי. די שטאָט וועקט זיך פון שלאָף. עס פאַרשווינדט דער נעפּל און דעקט אויף פאַר די אויגן די וווּנדערלעכע שטאָט. אויף ניעווסקי־פּראָספּעקט באַווײַזן זיך די ערשטע טראַמווייען, אַרבעטער איילן זיך צו דער אַרבעט און קינדער אין די שולן. עס עפענען זיך די אוניווערמאַגן, עס הויבט זיך אָן דער טאָג פון אַרבעט און שאַפן. דאָס איז די שטאָט, וואָס איז נאָך נעכטן געווען פון דעספּאָטישע צאַרן און העלדן פון דער „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ". דאָ האָבן מאַרשירט אַרבעטער פון די פּעטראָפּאַוולאָווסקע זאַוואָדן בעטן ביים צאַר רחמים און גערעכטיקייט; און דער צאַר האָט באַפוילן זיי מכבד צו זיין מיט קוילן. ווי אַן עדות שטייען די אַלע פּאַלאַצן און צערקוועס. ווען מען גלאָקן האָבן גערופן דעם אָרעמען מוזשיק צו בעטן: „גאָט שיץ דעם צאַר". אין די פּאַלאַצן האָבן גראָזנע צאַרן און זייערע הויף־לייט זיך געבאָדן אין שווילטאָג. די אויסגעלאַסענע קאַטערינאַ די גרויסע, האָט דערשטיקט פּויערים־בונטן, געשיקט בריוו צו פילאָזאָפן און געטיילט אָרדערן די העלדן פון איר שלאָפצימער. ריטערלעכע פּעאָדאַלן האָבן זיך סקאַלעטשעט אויף דועלן פאַרן כבוד פון זייערע אויסגעלאַסענע דאַמען. פראַנצויזישע אַריסטאָקראַטקעס, אַנטלאָפענע פאַר די סאַנקולאָטן, האָבן דאָ מיט זייערע שלאַנקע קערפּערס באַצאָלט פאַר די קאַריערעס פון זייערע מענער און די פּעטלייביקע יחוסדיקע דייטשקעס זענען נישט געבליבן פון זיי אונטערשטעליק. די צאַרין אַליין האָט אַלעמען געדינט אַלסביישפּיל פון אויסגעלאַסנקייט. און דער לעצטער פון דער ראָמאַנאָוו־דינאַסטיע האָט געלאָזט זיך פירן ביי דער נאָז פון דעם הייליקן פּאָפּ,

שאַרלאַטאַן און שפּיאָן ראַספּוטין. דער נעכטיקער פערד־גנב האָט אין נאָמען פון צאַר געהערשט איבער דער ריזיקער מדינה און אויך געווען דעם צאַרס פאַרטרעטער אין דעם שלאָף־צימער פון דער צאַרין. ער איז אויך נישט געווען קאַרג מיט מלוכה־געלטער צו צאָלן די פאַרשידענע פּראָסטיטוטקעס און מתנות פאַר די הויף־דאַמען מיט וועמען דער „היילי־קער" האָט פאַרברענגט אין האָטעל „אַסטאָריאַ". איז געקומען די רעוואָ־לוציע און אַ סוף געמאַכט צום טראָן און צו דער גאַנצער פאַרפוילטער אָרדענונג. נאָך שטייט אין דער נעוואַ דער קרייצער „אַווראָראַ", אַן עדות פון יענע העראָישע טעג.

דער סעקרעטאַר פון לענינגראַדער קאָמסאָמאָל שיקט גוצן אין ז״ פּעטראָפּאַוולאָווסקי זאַוואָדן זיך „פּראָלעטאַריזירן". געפינט זיך שוין גוץ אין אַ רוישיקן צעך צווישן אַ הודזשען פון מאַשינען און דער היץ פון פייער־פּליסיקייט, גוץ איז שטאָלץ מיט זיך, ענדלעך איז ער אַן עכטער פּראָלעטאַריער. ביז איצט האָט ער נישט געפילט דעם טעם פון אַרבעט. אָבער פאַרוואָס שעלטן די אַרבעטער די אַרבעט? זונטיק טרעפט זיך גוץ מיט פּאַוולען, ער איז אינגאַנצן אַנטוישט און בענקט נאָך שטאַרקער צו זיין יידיש מיידל פון וואַרשע. ער דערציילט גוצן, אַז די אַרבעטער אין דעם שוסטער־אַרטעל, וווּ ער אַרבעט, גנבענען די לעדער און פאַרקויפן עס אויף די באַזאַרן. די רעוואָלוציע האָט אָפּגעשווענקט טראַנען זי איז אָבער אוממעכטיק קעגן מענטשלעכן עגאָיזם. גוץ אָבער ווייסט, אַז אויך די זון האָט פלעקן; איז וואָס פאַראַ ווערט האָבן אַלע שאָטן־זייטן אין דער צייט, ווען אַ פאָלק הערשט איבערן גאַנצן רייכטום פון לאַנד? צי איז דאָס ליקווידירן פון קאַפּיטאַליזם, דאָס באַפרייען די אונטערדריקטע פעל־קער נישט וויכטיקער ווי פּאַוועלס בענקשאַפט צו אַ חנעוודיק מיידל?

גוץ באַקומט ליב דעם רוסישן מענטש, די קלוגע געמיטלעכע פּעט־טערס, וואָס רויכערן און שמייכלען אונטער די וואָנצעס, די גוטע באַבוש־קעס, וואָס פאַרלירן נישט דעם געדולד שטייענדיק לאַנגע שעהן אין די רייען אונטער די מאַגאַזינען. יאָ, עס זענען דאָ אַזעלכע, וואָס בענקען צו דער קנעכטשאַפט. אַט קרעכצט אַן אַלטיטשקע: „געווען גוטע צייטן, געווען אַ גאָט, אַ צאַר און פּריצים. די באָלשעוויקעס האָבן פאַרטריבן דעם צאַר און דעם גאָט, נאָר דער טייוול איז געבליבן". „וואָס ביסטו דעמאָלט געווען, אַ פּריציטע? — פרעגט איר גוץ — ניין, געדינט ביי פּריצים". פאַרשטייט גוץ, אַז די רעוואָלוציע האָט געזיגט איבער דער

אַלטער מאַכט, אָבער נישט אין די מענטשלעכע מוחות. דאָך איז גוץ פול מיט גלויבן און דאָס לעבן זעט אים אויס פרייליך, זונטיק אין דער קאָלעקטיווער צוזאַמענווינונג טאַנצן בחורים מיט קראַסאַוויצעס, עמיץ שפּילט אויף אַ האַרמאָשקע און אַלע זינגען:

אַזוי פיל זענען דאָ מיידלעך,
אַזעלכע חנעוודיקע ווי דו.
נאָר פון אַלע ביסטו איינע,
וואָס נעמט צו מיין שלאָף און רו.

אין גיכן באַקומט גוץ אַ באַפעל צו פאָרן קיין מאָסקווע, דאָרט לערנען אין דער פּאַרטיי־שול. גוץ איז אַ זעלנער פון דער רעוואָלוציע, באַפעלט די פּאַרטיי זיך לערנען, נעמט ער גלייך זיך פאַרטיפן אין די טעאָריעס פון היסטאָרישן מאַטעריאַליזם, דיאַלעקטישן מעטאָד. ער לערנט די געשיכטע פון דער אַרבעטער־באַוועגונג. גוץ ווייסט, אַז אין דער פּאַרטיי זענען דאָ פאַרשידענע אָפּאָזיציעס: אַן אַרבעטער־אָפּאָזיציע, טראָצקיסטן, לינקע און רעכטע. טייל זאָגן: אַז די רעוואָלוציע האָט באַזייטיקט דעם קאַפּיטאַליזם נאָר די לוין־אַרבעט, האַנדל, געלט און ספּעקולאַציע איז געבליבן; אַנדערע זאָגן: אַז אויפן אָרט פון צאַרישן טשינאָווניק איז געקומען דער סאָוויעטישער ביוראָקראַט; עס איז ליקווידירט געוואָרן דער צאַריזם, נאָר די פּאָליציי און טורמעס זענען געבליבן. די אָפּאָזיציע האָט נישט קיין צייט — טראַכט גוץ — זיי ווילן פון פּעדאַליזם אַריינשפּרינגען גלייך אין סאָציאַליסטישן גן־עדן. אָבער גוץ באַוואָפנט זיך מיט מאַרקסיסטיש־לעניניסטישן וויסן, מיט באָלשעוויסטישן גייסט. טריי דער פּאַרטיי וועט ער קעמפן קעגן אַלע פּאַרטיי־אָפּאָזיציעס און אָפּנויגן, וואָס זענען ווילד גראָז אויפן פעלד פון דער רעוואָלוציע.

נאָכן ענדיקן די פּאַרטיי־שול ווערט גוץ אָפּגעשיקט קיין כינע, אַלס אינסטרוקטאָר פון „קים" צו דער כינעזישער קאָמ. יוגנט. וואָס קען זיין אַ גרעסערער צוטרוי פון דער פּאַרטיי צו אים? די נייע פליכט מאַכט אים רייפער, די פאַראַנטוואָרטלעכקייט — ערנסטער. ער נעמט מיט שטאָלץ און פלייס אויף זיך די שליחות צו העלפן צעפלאַקערן דאָס פייער פון דער רעוואָלוציע אין ווייטן מזרח. און גוץ פאָרט אַוועק צו אַ ניי אומבאַקאַנט לאַנד.

ווי בילדער אויף אַן עקראַן שווימען פאַר גוצן דורך ברייטע קוקו־

ראָזע־פעלדער, באַמבוק־ביימער, וואָס צעשפּרייטן ברייט זייער שאָטן. דער, וואָס ס׳איז שווער צו וויסן ווו עס ענדיקט זיך און ווו עס הייבט זיך אָן אַ ניי דאָרף. אָט לויפט דורך אַ טייך, אָט הייבן זיך אָן הויכע בערג. די מענטשן דאָ האָבן אַלע, דוכט זיך, דעם זעלבן אויסזען, טראָגן די זעלבע לאַפּטשעס, געפלאָכטענע פון שטרוי, די זעלבע קליידער. נישטאָ, דוכט זיך, קיין איינצלנער מענטש, נאָר אַ הורט־מענטש, וואָס באַוועגט זיך אויף רייז־ און קוקורוזע־פעלדער איבער לאַנדשאַפטן באַפּוצט מיט לעגענדאַרע פּאַגאָדעס. וואָס טוט דאָ גוץ? צי חלומט ער, אָדער ער פאַרט אַריין אין אַ נייעווירקלעכקייט? אַ באַרוישטער פון די איינדרוקן פירט אים דער צוג אַריין קיין שאַנכיי.

ערשט דאָ דערזעט פאַר זיך גוץ אַ וואַלד פון מענטשן. געשטאַלטן אין שמאַטעס, צעטויפגעפרעסטע, פון וועמענס אויגן עס שרייט אַרויס דער הונגער. ס׳איז גענוג — טראַכט גוץ — געבן אָט די מאַסן אַן אידעאָלאָגיע און געווער אין האַנט און זיי וועלן אָפּרוימען דאָס שלעכטע פון דער וועלט. שטראָמען הונגעריקע מאַסן צו די זייד־פאַבריקן, צום פאַרט און צו די פאַבריקן פון יענער זייט טייך וואַנג־פּו. פול זענען די גאַסן מיט אַזעלכע, וואָס האָבן קיין שום באַשעפטיקונג. טאָג־טעגלעך פאַלן מענטשן פון הונגער. טויטע ווערן מאַסנווייז צונויפגעקליבן פון די גאַסן און ערגעץ אַוועקגעפירט. אַ געשטאַנק פון שמוץ, אויסגעמישט מיט ריח פון רייז־וואַסער, וואָס ווערט דאָ פאַרקויפט. אין לייוונטענעביידלעך וווינען שוסטערס מיט זייערע גרויסע פאַמיליעס און פאַרריכטן שיך. אויף די גאַסן וואַלגערן זיך קינדער אָפּגעריסענע און נאַקעטע. אין אַ הילצערנע גע־ביידע מיט באַלקאָנען איז אַ גרויסער זאַל פול מיט בעטן. אַרום אויסגעמאַ־טער־טע, אויסגעדאַרטע נקבות, שטייען לאַנגע רייען מענער. קוליס פון ריקשעס, פאַרט־אַרבעטער און מאַטראָזן, וואָס קומען דאָ קויפן פאַר־וויאַניעטע, ביליקע „ליבע".

דאָך זעלטן געשעעט ביי אָט דעם פאַרשקלאַפטן און הונגעריקן פאָלק גנבות און פאַרברעכנס, ווי מען טרעפט ביי די זאַטע פעלקער. דאָס אַלטע און קלוגע פאָלק פאַרמאָגט עטישע אייגנשאַפטן, וואָס עס האָבן איינ־געפלאַנצט זיינע דענקער און פילאָזאָפן אין משך פון דורות. און זעלטן פאַרמאָגט אַ פאָלק אַזא וווּנדערלעך געטרייע און אידעאַלישע יוגנט, וואָס דערמאָנט אַזוי גוט די יידישע יוגנט פון די אָרעמע געסלעך און קליינע שטעטלעך אין פּוילן. אפשר דערפאַר פילט זיך גוץ צווישן אָט דער יוגנט

אַזוי היימיש? ער באַקומט ליב דאָס פּאָלק מיט געלע פּנימער און שיפּע אויגן. נאָענט ווערן אים זיינע פּראָבלעמען; דער קאַמף קעגן אימפּעריאַליזם, דער אומגליק פון אָפּיום און די קללה פון כינעזישן אלף־בית. אַפילו אַ שושנה געפינט גוץ צווישן זיי. זי איז אַ חנעוודיקע סטודענטקע מיטן נאָמען יאַנג־סונג, וואָס באַטייט, רויז. זי רעדט פראַנצויזיש, וואָס גוץ געדענקט נאָך אַ ביסל פון דער העברעישער גימנאַזיע. שפּאַצירן ביידע איבער דעם לאַבירינט פון שאַנכייער געסלעך און רעדן מיט ליבע וועגן כינעזישן פאָלק און זיינע ליידן. גוץ טרעפט אויך צווישן דער יוגנט אַ יידישע טאָכטער, אַן איינציקע ביי אירע רייכע עלטערן. בשותפות מיט אַ רייכן כינעזער, פאַרמאָגן זיי אַ האַנדלס־הויז, זייער וווינונג איז פול מיט פּאָרצעלאַן און כינעזישער קונסט־אויסאַרבעטונגען. אירע עלטערן זענען אַנטלאָפן פון מאָסקווע פאַר דער רעוואָלוציע און זייער איינציקע טאָכטער וויל ברענגען אַהער די רעוואָלוציע. אין אָט דער יידישער דירה טרעפט זיך אָפּט דער אַקטיוו פון דער כינעזישער קאָם. יוגנט און דיסקוטירן; צי דאָס כינעזישע בירגערטום וועט זיין פעאיק צו באַפרייען כינע פון אויסלענדישע אונטערדריקער? צי דאַרפן די כינעזישע קאָמוניסטן גיין אין שפּאַן פון טשאַן־קיי־שעק, אָדער אַליין ווערן דער העגעמאָן אין קאַמף קעגן אימפּעריאַליזם. און דעם גאָמינדאַן פאַרוואַנדלען אין אַן אמתער פאָלקס־באַוועגונג?

שפּאַצירט אָפט גוץ איבער דער רייכער האַנדלס־גאַס, נאַנקינער־וועג. ביינאַכט בליצן די נעאָן־רעקלאַמעס מיט כינעזישע און לאַטיינישע אויפשריפטן. צווישן זיי זענען אויך דאָ אויפשריפטן קעגן רוחות און שדים. איבער דער גאַס לויפן ריקשעס, מענטשן איינגעשפּאַנטע ווי פערד. אין זעקס־מיליאָניקן שאַנכיי באַנוצן זיך די רייכע מיט אָט דעם ביליקסטן פאַרקער־מיטל אין דער וועלט. די רייכע גאַסן זענען פול מיט האָטעלן, מיט געשעפטן פון צירונג און קונסט־ווערק. עס שפּאַצירן רייכע פרויען מיט קינדער, אויסלענדישע מאַטראָזן מיט כינעזישע פּראָסטיטוטקעס, בייכיקע כינעזער מיט ציגאַרן אין מויל. אין די קאַפעען טאַנצן אויס טענ־צערינס עקזאָטישע טענץ און רייכע כינעזער פירן דאָרט „פילאָזאָפישע" שמועסן, „צי וואָס דאַרפן מיר רעוואָלוציעס? מיר דאַרפן בעסער גוטע רעסטאָראַנען, אַ סך געלט און יונגע פרויען". אויף וויכע מאַטראַצן זיצן יונגע און אַלטע מענער און רויכערן לאַנגע פייקעס. עס בליצן זייערע אויגן, זיי חלומען און זענען גליקלעך. אין צווייטן צימער געפינען זיך די

שוין דערוואַכטע פון אָפּיום, דינער רייבן זייערע לייבער מיט נאַסע האַנ־טעכער. זיי ברעכן און די פּנימער זייערע קוקן אויס נאַריש, ווי זיי וואָלטן באַדויערט דעם פאַרלוירענעם גן־עדן.

פאַר רייכע איז שאַנכיי ווירקלעך אַ גן־עדן. זיי זענען די אַבסאָלוטע הערשער איבער זייערע אַרבעטער, קוליס, דינער, דינסטן און איבער זייערע אייגענע פרויען. אַזאַ רייכער כינעזער האָט אָפּשיי פאַר זיין פרוי, קויפט איר צירונג אָבער תענוג זוכט ער ביי אַנדערע. די רייכע האָבן חוץ זייערע פרויען איינע אָדער עטלעכע געליבטע. אַ פרוי, וואָס איז די איינציקע ביי איר מאַן און זי וויל, אַז ער זאָל נישט פטרן קיין געלט אויף אַנדערע, באַשמירט זי איר יונג דינסטמיידל מיט די פיינסטע בשמים און פירט זי צום געלעגער פון איר אייגענעם מאַן.

שאַנכיי האָט אויך אויסלענדישע קאָנצעסיעס, אַן אינטערנאַציאָנאַלע און אַ פראַנצויזישע. די פרעמדע זענען דאָ די גאַנצע בעלי־בתים. יעדע קאָנצעסיע איז אַ מלוכה פאַר זיך, מיט אַן אייגענער פּאָליציי, אייגענער קאַנאַליזאַציע און קאָמוניקאַציע־מיטלען. דאָ זענען מאָדערנע הייזער־בלאָקן, האָטעלן און קאַבאַרעטן. קאַפּיטאַליסטן און האַנדלס־אַגענטן שליסן דאָ טראַנזאַקציעס און אַרום די פאַרשטייער פון קאַפּיטאַל דרייען זיך מעקלער, וואָס שטעלן זיי צו, עקזאָטישע שיינהייטן; יונגע ״אַפּאַנקעס, מאַלאַיקעס און כינעזערינס פאַר די ביליקסטע פּרייזן. נאָר וויס פרויען־לייב איז דאָ טייער, מען ברענגט זיי אַהער ספּעציעל פון פּאַריז און טשי־קאַגאָ. פאַר שפּעקולאַנטן און אַפעריסטן איז שאַנכיי דאָס פּאַריז פון וויטן מזרח. נאָר זינד קאָסט דאָ פיל ביליקער און אַרבעטס־הענט זענען כמעט אומזיסט. דאָ אַרבעט מען 14 שעה אַ טאָג. קומען אַהער קאַפּיטאַליסטן פון אייראָפּע און אַמעריקע מאַכן געשעפטן און פאַרשפּרייטן סיפיליס. קעגן זיי פירט די כינעזישע יוגנט אַ ביטערן קאַמף, וואָס איז רייך מיט בונטן און אויפשטאַנדן. אַ לאַנגע געשיכטע פון אונטערגרונט, קרבנות און העלדישקייט.

נאָכן טויט פון דעם דאָקטאָר סו־יאַט־סען, דעם גרויסן פאָלקס־פריינד, האָבן אין שפּיץ פון גאָמינדאַן זיך געשטעלט אינטעליגענטישע קאַריעריסטן און באַצאָלטע גענעראַלן. זיי ווילן כינע באַפרייען פון דער אויסלענדישער הערשאַפט, כדי אַליין צו ווערן די אונטערדריקער פון אייגענעם פאָלק. די ראַדיקאַלע יוגנט פאַרשטייט דאָס זייער גוט און גוץ וויסט דאָס פון דער דערפאַרונג אין פּוילן. אָבער אין מאָסקווע וויל מען

נישט, אַז די כינעזישע קאָמוניסטן זאָלן איבעררייסן מיט טשאַן־קיי־שעקן און נישט שפּאַלטן דעם גאָמינדאַן. פון מאָסקווע פאָדערט מען אַ בונד מיט טשאַן־קיי־שעקן. אָבער ער מיט זיינע גענעראַלן ווענדן אַן אַ ווילדן טעראָר קעגן די קאָמוניסטן. זיי דערטרינקען אין בלוט די לינק־גאָמינדאַ־נישע רעפּובליק אין דרום־ און צענטראַל־כינע, נאָר זייער גרעסטער פאַר־ברעכן איז דער בלוט־באָד איבער די קאָמוניסטן אין שאַנכיי. צווישן פיל אַנדערע, ווערט אויך דורך זיי דערמאָרדעט די איידעלע סטודענטקע יונג־סונג, וואָס האָט אַזוי ליב געהאַט איר פאָלק. צוליב אַט דעם טעראָר מוז אויך גוץ פאַרלאָזן כינע. נישט לייכט איז אים צו געזעגענען אַט די וואונדערלעכע יוגנט, וואָס זענען אים געוואָרן אַזוי אייגן. מיט טייל זיך גאָר באַפריינדעט און זיי ליב באַקומען. די כינעזישע יוגנט האָט נאָך נישט געזיגט, אָבער פלאַמען האָבן זיי אָנגעצונדן, וואָס וועלן קיינמאָל נישט פאַרלאָשן ווערן. אַ כינעזיש שפּריך־וואָרט זאָגט, „די מפּלה איז די מוטער פון נצחון". גוץ גלייבט אין דעם נצחון. אזא יוגנט מוז זיגן.

איז ווידער גוץ אויף דער סאָוויעטישער ערד, דער צוג לויפט איבער אומענלעכע פוסטקייטן, איבער טייגעס, טונדרעס און וועלדער אָן אַ סוף. ריטמיש קלאַפּן אונטער אים די רעדער פון דער באַן ווי עפּעס אַ געזאַנג, וואָס באַגלייט אים ביז מאָסקווע.

מיט פרייד באַגעגנט אים מאָסקווע. ווידער גייט ער איבער די באַ־ליבטע גאַסן. עס שמייכלען צו אים די קרעמל־שפּיצן און ערנסט קוקט צו אים דער לענין־מאַוזאָליי. אין אָוונט שמעקן אָנגעגעם די לינדן אין ניעסקוטשני־פּאַרק. פול מיט שפּאַצירנדיקע זענען די גאַסן פון וואָראָווסקי וואָראָט ביז דער גאָרקי. עס לויפן די טראַמווייען, גוץ דערקוויקט זיך מיטן געשמאַקן ברויט־קוואַס און מיט די פּאַרטיזאַנער־לידער פון די צייטן פון בירגער קריג, וואָס טראָגן זיך פון די ראַדיאָ־הילכער. ווי קען ער נישט זיין שטאָלץ מיט מאָסקווע? זי שענקט אים אויך ליבע. ער באַקענט זיך מיט דער שיינער קאַטיען, אַ קראַסאַוויצע, מיט אַ ברייטלעך, סלאַוויש פּנים, אַ קורץ נעזל און ווייסע ציין. וואָס פעלט אים נאָך צו זיין גליקלעך? וואָס נאָך קען ער פאָדערן פון לעבן?

ב

נישט לייכט איז פֿאַר לייבלען די ערשטע טעג אין אַ פרעמד לאַנד, שווער אים אין קיעוו צו באַקומען אַרבעט. איז ער אָפּט אַ הונגעריקער. ערשט ווען עס פֿאַלט אויס דער ערשטער שניי באַקומט לייבל אַרבעט ביי אַפּריינען דעם שניי פון די באַן־רעלסן. קיין גרויס פֿאַרגעניגן איז נישט צו שאַרן שניי אין אַ פראָסט, דערצו ווען מען איז נישט וואַרעם אָנגעטון. נאָר דער באַוווּסטזיין, אַז ער געפינט זיך אין דעם זעלבן לאַנד, וואָס רוטקע שטאַרקט זיין ווילן.

געפונען אַרבעט און געשטילט דעם הונגער, נעמט לייבלען נאָך מער גריזשען די בענקשאַפט צו רוטקען. ער זעט איר אין חלומות, ער טראַכט וועגן איר ביי דער אַרבעט און זוכט פּלענער ווי זי צו געפונען. קומט אים אַ געדאַנק צו גיין אין דער רעדאַקציע פון דער יידישער צייטונג „קיעווער שטערן", אפשר וויסן זיי עפּעס וועגן איר פאָטער, דעם באַ־קאַנטן קאָמוניסט? גייט ער אין אַן אָוונט אַוועק אין דער רעדאַקציע, און דאָ געשעט אַ ווונדער, עמעצער וויזט אים גלייכגילטיק אָן אַ צימער, ווו עס אַרבעט רוטקעס פאָטער. לייבל איז איבערראַשט, ער האָט גע־גרייט זיך צו אַ לאַנג און עקשנותדיקן זוכן און אַזוי לייכט געפונען. רוטקעס פאָטער הערט אים אויס ערנסט און גיט אים געבן זייער אַדרעס. איז לייבל באַפליגלט פון גליק. די שווערע אַרבעט ווערט אים לייכט. דער פראָסט שוין נישט אַזוי בייז און די גאַסן שמייכלען צו אים.

זונטיק לאָזט זיך לייבל גיין צו רוטקען. ער שפּאַנט איבערן קרעש־טשאַטיק. דער פראָסט רייסט אים אין די אויערן און נאָז, אָבער אין אים זינגט די פרייד. די טיר עפנט אים איר מוטער, ער דערקענט גלייך רוטקען. מיט זיין קינסטלערישן אויג באַמערקט ער, אַז די שיינקייט איז געוואַקסן צוזאַמען מיט איר, און ביי דער קערפּערלעכער רייפקייט, האָט איר פּנים נישט פאַרלוירן די קינדישקייט, וואָס פאַרשטאַרקט דעם חן. קורץ דויערט זייער שווייגן. די געמיינזאַמע זכרונות, די שול און קינדער־יאָרן גיט ביידן אַ סך שטאָף צום רעדן. און שוין היימיש, דערציילט לייבל זיין געשיכטע, ווי אַזוי ער איז געקומען אַהער. ער רעדט וועגן זיינע פּלענער אין דער מאַלעריי און וועגן זיין ברודער דודל, וועמען ער וויל טרעפן. ער דערציילט אָבער נישט, וועגן זיינע חלומות און שטרעבונג

זי צו טרעפן. רוטקע הערט אים אויס מיט נייגעריקייט און דרויסן קנאַקט דער פראָסט, ביידע טרינקען טיי פון סאַמאָוואַר און לייבלען איז גוט און וואַרעם אויף דער נשמה. פון דאמלט טרעפן זיך ביידע, שפּאַצירן צוזאַמען איבער די שיינע גאַסן פון קיעוו און לעבן ברעג פון דניעפּר, וואָס ליגט געקאָוועט אין אייז.

אָבער נישט לאַנג דויערט לייבלס גליק. אויף איינעם פון די שפּאַצירן זאָגט רוטקע אים אָן די טרויעריקע פאַר אים ידיעה, אַז איר פאָטער ווערט פון קיעווער „שטערן" איבערגעשיקט אויף אַרבעט אין מינסקער „אָקטיאַ־בער" און די גאַנצע פאַמיליע טראָגט זיך, צוליב דעם, איבער פון קיעוו קיין מינסק. בלייבט לייבל פאַראייניזאַמט אָבער מיטן פעסטן באַשלוס ווידער געפינען זיין גליק, וואָס ער האָט נאָך אַזוי פיל אָנשטרענגונג דערגרייכט. נעמט ער צונויף זיינע אָרעמע מאַנאַטקעס און לאָזט זיך אין וועג קיין מאָסקווע. די וואַגאָנען זענען איבערגעפּאַקט, די צוגן שטייען מער ווי זיי פאָרן. דויערט די רייזע וואָכן. לייבל אַ הונגעריקער און פאַרלייזיקטער דערשלאָגט זיך קוים קיין מאָסקווע. דאָס ערשטע לאָזט ער זיך צו זיין ברודער דודלען.

ער טרעפט דודלען דעם זעלבן פריילעכן און וויציקן ווי אַמאָל. אין דעם שווערן שטיק לעבן, וואָס ער איז דורכגעגאַנגען האָט ער זיין הומאָר נישט פאַרלוירן. ווען דודל איז אַנטלאָפן פון וואַרשע איז ער אָנגעקומען קיין מינסק ווו געהערשט האָבן נאָך דעמאָלט די דייטשן. ווען אַנדערע הונגערן, גיט דודל זיך אָן עצה, האַנדלט, שמוגלט און איז זאַט. ווען די דייטשן פאַרלאָזן מינסק מאַרשירט דאָרט אַריין די רעוואָלוציע, מיט אירע מיטינגען, מיט די „הוראַ"־אויסגעשרייען, מיט „דאַ זדראַווסטוויעט" און „דאָלאָי". דודל האָט ליב דעם גייסט פון דער רעוואָלוציע, אָבער נישט דעם הונגער. די רעוואָלוציע קען אים אָבער קיין ברויט נישט געבן. די באַ־זאַרן ווערן פול מיט אַלטע מעבל, מיט געפעס, מיט פאַרשידענע אַלטוואַרג. אַלץ ווערט דאָ פאַרקויפט, חוץ עסן. מען קען קוים באַקומען סעמיטשקעס פאַר הויכע פרייזן; און עפּעס אַ באַבושקע ברענגט אַרויס הייסע לעפּיאָש־קעס, וואָס ווערן שנעל צעכאַפּט. זיי קאָסטן טייער און צערייצן נאָר דעם אַפּעטיט. די פּויערים ווילן גאָר נישט ברענגען אויף די באַזאַרן. די רעוואָלוציע האָט זיי געגעבן אומזיסט פּריצישע ערד, זיי ווילן אָבער נישט געבן דער רעוואָלוציע אומזיסט קיין ברויט. זיי ווילן שטיוול, וואַ־לענקעס און פּעלצן, נאָר דאָס קען די שטאָט זיי נישט געבן. דודל

האָט נישט ליב צו הונגערן. טוט ער אַלץ, כדי צו שטילן דעם כעס פון זיין מאָגן. ער שטעלט זיך נישט אָפּ פאַר קיין קליינע פאַרברעכנס און גנבות. צוזאַמען מיט בעזפּריזאָרנע קינדער רייסט ער אַרויס פון ווייבערישע קיישלעך די נאָרמע ברויט, וואָס זיי טראָגן פון די מאַגאַזינען, אָדער דעם קאָרגן פרישטיק ביי פאַבריק־מיידלעך אויף דעם וועג צו דער פאַבריק. דער הונגער און נאָך מער די מורה פאַרן הונגער, שטויסט אים צו טאָטן, וועלכע זענען פרעמד זיין ביז־איצטיקער אויפפירונג און דערציאונג. קליינע פאַרברעכנס פירן צו גרעסערע און ער ווערט צו גוט באַקאַנט דער מינסקער מיליץ און מוז אַנטלויפן פון דער שטאָט. קומט אָן קיין מאָסקווע אין אַ גרויסער פאַבריק. איז דודל געבליבן אין דער פאַבריק פשוט דערפאַר, ווייל מ׳קען פון דאַנען שטענדיק עפּעס אַרויסטראָגן און פאַרקויפן אויפן באַזאַר, און אפשר גאָר צוליב די פאַבריק־מיידלעך, מיט וועלכע ער האָט נישט פיינט געהאַט אַ שטיף טאָן. און ווייל ער האָט נישט פאַרלוירן זיין הומאָר ווערט ער באַליבט ביי אַלע אַרבעטער, באַזונדערס ביי די פאַבריק־מיידלעך. ווען דאָס לאַנד פון דער רעוואָלוציע דערפילט אַ גרויסן מאַנגל אין אינזשיניערן און נעמט צווישן די אַרבעטער זוכן קאַנדידאַטן צו ווערן אינזשיניערן, שיקט די פאַבריק אויך דודלען זיך לערנען. קיין סך צייט האָט דאָס לאַנד נישט געהאַט איז טאַקע דודל גאָר שנעל צוריקגעקומען אין דער פאַבריק אַ „פריש־געבאַקענער" אינזשיניער. ווערט זיין דערפאָלג ביי די פאַבריק־מיידלעך נאָך גרעסער. נאָר דעם אינזשיניער דודלען לאָקן מער נישט די פשוטע אַרבעטערינס, אים ציט צו דער יונגער דאָקטאָריז פון מעד.־פונקט". דער טאָכטער פון אַ געוועזענעם יידישן בורזשוי. איר געפעלט נישט די פראַקטיקייט פון דער יונגן אינזשיניער, זי וואַרפט אים פאַר שלעכטע דערציונג, וויניק ראָמאַנטיש, צופיל מאַטעריאַליסטיש, אַז די אַנאַטאָמיע אינטערעסירט אים מער ווי איר נשמה. נאָר די אַלע פאָרווורפן האָבן נישט געשטערט זי זאָל אים געבוירן אַ שיין טעכטערל. טרעפט לייבל זיין ברודער כאָטש שוין אַ דערוואַקסענער, אָבער נאָך אַלץ דער זעלבער שטיפער. פול מיט הומאָר און וויצן. אַזוי אַנדערש פון דעם ערנסטן לייבל. צוויי ברודער — צוויי וועלטן.

מאָסקווע נעמט אויף לייבלען גאָר פריינדלעך. אָפן איז פאַר אים די קונסט־אַקאַדעמיע, ער באַקומט אויך אַ קליינע סטיפּענדיע און ער קען אומגעשטערט זיך ווידמען דער קונסט. מיט פרייד לויפט ער אין דער באַרימטער „טרעטיאַקאָווסקאַיאַ" גאַלעריע, קוקט באַגייסטערט אויף די ביל־

דער פון ריעפּין, רעמבראַנדט, רובינס, וואַן־דיק און אַנדערע. לייבל לערנט און מאָלט. ער באַקומט אָנערקענונג און פריינד. פעלט אים נאָר איין זאַך צו זיין גליק, דאָס איז רוטקע. ער שרייבט איר, וועגן מאָסקווע, וועגן זיין דערפאָלג, וועגן מאָלער און בילדער, נאָר וועגן זיין גרויסע בענקשאַפט צו איר וואָגט ער נישט צו שרייבן. אָבער זי לייענט דאָס אַרויס פון צווישן די שורות.

מיט די געפילן פון צופרידנקייט און בענקשאַפט וואַנדערט אָפט לייבל איבער די גאַסן פון ריזיקן מאָסקווע, אָפט כאַפּט ער זיך אַריין אין דער קאַפע; פּאָר פּאָעטן אויף דעם נאַסטניק־געסל. די ווענט זענען דאָ באַמאָלט מיט פאַרשידענע מאָדערניסטישע און משוגעדיקע צייכענונגען. צווישן פּאָעטן און מאָלער, צווישן פוטוריסטן און קוביסטן פעלן דאָ נישט קיין שפעקולאַנטן, שיכורע סאָלדאַטן און גאַסן־מיידן. מאַיאַקאָווסקי לייענט דאָ זיין פּאָעמע: „דער וואָלקן אין הויזן”. אָבער ווייניק וואָס זיצן דאָ, טראָגן גאַנצן הויזן. מען פירט דאָ הייסע ויכוחים וועגן קונסט און רעוואָלוציע. ווער עס רופט צו ליקווידירן די מוזייען און אַרויסטראָגן די קונסט אויף דער גאַס. די אַלטע קונסט, זאָגן זיי, איז געשאַפן לויטן געשמאַק פון די זאַטע בורזשואַזן. דער פּראָלעטאַריאַט דאַרף אַן אַנדער קונסט, אַנדערע בילדער, אַן אַנדערע פּאָעזיע. די מאָלעריי איז שטאַרק משפּיע אויף דער פּאָעזיע. מאַיאַקאָווסקי אַליין איז אויך אַ מאָלער, געמאָלט אַגיטאַציע־פּלאַקאַטן, פּילט זיך אויך פון זיין פּאָעזיע די שפּראַך פון פּלאַקאַטן. עס קומען אויך פּאָר ערנסטע ויכוחים. עמיץ זאָגט, אַז מען דאַרף געדענקען, אַז דער גאַנצער קאָסמאָס באַשטייט פון צייט און ליניעס, די קונסט טאָר נישט בלייבן אונטערשטעליק פון דער וויסנשאַפט און טעכניק. זי דאַרף שפּאַנען מיט דער צייט, מען טאָר נישט פאַרגעסן אין איינשטיינען און נישט אין דער פערטער דימענזיע. די פּערספּעקטיוו איז נאָר אַן אָפּטישע אילוזיע, וועלכע דאַרף באַזייטיקט ווערן פון בילד. אויך שיינקייט, האַרמאָניע עקזיסטירן נישט אין דער ווירקלעכקייט. נאָר זענען אַן אויסטראַכטעניש פון בורזשואַזע עסטעטן. ענטפערט אַ צווייטער, „אַז די אַלע, וואָס ווילן שאַפן אַן אמתע רעאַליטעט אין דער קונסט, זענען אַמווייטסטן פון יעדער רעאַליטעט. זיי, וואָס רופן צו גיין מיטן גייסט פון דער צייט, שלעפּן צוריק דער קונסט צו די צייטן פון די היעראָגליפן. זיי וואַרפן אָפּ די אַלטע געטער צו דינען דעם נייעם גאָט פון אייזערנע קאָנסטרוקציע, שטאָל און צעמענט. אָבער די קוביסטן וועלן מיט זייערע

געאָמעטרישע פיגורן קיינמאָל נישט פאַראייביקן די בורלאַקעס ביי דער וואָלגע ווי דאָס האָט געטאָן ריעפּין. די, וואָס ווילן פון דער קונסט אויס־וואַרצלען שיינקייט, האַרמאָניע און מעלאָדיע, וועלן שאַפן אַ נייע קונסט פון פּוסטער לאַנגווייליקייט. די רעוואָלוציע, וואָס האָט אַראָפּגעזעצט די דינאַסטיע פון אידיאָטן, דאַרף אָנטון דעם קרוין אויפן קאָפּ פון דער שיינקייט... „איר זענט קעגן ראָמאַנטיזם? צו וואָלט מעגלעך געווען די רעוואָלוציע אָן רעוואָלוציאָנערער ראָמאַנטישקייט? ניין, דער פּראָלע־טאַריאַט וועט קיינמאָל זיך נישט אָפּזאָגן פון פּושקינען און טאָלסטאָיען, כאָטש ביידע זענען געווען גראַפן און פּריצים. נאָר דער פּראָלעטאַריאַט איז דער אמתער יורש פון אַלע שענסטע ווערטן, וואָס זענען געשאַפן געוואָרן אין אַלע דורות".

רעדט מען אין דער קאַפּע וועגן מאָדערנער קונסט און מען פאַרגעסט אויך נישט אין אַ ביסל רכילות. אין באַלעשאָווס פּאַלאַץ זיצט די באַ־רימטע איריש־אַמעריקאַנישע טענצערין, איזאַדאָראַ דונקאַן. די סאָוויעטן האָבן איר געשאָנקען דעם פּאַלאַץ און זי טאַנצט אויס מיט באָרוועסע פיס פאַרן רוסישן פּראָלעטאַריאַט „די רויטע פאָן" און דעם „אינטערנאַציאָנאַל" ביי אירע פיס זיצט דער פּאָעט־כוליגאַן יעסענין. זי קען קיין וואָרט רוסיש, חוץ אַ פּאָר קללות און ער — קיין וואָרט ענגליש. דאָס שטערט אָבער זיי נישט זיך צו ליבן און צו קריגן. דער פּאָעט מוזשיק קען איר נישט מוחל זיין, וואָס אַ סך בורזשועס האָבן געקושט אירע שיינע פיס. ער וויל די גרויסע טענצערין נאָר פאַר זיך אַליין. זי האָט ליב דעם אימפּולסיוון פּאָעט מיט די בלאָנדע האָר און בלויע אויגן, זי האָט אָבער ליב אויך אַנדערע. לייבל, אין דער שטאָט פון הונגער און גרויסע חלומות, צווישן הייסע ויכוחים און מענטשלעכע דראַמעס, אין דעם גרויסן מאָס־קווע, וואָס האָט אַ סך אַלטע און שלעכטע זאַכן צעשטערט, נאָר דאָס נייע נאָך נישט אויפגעבויט. בענקט אַלץ צו זיין טייערער רוטקען.

אַפשר בענקט אויך רוטקע? איר לעבן איז שטענדיק געפלאָסן אין ענגן קרייז פון אירע עלטערן, זיי האָבן די איינציקע טאָכטער אַרומגע־רינגלט מיט זאָרג און מיט ליבע. אָפּגעהיטן פון יעדן צוג־ווינט. מיט זיי האָט רוטקע געוואַנדערט איבער לענדער און שטעט, אין ערגעץ זיך נישט פאַרוואָרצלט, נישט באַוויזן צוצופּאַסן זיך אַ סביבה, נישט געפונען קיין חברטעס און פריינד. די עלטערן זענען איר די נאָענטסטע, דאָך בענקט זי צו עפּעס אַן אייגענע זעלבסשטענדיקע וועלט. זענען איר טייער

די זכרונות פון די קינדער־יאָרן, דאמאָלט איז זי געווען אַרומגערינגלט מיט קינדער און מיט ליבע. זי געדענקט אַלע פון אירע שול־חברטעס און חברים. זי געדענקט גוט מאַקסן מיט זיין שטורמישער נאַטור און טרוי־מישע אויגן. אין קעגנזאַץ צו אים איז לייבל געמיטלעך און סאָליד. לייענט זי מיט אַזוי פיל ליבע לייבלס בריוו און פילט אין איר איינזאַמקייט אַ שטאַרקע בענקשאַפט צו אַ נאָענטן, צו אַ פריינד.

קוים דערוואַרט די זומער־פעריען לאָזט זיך לייבל קיין מינסק צו רוטקען. און ווידער שפּאַצירן זיי שוין ביידע איבער די גאַסן און עס איז אַזוי גוט צו זיין צוזאַמען. ביידע האָבן אַזוי פיל זיך צו דערציילן. לויפן שנעל די טעג גליקלעכע, נאָר דער געדאַנק וועגן צעשיידונג פאַרנעפּלט זייער גליק.

עס זענען טעג זומערדיקע מיט רייפע פרוכט. די אָוונטן מיט לינדע ווינטלעך און פּרעכטיקע ווייסרוסישע אָוונטן. שטי־פערישע ווינטלעך צע־וויגן די צווייגן פון יונגע בעריאָזעס און קאַשטן־ביימער, און די גרויסע פריינדשאַפט צעוואַרעמט די הערצער פון צוויי יונגע מענטשן, וועלכע הויבן אָן נאָר וואָס רייף ווערן, אין די וועלט מאָלט זיך זיי אַ גליקלעכע און אַ גוטע.

אין אַ שפּעטן זומער־פרימאָרגן לאָזט זיך לייבל אַ גליקלעכער אַליין אונטער דער שטאָט, צום טייך, דאָרט מאָלן אַ ווייסרוסישן פרימאָרגן. די מאָלעריי איז לייבלס צווייטע געליבטע און אויך איר קען ער נישט פאַר־נאַכלעסיקן. צעלייגט לייבל זיין רייז־ברעט, צעמישט די פאַרבן אויף דער פּאַלעטע און מאָלט. זיין גאַנצער חוש איז פאַרטאָן אין צופּאַסן די ריכ־טיקע קאָלירן. די זון הויבט זיך העכער. אירע שטראַלן שפּילן זיך אין טייך און לייבל מאָלט אַלץ. פּלוצלונג דערהערט זיך אַ שרעקלעך געשריי און אַ פאַרצווייפלטער רוף נאָך הילף. נעמט לייבל אינסטינקטיוו לויפן צום טייך, צו דער גרופּע קינדער, וואָס באָדן זיך אין קינד טרינקט זיך און די איבעריקע רופן נאָך הילף. גאָרנישט טראַכטנדיק שפּרינגט לייבל אַרייך אין וואַסער. ער שלעפּט שוין דעם קערפּער פון אַ יונגעלע און די קינדער קומען אים צו הילף. ער זעט ווי זיי שלעפּן זייער חבר אַרויס אויפן ברעג, נאָר ער אַליין קען צום ברעג נישט דערגרייכן. דער שטראָם שלעפּט אים צוריק. דער וואַסער־ווירבל ציט אים אין איר טיפעניש. ער ראַנגלט זיך מיט אַלע כוחות, אים ווילט זיך אַזוי שטאַרק לעבן. עס ווערט אים אָבער שוואַרץ אין די אויגן, די גאַנצע וועלט גייט אים אונטער.

אַזוי איז פֿאַרלאָשן געוואָרן אַ יונג לעבן, גראַד ווען עס האָט דער־גרייכט איר העכסטן ציל. אויפֿן ברעג איז געבליבן אַ נישט־פֿאַרענדיקט בילד און וואַסער אַ נישט־פֿאַרענדיקט לעבן. פֿאַר רוטקען איז לייבלס טויט אַ שרעקלעכער קלאַפּ. צו איר איז ער געקומען זוכן ליבע און געפֿונען דעם טויט, פֿייניקט איר דער ווייטיק און דאָס געוויסן, ווי זי וואָלט געווען שולדיק אין זיין טויט. ווידער איז רוטקע איינזאַם, פֿאַרלוירן אַזאַ נאָענטן פֿריינד. פֿאַרוואָס קומט דאָס איר?

ג

אַ קליין געשעעניש האָט אַ סוף געמאַכט צו מאַקס ביז־איצטיקן אַרט לעבן. ווער קען גלויבן, אַז דאָס איז געשען צוליב אַ נישטיק־לעכערלעכע געשיכטע? צוליב אַ חבר מיעטעק פֿון אַ הויכער אינסטאַנץ, וועלכער האָט אַריינגעזעצט אין מוראַנאָווער קרייז־קאָמיטעט אַ מיידל וועמען ער האָט ליב געהאַט. נאָר די פּשוטע קעמערל־מיטגלידער האָבן גלייך באַמערקט אַז זי איז אין גאַנצן נישט פֿעיק און פּאַסט נישט צו אַזאַ וויכטיקן אַמט און אויסגעדריקט אָפֿן זייער אומצופֿרידנקייט מיט איר. אויך מאַקס — געטריי דער באַוועגונג — איז שאַרף אַרויסגעטראָטן קעגן באַזעצן אינ־סטאַנצן רעכנדיק זיך מיט פּערזענלעכע סימפּאַטיעס. אָבער אין זיין ליבע צו אָט דעם מיידל, האָט מיעטעק זי געהאַלטן פֿאַר די פֿעיקסטע און יעדן אַרויסטריט קעגן איר באַטראַכט ווי עפּעס אַן אָרגאַניזירטער קאַמף קעגן די אינסטאַנצן פֿון דער באַוועגונג. אין מאַקסן האָט ער דערפֿאַר געזען אַ העצער, וואָס רייסט אַרונטער דעם אויטאָריטעט פֿון דער באַווע־גונג. פֿאַקטיש האָט מיעטעק מיט זיין נישט קלוגער האַנדלונג אַליין אונ־טערגעריסן זיך און די אינסטאַנצן און מאַקס איז צוליב זיין גערעכטער־שטעלונג נאָך מער באַליבט געוואָרן. די הויכע אינסטאַנצן, זענען אָפּגע־ריסן פֿון די פּשוטע קעמערל־מיטגלידער איז לייכט מיעטעקן זיי צו איבערצייגן, אַז אין דעם גאַנצן סיכסוך אויף מוראַנאָוו האַנדלט זיך נישט וועגן עפּעס אַ חנעוודיק מיידל נאָר וועגן אַ פּאָליטישע אָפּאָזיציע אָנגע־פֿירט פֿון מאַקסן. ער דערמאָנט מאַקסנס חטא אַלס קאָמענדאַנט פֿון

ערשטן מאי און שרייבט אים צו אַנאַרכיסטישע טענדענצן. אַזוי האָט עס זיך די לעכערלעכע געשיכטע צוליב אַ שיין מיידל פּאַרוואַנדלט אין אַ פּאָליטישן שטרייט, און צעפּלאַקערט די געמיטער. גראָד דאַמאָלט הויבט זיך אָן ערגעץ אין אויסלאַנד דער צווייטער צוזאַמענפאָר פון דער קאָמ. יוגנט אין פּוילן. —ווערט דאָרט אין דעם באַריכט פון וואַרשע דער־ציילט וועגן אָט דער געשעעניש אויף מוראַנאָוו, און וועגן דער „אָפּאָזיציע" אָנגעפירט דורך מאַקסן. איז ווער וועט אויף אַזאַ ערנסטע קאָנפערענץ גלויבן, אין געשיכטע פון אַ מיידל, צוליב וועלכע עס האָט זיך צעפּלאַ־קערט אַ שטרייט. מיעטעק ווייסט דערפון. אָבער וויכטיקע מענטשן, אַז זיי טוען אָפּ אַ נאַרישקייט, פּאַסט זיי זיך נישט צוריקצוציען, און כדי צו פאַרדעקן די לעכערלעכקייט פון זייער טאַט, טוען זיי אָן אויף זיך אַן ערנסט פּנים, וואַרפן די שולד אַרויף אויף אַנדערע און מאַכן פון גאַנצן ענין אַ גאַר ערנסטע געשעעניש. אויף אָט דער קאָנפערענץ איז אויך אָנוועזנדיק דער סעקרעטאַר פון קאָמינטערן מאַנואילסקי. דער אַלטער איז אין אַ גוטער שטימונג, זיין רעדע איז דורכגעפלאָכטן מיט אַ סך הומאָר, אָבער ווען ער קומט צום ענין מאַקס ווערט ער פול מיט צאָרן. דער מייסטער פון טעאָריעס שאַפט אויפן אָרט אַ טעאָריע, אַז דער „מאַקסיזם" איז אַן אַנטימאַרקסיסטישע און אַנטילעניניסטישע, קליינביר־גערלעכער אָפּנויג, און קומט אַלס רעזולטאַט דערפון, וואָס די יידישע אַרבעטער אַרבעטן אין קליינע וואַרשטאַטן און זענען דערפאַר אָנגעשטעקט מיט אַ קליינבירגערלעכער פּסיכאָלאָגיע. דערפאַר איז דער „מאַקסיזם" אַ שעדלעכע טראָצקיסטיש־אָפּאָרטוניסטישע אָפּאָזיציע, וועלכע מען דאַרף גלייך אויסראָטן אין דער באַוועגונג. נאָך אַזאַ אויטאָראַטיווער טעאָריע איז דעם צוזאַמענפאָר געבליבן נאָר אויסשליסן מאַקסן, נישט אויסהערנ־דיק אים, געשטיצט זיך נאָר אויף דעם באַריכט פון מיעטעקן.

נאָכן באַשלוס פון צוזאַמענפאָר געפינט זיך נישט קיינער, ווער עס זאָל זיך שטעלן אין שוץ פון מאַקסן. אַפילו די נאָענטסטע שאַקלען זיך אָפּ פון אים ווי פון אַ פאַררעטער. די, וואָס האָבן נעכטן געגלויבט אין זיינע העלדישקייטן, — וועלכע ער איז נישט באַגאַנגען — גלויבן איצט אין די אַלע חטאים, וואָס מען שרייב אים צו. די איינציקע, וואָס בלייבט אים געטריי איז רייזל. בלייבט אים נישט קיין אַנדערער אויסוועג נאָר מיט רייזלען זיך אַוועקצולאָזן קיין פּאַריז, כדי דאָרטן פאָרצוזעצן די אַרבעט אין דער באַוועגונג. עס קומט אים גאָרנישט אין זין, אַז ער קען זיך געפונען

אויסער איר. ער שטעלט זיך נישט פאַר אַן אַנדער לעבן, ווייל וואָס פאַראַ זין וואָלט עס געהאַט? דער פּחד פאַר איינזאַמקייט און אומטעטיקייט טרייבט אים צו זוכן אַ וועג צוריק צו דער באַוועגונג, אין אַ צווייט לאַנד, דאָרט ווייטער דינען טריי דער רעוואָלוציע. נעמען ביידע שפּאָרן געלט אויף דער נסיעה. דערעסן נישט און שפּאָרן.

אין אַ געוויסן טאָג לאָזן זיך ביידע צו דער דייטשער גרענעץ. די באַן פירט זיי צו דער גרענעץ־סטאַציע נאָך קאַטאָוויץ. דאָ מישן זיך ביידע אויס מיט די דאָרטיקע דייטשן וואָס גייען אומגעשטערט איבער דער גרענעץ און צוזאַמען מיט זיי געפונען זיי זיך שוין אויף דער צווייטער זייט. זיי זעצן זיך אַריין אין דער עלעקטרישער באַן, וואָס פירט זיי אַוועק קיין בויטן און פון דאַנען קיין בערלין. אונטער ברעסלאַו קומט אין צוג אַריין אַ דייטשישער שוץ־מאַן קאָנטראָלירן די פּעסער. מאַקס ווייזט אים מיט אַזאַ זיכערקייט זיינעם און רייזלס פּוילישן פּאַס, אַז אים פּאַלט גאָרנישט איין, אַז דאָס זענען נישט־כשרע פּאַסאַזשירן און באַמערקט גאָרנישט די פרעמדע פּעסער. אין בערלין עסן זיי אָפּ אַ ביליקע געמיזע־זופּ אין אַ ביליקן רעסטאָראַן און לאָזן זיך מיט אַ צווייטן צוג גלייך קיין אַאַכען צו דער בעלגישער גרענעץ. מאַקס האָט אַן אַדרעס צו אַ שמוגלער אין אַאַכען. ער פירט זיי ביינאַכט אַוועק מיט זיין מאַשין אונטער דער שטאָט צו אַ בית־הקברות. אַן אַלטער דייטש עפנט אַ טירל און פירט זיי איבער שמאָלע סטעזשקעס צווישן מצבות. פון דאַנען קומען זיי אַריין אין אַ שיטער וועלדל און גיין ביז צו אַ קרעטשמע. דאָ זיצן דייטשע אַרבעטער ביי ליידיקע קופלעס ביר און דרעמלען. זעצן זיי זיך אויכעט אַוועק ביי אַ טישל און וואַרטן ביז עס באַווייזט זיך אַ לאַסט־אויטאָ מיט קאַסטנס ביר. דער שמוגלער האַנדלט עפּעס אונטער מיטן שאָפער פון דעם אויטאָ און נאָך דעם ווי דער לייגט אָפּ אַ פּאָר קאַסטנס ביר זעצט מאַקס מיט רייזלען זיך אַריין אין גרויסן לאַסט־אויטאָ מיט קאַסטנס פון ליידיקע פלעשער, וואָס פירט זיי אַוועק ערגעץ אין מיטן דער נאַכט. פאַרטאָג געפונען זיי שוין זיך אין בעלגיע. פון דער גרענעץ־שטאָט ליעזש לאָזן זיי זיך שוין אַליין מיט דער באַן קיין בריסעל. מער האָבן זיי נישט קיין געלט, ווייטער צו פאָרן, און זיי בלייבן שטעקן אין דער הויפּטשטאָט פון בעלגיע. צום גליק האָט רייזל אין בריסעל רייכע קרובים, גייען ביידע אַוועק צו זיי. די קרובים דינגען פאַר זיי אַ ביליק מעבלירטע מאַנ־

סאַרדע־צימער און שאַפן אַרבעט פאַר מאַקסן, ביי אַ סטאָלער פון ראַדיאָ־קעסטלעך.

אין די אָוונטן נאָך דער אַרבעט לאָזן זיך בײדע אַרויס איבער דער שטילער און סימפּאַטישער שטאָט. מיטן בולוואַר אַנסבאַך לאָזן זיי זיך צום באַמאַרשע, און וואַנדערן איבער די רייכע גאַסן ביז צום גראַנד־פּאַלאַס און קעניגלעכן שלאָס. אַ צווייט מאָל לאָזן זיי זיך אַוועק צו די אָרעמע פלעמישע געסלעך מיט באַזאַרן פון גרינס און אויבסט. דאָ איז יעדע שטוב אויסגעמאָלט מיט קונסט־ווערק פון די אומבאַקאַנטע פּשוטע פלע־מער, באַגאַבטע מאָלער. אויף די באַזאַרן און געוועלבער זיצן דיקלעכע פלעמישע ווייבער און דערציילן זיך עפּעס און מאַקסן דוכט זיך, אַז דאָס דערציילן באַרעדעוודיקע יידישע ווייבער רכילות. עס זענען אוי־דאָ אָרעמע וואַלאָנישע גאַסן ווי מען רעדט פראַנצויזיש. דאָ אין די קאַ־פּעען זיצן אויך איטאַליענער, אַנטלאָפענע פון הונגער און פאַשיזם. אַמאָל שפּילט אַן איטאַליענער אויף אַ קאַטאַרינקע און זיינע אַ טאָכטער נעמט צונויף נדבות. אין אַנדערע קאַפּעען זיצן יידן אַנטלאָפענע פון הונגער און שינאה, געקומען אַהער זוכן גליקן און געפונען דאָ אַ שווער לעבן, אָן האָפענונגען. זיצן טייל דאָ צייטווייליק שוין לאַנגע יאָרן, בענקען צו דער אַלטער היים און חלומען וועגן נייע ווייטע לענדער. די, וועמען עס איז געלונגען רייך צו ווערן, ווילן נאָך רייכער ווערן און זענען אויך נישט צופרידן.

אָט איז די קאַפּע — ווייזט מען אָן מאַקסן — ווי עס איז אַמאָל געזעסן דער פּאָליטישער עמיגראַנט קאַרל מאַרקס און געשריבן זיינע רעוואָלוציאָנער־ע מאמוארן. היינט איז סאָציאַליזם אַ בכובדיקע באַוועגונג, אירע פירער זענען מיניסטאָרן און דיפּלאָמאַטן. אויך די קאָמוניסטישע פּאַרטיי איז דאָ לעגאַל. צווישן בעלגיער זענען נישטאָ קיין קאָמוניסטן, נאָר צווישן איטאַליענישע, יידישע און פּוילישע עמיגראַנטן. זונטיק טאַנצט מען הויז פון די קאָמוניסטן אַ טאַנגאָ אונטער די בילדער פון מאַרקס און לענין.

מאַקס מיט רייזלען קומען אַהיים שפּעט פון שפּאַציר, זיי טרעפן נאָך זייער יידישע בעלי־בתים ביי דער אַרבעט. זיי קלעפּן דאַמען־טאַשן, זייערע אויגן זענען מיד און פאַרשלאָפן. זיי באַקלאָגן זיך, אַז זיי מוזן נעבעך שווער אַרבעטן, אַליין די טאַשן באַצירן, קאָמיסיאָנען (איינקויפן) מאַכן, און די צימערן גאַרנירן (רוימען). צו וואָס קלעפּן זיי טאָג און נאַכט אַ טאַש

צו אַ טאַש, זאַמלען אַ פראַנק צו אַ פראַנק, זיי זענען דאָך שוין געגוג רייך און קיין קינדער האָבן זיי נישט? פאַרוואָס געניסן זיי נישט פון לעבן? מאַקס מיט רייזלען פאַרמאָגן גאָרנישט און קלאָגן זיך נישט פאַר קיינעם. זיי איז גוט אין דער קליינער מאַנסאַרדע. ליגנדיק אין בעט זעען זיי דורכן דאַך־פענצטער די שטערן. די קעץ אויפן דאַך מיאַוקען אויס זייערע ליבע־סערענאַדעס און די לבנה וואַכט איבער זייער חלום.

פליסן טעג און וואָכן ביז זיי זאַמלען אָן אַ ביסל געלט צו לאָזן זיך אין דעם ווייטערדיקן וועג קיין פּאַריז. זיי קומען אָן אין דער ריזיקער שטאָט און לאָזן זיך גלייך אַוועק צו דעם געגנט פון „פּלעצל", וווּ עס געפינען זיך די יידישע עמיגראַנטן. זיי דינגען אַ מעבלירטן צימער אויף רי דע ראָזיע. די גאַס פון רויזן־פּאַרקויפערינס שמעקט גאָרנישט מיט רויזן. דאָס מעבל פון מעבלירטן צימער באַשטייט בלויז פון אַן אַלטן טאַפּטשאַן מיט אַ טאַבורעטקע, אַ קליין טישל און אויף דער וואַנט איבער דער וואַש־שיסל הענגט אַ שפּיגל, אַז מען קוקט אַריין זעט מען אַזאַ פּנים, אַז עס ווילט זיך פון דער אייגענער הויט אַנטלויפן.

אויף אָט דעם „פּלעצל", אין די אַרומגעסלעך, אויך די רי דע ריוואָלי, איז פול מיט יידישע עמיגראַנטן. דאָ האָבן זיי זיך צונויפגעקוועטשט אין די ביליקע מעבלירטע צימערן מיט וואַנצן, אין די רעסטאָראַנען און ביליקע גאַרקיכן מיטן אויפשריפט „כשר", וואָס איז געוואָרן ווי אַ סימבאָל פון היימלאָזיקייט. אויף די שמאָלע געסלעך פון בעלוויל צווישן דעם געמיש פון נעגער, איטאַליענער און אַראַבער האָבן זיך אַריינגעשטופּט די יידן אין דעם געררודער, וואָס דערמאָנט אָן עקזאָטישן יאַריד. דאָ ווו מען האַנדלט מיט טראָפּישע פּרוכט און מען זינגט פראַנצויזישע שלאַגערס האָבן יידישע עמיגראַנטן געשאַפן אַ סטאַנציע אין זייער וואַנדער־וועג. ווילנדיק פאַרגעסן אין דער היימלאָזיקייט שאַפט מען קלובן און קאָמוניסטן, ציוניסטן און בונדיסטן פירן דאָ די אַלטע דיסקוסיעס, וואָס קלינגען דאָ אַזוי פרעמד, ווי פרעמד עס איז דער פרעמדער „עטראַנזשע" אין דער גרויסער שטאָט פון „ליבע און געגוס". די יידן האָבן דאָס „פּלעצל" און די רי דע ריוואָלי פאַרוואַנדלט אין אַ יידיש שטעטל אין מיטן גרויסן פּאַריז. און די יידישע קאָמוניסטן אין אַ פּאַריזער מוראַנאָווו. אין פראַנקרייך איז דער קאָמוניזם לעגאַל, נאָר די יידישע עמיגראַנטן זענען נישט לעגאַל. טייל געקומען אַהער אויף קורץ־טערמיניקע וויזעס, אָדער אין גאַנצן אָן וויזעס, פטרן זיי זייערע קאַרגע פאַרדינסטן אויף אַדוואָ־

קאַטן און מאַכערס. די מאַכערס ווערן רייך נאָר די עמיגראַנטן געלונגט זעלטן צו באַקומען דאָס רעכט דאָ צו לעבן און פריי אַרבעטן. לעבן זיי אין שטענדיקן ציטער פאַר אָבלאַוועס און פחד פאַר יעדן פּאָליציימאַן.

ווי מאַקס באַקומט נאָר אַרבעט ציט אים גלייך צו באַזוכן די וווּנדערלעכע שטאָט, די רייכע גאַסן, די שאַנס עליזע, דעם טויער פון נצחון, די שיינע סענע און אירע בריקן, די פּאַרקן, מוזייען און דענקמעלער. זונטיק לאָזט מאַקס זיך צום מאָנטמאַרט באַזוכן די קברים פון די קאָמונאַרן. דער מאָנטמאַרט איז געווען אַמאָל מיט שמאָלע געסלעך ווי די סאַנקוליאָטן האָבן געשטעלט באַריקאַדן אין נאָמען פון פרייהייט, גלייכהייט און ברידערלעכקייט. היינט איז דאָ דער צענטער פון פאַרגעניגנס. אַהער קומען טוריסטן קויפן ליבע. דער בולוואַר קלוש, די בלאַנזשע זענען פול מיט קאַבאַרעטן. פון דעם געגנט פון הייליקן אַנטאָן האָבן אַמאָל די אַרבעטער געלאָזט זיך איינעמען פּאַריז, היינט איז דאָ די גרויס־אינדוסטריע פון זינד. אויפן שפּיץ פון מאָנטמאַרט זיגגען אויס איטאַליענער אין די קאַפעען די נייעסטע שלאַגערס פאַר די אַנטלאָפענע רוסן פון די באָלשעוויקעס און פאַר אַנטלאָפענע איטאַליענער פון פאַשיזם און צווישן זיי פּלאָנטערן זיך פּאָליאַקן און נעגער צווישן נויט און זינד.

צווישן שאַנס עליזע דער צענטער פון שווילטאָג און די גאַסן טידאָר און טירע־פּע, מיט אירע ביליקע שענקן און ביליקע ליבע, לעבט דאָס פראַנצויזישע פאָלק, די פּשוטע „קליינע מענטשן“. זייערע זיידעס האָבן געשטורעמט די באַסטיליע, נאָר זיי האָבן ליב גוטן וויין, געשמאַקע מאכלים, זיי האָבן ליב שיינע לידער און נישט פיינט זיך צו קושן. זיי זענען פּאַטריאָטן פון זייער לאַנד, זיי האָבן אָבער פיינט די הערשער. זייערע טעכטער פאַרקויפן זיך נישט פאַר געלט און זייערע פרויען זענען ערלעך און געטריי. ווייסן טאַקע גאָרנישט וועגן זיי די טוריסטן. און פאַר ראָמאַנען־שרייבער זענען זיי נישט קיין מאַטעריאַל פאַר העלדינס. די געשיכטע ווייסט פון אַן אַנדער פּאַריז, וואָס האָט געשטורעמט די באַסטיליע. דאָס פּאַריז פון די סאַנקוליאָטן, פון די יאַקאָבינער־קלובן, פון דעם פריינד פון פאָלק מאַראַט, פון דאַנטאָן און ראָבעספּיער. נאָר דענקמעלער און מצבות זענען געבליבן פון יענעם שטורמישן פּאַריז. דאָס פּאַריז פון קאָמונע און באַריקאַדעס איז היינט ווי אַ נאַקעטע פריילין אין אַ קאַבאַרעט פון סטריפּטיז. פול איז פּאַריז מיט קאַפעען פאַר מאָלער, שרייבער, געווער־מעקלער, אַלפאָנסן, פּאָליטיקער און בערזע־לייט. זי איז די הויפּטשטאָט פון דער־

אייראָפּעישער קולטור, פון גייסטיקער אָרעמקייט, שרעק פאַר מלחמה, טשאַרלעסטאָן־טענץ און קוביסטישער מאָלעריי. צווישן פּאַרפּוילטקייט, לאַנגווייליקייט און אידעאַל פון דעסטרוקציע, לעבט דאָס געוויסן פון אַן אַנדער אייראָפּע, דער גייסט פון גרויסן מענטשן־פריינד און הומאַניסט ראָמען ראָלאַנד און אויף די גאַסן פון פּאַריז בלאָנדזשען נאָך אַרום זיינע „פּאַרכישופטע נשמות״.

איז וואָס האָט מאַקס צו טאָן אין דעם פּאַריז? אויך ער האָט אַהער פאַרבלאָנדזשעט אויף די וועגן פון זיין לעבן, געקומען אַהער זוכן די אייניקלעך פון די קאָמונאַרן, געקומען צו דער קאָמוניסטישער יוגנט. אָבער דעם וועג צו זיי קען ער געפונען נאָר דורך די פּאָליטישע עמיגראַנטן פון וואַרשעווער מוראַנאָוו און לאָדזשער באַלוט. זיי שטייען אין ענגן קאָנטאַקט מיט די פראַנצויזישע חברים נאָר זיי קענען אים אַריינפירן ווידער אין דער רעוואָלוציאָנערער וועלט. שטייען אָבער אָט די חברים אויך אין קאָנטאַקט מיט חברים אין וואַרשע און זיי האָבן שוין באַוויזן צו באַקומען פון דאָרט אַלע באַשולדיקונגען קעגן אים און אַלע מיאוסע רכילות. חוץ אַנאַרכיזם און טראָצקיזם איז צוגעקומען די באַשולדיקונג, אַז ער האָט דעפּרווידירט פּאַרטיי־געלטער און דערמיט אַנטלאָפן קיין פּאַריז. דאָס וואָס ער האָט קיינמאָל נישט געהאַט קיין פּאַרטיי־געלטער האָט, זעט אויס, קיינעם דאָרט נישט געשטערט אים צו באַשולדיקן אין דעפּרווידאַציע... פון וואַנען האָט צו זיינע נעכטיקע חברים, צו די גוטע יאָטן און ליבע חברטעס זיך גענומען אַזויפיל שינאה און ליגנט? פון וואַנען קומט צו זיי דער מעטאָד פון באַשמוצן? אין בלאָטע צו דערטרונקען יעדן קעגנער? דוכט זיך, אַז נישט זיי האָבן דעם מעטאָד אויסגעטראַכט. מאַקס זעט דאָך ווי עס שרייען אַראָפּ פון די צייטונג־קעפּלעך די שמוץ, וואָס מען וואַרפט דאָרט, אין מאָסקווע, אויף באָלשעוויסטישע קעמפער. די, וואָס זענען נאָך נעכטן געווען לעגענדעס שטייען באַזידלט און באַשפּיגן. באַגלייט אויך מאַקסן דער ליגנט, קעגן וועלכן ער האָט זיך נישט געקאָנט ווערן. אויך אין פּאַריז זענען פאַרמאַכט פאַר אים די טויערן פון דער באַוועגונג. אָבער מער פון אַלץ טוט מאַקסן וויי דער שרעקלעכער פלעק פון דעפּרווידאַציע און דער ווייטיק צעטרייסלט זיין געמיט, צעבונטעט־ וועט אים קעגן דער באַוועגונג, וואָס ער האָט אַזוי פיל יאָרן געטריי געדינט און ער באַשליסט נישט לאָזן זיך מער דערנידעריקן און באַשמוצן. ער מוז צוריק קיין וואַרשע. זיין באַווייזן זיך דאָרט וועט זיין אַ שפּיי זיי

אין פנים. די רכילותניקעס וועלן אַליין אים מוזן רייגוואַשן. ניין, מאַקס וועט קיינמאָל נישט ווערן ווי יענע „געוועזענע״, וואָס עס פעלן נישט אין פּאַריז, אַנטוישטע, וואָס גלייבן מער נישט אין קיין שום „איזם״ בלייבט זיי נאָר דינען דעם אייגענעם „עגאָיזם״. ער קאָן דאָך נישט ווי זיי זאָגן, אַז אַלץ שטינקט און דאָס בלויזע וואָרט „אידעאַל״ רופט אַרויס אַן עקל, בלייבט זיי נאָר זיך אַוועקלאָזן אויף די בלאָנדעל צו די קליינע האָטעל־צימערלעך קויפן דאָרט „ליבע״. מאַקס וועט קיינמאָל זיך נישט אַראָפּקייקלען אין אָפּגרונט פון פּוסטקייט, ערגעץ מוז דאָך זיין אַן אידעאַל. און אויב זינקט דער אידעאַל אין ליגנט און בלאָטע, וויל מאַקס זיין ריין. ער קען נישט אַנדערש, זיין לעבן איז פון קאַמף און שטורעם, און ער וועט פאַרן שטורעם נישט אַנטלויפן.

דערצו האָט אַ ניי געשעעניש געצוווּנגען אים צוריקצוקערן. מאַקס דאַרף ווערן אַ פאָטער, איז ווו קען ער אין אַזאַ צייט בלייבן אין אַ פרעמד־דער שטאָט, אָן פּאַפּירן, אָן רעכט צו אַרבעטן? אויך אין וואַרשע וואַרט אויף אים נישט קיין גליקן, אויך דאָרטן האָט ער אַן אַלטן חשבון מיט דער פּאָליציי, אין דער קעשענע אַ פאַלשן פּאַס, און מיט דער באַוועגונג צעקריגט. דערפאַר וועט אָבער רייזל זייער קינד נישט געבוירן אין דער פרעמד. דאָרט אין וואַרשע וועט געבוירן ווערן זיין קינד און ער וועט דאָרט קעמפן קעגן ליגנט און שמוץ, וואָס פאַרסמט די שענסטע אידעאַלן פון זיין יוגנט. פאַרלאָזט ער שנעל פּאַריז, צו וועלכע ער איז געפאָרן מיט אַזויפיל האָפענונג און אילוזיעס. ער פאַרלאָזט די שטאָט, וואָס ער האָט קוים באַוויזן אָנקוקן און גלייך ליב באַקומען און לאָזט זיך צוריק צו דער שטאָט, ווו ער האָט פאַרברענגט זיין שטורמישע יוגנט פון גלויבן, ליבע און אַנטוישונגען.

פאָרן שוין ביידע ווידער איבער דער ערד פון דייטשלאַנד. איצט איז זי פאַרזונקען אין אַ רוישיקער וואַל־קאַמפּאַניע. איבערן לאַנד שוועבט דער געשפּענסט פון פאַשיזם. ער גרייט זיך צו נעמען די מאַכט אין זיינע שוואַרצע לאַפּעס. אין בערלין עסן זיי אָן אָוונט־ברויט אין אַ יידישן רעסטאָראַן מיטן אויפשריפט „כשר״. די יידן, וואָס זיצן דאָ זענען מאַ־הערשט פון אומרו. נאָר עפּעס אַ יידישער סטודענט וויל וועמען איבערצייגן, אַז היטלערס גאַנצער אַנטיסעמיטיזם איז נישט מער ווי אַ וואַל־דעמאַ־גאָגיע, כדי צו דעראָבערן די מאַכט. נאָכן זיג וועט ער גלייך פאַרגעסן אין זיין אַנטיסעמיטיזם, ווייל די דייטשן זענען צו איידל צו זיין אַנטי־

טעמיטן. אויף די גאַסן פון בערלין רוקט זיך אָן דער אָוונט. פון די געשעפטן שרייען אַראָפּ די פאַרשידנסטע רעקלאַמעס און די ווענט זענען באַקלעפּט מיט דער לאָזונג: „הייל היטלער! יודע פאַרעקע!". אין אַ געסל דרייט זיך אַרום אַ גאַסן־פרײַלין און זוכט אַ קונה צו פאַרווײַלן. די שטראָסן־באַנען, אויטאָס און טראָלעבוסן זענען פול מיט פּאַסאַזשירן. מידע קערן זיך די אַרבעטער צוריק פון די פאַבריקן און די אַרבעטסלאָזע פון זוכן אַרבעט. אויף לוסטגאַרטען זינגט אַ גרופּע אין ברוינע מונדירן „ווען יודען־בלוט פאָן מעסער שפּריצט". איז ווער וועט זיך אַנטקעגנשטעלן אָט די וואַנדאַלישע האָרדעס? די סאָציאַליסטן וועלן אָנציען ביי די וואַלן מיליאָנען שטימען, זיי וועלן אָבער בלייבן אַ ריזיקע פאַראַליזירטע באַוועגונג. די קאָמוניסטן זענען צו שטאַרק פאַרנומען מיטן אינערלעכן קאַמף קעגן בראַנדלער, רוט פישער און מאַסלאָוו. אין אָט דער קריטישער צייט פעלט דעם דייטשן פּראָלעטאַריאַט אַ ליבקנעכט און אַ ראָזאַ לוקסעמבורג. איז ווער וועט אָפּשטעלן דעם פאָרויסמאַרש פון פאַשיזם? אָט פלאַטערט שוין דער האַקנקרייץ איבער קנייפּיעס און בורדעלן, מאָרגן וועט ער פלאַטערן איבערן רייכסטאַג. די ראַסן־מגפה אַ געבוירענע אין דער מינכענער שענק, פאַרשיכורט שוין גאַנץ דייטשלאַנד און באַדראָעט די גאַנצע וועלט.

פון ערשטן טאָג נאָכן קומען קיין וואַרשע, איז מאַקס מיט רײַזלען פאַרטאָן מיט דער זאָרג וועגן אַ דאַך איבערן קאָפּ און אַרבעט, וואָס עס איז אים נישט לײַכט איצט צו באַקומען. דאָך פאַרגעסט נישט מאַקס צו וואָס ער איז צוריקגעקומען. אויפן דריטן טאָג טרעפט ער סענדער מאַליאַזש, און מאַקס פרעגט אים גלייך, פאַרוואָס קיינער פון דער באַוועגונג קומט צו אים נישט מאָנען די דעפּרווידירטע פּאַרטיי־געלטער? אָבער סענדער באַרויקט אים, און זאָגט, אַז נאָר אידיאָטן האָבן געגלייבט אין אַלע רכילות, וואָס איז קעגן מאַקסן פאַרשפּרייט געוואָרן. ער אַלייך האַלט מאַקסן פאַר אַ גוטן יאַט און לויט זיין מיינונג דאַרף מאַקס זיך צוריקשטעלן צו דער אַרבעט אין דער באַוועגונג. באַזונדער איז ער איצט נייטיק, ווען די טראָצקיסטן האָבן די חוצפה עפנטלעך צו דערקלערן, אַז דער ראַטנפאַרבאַנד איז גאָרנישט קיין סאָציאַליסטישע מדינה. זיין חשבון מיט דער באַוועגונג — האַלט סענדער — קען מאַקס לייכט דערליידיקן, עס וועט גענוג זיין ער זאָל אָפּגעבן אַ קורצע זעלבסטקריטיק פון זיינע פעלערן און דער גאַנצער קאָנפליקט וועט זיין ליקווידירט. האָט דער

פאַרשלאָג סענדערס גאָר אויפגעבראַכט מאַקסן; ער זאָל אָפּגעבן אַ זעלבסטקריטיק, ווען אים האָט מען אַזוי געמיין באַשמוצט? אים באַ־שולדיקט אין דעפּראַווידאַציע, ווען ער האָט קיינמאָל נישט געהאַט קיין פּאַרטיי־געלטער, און ווער ווייסט נאָך אַזוי גוט ווי ער, סענדער, וועגן די „רעוואָלווער״־שטימונגען פאַרן ערשטן מאַי, וואָס מען האָט באַשול-דיקט אויך מאַקסן, און ווער האָט לעכערלעך געמאַכט די יוגנט-באַוועגונג מיטן אַריינזעצן אין אַן אינסטאַנץ אַ מיידל וועמענס פאַרדינסט עס איז געווען, וואָס זי איז געפעלן אַ חבר פון אַ הויכער אינסטאַנץ, ער מאַקס האָט געוואָלט אָפּראַטעווען דעם כבוד פון דער באַוועגונג און איז דערפאַר פון איר באַזייטיקט און באַשמוצט געוואָרן. „יאָ ביסט גערעכט — זאָגט אים סענדער — דערפאַר טאַקע ביסטו באַשטראָפט געוואָרן, ווייל דער פּרעסטיזש פון דער פּאַרטיי איז וויכטיקער ווי דיין פערזענלעכער״. איז וואָס האָט מאַקס מער צו רעדן מיט אים? אין זיין געטריישאַפט צו דער באַוועגונג איז סענדער גרייט צו באַרעכטיקן ליגנט און באַשמוצונג. בלייבט מאַקסן נאָר צו געזעגענען סענדערן צוזאַמען מיט דער גאַנצער באַוועגונג. ווי קען ער פאָדערן זיי זאָלן אים רייך־וואַשן, ווען זיי אַליין זינקען שוין אין שמוץ?

נישט לייכט איז צו געזעגענען זיך מיט אַ גלויבן, פאַר וועלכער מען האָט געפּטרט די בעסטע יאָרן, פאַר איר געליטן, געזעסן אין טורמע. אָבער די געשעשעענישן אין דער וועלט העלפן מאַקסן אין גאַנצן פון איר זיך צו באַפרייען. אין דייטשלאַנד קומט צו דער מאַכט היטלער,ביידע גרויסע אַרבעטער־פּאַרטייען האָבן מיט זייערע זינד אַ סך צוגעהאָלפן צום זיג פון פאַשיזם. די סאָציאַל־דעמאָקראַטן האָבן טאָלערירט יעדע רעאַק־ציאָנערע רעגירונג פאַר היטלערן, ווי דאָס „קלענערע בייז״ און דער־לויבט זיי צוגרייטן דעם באָדן פאַרן היטלעריזם, און אַז היטלער איז גע־קומען צו דער מאַכט, טרייסטן זיי די אַרבעטער, דערמיט, וואָס ער איז געקומען אויף אַ פּאַרלאַמענטאַרישן וועג. די קאָמוניסטן האָבן פאַרקערט, יעדע רעגירונג פאַר היטלערן געשטעמפּלט אַלס פאַשיסטישע. און אַז היטלער קומט צו דער מאַכט זענען זייערע אייגענע רייען אַזוי צעטומלט און זיי פאַרשטייען נישט די וויכטיקייט פון דעם, וואָס עס איז געשען און זענען נישט פעיק צו שטעלן דעם קלענסטן ווידערשטאַנד, טרייסטן זיי זיך דערמיט, וואָס זיי איז געלונגען „אָפּצורוקן די דעציזדירנדיקע שלאַכט קעגן פאַשיזם אויף אַ מער גינסטיקע צייט״ בלייבט ביידע פּאַרטייען צו

וואַרפן איינע אויף דער צווייטער די שולד פאַרן זיג פון פאַשיזם, נאָר מסתמא דאָרט, אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן, פאַרשטייען שוין די געטרייע פוןביידע פאַרטייען זייער געמיינזאַמע זינד. עס איז שוין אָבער צו שפעט.

אין אַט דער גורלדיקער צייט געפינט סטאַלין און זיינע באַהעלפער פאַר פאַסיק זיך אָפצורעכענען מיט זייערע קעגנער אין דער פאַרטיי. עס הייבט זיך אָן אַ שרעקלעכער טעראָר מיט אַרעסטן און קאָשמאַרנע פראָצעסן, מיט זעלבסטקריטיק און זעלבס־באַשמוצונג. פאַרן פרעסטיזש פון דער פאַרטיי ווערן אירע וויכטיקסטע פירער און אויך הויכע קאָמאַנדירן פון דער רויטער אַרמיי דערשאָסן ווי הינט.

אויך די פוילישע קאָמוניסטישע פאַרטיי ווערט פאַנאַנדערגעלאָזט... אירע פירער ווערן אין ראַטנפאַרבאַנד דערשאָסן. די רעכטע מיט וואַרסקין און קאָסטזשעוואַן אין שפיץ, ווערן דערשאָסן אַלס טראָצקיסטן און פאַררעטער. די לינקע מיט לענסקין אַלס שפיאָנע און פראָוואָקאַטאָרן. פורמאַן שטאַרבט פלוצלינג מיט אַ „נאָרמאַלן טויט״. נאָר אויף דער לוויה פון גרויסן רעוואָלוציאָנער זעט מען נישט קיין איין באַגלייטער. אַמסטער ווערט נאָכן באַפרייען פון טורמע אָפגעשיקט קיין מאָסקווע דאָ קעמפט ער אויף דער פאַרטיי־קאָנפערענץ אונטערן פסעודאָנים „מלאָט״ קעגן די רעכטע אָפאָרטוניסטן. ווי מיט אַ מלאָט (האַמער) שלאָגט ער איבער די קעפ פון די רעכטע. קורץ נאָך דעם, ווערט ער אויך דערשאָסן אַלס פאַררעטער. מאַקס האָט גוט געקענט אַמסטערן, זיין בעטל איז אין דער מאָקאָטאָווער טורמע געשטאַנען לעבן מאַקס׳. דאָרט איז דער יידישער מעטאַל־אַרבעטער, געטריי אָן גרענעץ, אָפגעזעסן זעקס יאָר, געפטרט זיין יוגנט און געזונט, כדי דערשאָסן צו ווערן אין מאָסקווע אַלס פאַררעטער. אויך סענדער ווערט אין יענע טראַגישע טעג פלוצלונג אַרויסגערופן קיין מאָסקווע און ווערט דאָרט דערשאָסן אונטער דער באַשולדיקונג פון דעפרוידאַציע. מאַקס ווייסט, אַז סענדער האָט אַזוי דעפרוידירט פאַרטיי־געלטער, ווי ער האָט עס געטאָן... און אַלע זיי זענען נאָר קרבנות פון דעם יצר פון הערשן, וואָס האָט דערפירט סטאַלינען און זיינע העלפער ביז דער העכסטער אַכזריות, ביז מאָרד און פאַרברעכן. דער יצר פון הערשן האָט געבוירן דעם מעטאָד פון ליגנט, צעפרעסן און פאַרפוילט די באַוועגונג, וואָס האָט געגלייבט, אַז עס איז גענוג זי זאָל קומען צו דער מאַכט און אַלע פראָבלעמען וועלן געלייזט ווערן. אָבער

זייער מאַכט האָט קיינעם נישט באַגליקט נאָר זיי אַליין פאַרפוילט און פאַרדאָרבן. צו איז נישט גערעכט געווען דאָס פּרעכטיקע מיידל „גאָלדעלע די אַנאַרכיסטקע", וואָס האָט אין יענער פאַרכישופטער נאַכט אין דעם שטעטל, אים געזאָגט, אַז דער קאָמוניזם וועט פּונקט ווי דער קריסטנטום זיין גלויבן דערטרינקען אין בלוט און אין בלאָטע?

אין יענע טעג אָן האָפענונג און טרויעריקע ווינטן, בליצט אויף אַ ניי ליכט. אין וויטן שפּאַניע האָט זיך צעפלאַקערט אַ בירגער־קריג און מיט האָפענונג אָנגעצונדן יונגע הערצער. טאָג־טעגלעך פאַרשווינדן אין געהיים יונגע בחורים פון די יידישע גאַסן. זיי האָבן אין שפּאַניע געפונען אַ נייעם פראָנט און אַ נייעם קבר פאַר זייער יוגנט. זיי לאָזן זיך אַוועק שלאָגן פאַר די פרייהייט פון שפּאַנישן פאָלק, אָבער דאָ ווערן גע־שלאָגן זייערע ברודער און שוועסטער, זייערע פאָטער'ס און מוטערס. עס ברעכן אויס פּאָגראָמען אויף יידן אין בריסק, מינסק־מאַזאָוויעצק און פּשיטיק. איז ווער וועט זיך אָננעמען פאַר די צעשלאָגענע יידן. ווער וועט זיך אָננעמען פאַר זיבן קינדער פון אַן אָרעמען שוסטער פון אַ קליין שטעטל, וואָס יעדע נאַכט קלאַפּן פּאָגראָמשטשיקעס אין זיינע לאָדנס און זיינע קינדער, ער און זיין פרוי, ציטערן אַ גאַנצע נאַכט פון שרעק? וועט מאַקס נישט אַוועק קיין שפּאַניע, ער וועט בלייבן מיט זיין צעשלאָגן, פאַרבלוטיקט פאָלק.

מאַקסן האָט קיינמאָל נישט אינטערעסירט די „יידן־פראַגע". ער האָט שטענדיק געגלייבט, אַז דער סאָציאַליזם וועט געבן די יידן גלייכע רעכט מיט אַלע אַנדערע פעלקער. אָבער ביזן סאָציאַליזם, וויפל יידיש בלוט דאַרף זיך נאָך גיסן? צי וועט דער סאָציאַליזם גלייך אַ סוף מאַכן צו דער יידן־שינאה? און אפשר איז גראָד די יידן־שינאה דער „אבן נגף" אויף דעם וועג צום סאָציאַליזם? די פּאָגראָמען, עקסצעסן און יידן־האָס וועקט אין מאַקסן אַ גרויסן פּראָטעסט, זיין האַרץ ווערט פול מיט ליבע צום געררודפטן פאָלק און די יידן־פראַגע שטעלט זיך פאַר אים דער גאַנצער שאַרף. די קלעפּ, דאָס יידישע בלוט, די לאָזונג, וואָס שרייט אַראָפּ פון אַלע ווענט: „אַ טויט די יידן". לאָזט אים מער נישט רוען און ער פאַרשטייט, אַז נישט קיין טעאָריעס קאָנען דאָ העלפן, נאָר אַ שנעלע און ראַדיקאַלע רעטונג.

די פאַשיסטישע באַנדעס באַקלעפּן די ווענט פון די שטעט מיט לאָ־זונגען: „פּוילן פאַר פּאָליאַקן, פּאַלעסטינאַ פאַר אַראַבער, מאַדאַגאַסקאַר

פאַר יידן!“, און זיי שרייבן אין די אויפרופן: „אין פוילן זענען דאָ 250 טויזנט אַרבעטלאָזע, וואָס הונגערן. עס זענען אָבער אויך דאָ דריי מיט אַ האַלבן מיליאָן יידן, וואָס פּאַשען זיך מיט פּויליש ברויט. אַרבעטער, גיט אַ זעץ אין דער מאָרדע די, וואָס זאָגן אייך, אַז אַזוי דאַרף עס זיין“. און וואָס טוען און וואָס שרייבן די סאָציאַליסטן אין די טעג פון פּאָגראָמען? דער טעאָרעטיקער און פירער פון פּוילישן סאָציאַליזם, ניעדזשאַלקאָווסקי, שרייבט אין סאָציאַליסטישן „ראָבאָטניק“: „מיר ווילן די יידן־פראַגע נישט אַרויפנעמען אויף אונדזער טיש, כדי נישט אָפּצורוקן אויף אַ צווייטן פּלאַן די גענעראַל־אָפּרעכענונג צווישן סאָציאַליזם און פאַשיזם“ אָבער נישט אַלע סאָציאַליסטן ווילן אין אָט די טעג פון יידן־שינאה בלייבן נייטראַל. זיי ווילן גאָר נישט „שטיין אין דער זייט“. ווען מען שפּאַלט יידישע קעפּ, שפּאַלטן זיי די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי און שאַפן אַ נייע, פון „אַקטיווע“ סאָציאַליסטן. און דער אַלטער וועטעראַן פון פּוילישן „סאָציאַליזם“, מאָראַטשעווסקי, דערקלערט: „מיר קענען נישט בלייבן אין דער זייט, ווען די געפילן פון פּוילישן אַרבעטער האָבן אויפגעוואַכט קעגן פּאַראַזיטישן יידישן קאַפּיטאַל און ספּעקולאַטיוון האַנדל. נאָר דער פּוילישער אַרבעטער איז דער אויפריכטיקסטער פיינט פון יידישן קאַפּיטאַל, ווען די פּוילישע קאַפּיטאַליסטן האָבן אַ פול מויל מיט אַנטי־יידן פראַזן און מאַכן דערביי מיט יידן גלענצנדיקע געשעפטן פאַרראַטנדיק די לעבנס־אינטערעסן פון פּוילישן פאָלק“. שלאָגן די פאַשיסטן די יידן, ווייל זיי זענען קאָמוניסטן און די סאָציאַליסטן קעמפן קעגן זיי אַלס קאַפּיטאַליסטן. איז וואָס זאָלן טאָן די יידישע מאַסן? די רייכע יידן מאַכן דערווייל געשעפטן און וואַרפן גראָשנס אין די פּושקעס פון „קרן קימת“, רייכע דאַמען גייען אויף בעלער פאַר „קרן היסוד“. נאָר די אָרעמע יידן ווילן אַנטלויפן. זיי האָבן אָבער נישט אויף הוצאות. די קאָמוניסטישע פּאַרטיי איז פאַנאַנדערגעלאָזט דורכן קאָמינטערן, די, וואָס האָבן געלייגט אויף איר זייער האָפענונג האָבן פאַרלוירן אַן אַדרעס. דער „בונד“ רופט נאָך אַלץ צו קעמפן אויפן אָרט, נאָר זייער עמיגראַציע־אַמט איז פול מיט בונדיסטן, וואָס בעטן הילף צו אַנטלויפן. די ציוניסטן רופן קיין פּאַלעסטינע, נאָר דאָרט הערשן די ענגלענדער און לאָזן קיין יידן נישט אַריין. געפונען זיך דרייסטע און יונגע, וואָס לאָזן זיך אויף געוואַגטע ריזיקאַלישע וועגן, אַריינצורייסן זיך אין דעם צוגעזאָגטן לאַנד. אָפּט ענדיקן זיך אַזעלכע רייזעס זייער טראַגיש.

נאָך געציילטע יידן פילן די אמתע געפאַר און קאַטאַסטראָפע, וואָס דראָעט דעם פאָלק. קומט אינזשיניער רופּין מיט אַ רוף צו יידן: „פאַרלאָזט אייערע היימען, וואַרשטאַטן און קרעמלעך. ראַטעוועט זיך, אייערע פרויען און קינדער פון אומקום און קברים. יידן, אייער לעבן איז אין געפאַר, אַנטלויפט פון שטעט און שטעטלעך און שטראָמט מאַסנווייז צו דער גרענעץ. קיין מאַסן וועט קיינער נישט קענען פאַרהאַלטן. שטראָמט דורך אַלע שוועריקייטן צו אייער לאַנד פאַלעסטינע". האָבן טייל פאַרטיי־פירער דערקלערט דעם אויפרוף פאַר אַ פּראָוואָקאַציע און רופינען גע־שטעמפּלט פאַר אַן אַוואַנטוריסט, פאַר אַ בהולה־מאַכער. די געפאַר, וואָס דראָעט דעם פאָלק שטויסט אַ גרופּע אינטעליגענטן צו זוכן אַן אָרט ווי צו אַנטלויפן, אַ טעריטאָריע. פאַלעסטינע איז קליין און פאַרמאַכט פאַר יידן. זיי באַשולדיקן די ציוניסטן, אַז זיי שאַפן אַ נייעם געטאָ אַרומגערינגלט מיט מיליאָנען אַראַבער. זיי זאָגן, אַז די ציוניסטן גייט מער אין תנ"ך, גע־שיכטע און אַלטע שפּראַך, ווי אין דעם לעבעדיקן פאָלק. זיי, די טערי־טאָריאַליסטן ווילן, ברייטע, נישט באַוווינטע שטחים אין אַפריקע אָדער אויסטראַליע; זיי האָבן גרויסע פּלענער און רייכע פאַנטאַזיעס, זיי פעלט נאָר ווער עס זאָל גיין מיט זיי, זיי האָבן נישט קיין געלט און נאָך נישט דאָס „פריילאַנד". זיי פאַרמאָגן נאָר אַ ביסל אינטעליגענטן, וואָס טראָגן נאָך אַלץ דעם ווייטיק פון יענעם „וויינענדיקן" ציוניסטישן קאָנגרעס, וואָס האָט זיך אָפּגעזאָגט פון דעם פאַרשלאָג וועגן אוגאַנדע.

נאָך דערוויל שלאָגט מען יידן, יעדן טאָג עקסצעסן און פּאָגראָמען. דאָרט, ווי מען שלאָגט יידן איז „צופעליק" קיינמאָל נישטאָ קיין פּאָליציי. ווען יידן שלאָגן צוריק, וואַקסן זיי גלייך אויס, אַרעסטירן די יידן און משפטן זיי מיט גרויסע שטראָפן פאַר שטערן די „רו און אָרדענונג".

אין איינעם אַ טאָג קומט פון אַ קליין שטעטל צו גאַסט רייזלס אַ קו־זינקע. אַ קלוג און סימפּאַטיש מיידל. מאַקס און רייזל נעמען זי מיט אויף אַ שפּאַציר איבער די שיינע גאַסן פון וואַרשע. ס'איז אַ מחיהדיקער זומער־אָוונט. אַלע דריי שפּאַצירן געמיטלעך איבערן ברייטן פּילסודסקי־פּלאַץ, קומען צו די עלף טויערן, צום קבר פון „אומבאַקאַנטן זעלנער" און גייען אַריין אין דעם זאַקסישן גאָרטן. דאָ שמעקט מיט אַ שאַרפן ריח פון אַקאַציע. זעצן זיי זיך אויף אַ באַנק אונטער אַ בוים און פירן אַ פריילעכן שמועס. פּלוצלונג וואַקסן אויס פון אונטער די ביימער סטודענטן מיט שטעקנס און נעמען שלאָגן מאַקסן איבערן קאָפּ און קערפּער. ער פאַלט

אַ פֿאַרגאַסענער אין בלוט. רייזלס און איר קוזינעס געשרייען נאָך הילף טראָגן זיך איבערן גרויסן גאָרטן מיט אַן עכאָ. די „אינטעליגענטע" כולי־גאַנעס זענען אַוועק זוכן פרישע קרבנות, נאָר איינער איז געבליבן, ער הויבט אויף מאַקסנס היטל און דערלאַנגט עס העפלעך רייזלען, דערקלערנדיק איר, אַז זיי זענען נישט קיין פשוטע כוליגאַנעס נאָר סטודענטן, וואָס שלאָגן יידן צוליב נאַציאָנאַל־אידעישע טעמים. דערווייל איז רייזלס קווינע שנעל אַוועק ברענגען אַ דראָזשקע און רייזל העלפט מאַקסן זיך צושלעפּן צום טויער פון גאָרטן, דאָרט זעצן זיי זיך אַריין אין דער דראָזשקע, וואָס פירט מאַקסן אַהיים אַ צעשלאָגענעם און פאַרבלוטיקטן.

מאַקס בלייבט אַ פּאָר טעג צוגעשמידט צום בעט, דערפאַר האָט ער צייט דורכצוטראַכטן געדאַנקען ביזן סוף. די באַקומענע קלעפּ, דער ווייטיק און די באַליידיקונג ווערן די שטאַרקע אַרגומענטן פאַר דרייסטע אויספירן. ער איז קראַנק נאָר זיינע געדאַנקען זענען געזונט. עס ווערט אין אים געבוירן דער פעסטער באַשלוס: צו דינען מיט דער גאַנצער געטריישאַפט זיין פאָלק און שטרעבן פאַר דעם פאָלק אַן אייגענער היים אין זיין אייגן לאַנד. און ווידער האָט מאַקס אַ גלויבן און ווידער האָט זיין לעבן אַן אינהאַלט.

מאַקס שטעלט זיך נאָר אויף די פיס, גייט ער צום דאָקטער פון דער מלוכהשער קראַנקן־קאַסע. ער איז אַן עלטערער און פריינדלעכער מענטש. דערציילט אים מאַקס, אַז ער איז צעשלאָגן געוואָרן דורך פּוילישע סטודענטן, מעגלעך, מאַרגנדיקע דאָקטוירים. באַדויערט דאָס דער דאָקטאָר און זאָגט, אַז ער אַליין איז אַ גוטער פּאָליאַק אָבער נישט קיין אַנטיסעמיט, ער שעצט זיינע יידישע קאָלעגן דאָקטוירים, ער האָט נאָר איין זאַך קעגן די יידן, וואָס אַזוי פיל פון זיי ווילן ווערן דאָקטוירים, און אַזוי פיל זענען קאָמוניסטן. טראַכט זיך מאַקס, אַז עס איז די העכסטע צייט יידן זאָלן פּטור ווערן פון אָט דעם לאַנד פון שינאה און די פּאָליאַקן איבערלאָזן מיט זייערע אייגענע דאָקטוירים און אייגענע קאָמוניסטן, אפשר וועט דאָס זיי אויסהיילן פון דער אַנטיסעמיטישער קרענק?

קומט דאָס, אויף וואָס זיי האָבן חדשים זיך געריכט, רייזל האָט געבוירן אַ מיידעלע און זיי גיבן עס אַ נאָמען פריידל. אפשר ווייל זי איז זיי די איינציקע פרייד אין דעם טרויעריקן אַרום? אָבער צוזאַמען מיט די פרייד קומט אַ גרויסע זאָרג. מאַקס האָט נישט קיין סטאַבילע אַרבעט, רייזל קען אוודאי איצט מער נישט אַרבעטן. דערצו זענען ביידע איינזאַם.

זיינע אַלטע חברים פאַרלוירן, קיין נייע נישט געפונען. מיטן קאָמוניזם איבערגעריסן, אָבער מיטן ציוניזם, וועלכן ער האָט פאַר גערעכט, קען ער זיך נישט פאַרבונדן, ווייל די בירגערלעכע ציוניסטן זענען ווי אַ פּי־לאַנטראָפּישע חברה, וואָס טראָגן זיך אַרום מיט זאַמל־פּושקעס. זיי רופן צו פאָרן קיין פּאַלעסטינע אָבער אַליין טראַכטן זיי דאָס נישט צו טאָן. זיי האַלטן זיך פאַר נאַציאָנאַלע יידן און זענען אָפּגעריסן פון פאָלק. שעמען זיך מיט יידיש, זיי זענען פאַר עברית און רעדן נאָר פּויליש. די פּראָלע־טאַרישע ציוניסטן זענען צעשפּליטערט אויף אַ סך פּאַרטייען. זייערע פירער האָבן קליינע השגות און יעדער פון זיי וויל זיין אַ גבאי אין אַן אייגענער שול. טאָ ווי קען מען מאַקס דאָרט זיין אָרט געפינען?

די גרויסע אויפטרייסלונגען אין דער קאָמוניסטישער וועלט האָט צעטרייסלט ביי אַ סך דעם גלויבן אין דער באַוועגונג. עס האָבן זיך געשאַפן אָפּאָזיציעס און אַפּיקורסישע גרופּן. אָבער אַ גרויסער טייל איז געבליבן געטריי. טייל, ווייל זיי האָבן אויף עפּעס בעסערס נישט צו פאַרטוישן, אַנדערע, וועלכע ווילן בשום אופן נישט גלייבן אין דעם, וואָס עס קומט פאָר אין ראַטנפאַרבאַנד. האַלטן זיי מאַקסן פאַר אַ פאַררעטער. קיינער פון זיי טראַכט נישט, אפשר האָט גאָר דער גלויבן אים פאַראַטן און אָפּגע־נאַרט? נאָר סאָניע, זיין הויף־חברטע איז געבליבן צו אים פריינדלעך. אויך זי איז שוין אַ מוטער פון אַ קינד. איר בחור איז אַן אמתר פּאָליאַק, אַ כראָנישער אַרבעטסלאָזער. אירע פאַרמעגלעכע עלטערן האָבן זיך פון איר אָפּגעזאָגט און ווילן פון איר גאָרנישט וויסן. זי האָט שוין לאַנג פאַרלאָזט די טורמע נאָר איר בעסטע חברטע מאַגדע איז נאָך דאָרט געבליבן. און נאָך אַלץ איז איר האָפענונג די רעוואָלוציע, כאָטש אין איר גלויבן האָט זיך אַריינגעכאַפּט אַ סך טרויער און פּעסימיזם.

כאָטש זיין פּאַרטיי איז פונאַנדערגעלאָזט, שטערט דאָס גאָרנישט בערל טשאַפּן ווייטער זידלען דעם „בונד”, די טראָצקיסטן. אין סטאַלינען גלייבט ער איצט נאָך שטאַרקער, ווי ער האָט אַמאָל געגלייבט אין גערער רבין. פּונקט ווי דער טיפּ „מנחם מענדל” איז ברייט פאַרשפּרייט אין יידישן פאָלק און לעבט אין אַלע שיכטן, אַזוי איז בערל טשאַפּ אַ טיפּ, פאַרשפּרייט אין אַ סך עקזעמפּליאַרן און געפינט זיך אין אַלע פּאַרטייען. די פאַנאַטיקער זיי זענען דער יסוד פון אַלע באַוועגונגען און אויך די באַגרעבער פון די שענסטע אידעען, אַדאַנק זייער גוזמהדיקן פאַנאַטיזם.

ד

מאָדנע געשעענישן קומען פֿאָר אין דעם לאַנד פֿון אָקטאָבער, צוואַנג־קאָלעקטיוויזאַציע, ליקווידאַציע פֿון די קולאַקעס, משונהדיקע פּראָצעסן, הונגער און דערשיסונגען. דאָס אַלץ צעאַקערט גוטס נשמה, נאָר זיין גלויבן אין דער פּאַרטיי איז נישט גערירט. ער איז צו טיף אין איר פֿאַראַנקערט. אָבער די פּאַרטיי רוקט אַליין אים אָפּ פֿון זיך. מען באַשולדיקט אים אין גאָרנישט, נאָר כּשוט מען האָט צו אים מער נישט קיין צוטרוי. האָט גוץ איצט אַ סך צייט צו טראַכטן, צו זען אַלץ מיט אַנדערע אויגן, רעדן מיט דורכשניטלעכע מענטשן נישט מיט פּאַרטיי־טוער און הערן וואָס זיי זאָגן. זיי קריטיקירן גאָרנישט און נישט קיינעם, זיי דערציילן נאָר וויצן. אָבער די וויצן שטעכן שטאַרקער ווי די שאַרפֿסטע רעדעס. נעמט גוץ לייענען די געשיכטע פֿון דער פֿראַנצויזישער רעוואָלוציע. זי האָט פּראָקלאַמירט, אַז אַלע מענטשן זענען געבוירן גלייך אָבער דאָס האָט נישט געשטערט זיי שפּעטער צו פֿאַרזיכערן, אַז גלייכהייט איז קעגן דער מענטשלעכער נאַטור. צו שפּאָט דען נישט סטאַלין פֿון „גלייכמאַכעריי“? אויך דאָרט האָט מען געהאַקט די קעפּ פֿון דער רעוואָלוציע. די גילאָטינע איז געוואָרן דער סימבאָל פֿון פֿרייהייט און ברידערלעכקייט. לייענט ער וועגן דער פֿראַנצויזישער רעוואָלוציע און זיינע געדאַנקען שפּרינגען איבער דורות אַריבער. וואָס איז געוואָרן פֿון די אַלע קעמפֿער פֿון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע? פֿון די אַקטיווע אַרבעטער, אינטעליגענטן און „פּראָפֿעסיאָנעלע“ רעוואָלוציאָנערן, פֿון די אַלע רעדנער אויף טויזנטער מיטינגען, וואָס האָבן אָנגעצונדן מיט פֿלאַמען מענטשלעכע הערצער, פֿון די העלדן פֿון דער רויטער אַרמיי און פּאַרטיזאַנער? טייל אַנטוישטע, וואָס די רעוואָלוציע האָט קיין גליק נישט געבראַכט, האָבן זיך פֿאַרשטעקט אין פֿאַבריקן, און שנעל באַהערשט די טעכניק פֿון שווייגן. אַנדערע האָבן זיך באַזעצט אויף באַקוועמע פּאָסטנס, פֿאַרגעסן אין אַלץ, וואָס איז זיי געווען הייליק, זיך אויסגעלערנט נאָכזאָגן, וואָס עס שרייבן די לייט־אַרטיקלען פֿון דער „פּראַוודאַ“. אין דער פּאַרטיי זענען זיי שטענדיק מיט דער מערהייט, און זאָרגן, אַז צו אַלץ, וואָס עס קומט אָן אין די מאַגאַזינען זאָלן זיי זיין פֿון די ערשטע. נאָר די, וואָס פֿאַרטראָגן נישט קיין ליגנט, מוזן פֿאַר אָט דער שוואַכקייט, באַצאָלן

מיט פאַרשיקונג, אַרבעטס־לאַגערן און נישט זעלטן מיטן טויט. שווער צו פאַרשטיין פאַרוואָס ווערן אומגעבראַכט אַלע טאַלאַנטפולע פירער פון באַלשעוויזם, אַלע נאָענטסטע פון לענינען? צי אפשר דערפאַר, ווייל סטאַלין זאָל בלייבן דער איינציקער „גאון" און גיגאַנט, אַזוי ווי עס חנפענט אים די לויב געזאַנגען פון די „פּאָעטן":

פאַר דעם אמת פון דיין לערע,
פאַר דיין געני און גיגאַנט.
פאַר דער חכמה פון דיין לערע
פאַר סטאַלינען און פאַרן פאָטערלאַנד.

איז אפשר גערעכט דער דעלעגאַט זאַפּאָלסקי, וואָס האָט אויף אַ פּאַר־טיי־צוזאַמענפאָר דערקלערט, אַז דער גאַנצער קאַמף קעגן בוכאַרינען ליגט נישט אין זיין רעכטן אָפּנויג נאָר אין פּריוואַטע אינטריגעס?.

אין דער פּוילישער קאָלאָניע אין מאָסקווע ווערט אַלץ שיטערער. ווער דערשאָסן, ווער פאַרשיקט, ווער סתם פאַרשוווּנדן. צוזאַמען מיט די באַקאַנטע פירער קומט אויך אום דער פּשוטער בחור פאַוועל פון פאַוואָנ־זעק, וואָס איז מיט גוצן צוזאַמען געקומען אַהער. ער איז אפשר דער איינציקער, וועמען מען האָט ווירקלעך געכאַפּט ביי אַ חטא. ער איז אַרעסטירט געוואָרן נאָענט פון דער פּוילישער גרענעץ און דערשאָסן געוואָרן אַלס שפּיאָן. פון וואַנען האָט די „רעוואָלוציאָנערע גערעכטיקייט" געקאָנט וויסן, ווי שטאַרק עס האָט אים געצויגן צו זיין יידיש מיידל אין וואַרשע? אַ בענקשאַפט, וואָס האָט אים געטריבן צום טויט.

צו גוצס גליק הייבן זיך אין שפּאַניע אָן גרויסע געשעענישן, וואָס וועקן ווידער אויף זיין נשמה פון אַ קעמפער. צוזאַמען מיט מיליטערישע ספּעציאַליסטן, וואָס ווערן געשיקט קיין שפּאַניע באַקומען כמעט אַלע אויסלענדישע קאָמוניסטן דאָס רעכט צו פאָרן קיין שפּאַניע אַלס פריי־ווויליקע. פאַרגעסט גוץ גלייך אין אַלע גרויל־פּראָצעסן, דערשיסונגען און איילט מיט פרייד קיין שפּאַניע קעמפן. ביים געזעגענען זיך מיט אַ גוט־באַקאַנטן אַלטן באַלשעוויק — ווּעמענס פאַרדינסטן פאַר דער רעוואָלוציע זענען צו זיין גליק פאַרגעסן געוואָרן, און אפשר דאָס האָט אים געראַטע־וועט פון דעם גורל, וואָס איז אויסגעפאַלן אויף אַנדערע, אַלטע באַלשעווי־קעס — פרעגט ער גוצן ווי עס וועט זיין דאָרט אין אויסלאַנד זיין באַציונג צום ראַטנפאַרבאַנד? פאַרזיכערט אים גוץ מיט דער גאַנצער אויפריכטי־

קייט, אַז נישט געקוקט אויף אַלץ, וואָס עס איז געשען, בלייבט ער דאָך אַ געשוווירענער פריינד פון ראַטנפאַרבאַנד. פאַרטראַכט זיך אַ מינוט דער אַלטער באַלשעוויק און ענטפערט: „דו ביזט גערעכט מיין פריינד, ווען מען לאָזט מיך אַרויס פון דאַנען, וואָלט איך אויך געבליבן אַן אייביקער פריינד דעם ראַטנפאַרבאַנד".

און ווידער איז גוץ אין דאַנציק. ער שיקט אַ טעלעגראַם צו זיין ברודער יעקב קיין וואַרשע און ביידע ברודער באַגעגענען זיך נאָך יאָרן פון צעשיידונג. יעקב דערציילט וועגן פוילן, עס הערשט דאָרט קריזיס און אַרבעטסלאָזיקייט. ער דערציילט וועגן קאָנצענטראַציע־לאַגער אין קאַר־טוז־בערעזע. דער דיקטאַטאָר פּילסודסקי איז געשטאָרבן, נאָר די דיק־טאַטור איז געבליבן. דער טעראָר איז נאָך גרעסער ווי געווען. די קאָמו־ניסטישע פּאַרטיי איז פונאַנדערגעלאָזט, נאָר די טורמעס זענען פול מיט פּאָליטישע אַרעסטאַנטן. יעקב גלייבט אין דער רעוואָלוציע, די גע־שעענישן אין מאָסקווע, דאָס דערשיסן די וויכטיקסטע פירער האָבן זיין גלויבן נישט דערשיטערט. ער גלייבט אין דער סאָציאַליסטישער גערעכ־טיקייט. דער זיג פון פאַשיזם? ער איז זיכער, אַז נאָך היטלערן וועט קומען טעלמאַן. אים אַליין גייט גאָרנישט פריילעך, ער איז אַן באַשעפ־טיקונג און קען זיך נישט איינאָרדענען מיט זיין געליבטער קלאַראַ, אַפילו אין קיין ביליקן בוידעם־שטיבל. איז זיין איינציקע האָפענונג, די רעוואָלוציע.

אין דאַנציק טרעפט זיך גוץ מיט אַ גרופּע פון פוילן, וואָס פאָרט קיין שפּאַניע קעמפן. פון זיי אַלע ווערט אים אָמנאָענטסטן קאַראָל, אַ קינד פון דער מילע־גאַס אין וואַרשע, האָט ער גאָר יונג אָנגעהויבן צו אַרבעטן, כדי אויסצוהאַלטן זיין מוטער די אלמנה מיט אירע אַנדערע קינדער. אין די קעלערן פון די מעטאַל־וואַרשטאַטן האָט קאַראָל איינגעזאַפּט אין זיך דעם שעדלעכן שטויב פון קופּער, צוזאַמען מיטן האַס צום קאַפּיטאַליזם. ער ווערט אַקטיוו אין דער יוגנט־סעקציע פון מעטאַל־פאַראיין אויף וועמענס אַ וואַנט איז אָנגעשריבן מיט גרויסע אותיות: „וויסן איז מאַכט". זיין וויסן האָט קאַראָל באַקומען פון זעלבסטבילדונג און געשטעלט עס צום דינסט פון דער מעטאַל־יוגנט. דערפאַר ווערט ער ביינאַכט אַרויסגע־שלעפּט פון בעט און אָפּגעשיקט קיין קאַרטוז־בערעזע אין קאָנצענטראַ־ציע־לאַגער. דריי חדשים זענען געווען גענוג צו צעברעכן זיין געזונט. מער נישט פעאיק צו קיין שום פיזישע אַרבעט באַשליסט קאַראָל אַוועק־

געבן זיין שוואַך ביסל געזונט פאַר דער פרייהייט פון שפאַניע. צוזאַמען מיט אַט דעם שוואַכן, אָבער געטרייען בחור, האָט גוץ זיך געלאָזט קיין שפאַניע.

אין פראַנקרייך הערשט דער פאָלקס־פראָנט מיטן יידישן סאָציאַליסט לעאָן בלום אין דער שפיץ. אין דייטשלאַנד בושעוועט דער ראַסן־האַס און פאַשיזם, וואָס רופט צו אַ הייליקער מלחמה קעגן יידן און מאַרקסיסטן. אין די רייכע פּאַריזער קאַפעען טרינקט מען שאַמפּאַניער און אין שכנות־דיקן שפּאַניע גיסט זיך בלוט פון שפּאַנישן פאָלק. די פראַנצויזישע רע־גירונג איז נייטראַל, זי וויל נישט רייצן היטלערן, נאָר די פּאַריזער אַר־בעטער זענען נישט נייטראַל. איבער די אַרבעטער־קוואַרטאַלן טראָגט זיך דער לאָזונג: „געווער פאַרן שפּאַנישן פאָלק!”, „עראָפּלאַנען פאַר דער רעפּובליק!” אין אַ קאַפעע אין בעלוויל רעדט דער קאָמוניסט קאַשען, ער רופט צו העלפן דעם שפּאַנישן פאָלק און די אַרבעטער שרייען: „אַ טויט דעם פאַשיזם!”. נאָך קאַשען רעדט אַ פאַרשטייער פון פאָלקס־שפּאַניע און עס נעמט נישט קיין סוף צו די אָוואַציעס. אַזוי דריקט דער פאַריזער פּראָלעטאַריאַט אויס זיין סאָלידאַריטעט מיטן שפּאַנישן פאָלק. איבער די אַרבעטער־קוואַרטאַלן הערשט נאָך אַלץ דער גייסט פון דער פּאַריזער קאָמונע. אין די רייכע קאַפעען שפּילט די מוזיק: „פּאַריז, די שטאָט פון ליבע און גענוס”.

פון פּאַריז לאָזט זיך גוץ מיט קאַראַלן קיין מאַרסעל. דער פּאָרט איז פול מיט האַנדלס־שיפן אונטער פאַרשידענע פענער. עס פעלן אויך נישט קיין פישער־שיפלעך פאַרדעקטע מיט נעצן. פישער מיט אָפּגעריסענע קליידער און אָפּגעברענטע לייבער. זיי ברענגען פון ים פאַרשידענע פיש: פלאָנדרעס, מאַקרעלן, סאַרדינען און אַנדערע, וועמענס ריח עס צעטראָגט זיך איבער די שמאָלע פּאָרט־געסלעך. מאַטראָזן פון אַלע נאַציעס, שיף־אַרבעטער, מיט פאַרשמירטע פון אייל קליידער, שיפס־יינגלעך, פּאָרט־גנבים און שמוגלער, פילן אָן אַלע קנייפּיעס. די בורדעלן זענען טעטיק אַ גאַנצן טאָג און נאַכט. דאָ קען מען קויפן אַ נאַכט־געלעגער מיט וואַנצן און ביליקע ליבע. געוועלבער מיט מציאות: מיט גאָלדענע צאַרישע רובלעס, פאַלשע ברילייאַנטן, פּאָרנאָגראַפישע בילדער, אָפּיום און געווער. אין די פּאָרט־געסלעך קען אַ נעגער זיך לייגן מיט אַ בלאָנדער פראַנ־צויזקע און אַן אַראַבער מיטן וויב פון דעם קנייפּיע־אייגנטימער. אַ גאַנצן טאָג פאַרקויפט מען דאָ פאַרשידענע פרוכט, ראַקעס, שלימאַקעס און אַנ־דערע ים־באַשעפענישן. מאַרסעל איז דאָס שיקאַגאָ פון פראַנקרייך, פול

מיט פֿאַרברעכער, אַפּעריסטן און פֿאַשיסטן. דער צענטער פֿון שטאָט איז מיט פּאַלאַצן פֿון די שיפֿס־געזעלשאַפֿטן, מיט רייכע געשעפֿטן פֿון אַלץ אין דער וועלט. מיט קינאָס און קאַבאַרעטן. אין די רייכע גאַסן קאָסט זינד טייער, פֿאַרברעכער טראָגן דאָ שוואַרצע פֿראַקן און פּראָס־טיטוטקעס — זיידענע קליידער און שמעקן מיט טייערן פּאַרפֿום. אונדזערע פֿריינד זוכן אין די פּאַרט־געסלעך נישט מער ווי צו קויפֿן צוויי רע־וואָלווערן. אַ רעוואָלווער איז אַ פּערזענלעך געווער, ביקסן וועט זיי געבן די רעפּובליק.

שמאָלע וועגן שלענגלען זיך צווישן בערג, איבער וועלכע די נאַכט האָט צעשפּרייט אירע פֿליגל. אַ טויטע שטילקייט, זעלטן הערט זיך אַן פֿאַראיינזאַמטער שאָס, וואָס הילכט אָפּ מיט אַן עכאָ אין דער נאַכט. אַ לאַנגע שורה יונגע מענער שפּאַנען איבער בערג אין נאַכט אויף דער גרענעץ צווישן צוויי לענדער. זיי גייען העלפֿן דעם שפּאַנישן פֿאָלק אין זיין געראַנגל מיטן פֿאַשיזם. נישט זוכן קיין אַוואַנטורעס, נישט קיין מע־דאַלן. קיינער פֿון זיי חלומט נישט צו ווערן קיין העלד. זיי טרייבט אַהער דאָס געוויסן. זיי קומען אויפֿן רוף פֿון אַ פֿאָלק, וואָס וויל לעבן פֿריי טויזנטער קומען זיי, די בעסטע זין פֿון אַלע פֿעלקער, צו דער אינטער־נאַציאָנאַלער בריגאַדע. די פֿרייהייט־אַרמיי איז נישט איינהייטלעך מונ־דירט. יעדער טראָגט וואָס ער פֿאַרמאָגט, נישטאָ קיין מיליטערישע אָפּ־צייכענונגען חוץ פֿון דער פּאַרטיי אָנגעהעריקייט. טייל טראָגן שפּאַנישע מאַנטעס (קאָמבינעזאָנען). דאָס איינציקע, וואָס אַלעמען פֿאַראייניקט, איז דער מיליטערישער פּאָס מיטן רעוואָלווער אין דער זייט און דער „סאַלוד“. דאָס ערשטע וואָרט, וואָס אַלע האָבן זיך גלייך אויסגעלערנט. קיינער טראָגט דאָ נישט קיין ראַנגעס, נישטאָ קיין רעספּעקט פֿאַר טיטולן, „חבר“ איז די העכסטע אויסצייכענונג. אין דעם לאַנד פֿילט זיך גאָר שטאַרק די השפּעה פֿון אַנאַרכיזם, מיט וועלכע גוץ איז אַזוי ווייניק באַקאַנט. ער האָט געהערט וועגן באַקונינען און קראָפּאָטקין, אָבער וואָס ווייסט ער וועג איר גרויסע ראָל, וואָס זי האָט געשפּילט אין אַנהויב, ווען די סאָציאַליסטישע באַוועגונג איז נאָך נישט געווען קאָרומפּירט און פֿאַרפֿוילט. מיטן בלוט פֿון אירע מאַרטירער זענען פֿאַרפֿלייצט די שטעט פֿון אייראָפּע און אַמעריקע. צו איר האָבן געהערט די גרויסע העלדן פֿון דער פּאַריזער קאָמונע לויזע מישעל און דער שפּאַניער פֿערויין סאָל־וואַשטעיאַ צוזאַמען מיט טויזנטער סאַקאָ און וואַנצעטיס. זיי האָבן נישט

אָנערקענט קיין גאָט און נישט קיין צאַר, נישט קיין אײנציקע דעספּאָטן און נישט קיין קאָלעקטיװ. דאָ אין שפּאַניע לעבט נאָך די פּאַרטײ, װעגן אידעאַלן זענען נאָך נישט צעטראָטן געװאָרן אונטער די רעדער פון „סאָציאַליסטישער רעאַל פּאָליטיק”. זײ זענען געבליבן געטרײ דעם שענסטן אידעאַל פון אַ געזעלשאַפט אָן הערשער. און איר רומפולע געשיכטע — איז רײכער מיט העלדן און מאַרטירער פון דער רוסישער „נאַראָדנאַיאַ װאָליאַ”. אין שפּאַניע איז געשטעלט געװאָרן מער באַריקאַדן און געמאַכט געװאָרן מער רעװאָלוציעס װי אין פראַנקרײך. האָט דאָ די השפּעה פון אַנאַרכיזם צעגליט דעם גײסט פון פרײהײט צװישן פאָלק, װאָס איז געװען אײנגעהילט אין קאַטױלישן פינצטערניש. דער דעמאָנישער גײסט פון פרײהײט שלאָגט די גוט־דיסציפּלינירטע אײנהײטן פון די פאַשיסטן. עס מאַרשירט אָן ענטוזיאַסטישע, פרײלעכע יוגנט אונטער דער הײסער שפּאַנישער זון. איבער שטעט מיט רײכער געשיכטע פון בלוטיקע מלחמות צװישן קריסטן און איסלאַם, פון אינקװיזיציעס איבער יידן, איבער װוּנדערלעכע שטעט מיט װײסע הײזער און קלױסטער־טורעמס מאַרשירט די אַרמײ פון פרײהײט. עס באַגריסן זײ די שײנע דולציניעאָס, מיט ברױנע פּנימער און פאַרכישופטע שװאַרץ־גליענדיקע אױגן, מיט „סאַלוד” די „דאָן קיכאָטס”, װאָס גײען זיך שלאָגן נישט מיט װינטמילן, נאָר מיט די פאַרשאָלטענע פאַשיסטן.

איבער געלער ערד און שטײנער פּאַשען זיך סטאַדעס שאָף און זײערע פאַסטעכער הונגערן. װײטער זענען פאָמעראַנצן־סעדער. זײ געהערן צו די גרױסע טרעסטן, װאָס האָבן געמאַכט גאָלד פון גאָלדענעם עפּל און געצאָלט זײערע אַרבעטער צו פיר פעזעס פאַר אַ שװערן טאָג אַרבעט. אָבער דער רײכסטער טרעסט איז די קאַטױלישע קירכע. זײ האָבן שפּאַניע פאַרזײט מיט קלױסטערס, װי פעסטונגען פון פינצטערניש, פאַרקױפט אין הורט אײנטריטס־קאַרטן אין גן־עדן. די קירכן האָבן אָנגעזאַמלט ריזיקע אוצרות פון גאָלד און טײערע שטײנער, אָנגעראַבעװעטע אין די צײטן פון שפּאַנישער הערשאַפט איבער בעלגיע, האָלאַנד און דרום־אַמעריקע. זײ האָבן עקספּאָרטירט גלױבן איבער לענדער און פון דאָרט געברענגט דערפאַר גאָלד. זײ האָבן אָנגעטאָן די גיפּסענע פיגורן פון דער הײליקער בתולה אין גאָלדענע קרױנען און געשטעלט דאָס שפּאַנישע פאָלק קניען פאַר די טאָכטער פון יידישן פאָלק און די יידן האָבן זײ געברענט אױף די שײטערס אין קאַסטיליע,

קאָרדאָבע און סעווילִיע. די סעניאָרן פון די רייכע גאַסן אין מאַדריד גראַן־וויא און קאַלע דע־קאַלע האָבן זיך נישט באַגנוגנט מיט גיפּסענע מאַדאָנעס. פאַר די אָרעמע פון די גאַסן וויאַ־מורעצא האָבן זיי אַוועקגע־שאָנקען יענער וועלט און דעם גן־עדן.

אין אַ הייסן זומער־אָוונט געפינט זיך גוץ אין באַרצעלאָנע אין דער פּרעכטיקער הויפּטשטאָט פון קאַטאַלאָניע. ער שפּאַצירט אויף אַ גרויסן פּלאַץ נישט ווײַט פון ים. דאָ שטייט דער דענקמאָל פון קאָלאָמבוסן און אין ים שפּילן זיך די זון־שטראַלן מיט די בלויע כוואַליעס און גוץ עטעמט מיט לופט פון פרייהייט און האָפענונג. פון דאַנען לאָזט ער זיך אַוועק צו דער ברייטער לאַמבאַרד־גאַס. זי איז פול מיט מענער, פרויען און קינדער. אַ מאַסע שטראָמט אונטער די פענער פון זייערע פּאַרטייען און פון דער רעפּובליק. מען זעט אַרבעטער, זעלנער און פאָלקס־מיליץ. אַר־בעטער פון די פאָרשטעט סאַרעאַ און סאַן אַנדערס, געקומען פון די גלאַז, צעמענט, כעמישע און אַנדערע פאַבריקן. זי י קאַטאַלאַניער זענען געווינט צו קאַמפן. עס דערציילן דאָס זייערע הייסע אויגן. באַגייסטערונג זעט זיך אין זייער יעדע באַוועגונג. אויף דער טריבונע שטייט דאָלאָרעס איבאַרורי און רעדט. גוץ פאַרשטייט נישט, וואָס זי זאָגט. ער פילט אָבער, אַז זי צינדט אָן טויזנטער הערצער. די מאַסע שרייט באַגייסטערט: „לאָס פאַשיזם!", „נאָ פּאַסאַראַן!". ווי אַ לאַווע האָט דאָס פאָלק אָפּגעשוואָנקען די הערשאַפט פון די סעניאָרן און שוואַרצע סוטאַנעס. דאָס פאָלק הערשט איצט איבער די פּאַלאַצן און לערן־אַנשטאַלטן. דער קלויסטער מאנסי־דראַט איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ הויז פאַר טובערקולאָזע. צוזאַמען מיט די סעניאָרן פון די פּאַלאַצן זענען אַנטלאָפן די גנבים, מאַטשאַר־ניקעס און פּראָסטיטוטקעס פון דעם פאַרברעכער־קוואַרטל „כינעזישע שטאָט".

דאָס שפּאַנישע פאָלק שטייט פאַראייניקט און אירע העלדישע זין שלאָגן דעם פאַשיזם. צוהילף דעם שפּאַנישן פאָלק זענען געקומען דריי־סיק טויזנט יוגנטלעכע פון פאַרשידענע לענדער צו קעמפן פאַר אַ פריי שפּאַניע. טויזנטער יידישע יוגנט פון דער גאַנצער וועלט זענען געקומען צו די קאַמפּס־איינהייט טעלמאַן, דאָמבראָווסקי און באָטווין. פאַראייניקט שטייען סאָציאַליסטן, ליבעראַלן, אַנאַרכיסטן און קאָמוניסטן. אין שפּיץ פון פאָלקס־פראָנט שטייט דער אַרבעטער קאַבאַלעראָ. אַלע פאַראייניקט אין איין ווילן, צו זיגן.

אָבער היטלער און מוסאָליני קענען נישט פאַרטראָגן קיין פריי שפּאַניע זיי שיקן הונדערט טויזנט זעלנער, עראָפּלאַנען און טאַנקן, זיי באָמבאַרדירן די שטעט, פאַרברענען דערפער. די איינציקע, וואָס שיקן הילף דעם שפּאַנישן פאָלק איז דער ראַטנפאַרבאַנד. אָבער דאָס איז צו ווייניק אין פאַרגלייך מיט דעם, וואָס עס שיקן די פאַשיסטן. דאָס איז אָבער גענוג פאַר די קאָמוניסטן צו זייען שינאה אין די רייען פון פאָלקס־פראָנט. צוזאַמען מיטן געוועהר, שקן זיי אַהער די מעטאָדן פון באַשמוצן די קעגנער. דער שאָטן פון די מאָסקוווער פּראָצעסן וואַרפט אָן אַ שרעק אויף אַנדערע פּאַרטייען. די, וואָס קעמפן פאַר אַ פריי, זוניק שפּאַניע, שרעקט די פּראַקטיק גרוסן פון סיביר. נישט צו פאַרטוישן די פראַנקאָ־דיקטאַטור אויף אַ סטאַלין־דיקטאַטור זענען די שפּאַנישע מאַסן אַרויס אין קאַמף. אָבער נישט נאָר אין די קאָמוניסטן זענען די מאַסן אַנטוישט, נאָר אויך אין די סאָציאַליסטן און ליבעראַלן, וואָס רעדן אַ סך וועגן דעמאָקראַטיע. זיי זענען אָבער נישט פעאיק זי צו פאַרטיידיקן. אַלע פאַרטייען רעדן דאָ וועגן פרייהייט, זיי נעמען אָבער זיך די פרייהייט צו פאַרשוועכן די שענסטע אידעאַלן. אינטריגעס, מאַכט־גיריקייט, ווערט אָפט געשטעלט העכער ווי דער קאַמף קעגן שרעקלעכן שונא. די קאָמוניסטן שטעלן זיך נישט אָפּ אין מיטן פון די שלאַכטן נקמה צו נעמען אין די טראָצקיסטן און אַפילו צו מאָרדן זייערע אָנהענגער. די איינציקע באַוועגונג, וואָס איז נישט מאַכט־גיריק זענען די אַנאַרכיסטן. פאַרקערט, זיי זעען דאָס גאַנצע שלעכטס אין דעם געיעג נאָך מאַכט. דאָך טרעט אָט די באַוועגונג אַריין אין דער שפּאַנישער פאָלקס־פראָנט־רעגירונג. זייער ציל איז די רעגירונג זאָל אָנפירן מיט דעם געמיינזאַמען קאַמף קעגן פאַשיזם און „פאַרוואַלטן“ מיטן לאַנד, אָבער נישט „הערשן“, נישט אונטערדריקן.

דער גורל פון שפּאַנישן בירגער־קריג דעצידירט זיך נישט אויף די זיצונגען פון דער רעגירונג און נישט אין די האָטעלן פון מאַדריד, ווו עס זיצן די פאַרטיי־שטאַבן. די געשיכטע ווערט געמאַכט דורך די טויזנטער זעלנער אויף די פראָנטן אין די טראַנשייען. אויף זיי וואַרפט דער שונא פייער פון עראָפּלאַנען און טאַנקן. ווי לאַנג קען מענטשלעכע גבורה שטיין קעגן שטאָל און פייער? אַז עס פאַרערגערט זיך די לאַגע אויף די פראָנטן, נעמען די פאַרטיי־שפּיצן נאָך מער דיסקוטירן און וואַרפן די שולד איינע אויף דער צווייטע פאַר די דורכפאַלן. אויך זעלנער טראַכטן אַנדערש ווען זיי שפּאַנען פאַרויס און גאָר אַנדערש

ווען זיי ווערן געטריבן דורכן שונא. איז דער גרויסער קאַמף, וואָס האָט אַזוי העראָיש, מיט אַזויפיל ברען און גלויבן זיך אָנגעהויבן, טרעט אַזוי פּייניק צוריק, באַגלייט מיט פּאַרטייאישע אינטריגעס און רייסערייען. די יוגנט קעמפט נאָך אַלץ העלדיש און פאַרביסן, אָבער דער עכאָ פון די ויכוחים צווישן די פירער ברעכט אונטער די פליגל פון די קעמפער, נאָך מער ווי די טאַנקן פון שונא.

פראַנקאָס האַרמאַטן דיסקוטירן נישט, זיי זייען טויט און פאַרניכטונג. געדונגענע באַנדיטן פון פרעמדן־לעגיאָן, מאַורן און אַוואַנטוריסטן, שוואַרצע מאַראָקאַנער אין לאַנגע רויטע בונאַרן מיט ווייסע אַראַבישע טשאַלנס אַרום די אייזערנע קאַסקעס אויף די קעפּ, שטייען צוזאַמען מיט די פאַשיסטישע באַנדעס פון „פאַלאַנגאַ״ קעגן שפּאַנישן פאָלק. זיי ווערן געשטיצט דורך היטלערס און מוסאָליניס לופט־עסקאַדרן. זיי פאַרניכטן שטעט, ברענען תבואות אויף די פעלדער, צעטרייבן די סטאַדעס שאָף און הרגענען זייערע פּאַסטעכער. די מאַורישע באַנדעס פאַרגוואַלדיקן שפּאַנישע טעכטער ווען די ריטערלעכע סעניאָרן פון דער „פאַלאַנגאַ״ שרייען פאַר־שיכורט „אריב עספּאַנאַ״.

די פאַשיסטן רינגלען אַלץ מער אַרום די הויפּטשטאָט. די רעפּובלי־קאַנישע אַרמיי פאַרטיידיקט לאַנגע חדשים דעם צוטריט צו דער שטאָט. דער שונא וואַרפט אַלץ נייע קרעפטן, נייע טאַנקן. פאַר גוצן ציען זיך די טעג פון אומגלייכן קאַמף ווי אָן אייביקייט. נאָר די גרויסע שינאה צום פאַשיזם גיט די קעמפער דעם כוח אויסצוהאַלטן קעלט, הונגער און האָפענונגסלאָזיקייט. יעדער טאָג, דאָס זעלבע זשומען פון עראָפּלאַנען איבער די קעפּ, די זעלבע „הורא״־געשרייען פון די ווילדע מאַורן. יעדן טאָג אויפרייסן, נייע פאַרלוסטן און קרבנות. אָט פאַלט דער געטרייער שפּאַנישער בחור אַנריקאָ, שפּעטער עדוואַרדאָ. עס פאַלט דער פּוילישער יאַט מאַריאַן פון זאַגלעמביע. איוואַן פון לענינגראַד, זשאַק פון פּאַריז. עס פאַלן די יידישע בחורים: עדוואַרד, דער געוועזענער סערקרעטאַר פון לינקן נאָדל־פאַראיין אין וואַרשע; פּאַוועל און משהלע פון וואַרשעווער האָלץ־פאַראיין. אָבער דער גרעסטער קלאַפּ פאַר גוצן איז דער טויט פון זיין נאָענטסטן חבר קאַראַל. דער באַשיידענער בחור איז העלדיש גע־שטאָרבן, אַ שווער־פאַרוואונדעטער האָט ער אַלץ געשאָסן צו די פאַשיסטן. אפשר האָט ער זיי געוואָלט באַצאָלן פאַר זיין שווער לעבן, פאַר קאַרטוז בערעזע? נאָך זיין טויט האָט גוץ זיך געפילט נאָך מער איינזאַם אין

דעם האָפּענונגסלאָזן קאַמף, וואָס ציט זיך אָן אָ סוף. דריי יאָר דויערט דאָס טראַגישע קאַפּיטל פון שפּאַנישן בירגער־קריג. זי האָט געהאַט אירע יום־טוב־טעג פול מיט גלויבן און ענטוזיאַזם, מיט אַ פּרעכטיק קעמפנדיקער יוגנט, מיט פּרעכטיקע חלומות וועגן פרייהייט און גליק. איצט ליגט דער חלום אַ דערשאָסענער הינטער מאַדריד. עס פאַלט מאַדריד, דערנאָך פאַלט די לעצטע פעסטונג באַרצעלאָנע. הונדערט טויזנט זענען געפאַלן, דרייסיק טויזנט זענען דערשאָסן געוואָרן דורך די פאַשיסטן און גוץ צוזאַמען מיט די צוויי הונדערט טויזנט זעלנער פון דער רעפּובליק גייען אַריבער די פראַנצויזישע גרענעץ און ווערן אַנטוואָפנט דורך די פראַנצויזישע זעלנער. די נעכטיקע קעמפער פון שפּאַניע צעשפּרייטן זיך איבער דער גאַנצער וועלט. גוץ בלייבט אין דער פראַנצויזישער דרום־שטאָט טולוז.

געענדיקט זיך נאָך אַ שטורמיש קאַפּיטל פון זיין לעבן. גוץ, אַ מידער בענקט נאָך אַ ביסל רו, אָבער אין דער לופט טראָגט זיך שוין דער אָנזאָג פון אַ נייעם שטורעם, צי פון אַ קאַטאַסטראָפע. פאַרציען זיך איבערן הימל פון איראָפּע נייע וואָלקנס, שוואַרצע ווי דאָס געוויסן פון פאַשיזם. פראַנקרייך וויל אָבער פאַרגעסן, אַז זי גרענעצט זיך מיט היטלער־דייטשלאַנד, זי טרייסט זיך מיט דער מאַזשינאָ־ליניע. און ווען איבער די ראַדיאָ־כוואַליעס טראָגן זיך די חוצפּהדיקע רעדעס פון היטלערן, טרינקען די פראַנצויזן געשמאַק ווין, און די צייטונגען שרייבן, אַז די פראַנצויזן האָבן גרויסע סימפּאַטיעס צום פּוילישן פאָלק זיי זענען אָבער נישט גרייט צו שטאַרבן צוליב דאַנציק. דאָס אַלטערטימלעכע טולוז איז פאַרוויגט אין פּאַסיווער געמיטלעכקייט. די אַרבעטער גייען יעדן טאָג אין די פאַבריקן, ווייבער אין די פאַרשטעט דערציילן זיך רכילות. סטודענטן טרוימען וועגן גלענצנדיקע קאַריערעס און רייכע שידוכים. אין טולוז האָט געלעבט אַמאָל זשאַן זשאָרעס, ער איז דערמאָרדעט געוואָרן דורך מלחמה־העצער. איצט פירן צווישן זיך די סאָציאַליסטן און קאָמוניסטן ויכוחים, ווער עס איז שולדיק אין אויפשטייג פון פאַשיזם? אפשר ביידע? דער סאָציאַליזם איז קראַנק. זיינע טעאָריעס זענען שוין מיט גרויע האָר. דער קאָמוניזם האָט אויך שוין פאַרלוירן זיין יוגנט גליי. געבליבן איז זיי נאָר די חוצפּה. זייער געוויסן איז באַפלעקט מיטן בלוט פון זייערע אייגענע פירער. אין ווי זאָל גוץ געפונען אַ ווינקל, וואָס זאָל וואַרעמען זיין נשמה? ווער וועט אויפהאַלטן דעם פלאַם, וואָס האָט אין אים אַזוי העליש געגליט? אַפילו אין

די הייסע אָרעמס פון זשאַנעט קאָן ער לאַנג קיין טרייסט נישט געפינען. עס רויבט צו זיין רו די שכורע געשרייען „הייל היטלער!״, וואָס טראָגן זיך איבער איראָפּע.

ה

די מאַפּע פון איראָפּע ווערט איבערגעפאַרבט מיט נייע קאָלירן. עסטרייך שליסט זיך „גוטוויליק״ אָן צום פאַשיסטישן רייך. דאָס סודעטן־לאַנד ווערט איינגעשלונגען מיט דער ברכה פון ענגלישן פּרעמיער טשעמ־בערלען און שוין וואַקסט דער אַפּעטיט פון היטלערן צו דאַנציק, פּאָמערן און שלעזיע. אין פוילן הערשט אַ גרויסער קריזיס און אַרבעטסלאָזיקייט. טויזנטער הונגערן, קינדער אָנגעשטעקטע מיט שווינדזוכט. נאָר די פּאָלי־טיקער האַלטן זיך מוטיק, זיי פאַרלירן נישט זייער שטימונג און הומאָר און זענען דפּטע געסט אויף פריילעכע בעלער. די פוילישע מיניסטאָרן, דעפּוטאַטן און פּאַרטיי־פירער זענען אויך שטאַרק איצט פאַרנומען מיטן געזעץ צו פאַרווערן די יידישע שחיטה. זיי, וואָס שוויגן ווען די פוילישע פאַשיסטישע יוגנט דראָען מיט „נעכט פון לאַנגע מעסערס״ מיט אויס־שעכטן די יידן, נעמען זיך אָן די עוולה פון די קעלבער, וואָס ווערן נישט הומאַניש געשאָכטן. אין דער צייט געפינט פּאַר פּאַסיק צו קומען דער היטלעריסטישער מאַרשאַל גערינג אויף יאַגד אין די פוילישע וועלדער. אויף דער פייערלעכער, פּאַר אים, אויפנאַמע, איז צווישן די וויכטיקסטע געסט אויך דער פּולקאָווניק זדאַלסקי. ער איז געקומען מיט דער פריילין וואַנדע זיך צו באַווייזן מיט זיין יונג און שיין צוקונפטיק ווייב, וואָס נאָר צוליב דער שולד פון די קאַטוילישע געזעצן, און צוליב דער שולד פון זיין נישט נאָרמאַל ווייבל, וואָס וויל נישט שטאַרבן, קען נאָך וואַנדע נישט טראָגן זיין נאָמען. זי טראָגט אָבער אויף זיך אַ טייער קלייד און נאָך טיי־ערער צירונג, וואָס זי האָט צוגענומען ביים פּולקאָווניקס ווייבל. דער גראָב־בייכיקער גערינג קושט מיט גרויס אַפּעטיט די אידעלע הענט פון דער נעכטיקער דינסט. אין ווען עס פליסט דאָס בלוט פון אַ יידישן

סטאָלער. גערינג פאַרזיכערט די פוילישע קאַמעראַדן, אַז נישט געקוקט אויף „קליינע" מיינונגס־פאַרשידנהייטן וועגן „געוויסע טעריטאָריעס" הערשט צווישן ביידע מדינות אַ „טראַדיציאָנעלע" פריינדשאַפט. ביידע האָבן געמיינזאַמע אינטערעסן קעגן דעם קאָמוניסטישן שונא. ווייסן נישט די זשורנאַליסטן, צי ער איז געקומען אויף יאַגד נאָך וויזרים אָדער פאַנגען די הערצער פון דער פוילישער נאַציאָנאַלער יוגנט.

אין די טעג איז פאַן יורעק שטאַרק באַשעפטיקט, דאָך געפינט ער צייט אָנצוקלינגען צו וואַנדען, זי זאָל צו אים קומען. ער האָט זיך פשוט פאַרבענקט נאָך איר. גרייט זיך גלייך וואַנדע צו דער טרעפונג. אויך דער פולקאָווניק גרייט זיך צו אַ וויכטיקער באַראַטונג אין גענעראַל־שטאַב, ער מוז אָבער פריער אָפּוואַשן די פלייצעס פון וואַנדען, וואָס באַדט זיך און זיין נישט נאָרמאַל וויבל וואַשט די פיס פון איר מאַנס געליבטער.

דער פּראָפעסאָר סאָלסקי האָט אָנגעזאַמלט אַ סך וויסנשאַפטלעכע אַרגומענטן קעגן דער נישט הומאַניטאַרער יידישער שחיטה, ער טראַכט אָבער ווי אַזוי אָפּצושעכטן דעם יידישן האַנדל. זיין יונג וויבל טרייסט אין איר שלאָף־צימער אַ מיניסטער און טראַכט וועגן דעם ברילייאַנט, וואָס דער מיניסטער האָט איר צוגעזאָגט. אין די שווערע פאַר פוילנס צייטן, פון קריזיס, אַרבעטסלאָזיקייט, אָפענע דראָונגען פון היטלערן אָפּ־צורייסן שטיקער פון פוילן, דערצו דער זעלבסטמאָרד פון פולקאָווניק סלאָוועק און אַלע שווערע דאגות, איז וואָס קען זיין אַ בעסער טרייסט פאַר דעם מיניסטער, ווי דאָס שיינע וויבל פון פּראָפעסאָר, ווען אַליין האָט ער אַזאַ מיאוס און אַלט וויב ?.

קושט דער מיניסטער די פליישיקע ווייכקייט פון פּראָפעסאָרס יונג וויבל און די פוילישע בירגער הערן מיט געשפאַנטער אומרואיקייט די דראָענדיקע רעדעס פון היטלערן. דורך די ראַדיאָ־הילכערס שרייט זיין קול, אַז די פאָליאַקן האָבן צוגערויבט דאַנציק, שלעזיע, דעם דאַנצי־קער קאָרידאָר און פאָמערן. דער ווערסאַלער טראַקטאַט, זאָגט ער, איז אַ פאַרברעכן פון וועלט־יודנטום און אינטערנאַציאָנאַלן מאַרקסיזם. פוילן מוז צוריקגעבן די צוגערויבטע טעריטאָריעס, כדי צו פאַרזיכערן דעם פרידן אויף דער וועלט.

אין דעם רעסטאָראַן „פּאָד סעטקאָן" טרינקען די פירער פון פוילן וודקע און זיי פאַרשטייען גאָרנישט, פאַרוואָס די פּרוסאָקעס צעשטערן

זייער רו? פוילן האָט דאָך גאָרנישט געהאַט קעגן „אַנשלוס“ מיט עסטרייך און געפרייט זיך ווען טשעמבערלען האָט פון מינכען געברענגט דעם שלום אויף הונדערט יאָר. זיי האָבן א ויך גאָרנישט דאַקעגן, אַז היטלער זאָל אָפּרייסן שטיקער פון טשעכיע, אפשר וועט אויך פוילן דערפון געניסן אַ שטיק זאַלזשע? אָבער דאַנציק איז רידז־שמיגלי נישט גרייט אָפּצוגעבן. ער וועט אַפילו אַ קנעפל פון זיין זעלנערישן מונדיר נישט אָפּגעבן.

די וועלט ברענט

א

ס׳איז אַ פרייטיק־אָונט. גלייך נאָכן אָונט־מאָלצייט איילט יעקב צו דער לעשנע. דאָרט ביים זייגער טרעפט ער זיך מיט קלאַרען אוןביידע לאָזן זיך אַוועק צום קינאָ „קאָלאָסעום״. אויפן עקראַן לויפן בילדער פון אַ פאַנטאַסטישן פילם וועגן דער צוקונפטיקער מלחמה, לויטן ווערק פון ענגלישן שרייבער וועלס. איז יעקב אונטערן איינדרוק פון די שרעקלעכע בילדער פון חורבן און אומקום. מיט די מאָדערנסטע מאָרד־מכשירים ווערן שטעט אָפגעווישט פון דער ערד. די גאַנצע וועלט ברענט. מענטשן קומען אום מאַסנווייז. זיצט יעקב אַ דערשיטערטער און טאַפּט אונטער זיך אינס־טינקטיוו די שטול, זיך צו באַרואיקן און פאַרזיכערן, אַז אַלץ וואָס ער זעט איז צום גליק נישט מער ווי אַ שווידערלעכע פאַנטאַזיע פון אַ געניאַלן פאַנטאַזיאָר, און ער אַליין זיצט זיך גאָר באַקוועם אויף אַ געבעטע שטול און לעבן אים זיין טייערע קלאַרא.

ב

אין אַ שפּעט־זומערדיקן פרייטיק־טאָג, יאָר 1939 וועקן אויף שרעק־לעכע אויפרייסן די שטאָט פון איר שלאָף. אָבער קיינער גלייבט נישט, אַז

דאָס האָט זיך ווירקלעך אָנגעהויבן. די געפאַר פון מלחמה האָט שוין לאַנג געהאַנגען אין דער לופט. דאָך ווילט זיך נישט גלייבן, ביז מען זעט נישט דאָס ערשטע פייער, דאָס ערשטע בלוט. מאַסן דייטשישע עראָפּלאַנען באַפאַלן די שטאָט. זיי קומען אָן ווי שוואַרצע כמאַרעס, זייען טויט און חורבן. די פאַבריקס־סירענעס פייפן פאַרצווייפלט, און פון ראַדיאָ־הילכערס רופט „אַכטונג, אַכטונג! עס קומט אָן, עס דערנענטערט זיך אַ לופט־אָנגריף אויף וואַרשע!". ווערן מיט איין מאָל ליידיק די גאַסן, די מענטשן באַהאַלטן זיך אין די קעלערס. עס שטייען ליידיקע טראַמווייען, עס שטייען וועגענער און דראָזשקעס, וועמענס פורמאַנעס האָבן זיך באַהאַלטן, איבערלאָזנדיק די אומגליקלעכע פערד איינגעשפּאַנטע און קענען נישט אַנטלויפן. זשומען איבער זייערע קעפּ די דייטשישע באָמבאַרדיר־עראָפּלאַנען און זיי ציטערן פון פחד. די עראָפּלאַנען וואַרפן אַראָפּ באָמבעס און פאַרשווינדן, כדי באַלד ווידער צו קומען מיט נייע באָמבעס. צווישן איין באָמבאַרדירונג און דער צווייטער דערציילט מען שוין וועגן דעם באָמבאַרדירטן יידישן יתומים־הויז אין אָטוואָצק און די קינדער־סאַנאַטאָריע אין מיעדזעשין. צי האָט היטלער אָנגעהויבן זיין מלחמה קודם כל קעגן יידישע קינדער? ווערן די גאַסן גלייך פול מיט פּליטים פון די מערבֿ־שטעט. יוגנט מיט רוקזעק אויף די פּלייצעס שפּאַנען מיט איבערגעשראָקענע אויגן. ס'איז דער ערשטער טאָג פון מלחמה און שוין אַזוי גרויס די פּאַניק, די מהומה. ס'איז אַ טאָג פון אויפרייסן, שרפות און פחד. אויך די נאַכט ברענגט נישט קיין רו. די שטאָט ווערט אויפגעוועקט פון לופט־איבערפאַלן. אויך די שרעק פאַרן מאָרגן נעמט צו דעם שלאָף. דער מאָרגן ברענגט ווייטער דייטשישע עראָפּלאַנען, נאָך זייער פאַרשווינדן זוכן ווייבער ווו ערגעץ ברויט צו קריגן פאַר זייערע קינדער. אָט גייט אַ גרופּע פּוילישע גימנאַזיסטקעס אין מיליטערישע בלוזעס. די גליקלעכע פון זיי פאַרמאָגן גאַז־מאַסקעס, וועמענס פּרייז ס'איז געשטיגן צו אַסטראָנאָמישע ציפערן. אָט גייט אַ גרופּע יידן מיט לאָפּאַטעס אין די הענט, זיי גייען קיין זשאָליבאָזש גראָבן אָקאָפּעס. דעפּוטאַטן, פּאַרטיי־פירער און דעפּענסיווע־אַגענטן אַנטלויפן פון דער שטאָט. די מעטאַל־ און טראַמוויי־אַרבעטער בויען אין די פאַרשטעט באַריקאַדן. זיי גרייטן זיך דעם שונא נישט אַריינלאָזן אין דער שטאָט. דאָך גלייבט נישט קיינער אין דעם זיג פון די היטלעריסטן. די מלחמה וועט זיך ענדיקן מיט היטלערס מפּלה. די מאָדערנע מלחמה קען לאַנג נישט דויערן טענהן אַזעלכע, וואָס האַלטן זיך פאַר סטראַטעגן. נאָר דערווייל

אַנטלויפן מאַסן פון די שטעט קיין וואַרשע און פון דאַנען לויפט די יוגנט צו די מזרח־ און דרום־גרענעצן. מיטן דער נאַכט מעלדעט דער ראַדיאָ, אַז די פוילישע רעגירונג פאַרלאָזט וואַרשע און וועט זיך אומקערן גלייך נאָכן נצחון. זי רופט אויך די יוגנט צו פאַרלאָזן די שטאָט און שטעלן זיך אין דער אַרמיי צו פאַרטיידיקן דאָס לאַנד.

פאַרלאָזט אויך די יידישע יוגנט מאַסנוויז די הויפּט־שטאָט. זיי ווילן נישט לעבן אונטער דער מאַכט פון פאַשיזם. אויך יעקב פאַרלאָזט וואַרשע און לויפט קיין לובלין, ווו עס געפינט זיך איצט קלאַראַ ביי אירס אַ מומע. אין אָט דער אומזיכערער צייט וויל ער זיין נאָענט לעבן איר. די באַן־באַוועגונג איז פאַראַליזירט, לאָזט מען זיך צופוס. אַלע וועגן זענען פאַרפלייצט מיט פליטים. טייל אויף וועגענער, וועליסאָפעדן און אויטאָס. פאַליאַקן לויפן צו דער רומענישער גרענעץ, יידן קיין מזרח. צווישן דער לויפנדיקער מאַסע טראָגן זיך אַרום פאַרשידענע קלאַנגען; וועגן ברענענ־דיקע שטעט, וועגן זיג איבער דער היטלער־אַרמיי, די פראַנצויזן זאָלן זיך שוין געפונען גאָר נאָענט צו בערלין. אָבער יעקב וויל וואָס שנעלער זיין אין לובלין. עס געלונגט אים זיך אַרויפצוכאַפן אויף אַ מיליטערישן אויטאָ, וואָס פירט מאָביליזירטע פוילישע יוגנט. זיי פאָרן דורך אַ שטעטל, וואָס איז נאָר־וואָס געוואָרן באָמבאַרדירט. די הייזער ברענען נאָך. קוקט די יוגנט אויף די פלאַמען, וואָס שלינגען איין דאָס שטעטל און זאָגן: „אָט אַזוי וועלן מיר מאַכן פון בערלין". פלוצלינג פליען אָן דייטשישע עראָפּלאַנען. אַלע שפרינגען שנעל אַראָפּ פון אויטאָ און צעלויפן זיך איבערן ברייטן פעלד. אַ פוילישער בחור שטעקט לויפנדיק אויס צו די עראָפּלאַנען אַ דראָענדיקע פויסט און וואַרפט אַ מיאוסע קללה. פאַרשווינדן די עראָ־פּלאַנען ווערט ווידער פול דער וועג מיט פליטים. יעקב טרעפט שוין נישט דעם אויטאָ לאָזט ער זיך צופוס, אָבער נישט דורכן הויפּט־וועג, וואָס ווערט אָפט באָמבאַרדירט, נאָר דורך זייטיקע וועגן צווישן דערפער. ביינאַכט נעכטיקט ער אין אַ דאָרפישער סטאָדאָלע און שבת פאַרטאָג קומט ער אָן קיין לובלין. די שטאָט שלאָפט נאָך אין אַ געמיטלעכן שלאָף. נישטאָ דאָ קיין שפור פון מלחמה. גייט יעקב פול מיט האָפענונג צום געסל מיט הילצערנע צוויי־שטאָקיקע הייזער, ווו עס געפינט זיך איצט קלאַראַ. עס איז נאָך צו פרי זיך צו באַווייזן פאַר קלאַראַן, וואַשט זיך דערווייל יעקב אַרום ביי אַ פּלומפּ.

דערזעט אים קלאַראַ, פלאַמט אויף איר פנים פון גליק, מיט אַזוי

פיל זאָרג האָט זי געוואָרט אויף אים. דערלאַנגט זי אים שנעל ריינע וועש איבערצוטון און זי גרייט אויפן טיש געשמאַקע שבתדיקע מאכלים. אַ הונגעריקער עסט ער מיט גרויס אַפּעטיט די פיש. ער דערפילט קוים זייער געשמאַקן טעם, ווערט ער פאַרטויבט פון אַ שרעקלעכן אויפרייס. אַרום ווערט מיט איינמאָל פינצטער פון שטויב און אין האַלדז שטיקט אים אַ רויך. ווי אין אַ חלום הערט ער פאַרשטיקטע געשרייען, אָבער באַלד ווערט אַרום מוראדיק שטיל. זיין ערשטער געדאַנק איז קלאַראַ, און ער נעמט פאַרצווייפלט רופן. ער הערט בלויז דעם עכאָ פון אייגענעם קול. ער לאָזט זיך לויפן, נאָר אַרום איז אַ תהום, פון וואַנען עס רייסן זיך צו אים פייער־צונגען, ווי ער וואָלט פאַרבלאָנדזשעט אין גיהנום. אָט ברינט אים שוין דאָס פייער און ער פילט דעם ריח פון פאַרברענטע האָר. דערמאָנט ער זיך גאָר אין קינאָ־בילדער פון שרפות און טויט. איז אפשר זעט ער נאָר די שרעקלעכע בילדער פון אַ געניאַלן פאַנטאַזיאָר? אָבער אַ ברי, וואָס ער באַקומט פון אַ פייער־צונג דערמאָנט אים אין דער ווירקלעכקייט. און אַ געדאַנק גיט אין אים אַ בליץ. ער טאַפּט אַרום זיך מיט די הענט און געפינט נישט קיין שטול. דערוואַכט זיין באַוווסטזיין. ניין, ער זיצט נישט אין קינאָ און דאָס איז נישט קיין פאַנטאַזיע. שפּרינגט ער מיט אַ ניי־דערוואַכטער ענערגיע אַריין אין גליאיקן פייער, רייסט זיך דורך אירע פלאַמען און לויפט מיט ברענענ־דיקע קליידער ביז אויף דער גאַס. די מענטשן אויף דער גאַס קוקן אויף אים מיט זיינע פאַרברענטע הויזן און שוואַרצן פּנים פון סאַדזעס, ער בלייבט ערגעץ שטיין און דערזעט לעבן ייִ אויף אַ נישט נאָרמאַלן. ער בלייבט ערגעץ שטיין און דערזעט לעבן זיך דעם הונט פון קלאַראַס מומען מיט אָפּגעברענטע האָר. זיי ביידע, די איינציקע געראַטעוועטע פון דעם הויז. ער קומט צום באַוווסטזיין, דערמאָנט ער זיך ווידער אין קלאַראַן. לויפט ער צוריק צום ברענענדיקן הויז, צו די פלאַמען, אַרויסשלעפּן פון דאָרט קלאַראַן. נאָר אַ פעסטע האַנט כאַפּט אים אָן און שלעפּט אים צוריק. ער דערקענט זיין שול־חבר נתן. דער חבר שלעפּט אים צום פּלומפּ, וואַשט אָפּ זיין פּנים פון די סאַדזעס, שאַפט פאַר אים פון ערגעץ אַ פּאָר גאַנצע הויזן. יעקב לאָזט מיט זיך אַלץ טאָן. ער איז צופיל פאַרצווייפלט, ער זאָל קאָנען זיך אַנטקעגנ־שטעלן נתנס ווילן. לאָזט ער זיך פון אים פירן אויף ווענן פול מיט פּליטים. אָט שטייט אַ וואָגן, וועמענס פערד ס׳איז געפאַלן, אַ פאַרלאָזטער אויטאָ מיטן וועג, פאַרפּעלט אים בענזין, קען נישט ווייטער פאָרן. גייען טויזנטער צו

פוס. אַ מאַסע שטראָמט פון לובלין קיין כעלעם און זיי אַנטקעגן שטראָמען פון כעלעם קיין לובלין. און אַלע מאָל ווייזן זיך עראָפּלאַנען איבער די קעפּ און זייען טויט. זיי גייען דורך אַ שטעטל, וווּ עס שפּאַנען טרויעריק מענטשן נאָך אַ לוויה. זעט אויס אַז דער נאָרמאַלער טויט אין מיטן פון מאַסן־מאָרד ווי עפּעס אַ מאָדנע אומנאָרמאַלקייט.

דער וועג איז פול מיט פּליטים, אויף די פעלדער שנײַדן די פּויערים די תבואה. אויפן וועג ביים דאָרף שטייען פּויערטעס מיט קרוגן מילך און וואַסער און דערלאַנגען צו טרינקען די וואַנדערנדיקע פּליטים און שענקען זיי נאָך אַ ברכה אין נאָמען פון דער הייליקער מוטער. פאַלט צו די נאַכט, ווערן די פּויערישע כאַטעס און סטאָדאָלעס פול מיט פּליטים. יעקב מיט נתנען נעכטיקן אין אַ כאַטע ביי אַן אָרעמען פּויער. די פּויערטע ברענגט קאָזע־מילך צום טרינקען און פאַרענטפערט זיך, אַז זיי פאַרמאָגן נישט קיין קי. דער פּויער בעט זיי אויס אַ געלעגער פון שטרוי אין מיטן פון זייער איינציִמערדיקן שטובל. ווערט גוט אויף דער נשמה פון אַט דער פּויערישער גוטסקייט אין מיטן פון דער וועלט פון מאָרד און שינאה. פאַרטאָג לאָזן זיי זיך ווייטער אין וועג. אויך די נאַטור איז גוט. אָט שטייען זיי פאַר אַ קריסטאַל־לויטערן קוואַל און פרישן זיך אָפּ מיט קלאָר־קאַלטן וואַסער. אַ מילד פרימאָרגן־ווינטל צעוויגט די נאָך נישט געשניטענע קאָרן־זאַנגען. רייפע הענגען אויף ביימער די עפּל. און אַלץ אַרום איז אַזוי געמיטלעך און שיין. נאָר קלאָראַ איז מער נישטאָ. נישט פאַר איר איז אָט די שיינקייט, נישט די גע־שמאַקע פרוכט. פאַרוואָס איז די נאַטור אַזוי שיין? וואָלט בעסער גע־שטורעמט, ווי עס ברויזט יעצט אין זיין האַרץ, וואָלט בעסער געוויינט די וועלט אויף איר טויט, ווי עס וויינט זיין האַרץ. איז גאָר די וועלט ווי אויף צו להכעיס וווּנדערלעך שיין, עס גייען געזונטע יונגע פּויער־טעס און טראָגן וואַסער פון ברונעם, זיי שטעלן זיך אָפּ ביי דער פיגור פון דער הייליקער מוטער און שעפּטשען די מאָרגן־תפילה:

ווען ס'גייט אויף דער מאָרגן־שטערן,
צו דיר גאָט די ערד און ים געהערן.

אינמיטן די פרימאָרגן אידיליע פליען אָן דייטשישע עראָפּלאַנען. זייער זשומען וואַרפט אָן אַ פּחד אויף דער גאַנצער נאַטור. די פייגל אַנט־לויפן אין בהלה. פּלוצלינג דערהערט זיך אַ שרעקלעך געשריי פון אַ מוטער. אַ הימלישער מערדער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט גאָר נידעריק און

דערשאָסן איר איינציק טעכטערל מיט איר איינציקער קו, וואָס איר טעכטערל האָט אַרויסגעפירט צו דער פּאַשע. די עראָפּלאַנען זענען אַוועק, נאָר דער געשריי פון ווייטיק טראָגט זיך נאָך אַלץ איבער דער געמיטלעכער נאַטור.

וואַנדערןביידע ווײַטער. פון דערווייטנס ברענט זאַמאָשטש, די שטאָט פון גרויסן יידישן שרייבער פּרץ. צו זיי דערנעענטער זיך אַן איינזאַמער פּוילישער זעלנער. אַ געזונטער פּויער, אַ טיפּ פון אַ „באַנטשע שווייג”. שפּאַנען זיי שוין אין דרייען. דער פּויער שווייגט, נאָר אין זיינע קאַרגע ווערטער פילט זיך די זאָרג פון מאָביליזירטן זעלנער כאָר זיין פרוי און קינדער. עס איז גראָד שניט־צייט, ווי וועלן זיי זיך דאָרט אַן עצה געבן מיט דערווירטשאַפט? און ווי וועלן זיי נעמען צו באַצאָלן די שטייערן און חובות? דערווײַל דערהערט זיך פון דער ווייטנס, אַן אויפרייס, דער זעלנער בלייבט פאַרשטומט, גיט אַ קרעכץ און ציט זיך אויס אויף דער ערד. ער איז טויט. נתן צעשפּיליעט זיין מונדיר, אַ שטראָם בלוט און אַ בינד פון קישקעס קריכן אַרויס פון זיין קערפּער, זעט אויס, אַ שפּליטער פון יענעם ווייטן אויפרייס האָט אַ סוף געמאַכט צו אַלע זיינע זאָרגן וועגן שניט, שטייערן און חובות. קוקן ביידע חברים אויף זיינע זעלנערישע שטיוול און אויף די אייגענע צעריסענע שיך. די לאָגיק זאָגט זיי: נעם די שטיוול, ווייל צו וואָס דאַרף זיי דער טויטער? נאָר דאָס געוויסן לאָזט נישט, זיי אַראָפּצושלעפּן פון אים. אין אָוונט קומען זיי צו אַ וואַלד. ביי זיין ראַנד שטייען צוויי פּוילישע גענעראַלן, באַהאַנגען מיט מעדאַלן. איינער, מיט אַ גרויסער מאַיעסטעטישער באָרד פרעגט: „זשידקעס, ווייסט איר נישט ווי עס געפינען זיך די דייטשן?” קוקן אים ביידע אָן פאַרוווּנדערט, אָבער דער גענעראַל זעצט פאָר: „יידן ווייסן אַלץ, נאָר זיי ווילן נישט אויסזאָגן”. דער וואַלד איז פול מיט מאָביליזירטע יוגנט, וואָס וואַרטן אויף געווער און אָפּגעשיקט צו ווערן אויפן פראָנט. אָבער מען זעט נישט קיין געווער און קיינער ווייסט נישט ווו עס איז דער פראָנט. שפּילט מען דערווײַל אין קאָרטן אָדער מען דרעמלט און מען חלומט. מידע ווערן אויך די צוויי חברים אַנטשלאָפן. אַ גרויסע מהומה וועקט זיי אויף פאַרטאָג פון שלאָף. דייטשישע עראָפּלאַנען באָמבאַרדירן דעם וואַלד. כאַפּן טויזנטער זייערע פּעקלעך און לויפן. אין מיטן דער מהומה הערט מען שרעקלעכע געשרייען. דאָס האָבן זעלנער געכאַפּט אַ פּוילישע שיקסע

און שמייסן אין איר נאַקעטן הינטן. זיי זאָגן, אַז זי איז אַן איבערגעטוענע שפּיאָנקע, וואָס האָט ביינאַכט געגעבן צייכנס פון אַ טאַשן־לעמפּל צו דייטשישע עראָפּלאַנען. נישט ווייט איז כעלעם, אָבער פּוילישע זשאַנדאַרמען לאָזן קיינעם נישט אַריין אין דער שטאָט, ווייל זי ווערט איצט באָמבאַרדירט פון דער לופט. גייען ביידע אַוועק אין אַ צווייטער ריכטונג און זעען פון דערווייטנס ווי עס ברענט די שטאָט, וואָס האָט דורות געשפּייזט דעם יידישן הומאָר מיט אירע „כעלעמער מעשהלעך". איצט ברענען זיי די וואונדערלעכע מעשהלעך פון כעלעם.

אין אַ קליין שטעטל אונטער כעלעם גרייטן זיך יידן צו די ימים־נוראים. זיי וועלן דאָך „צוליב עפּעס אַ מלחמה" זיך נישט פאַרשטערן די הייליקע טעג. איז אוודאי אַ מצוה צו האָבן ראש־השנה אַן אורח צום טיש. וואַשן ביידע חברים זיך גוט אָרום אין שטעטלדיקן מרחץ און ביינאַכט זיצן זיי ביי אַ יום־טובדיקן טיש מיט געשמאַקע מאכלים. דער בעל־הבית פרעגט נייגעריק די אורחים וועגן דער מלחמה, וואָס קומט ערגעץ פאָר. עס לייגט זיך אים — זאָגט ער — נישט אויפן שכל, אַז אַזוי אַן אַ פאַרוואָס זאָלן די דייטשן ברענען שטעט און שטעטלעך, וווּ איז יושר? ער פאַרשטייט אויך נישט צו וואָס דאַרפן צוויי יונגע לייט לויפן אין דער פרעמדער וועלט אַריין? אָט זיצט אַ שטעטל יידן קענען זיי אויך זיצן. וואָס עס וועט זיין מיט כלל ישראל, וועט זיי מיט רב ישראל. פאַרוואָס זאָלן זיי נישט איבערוואַרטן ביי אים ביז די מלחמה וועט זיך ענדיקן? ער האָט ברוך השם אַ גרויסע דירה, עסן וועט גאָט געבן. נאָך דער מלחמה וועלן זיי מיט גאָטס הילף צוריקקערן זיך אַהיים. איז דער זייט זיצט זיין אַכצן־יאָריקע טאָכטער פאַרשעמט, אַראָפּגעלאָזט דאָס קעפּל און שפּילט זיך מיט אירע צעפּלעך. נאָך דער יום־טוב־סעודה איז פאַר ביידן שוין גרייט אַ ריין, באַקוועם געלעגער און איידער זיי ליגן נאָר אַוועק, די קעפּ ווערן זיי גלייך אַנטשלאָפן. אין שלאָף באַפאַלט יעקבן אַ שרעקלעכער חלום. ער זעט קלאָראַן, ער וויל זי אַרומנעמען, אָבער אַ מחנה הינט באַפאַלן אים און רייסן פון אים שטיקער. ער כאַפּט זיך אויף, הערט ער דעם בעל־בית פון דער דירה, וואָס וועקט זיי: „יונגע־לייט, אַנטלויפט די דייטשן קומען!" כאַפּן ביידע אין דער פינצטער שנעל אויף זיך די קליידער און אַנטלויפן. דאָס שטעטל איז אין דער פינצטער און רעגן פול מיט פּוילישע קאַוואַלעריע אויף פערד. זיי רייטן שנעל און שעלטן. מישן זיך ביידע חברים אויס צווישן פערד און לויפן

מיט זיי צוזאַמען, וואָס שנעלער צום בוג, אויף יענער זייט טייך וועט די פּוילישע אַרמיי אָפּהאַלטן דעם דייטשישן אָנגריף. — זאָגן די זעלנער — און רייטן שנעל. צום גליק איז דער בוג נישט ווייט. רייטנדיק אויף די פערד שווימען די זעלנער דורך דעם טייך און גוץ מיט נתנען כאַפּן זיך אָן ביי פערדישע ווידלען און שווימען דורך דעם טייך אין דער פינצטער. דורכגענעצטע, ציטערנדיקע פאַר קעלט כאַפּן זיך ביידע אַריין אין אַ גרויסע שאָפּע, וועלכע איז פול מיט זעלנער. עס איז פינצטער און ענג, דערפאַר וואַרעם. אין דרויסן קלאַפּט דער רעגן און די זעלנער פירן אַ רוישיקן געשפּרעך. איינער זאָגט: „די דייטשישע טאַנקן, רוקן זיך, ווי חזירים, איבער דער פּוילישער ערד. זיי מיט טאַנקן, מיר אויף פערד. זיי מיט מאַשין־ביקסן, מיר מיט באַגנעטן, ווו זענען אונדזערע טאַנקן און עראָפּלאַנען? מען זאָגט, אַז אַלע פולקאָווניקעס זענען שוין אין רומעניע".

דערווייל נעמט אין דרויסן בלאָסן דער הימל. דער רעגן הערט אויף. די זעלנער פאַרלאָזן די שאָפּע און נעמען גראָבן אָקאָפּעס. ביידע חברים לאָזן זיך אין ווייטערדיקן וועג. אויפן האָריזאָנט דערזען זיי די קאָנטורן פון אַ דאָרף, טרייבט זיי דער הונגער דאָרט אַהין. ביי דער ערשטער כאַטע באַגעגנט זיי אַ יונגע אוקראַינערין מיט אַ פריינדלעכן „דאָברי אוטראָ" און איז זיי מכבד מיט וואַרעמע מילך און געשמאַק ברויט. זי דערציילט, אַז אַלע מענער פון דאָרף זענען אַוועק אין וואַלד, כדי נישט מאָביליזירט צו ווערן אין דער פּוילישער אַרמיי. דאָס דאָרף ווערט אָפּט באַשאָסן, אָבער די הייליקע בתולה באַשיצט איר קליין קינד. אין מיטן עסן, הייבט אומגעריכט זיך אָן פון ערגעץ אַ שיסעריי. די אוקראַינערין ווערט בלאַס פון שרעק און וואַרפט זיך אויף דער ערד. דער צימער איז פון אַלע זייטן מיט פענצטער, פילן אויך ביידע חברים די געפאַר און וואַרפן זיך אויך אויף דער ערד. די אוקראַינערין ציטערט און רופט פאַרצווייפלט יעזוסן, נאָר צוהילף קומט איר נתן. ער פאַרדעקט זי מיט זיין קערפּער, זי שעפּטשעט „מען טאָר נישט, ס'איז אַ זינד". זי שטערט אים אָבער נישט אַראָפּצושלעפּן אַלץ, וואָס עס שטערט אים. ענדיקט זיך די שיסעריי הייבן ביידע זיך אויף פון דער ערד, נאָר די אוקראַינערין בלייבט אַ פאַרשעמטע פאַרדעקט דאָס פּנים מיט די הענט. ביידע פאַרלאָזן די כאַטע און דאָס אוקריינישע דאָרף און שפּאַנען אַוועק צום נאָענטן וואַלד.

געדיכט איז דער וואַלד מיטביימער און פול מיט פּליטים: הויכע מלוכה־מענער, דעפּענסיווע־אַגענטן, פּאַרטיי־פירער, וואָס איילן צו דער רומענישער גרענעץ. זיי האָבן מורא פאַר זייער לעבן, וואַנדערן זיי נאָר ביינאַכט, בייטאָג ליגן זיי באַהאַלטן. אַפילו אויף זייערע וואַנדער־וועגן זאָגן זיי זיך נישט אָפּ פון טרינקען און פון זינד. איז פול צווישן ביימער מיט ליידיקע פלעשער און עס פעלן נישט אין וואַלד קיין פּראָסטיטוטקעס. צווישן שיכרות און זינד פירן זיך פּאַטריאָטישע געשפּרעכן. איינער זאָגט, אַז נאָך דער מלחמה וועט ערשט פּוילן ווערן אַ גרויס־מאַכט. אַ צווייטער זאָגט, אַז מיט פּוילן איז געענדיקט. די אַרמיי איז זיך צעפאַלן און די שטעט גיבן זיך איבער אָן ווידערשטאַנד. צווישן ביימער האָבן צוויי מענער אָנגעשיכורט אַ דריטן, און זיך צוגעכאַפּט צו זיין פעט־פליישיק ווייבל. אַראָפּגעשלעפּט פון איר אַלץ און פאַרכאַפּט איר ווייבערישער טעריטאָריע אָן ווידערשטאַנד. אַרויס פון וואַלד קומען ביידע חברים אָן אין דעם שטעטל קיווערצע. דאָ איז אַ וויכטיקער באַן־קנופּ און ווערט אָן אויפהער באָמבאַרדירט פון עראָפּלאַנען. קומט אָן אין שטעטל אויך דער פּרעמיער פון פּוילן גענעראַל סקלאַדקאָווסקי. ער איילט אין זיין לוקסוס מאַשין קיין רומעניע, ער פאַרגעסט אָבער נישט אין דעם שטעטל זיך צו באַזאָרגן מיט בראָנפן. דער ריטער פון „פרידלעכן הויקאַט" קעגן יידן זוכט ביי יידן צו קויפן בראָנפן. נאָכן שטעטל הויבט זיך אָן אַ ברייט פעלד. אויפן הימל באַווייזן זיך פינף עראָפּלאַנען און עפּעס מאָדנע, זיי קומען גאָר פון מזרח. צי זאָל דאָס באַדייטן אַ בונד צווישן היטלער און סטאַלין? די עראָפּלאַנען וואַרפן אַראָפּ אויף דער באַן־סטאַציע אַ ביסל באָמבעס און קערן זיך צוריק קיין מזרח.

דעם נאָענטן אוקראַינישן דאָרף טרעפן זיי אין אַ יום־טובדיקער שטימונג, די פּויערים אויסגעפּוצטע, פאַרזיכערן, אַז מאָרגן וועט דאָ אַריינטרעטן די רויטע אַרמיי און באַפרייען מערב־אוקראַינע און מערב־ווייסרוסלאַנד איז נישטאָ מער וווּ צו לויפן. בלייבן ביידע אין דאָרף. נתן פלירטעוועט שוין מיט אַן אוקראַיניש מיידל און צו יעקבן דערנענטערט זיך צו אַ פּוילישער מיליטער־מאַן, מען דערקענט אויף זיין מונדיר די צייכנס פון אַראָפּגעריסענע מיליטערישע שליפעס און טראָגט אָפיצירישע שטיוול. ער פאַרזיכערט יעקבן, אַז ער איז קיינמאָל נישט געווען קיין אַנטיסעמיט און שטענדיק געווען אַ פריינד פון אַרבעטער און פּויערים.

צומאָרגנס שפּאַנען טאַקע אומצאָליקע מחנות זעלנער, רויטאַרמייער

אויף מאַשינען, טאַנקן און צופוס, פריילעכע מיט האַרמאָשקעס אין די הענט, מיט לידער. זעען זיי אויס ווי זיי וואָלטן געקומען אויף אַ מיליטערישן מאַרש, נישט אויף מלחמה. מיט געזאַנג און טענץ באַזעצן זיי אַ העלפט פון געוועזענעם פוילן. בײדע חברים פאַרלאָזן דאָס דאָרף און לאָזן זיך אַוועק אין דער נאָענטער שטאָט לוצק. די שטאָט איז פול מיט פליטים און מיט רויטאַרמייער. די יידן פון דער שטאָט זענען גליקלעך פאַר זיי הייבט זיך אָן אַ נײַ לעבן. אַפילו די חסידים זענען צופרידן, זיי זענען זיכער, אַז משיח איז געקומען צורייטן אויף אַ טאַנק פון די גאָטלאָזע באָלשעוויקעס. אויך די קרעמער זענען צופרידן, די רוסישע זעלנער קויפן אָפּ אַלע פאַרלעגענע סחורות. אין געציילטע טעג ווערן אַלע געוועלבער ליידיק. אויף די באַזאַרן דערגייען אַ פּאָר אַלטע הויזן צו לעגענדאַרע פּרייזן. בליט די שפּעקולאַציע און ברויט ווערט שווער צו באַקומען. דאָך זענען יידן צופרידן, נישטאָ מער קיין שרעק פאַר פּאָגראָמען, זיי פילן זיך שטאָלץ, ענדלעך זענען זיי גלייכע צווישן גלייכע. פון די ווענט שרייען אַראָפּ לאָזונגען, די עפנטלעכע געביידעס זענען באַפּוצט מיט די בילדער פון סטאַ־לינען, מאָלאָטאָוון און וואָראָשילאָוו. די ראַדיאָ־הילכער צעטראָגן איבער דער שטאָט האַרציקע רוסישע מעלאָדיעס. ווערט די שטאָט אַרומגעוועבט מיט ראָזע האָפענונגען. אַפילו די לאַנגע רייען נאָך ברויט קאָנען נישט צעשטערן די יום־טובדיקע שטימונגען. די יידישע יוגנט טוט אָן רויטע לענטעס מיט ביקסן אויף די אַקסלען, אַז די פּאָליאַקן דערזעען די יידן מיט ביקסן כאַפּן זיי גיך די מאַנאַטקעס און אַנטלויפן אויף יענער זייט פון טייך בוג, צו די דייטשן. דערפאַר קומען פון דאָרט נאָך אַלץ גרופּן יידן און ברענגען אַהער די ערשטע גרוסן פון היטלעריסטישער אַכזריות.

ב

נאָכן אַריינמאַרשירן פון די דייטשן קיין וואַרשע, נעמט מאַקס מיט רייזלען זייער קליין טעכטערל און פאַרלאָזן דאָס צעקלאַפּטע וואַרשע. מיט אַ פּויערישן וואָגן קומען זיי אָן קיין מאַלקין און מיט אַ גרופּע יידן גע־לונגט זיי, אָן שטערונג, ביינאַכט אַריבערצוגיין אויף דער סאָוועטישער

זייט. אין ביאַליסטאָק טרעפט מאַקס די אַקטיוויסטן פון אַלע יידישע פּאַר־ טייען. זיינע געוועזענע חברים פון דער קאָמוניסטישער יוגנט זענען דאָ גאָרנישט קיין גרויסע בעלי־בתים. און די אַקטיוויסטן פון אַנדערע פּאַר־ טייען לעבן אין פּחד פאַר אַרעסטן. עס ווערן טאַקע אַרעסטירט, בונדיסטן, ציוניסטן און דער עיקר טראָצקיסטן און אַנדערע אָפּאָזיציאָנערן. מאַקס האָט אַ באַזונדערן מזל. זיינע נעכטיקע חברים נעמען אין אים נישט קיין נקמה, נאָר פאַרקערט, זיי שאַפן אַ טעאָריע, אַז ער איז אַ פּראָ־ לעטאַרישער טיפּ, איז ביי אַלע זיינע פעלערן דאַרף מען אים טאָלערירן. אָבער די טראָצקיסטן און בונדיסטן זענען דאָך אויך פּראָלעטאַריער איז פאַרוואָס אַרעסטירט מען זיי? האָט מאַקס נישט קיין גרויסן צוטרוי צו דער טעאָריע און זוכט אַ וועג צו אַנטרינען פון ביאַליסטאָק, ווו אַזוי פיל מענטשן קענען אים. דערווייל פאַלן קרבנות אויך הונדערט־ פּראָצענטיקע קאָמוניסטן. אָט ווערט אַרעסטירט דער פּוילישער יאַט פראַנעק, דאָס אַמאָליקע שוסטער לערן־יינגל — וואָס איז געזעסן אין „פּאַוויאַק" מיט מאַקסן פאַר דעם חטא פון זיין קוזין — ער איז אויס־ געוואַקסן אַ געטרייער קאָמוניסט און פירער פון די פּוילישע שוסטער־ אַרבעטער. אַנטלאָפן פאַרן פאַשיזם האָט ער אין ביאַליסטאָק אויף אַ פאַרזאַמלונג פון „פאַרבאַנד פון געוועזענע פּאָליטישע אַרעסטירטע" דערקלערט, אַז דער פּוילישער פּראָלעטאַריאַט דאַרף האַנט־ביי־האַנט מיטן ראַטנפאַרבאַנד קעמפן קעגן היטלעריזם פאַר אַ ראַטן־פּוילן. פון וואַנען האָט דער נאַיווער קאָמוניסט געקאָנט וויסן, אַז איבער נאַכט האָט זיך געענדערט די פּאָליטיק פון די סאָוויעטן, און דאָס, וואָס די קאָמוניסטן האָבן יאָרן־לאַנג געפּרעדיקט, איז מיט איינמאָל געוואָרן טריף? דער ראַטן־פאַרבאַנד איז גאָרנישט איצט פאַראינטערעסירט אין אַ קאַמף קעגן היטלער־פאַשיזם, און אַוודאי נישט אין אַ ראַטן־פּוילן. פאַרן זעלבן חטא זענען אַרעסטירט געוואָרן אויך אַנדערע קאָמוניסטן.

דרייען זיך אַרום אין ביאַליסטאָק, בריסק, לעמבערג און אין אַנדערע, באַפרייטע דורך דער רויטער אַרמיי שטעט געטרייע קאָמו־ ניסטן, וואָס פאַרשטייען נישט פאַרוואָס מען נעמט זיי נישט אַריין אין די ניי־אַנטשטאַנענע אַמטן: אָבלאַיספּאָלקאָמען און גאָרקאָמען. אַרבעטן דאָך שוין דאָרטן נעכטיקע שונאים פון קאָמוניזם, ספּעציאַליסטן אויף פּראָטעקציע און קוואַליפיצירטע חניפהניקעס, פרויען מיט שיינע פּיסק־

לעך און מיט צוזאָגנדיקע שמייכלען אויף זייערע ליפּן. נאָר פאַר זיי, וואָס פאַרמאָגן נאָר געטריישאַפט צום קאָמוניזם און אַ שטורמישע פאַר־גאַנגענהייט פון קאַמפן און טורמעס, פאַר זיי איז נישטאָ קיין אָרט אין די מלוכה־ביוראָען. באַקלאָגן זיי זיך טאַקע אויף אַ קאָנפערענץ פון די געוועזענע פּאָליטישע אַרעסטירטע אין לעמבערג. אויף דעם, וואָס אין זיי, די געטרייסטע האָט מען אינגאַנצן פאַרגעסן. ענטפערט זיי דער סעקרעטאַר פון דער אוקראַינישער קאָמ. פּאַרטיי חבר כרושטשאָוו מיט אַ גאַר בייזן טאָן, אַז זיי האָבן נישט קיין רעכט צו קריטיקירן, ווייל נישט זיי האָבן באַפרייט מערב־אוקראַינע, נאָר די העלדישע רויטע אַרמיי. וואַקסט צווישן די פּוילישע קאָמוניסטן די צאָל אַנטוישטע.

מאַקס קען אָבער אין גאַרנישט זיך אַנטוישן, נאָך זיין ביטערער דערפאַרונג אין דער קאָמ. באַוועגונג, זוכט ער נישט אין ראַטן־פאַר־באַנד קיין גליק און נישט קיין גערעכטיקייט, נאָר אַ באַהעלטעניש פאַרן פאַשיזם און ווייל ביי דער געלעגנהייט דערקענען דעם גאַנצן אמת וועגן דעם לאַנד, וואָס האָט געברענגט דער וועלט אַ גרויסן חלום און אַ נאָך גרעסערע אַנטוישונג. ווערבירט זיך מאַקס אויף אַרבעט קיין דאַנבאַס און פאַרלאָזט ביאַליסטאָק.

צי איז עס איז חכמה אָדער דער פאַרדינסט פון דער ראַטן־מאַכט, וואָס זי האָט אויפגענומען מיט גרויס וואַרעמקייט די פּליטים אין אירע שטעט ? דער ערשטער איינדרוק קריצט זיך איין אַמשטאַרקסטן אין זכרון און דערפאַר זענען פיל פון די פּליטים געוואָרן פריינד פון ראַטן־פאַר־באַנד. וויפל עמיץ זאָל שפּעטער נישט ליידן, וועט ער נישט פאַרגעסן די פּייערלעכע אויפנאַמע, די אָרקעסטערס, די שיינע קאָמסאָמאָלקעס, וואָס האָבן זיי אָפּגעוואַרט אויף די וואָקזאַלן די, וואָס האָבן פאַרלוירן זייערע היימען, קענען נישט בלייבן גלייכגילטיק צו וואַרעמקייט. אויף דעם שיי־נעם ראָסטאָווער וואָקזאַל נאָך דעם פּייערלעכן מאָלצייט וואַרטן אויף די טויזנטער פּליטים דירעקטאָרן פון סאָווכאָזן און פירן זיי אַוועק אין זייערע ווירטשאַפטן. זיי נויטיקן זיך אין שוסטער און שניידער, וואָס עס פעלט נישט ביי יידן. קומט אויך מאַקס מיט זיין פאַמיליע אין אַ גרויסן סאָווכאָז לעבן טייך דאָן. יידן צווישן דאָנער קאָזאַקן, צו איז דאָס נישט דער פאַרדינסט פון דער רעוואָלוציע ? מיט פריינדלעכקייט נעמען זיי אויף די פּויערים, נאָר וואָס האָט מאַקס צו טאָן אין די ריזיקע קי־ און פערד־שטאַלן ? די דאָרפישע אַרבעט איז אים פרעמד, אויך דער טראַקטאָר און

דער קאַמביין. די אָקסן ווילן אים נישט פאָלגן כּאָטש ער האָט זיך שוין אויסגעלערנט זיי זאָגן צאָבי, צאָב. אויף אַ פערד רייטן, קען ער אויך נישט. טרייסטן אים די פּויערים „וועסט זיך צוגעווינען”. אויף יעדן טריט הערט מאַקס דעם דאָזיקן טרייסט. מאַקס מיט רייזלען אַרבעטן. זיי פאַרדינען נישט ווייניקער פון די אַלט־איינגעזעסענע סאָווכאָזניקעס, דאָס איז אָבער צו ווייניק דערפון צו לעבן. איז ווי לעבן אַנדערע דערפון? ענטפערט מען אים: „וועסט זיך צוגעווינען”. צו זאָל מאַקס זיך צוגעווינען גנבענען פון די שטאַלן דאָס עסן פון די קי און עס פאַרקויפן אויפן שטאַטישן באַזאַר?

צי זענען די פּויערים גליקלעך? די רעוואָלוציע האָט זיי באַפרייט פון די פּריצים אָבער נישט פון פּחד פאַרן הונגער און נישט פאַר די קאַפּריזן פון די מאַכט־אָרגאַנען מיט אַלע מאָל נייע געזעצן. דאָך, אַז עס קומט זונטיק, פאַרזאַמלען זיך די סאָווכאָזניקעס אין קלוב. אַ קאָזאַק שפּילט אויף דער האַרמאָשקע און אַ פּאָרל טאַנצט אַ קאָזאַקישן טאַנץ. זי וואָרפט מיט איר ווייבלעכן קערפּער און ער טאַנצט אַרום איר מיט אַקראָבאַטישער פלינקייט. די פאַרזאַמלטע אַרום פּאַטשן מיט די הענט צום טאַקט פון דער מוזיק. ענדיקט דאָס פּאָרל, טרעט אַרויס אַ צווייטס צום טאַנץ. דאָס זענען געזונטע, הויכע מענער מיט פוטערנע היטלען, פרויען מיט פולע ברוסטן און ברייטע היפטן. אַרבעטזאַמע, גוטע, מיט טעמפּעראַמענט. אָט באַווייזט זיך צום טאַנץ נאַטאַשע די קאָמסאָמאָלקע, זענען אַלעמענס אויגן געווענדט צו איר. די פרויען האָבן זי פיינט פאַר איר חוצפּהדיקייט. די מענער ציט דער פרעכער צוזאָג, וואָס ליגט אויסגעגאָסן אויף איר פּנים און אויפן גאַנצן קערפּער. די אַלטע פּויערטעס ווייסן פון אַ סך אירע זינד. זיי דערציילן, אַז אַמאָל איז צו נאַטאַשעס מוטער געקומען דער טייוול פאַרשעלט פאַר אַ קאָזאַק, נאָכדעם איז נאַטאַשע געבוירן געוואָרן.

ס'איז אַ פּראָסטיקע נאַכט. די לבנה שיינט אַריין אין די פענצטער פון דאָרפישע כאַטעס. פון סטעפּ הערט זיך דאָס וואָיען פון הונגעריקע וועלף. עס ציט זיי צו די גרויסע פערד־ און קי־שטאַלן. אין נאַטאַשעס צימער איז ליכטיק און וואַרעם, דאָרט שפּילט עמעצער אויף אַ האַרמאָשקע און נאַטאַשע טאַנצט מיט יונגע טראַקטאָריסטן. איבער דעם שוין שלאָפנדיקן דאָרף טראָגט זיך דער עכאָ פון נאַטאַשעס פרעכן געלעכטער. פאַרטאָג וואַרט שוין יעגאָר ביי איר טיר, ער ברענגט איר

וואַסער פֿון ברונעם, הייצט אײַן דעם אויוון, ער העלפֿט איר אַרויפֿ־ציִען אירע וואַלינקעס אויף די פֿיס, דערפֿאַר שענקט זי אים אַ פֿריינד־לעכן שמייכל און דערלויבט אים צו קושן אירע פֿיס.

אָפֿט קומט דער פֿאַליטרוק אין סאָווכאָז, נעכטיקט ער ביי נאַטאַשען אים האָט מען געשיקט פֿון דער פּאַרטיי צו מאַכן אַ דרוק, דער סאָווכאָז זאָל צושטעלן די נאָרמע מילך פֿאַר דער מדינה. דער סאָווכאָז האָט אַ סך קי און אַ סך מעלקערינס, נאָר ווייניק מילך. ליגט דער פֿאַליטרוק ביז שפּעטן טאָג לעבן נאַטאַשען און שפּילט זיך מיט אירע קיילעכיקע ברוסטן. אויך דימיטרי איוואַנאָוויטש, אַז ער קומט פֿון מאָסקווע ברענגט ער נאַטאַשען אַ טייערע מתנה. זי לייגט די מתנה אַריין אין קופֿערט. די מתנה געפֿעלט איר, זי האָט אָבער פֿיינט אַלטע מענער און האָט פֿיינט די שטעכיקע וואָנסעס פֿון דימיטרי איוואַנאָוויטשן, וואָס שטעכן איר פֿליישיקער ווייכקייט. דימיטרי איוואַנאָוויטש איז דער געוויילטער דע־פּוטאַט פֿון גאַנצן ראַיאָן צום „וויערכאָוונעם סאָוויעט", ווייל ער האָט גרויסע פֿאַרדינסטן פֿון „פֿאָרן די פֿערד". ער איז אַ ספּעציאַליסט פֿון טרייבן מיט אַ לאַנגער בייטש דעם „ער" אויף דער „זי". זיי מוזן זיך פֿאָרן לויט זיין ווילן, נישט ווי די פֿערד גלוסט. אַזוי אַרום האָט ער אויסגעהאָדעוועט אַ גוטע ראַסע פֿון פֿערד און דערפֿאַר איז אים באַשערט צו זיצן אין „וויערכאָווני סאָוויעט" און מיט די אייגענע אויגן זען, און מיט די אייגענע אויערן הערן סטאַלינען. אויך דער „וויערכאָווני סאָוויעט" וויל אויסהאָדעווען אַ נייעם טיפּ מענטש. פֿון די הונדערט ניינציק מיליאָן בירגער מאַכן איין דיסציפּלינירטע מאַסע, וואָס זאָלן אויספֿירן זייערע אַרבעטס־נאָרמעס און שרייען: „זאָל לעבן סטאַלין!". איז דימיטרי איוואַנאָוויטש שטאָלץ מיט זיינע פֿערד, ער האָט ליב סטאַלינען אָבער נאָך מער די נאַקעטע ווייכקייט פֿון נאַטאַשען.

צום סאָווכאָז געהערן עטלעכע דערפֿער. איין דאָרף איז נישט ווייט פֿון דער שאַכטע, וואָס שטייט אין מיטן סטעפּ. אַרום דער קוילן־שאַכטע בויט מען אַ פּאָסאָלעק (ישוב) פֿאַר די שאַכטיאָרן. קומען אַהער בוי־אַרבעטער פֿון ווייטע שטעט, ווילט זיך זיי נישט וווינען אין די קאַלטע געצעלטן מיט וואַנצן. עס ציט זיי צום דאָרף, צו די וואַרעמע אויוונס און געשמאַקע פּויערטעס, וועמענס מענער זענען וויִט ערגעץ פֿאַרשיקט, ווייל זיי האָבן נישט געוואָלט גיין „גוטווילִיק" אין קאָלכאָז. נאָך דער אַרבעט קומען די אַרבעטער אין דאָרף, זענען די פּויערטעס מכבד די געסט מיט הייסע

טיי און מיט אַ וואַרעם האַרץ. אין אַ נידעריקע כאַטע וווינט אַן איינזאַמע פויערטע, זי האָט פאַרמאַגט אַמאָל אַן אייגן קליין שטיקל ערד און אַן אייגענעם מאַן. האָט מען די ערד איר צוגענומען און דעם מאַן פאַרשיקט אַלס „קולאַק", אַ זון איז אומגעקומען אין דער שאַכטע, אַ צווייטער זון דינט אין דער אַרמיי און זי איז געבליבן אַליין אין דער כאַטע. בענקט זי צו איר מאַן, כאַטש ער פלעגט זי אָפט שמייסן מיט זעלבן ריטל, וואָס ער האָט געשמיסן זיין פערד. זי בענקט נאָך איר זון, וועלכער איז ערגעץ ביי דער כינעזישער גרענעץ. איז איר אומעטיק אין איר איינזאַמקייט און קאַלט אין דער כאַטע. דערלעבן איז אַ שאַכטע, נאָר די קוילן געהערן צום פאָלק. טאָר מען זיי נישט נעמען. נאָר אין די כאַטעס פון יונגע פויערטעס איז וואַרעם און פריילעך. די געסט ברענגען געגנוג קוילן. אויך אַנדערע פויערטעס האָבן געהאַט אייגענע מענער, נאָר מיט פרעמדע אז זיי אויך נישט שלעכט. אין דרויסן קנאַקט דער פראָסט, טוליעט מען זיך צום גאַסט, ווערט וואַרעם און גוט. פרעגט זי דעם גאַסט צי זיין ווייב איז אַ דיקע? אין אַ צווייטער כאַטע לייענט דער גאַסט פאַר דער פויערטע די בריוו פון זיין ווייב, זי שרייבט אים, אַז זי בענקט און וויל ער זאָל קומען אַהיים. זאָגט צו אים די פויערטע: „שרייב דיין ווייב, אַז געגנוג האָט זי דיך געהאַט, איצט וויל אַן אַנדערע האָבן פון איר מאַן אַ ביסל פאַרגעניגן".

מיטן אָנקומען פון פרילינג פאַרלאָזט מאַקס מיט זיין פאַמיליע דעם כאַווכאַז. ער באַקומט אַרבעט אין ראָסטאָוו, ביי זיין פאַך אין אַ גרויסן בוי־טרעסט. אַרבעט מאַקס אויף גרויסע געביידעס און באַפריינדעט זיך מיט די רוסישע אַרבעטער, באַקענט זיך מיט זייערע משפחות, מיט זייער לעבן. אַ גאַנצן טאָג אַרבעטן מאַן און פרוי, נאָך דער אַרבעט טרעפן זיי זיך אין דער „קיך־פאַבריק", דאָ עסט מען אַ קרויט־באַרשט מיט אַ קאַשע אַלס צולאָג. זונטיק עסט מען אויך פלייש און מען שטייט לאַנגע שעהן אין די רייען ביי פאַרשידענע מאַגאַזינען נאָך ברויט, צוקער, אָדער מאַ־נופאַקטור. בלייבט ווייניק צייט צו שפּאַצירן איבער דער שיינער שטאָט פון גערטנער, מוזעאומס און געשיכטע. בלייבט אפשר אויך ווייניק צייט צום טראַכטן? די הויפּט־גאַס אויפן נאָמען פון ענגעלסן איז פול מיט שטיוול־פוצער, אויך זיי געהערן צו אַן אַרטעל. צי האָט ענגעלסן גע־חלומט וועגן אַ סאָציאַליזם פון שטיוול־פוצער? ווי אַלע שטעט איז אין ראָסטאָוו דאָ אַ סטאַלין־גאַס, אַ סטאַלין־קלוב, אַ סטאַלין־פאַבריק, און

אַ סטאַלין־מוזעום. אויך ראָסטאָוו לעבט אונטער דער זון פון דער סטאַלין־קאָנסטיטוציע, די „דעמאָקראַטישסטע" קאָנסטיטוציע אין דער וועלט. לויבן טאָקע אַלע פּאָעטן אין אַלע שפּראַכן פון ראַטנפאַרמאַנד דעם גרויסן סטאַלין, וואָס שיינט ווי אַ זון איבער אַלע פעלקער... נאָר דער יידישער פּאָעט איציק פעפער האָט זיין ליבּ־געזאַנג צו סטאַלינען פּשוט אַרויסגענומען פון זיין טאַטנס סידור:

עך איז טיפער פון די ימים,
ער איז העכער פון די בערג,
נאָך אַזוינער איז נישט פאַרהאַנען
אויף דער קיילעכיקער וועלט.

אויך דער גאָט פון פעפערס טאַטן, איז געווען דער אייביקער און איינציקער.

דער צווייטער גרויסער מענטש, נאָך סטאַלינען, איז סטאַכאַנאָוו. אין קינאָס, טעאַטערס, אין פאַבריקן, שאַכטעס, אין לידער און ראָמאַנען ווערט געלויבט די „סטאַכאַנאָווסקע" באַוועגונג. עס ווערט גערופן צו העכערן די אַרבעט־נאָרמעס, צו איבעריאָגן און צו סאָציאַליסטישע געוועטן. „סטאַכאַנאָוויעץ" ווערט די העכסטע אויסצייכענונג פאַרן סאָוויעטישן מענטש. זיצן די אַרבעטער אין פאַבריקן אַרומגערינגלט מיט לאָזונגען, וואָס רופן צום סטאַכאַנאָווישן מעטאָד פון אַרבעט און זיי, רויכערן. דער גרעסטער טייל פון זייער אַרבעט־טאָג גייט אַוועק מיטן רויך פון זייערע ציגאַרן. „זיי שרעקט נישט קיין שום אַרבעט, נאָר אַרבעטן ווילט זיך נישט". דערפאַר אַלע צייטונגען, ראָמאַנען און פילמען, דערציילן וועגן גרויסן טעמפּ פון אַרבעט. שיינע קראַסאַוויצעס ליבן זיך נאָר אין סטאַכאַנאָוצעס, מעכאַניקער — אין זייערע מאַשינען, טראַקטאָריסטן — אין זייערע טראַקטאָרן. אַ מאַן גייט מיט זיין ווייב אין אַ סאָצ.־געוועט, ווער עס וועט מער אויסאַרבעטן. געליבטע יאָגן זיך איבערצושטייגן די נאָרמעס. אויף דער חתונה באַקומט דער חתן די רויטע פאָן פאַרן זיג אין סאָציאַליסטישן געוועט. אין די בורזשואַזע ראָמאַנען גענעצן פאַרליבטע פאַרלעך צו דער לבנה, נאָר אין לאַנד פון סאָציאַליזם קלאַפּט זייער פאַרליבט האַרץ אונטערן כראָנאָמעטער. שיינע מיידלעך האָבן פיינט די שונאים פון פאָלק; די טראָצקיסטן און סאַבאָטאַזשניקעס. די צייטונגען

זענען פול מיט ציפערן וועגן ווקס פון ברויט, שטאָל און נאַפט, אַ שאָד נאָר, וואָס פון לייענען די צייטונגען קען מען נישט זאַט ווערן. אין דער „פּראַוודאַ" איז אַ גרויס גערעטעניש, נאָר די פעלדער קענען נישט לייענען, ווייסן זיי נישט דערפון. נאָך ברויט און צוקער שטייט מען לאַנגע שעהן אין אָטשערעד (רייען). אויך צייטונגען געהערן צום ערשטן געברויך, ווייל אין זיי וויקלט מען מאַכאָרקע צום רויכערן און זיי נוצן אויך פאַר טואַלעט־פּאַפּיר.

מאַרקס, ענגעלס און לענין האָבן אַ סך געשריבן וועגן דער ליק־ווידאַציע פון דער מלוכה, אָבער דער „מאַרקסיסט" סטאַלין, רימט דעם ראַטן־סיסטעם אַלס די מעכטיקסטע פון אַלע ביז־איצטיקע מאַכטן אין דער געשיכטע. די דאָזיקע מאַכט הערשט איבער הונדערט ניינציק מיליאָן מענטשן און איבער ערד, אוצרות און פאַבריקן. נישט די אַרבעטער פאַרוואַלטן אין זייערע פאַבריקן, נישט די, וואָס זייען און שניידן זענען געבונדן מיט דער ערד נאָר אַן אַפּאַראַט פון „פּראָפעסיאָנעלע" הערשער, הערשן און מיסברויכן מיטן גאַנצן האָב און גאָב פון דעם רייכן, ריזיקן לאַנד. זיין האָבן פון ד באַגריפן: פרייהייט און גלייכהייט געמאַכט אַ „פּוס־טיאַק" און פון סאָציאַליזם אַ פּלאַנירטע לאַנגווייליקייט.

די שונאים האָבן שטענדיק באַשולדיקט די סאָציאַליסטן, אַז זיי ווילן „נאַציאָנאַליזירן" די פרויען, פּאַקטיש האָט דער קאַפּיטאַליזם פון אַ טייל פרויען געמאַכט אַ פּריוואַט אייגנטום פון זייערע מענער און פון דער אַנדערער טייל אַ סחורה פאַרן עפנטלעכן געברויך. די רעוואָלוציע האָט באַפרייט די פרוי, געגעבן איר די זעלבע רעכט, וואָס דעם מאַן, אויך די רעכט נישט צו געבוירן קיין קינדער. אָבער יענע ראָמאַנטישע צייטן פון דער רעוואָלוציע זענען שוין אַוועק. די פירער זענען געוואָרן פּראַקטישער. דער סאָציאַליזם נייטיקט זיך אין אַ סך זעלנער, ווערט אַן אַבאָרט אַ קאָנטררעוואָלוציאָנערער פאַרברעכן. בורזשואַזע פּאָעטן זינגען וועגן ליבע, נאָר דער „סאָציאַליסטישער רעאַליזם" ווייסט, אַז אונטער דער ראָמאַנטישער ליבע באַהאַלט זיך דער ביאָלאָגישער געזעץ פון מאַכן קינדער. די סאָציאַליסטישע רעגירונג איז זייער גערן געוואָרן דער באַלעבאָס פון גאַנצן פּאָלקס־פאַרמעגן, זיי זענען אָבער נישט גרייט צו ווערן דער פאָטער פון מיליאָנען קינדער. זאָל יעדער מאַן אַליין טראָגן די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר יעדער מינוטיקן פאַרגעניגן. שאַפן טאַקע די „סאָציאַליסטן" געזעצן נישט צו דערלאָזן דאָס פונאַנדערפאַלן פון

דער פאַמיליע אין די ציַיטונגען שרייבן די נייעס, אַז גאַלינאַ איוואַנאָוונאַ איז אַלט נאָר 37 יאָר און האָט שוין צוגעשטעלט דער מדינה אַכט קינדער, איצט האָט זי געבוירן אַ צווילינג און דערפאַר באַקומען דעם אָרדער „מוטער־העלדין“.

אין ראַטנפאַרבאַנד איז נישטאָ קיין פּראָסטיטוציע, צום גליק פון סאָציאַליזם איז דאָ אַ גרויסער איבערפלוס פון פרויען, איז דער פרויען געשלעכט דאָ זייער ביליק, דאָך געשעעט, אַז אַ פרוי ווי וואַלענטינע אַלעקסאַנדראָוונאַ זאָל זיך פאַרשליסן מיטן מייסטער אין דעם מאַגאַזין פון דער וועש־פאַבריק און דערלויבן אים אַראָפּצוציען אירע וואָלענע אונטערהויזן. זי ווייסט, אַז ער וועט דערפאַר אַרומוויקלען איר קערפּער מיט אַ שטיק סחורה. עס אַרט זי נישט, וואָס ער דערלויבט זיך מיט איר קערפּער, ווי מיט זיינס אַן אייגנטום, ס׳פאַרדריסט זי נאָר, וואָס ער טוט דאָס זעלבע אויך מיט אַנדערע פאַבריקס־פרויען. און אויך זיי צאָלט ער ניט מלוכהשן אייגנטום פאַר זיין פערזענלעכן פאַרגעניגן.

מאַקס האָט ליב דעם רוסישן מענטש, זיין גאַסטפריינדלעכקייט און גרייטהאַרציקייט. ער האָט אָבער פיינט די ליגנט פון די ציַיטונגען, ווידעס, פילמען און ביכער. דאָך ווען ער שפּאַצירט אין אַ זונטיק אָוונט אין פאַרק ווו עס טאַנצן יונגע פאָרלעך און די מוזיק שפּילט האַרציקע רוסישע מעלאָדיעס ווערט אים אַזוי גוט אויפן האַרצן. ער פאַרגעסט אין גאַנצן ליגנט און עס ווילט זיך מיטן גאַנצן האַרץ אויסשרייען: „ווי גוט איז צו לעבן אינעם לאַנד פון סאָציאַליזם“. נאָר באַלד דערמאָנט ער זיך, אַז מען טאָר נישט שפּאַצירן אין דער פוסטער אַלייע, ווייל עמיצער וועט צורויבן זיין זייגער פון דער האַנט, צערונט שנעל דער שיינער חלום און ביטער ווערט אים אויף דער נשמה. פון וואַנען אַזוי פיל כוליגאַנעס און זשוליקעס אין דעם לאַנד פון סאָציאַליזם? אָבער די, וואָס ווילן איבערדערציען דאָס רוסישע פאָלק, מאַכן זיי פאַר אמתע סטאַליניסטן, איז נאָך נישט געלונגען אַלע נשמות איבערצואַקערן. געפינט זיך נאָך אַ סך מענטשלעכע געטריישאַפט און ערלעכקייט. אַרבעט מיט מאַקסן אַ שוואַך־קוואַליפיצירטער בוי־אַרבעטער, אַ פּאָליטיש־פאַרשיקטער פון לענינגראַד. כאָטש פון פאַך איז ער אַן אינזשיניער פון כעמיע איז ער אויך גלענצנדיק באַקאַנט מיט דער וועלט־ליטעראַטור. אַפילו שלום־עליכם און ביאַליק זענען נישט פרעמד דעם רוסישן געלערנטן. אָבער זיין באַליבט ווערק איז גאָגאָלס „רעוויזאָר“. ער זאָגט, אַז „טשיטשיקאָוו“ איז

נאָך נישט געשטאָרבן, זיין נשמה געפינט זיך צווישן אַ סך סאָוויעטישע נאַטשאַלניקעס. אָבער מאַקסן איז שווער צו פאַרשטיין, פאַרוואָס אָט דער געלערנטער, וואָס אַרבעט דאָ אַלס שוואַרצער אַרבעטער מיידט אים אָפּט אויס און רעדט מיט אים נאָר ווען זיי בלייבן אַליין. דעמאָלט פירן זיי אינטערעסאַנטע געשפּרעכן, אפשר שעמט ער זיך עפנטלעך צו חברן מיט אַ ייד? ערשט שפּעטער פאַרשטייט מאַקס, אַז נאָר זיין טיפע ער־לעכקייט, דיקטירט אים אויסצומיידן עפנטלעך, כדי אַלס פּאָליטיש פאַרשיקטער נישט קאָמפּראָמיטירן מאַקסן אין די אויגן פון די נאַטשאַל־ניקעס און אפשר פון די נ. ק. וו. ד. מיט זיין פריינדשאַפט.

דערווייל איז דער ראַטנפאַרבאַנד פול געוואָרן מיט יידישע פליטים פון פּוילן טויזנטער האָבן אין היטלער־גיהנום איבערגעלאָזט די נאָענטסטע און טייערסטע. דאָ, אין דער פרעמד און איינזאַמקייט פייניקט זיי די בענק־שאַפט. זיי קאָנען נישט איינזיצן אויף קיין אָרט. זוכן פריינד און לאָזן זיך וואַנדערן איבערן ריזיקן לאַנד. זיי פאַרפולן די צוגן און די באַזאַרן. זיי האָבן אַנטדעקט דעם סוד ווי אַזוי מען קאָן אין לאַנד פון סאָציאַליזם בע־סער לעבן פון האַנדל ווי פון אַרבעט. ענדיקן זיך אָבער אָפט די לייכטע פאַרדינסטן מיט שווערע שטראָפן, מיט סיביר און פאַרשיקונג. אָבער נישט זעלטן טרעפט מען אויף די פאַרשיקונגען און אַרבעט־לאַגערן אַזעלכע, וועלכע זענען קיין שום „פאַרברעכן" נשט באַגאַנגען.

איציק איז צוזאַמען מיט מאַסן יידישע יוגנט אויך אַנטלאָפן פון קליינעם שטעטעלע ווורקע צום גרויסן לאַנד פון די ראַטן. אין זיין שטעטל האָבן אַלטע יידן געוואַרט אויף משיחן און די יוגנט אויף דער סאָציאַלער רעוואָלוציע. פול מיט גלויבן האָט די יוגנט געזונגען:

> מירן צעבלאָזן אַ פייער אויף דער וועלט,
> מאַכן פון טורעמס און קלויזן אַן ענד.

פון וואַנען האָט איציק געקאָנט וויסן, אַז די שריפה, וואָס האָט זיך צע־בלאָזן אויפן מזרח האָט געמאַכט אַן ענדע פון אַ סך חלומות אָבער נישט פון טורמעס? האָט איציק אין לאַנד פון די ראַטן געאַרבעט אויף אַ טראַק־טאָרן סטאַנציע געווען פלייסיק ביי דער אַרבעט און שטאָלץ, וואָס ער איז געוואָרן אַ בירגער פון דער סאָציאַליסטישער מדינה. געשעט אָבער, ער דערוויסט זיך, אַז זיין געליבט מיידל איז געלונגען אַריבערגיין די

גרענעץ פון פוילן און זי געפינט זיך אויף דער סאָוויעטישער זייט אי"ז דער שטאָט בריסק. לאָזט אים שוין די ליבע מער נישט איינזיצן אויף אַן אָרט און ער באַשליסט פאָרן זי ברענגען אַהער און צוזאַמען גליקלעך לעבן אונטער דער זון פון סאָציאַליזם. קיין דערלויבעניש צו פאָרן באַקומט איציק נישט, ער פאַרשטייט אָבער נישט, אַז דאָס קאָן באַטראַכט ווערן פאַר אַ חטא. לאָזט ער זיך אין וועג. אָבער די נ. ק. וו. ד. האָט וועגן דעם אַ גאַר אַנדערע מיינונג, און ערגעץ אויף אַ סטאַנציע נעמט מען אים אַראָפּ פון צוג און ער ווערט אַרעסטירט. דער אויספאָרשונג־ריכטער רעכנט זיך גאָרנישט מיט איציקס גרויסער סימפּאַטיע צום ראַטן־פאַרבאַנד און באַשולדיקט אים גאָר אין שפּיאָנאַזש. קען דען זיין אַ גרעסער קלאָפּ פאַר איציקן ווי אַזאַ באַשולדיקונג? זיכער — טראַכט איציק — עפּעס אַ שרעקלעכע מיספאַרשטענדעניש. אָבער דער אויספאָרשונג־ריכטער דערקלערט אים, אַז די סאָוויעטישע מאַכט קען קיין טעות נישט האָבן, און איר קען מען נישט אָפּנאַרן, אָט ליגט פאַר אים אַ טעקע מיט פיל דאָקומענטן און באַווייזן פון איציקס שפּיאָנאַזש־טעטיקייט און דאָס גלייכסטע איז פאַר אים זיך מודה צו זיין. קומען פאַר איציקן אייביק־דויערנדיקע טורמע־טעג און שרעקלעכע נעכט פון פאָרשונגען, ווו דער ריכטער פאַרזיכערט אים, אַז די סאָוויעטישע מאַכט האָט גענוג מיטלען אים צו צווינגען ער זאָל זיך מודה זיין, אַז ער אי"ז געשיקט געוואָרן קיין ראַטן־פאַרבאַנד אויף שפּיאָנאַזש און דיווערסיע־אַקטן. זיצט איציק אין זיין צעלע אַ דערשלאָגענער נאָך פיינלעכע אויספאָרשונגען און טראַכט, אַז זיין ווייטערדיק לעבן האָט מער קיין זין נישט, ווער וועט אים דען גלייבן, אַז ער איז נישט קיין שפּיאָן? זיינע חברים וועלן זיך פון אים אָפּטרייסלען ווי פון אַ פאַררעטער, אויב זיי זאָלן גלייבן, אַז ער איז אומשולדיק, הייסט דאָס, אַז אין ראַטן־פאַרבאַנד אַרעסטירט מען אומשולדיקע מענטשן. אָט דאָס האָבן דאָך געשריבן אַלע אַנטיסאָוויעטישע ציַיטונגען. ניין, זיינע חברים פון ווורקע וועלן קיין מאָל נישט גלייבן אַזעלכעס אויף דעם ראַטן־פאַרבאַנד. זיי זענען צו געטרייע יאַטן זיי זאָלן באַשמוצן דעם ראַטן־פאַרבאַנד. און זיין געליבט מיידל? שוין בעסער מען זאָל אים דערשיסן איידער צו לעבן מיט דעם פלעק פון אַ פאַררעטער און שפּיאָן. איז אין שרעקלעכע נעכט נישט דערשלאָפענע פון פאָרשונגען און זעלבסט־פייניקונג, אין טעג פון מאַטערניש און אינערלעכע ראַנגלעניש איז געבוירן געוואָרן אין אים דער באַשלוס, זיך מודה צו זיין,

אַז ער איז אַ שפּיאָן. זאָלן זיי אים דערשיסן און אַ סוף מאַכן צו זיין שרעקלעך לעבן. שרייט ער אויס פאַרן ריכטער ווי נישט מיט זיין קול אַט דעם שרעקלעכן באַשלוס. נאָר דער ריכטער איז נישט גערירט, ער האָט גוט געוווּסט, אַז סוף כל סוף וועט ער זיך מודה זיין. ווען איציק דערציילט מיט ציטער, אַז ער איז אַ שפּיאָן פון דער געסטאַפּאָ. שפּרינגט אויף דער ריכטער ווי אַן אָפּגעבריטער און שרייט אויס: „אַן אויסוואורף ביסטו נישט קיין שפּיאָן! דו ווילסט אָפּנאַרן דעם ראַטן־פאַרבאַנד?" „איך וויל מען זאָל מיך דערשיסן" — ענטפערט איציק פאַרצווייפלט. „דערשיסן? אַ שאָד אַ קויל פאַר אַזאַ סוואָלאָטש!" כעסט זיך ווייטער דער ריכטער און באַפעלט איציקן אָפּצופירן אין זיין צעלע. זיצט איציק ווייטער אַ דערשלאָגענער אָן האָפענונג אַפילו צו שטאַרבן.

אין אַ פּאָר טעג אַרום לאָזט מען אין איציקס צעלע אַריין אַן אַרעסטאַנט, דער דערציילט גלייך איציקן זיין גאַנצע געשיכטע וואָס איז אַזוי ענלעך צו איציקס. אויך אים האָט מען באַשולדיקט אין שפּיאָנאַזש, אָבער ער האָט זיך מודה געווען, מאַטערט מען אים מער נישט מיט קיין פאָרשונגען און אין קורצן וועט מען אים אָפּשיקן ערגעץ אין אַן אַרבעטס־לאַגער. קלאָגט זיך פאַר אים גוץ, אַז אויך ער האָט זיך געוואָלט מודה זיין אַלס „געסטאַפּאָ"־אַגענט האָט דער ריכטער אים גאָר דערפאַר געזידלט. צעלאַכט זיך דער אַרעסאַנט און זאָגט: „דו ווייסט דען נישט, אַז ריבענטראָפּ איז געווען אין מאָסקווע און עס איז היינט מער נישט אין דער מאָדע קיין „געסטאַפּאָ"־שפּיאָנען? גיי זאָג, אַז דו ביסט אַן ענגלישער שפּיאָן וועט אַלץ זיין בסדר". אין אַ קורצע צייט אַרום האָט מען פון איציקס צעלע אַרויסגענומען דעם אַרעסאַנט. ווער איז ער געווען? פאַרוואָס האָט מען אים געברענגט אין זיין צעלע?...

אויף דער נאָענטסטער אויספאָרשונג האָט איציק געבעטן אַנטשולדיקונג פאַר זיין טעות, ער איז נישט „געסטאַפּאָ" נאָר אַן ענגלישער שפּיאָן. דער ריכטער איז אים גערן מוחל דעם טעות. ווייל די סאָציאַליסטישע גערעכטיקייט איז צו דערציען די בירגער פון סאָציאַליסטישער מדינה. און אָט לייענט אים שוין דער ריכטער די גאַנצע באַשולדיקונג, ווי אַזוי ער, איציק, איז אַריינגעצויגן געוואָרן אין פּוילן, אין דער טראָצקיסטישער אָרגאַניזאַציע, וואָס איז געווען פאַרבונדן מיט דער פּוילישער דעפענסיווע און מיטן ענגלישן שפּיאָנאַזש־דינסט. זיי האָבן אים געשיקט קיין ראַטן־פאַרבאַנד צו פאַרנעמען זיך מיט דיווערסיע

און סאַבאָטאַזש. נאָכן אונטערשרייבן דעם פּראָטאָקאָל אינטערעסירט זיך מער קיינער נישט מיט איציקן. ער ווערט אַריבערגעפירט אין אַ גרויסע אַלגעמיינע צעלע, ווי ער וואַרט אַ הונגעריקער יעדן טאָג אויף זיין פּאַיאָק.

דאָ אין דער אַלגעמיינער צעלע, ווערט אים קלאָר, אַז ער איז נישט געפאַלן קיין קרבן פון קיין טעות, און ער איז נישט דער איינציקער אומשולדיק־באַשולדיקטער. די אַלע, וואָס זיצן דאָ האָבן זיך מודה געווען אין פאַרברעכנס, וואָס זיי זענען נישט באַגאַנגען. נאָר אַן אַלטער רוסי־שער באָלשעוויק לעבט אַלץ מיט דער אילוזיע, אַז ער איז אַ קרבן פון אַ מיספאַרשטענדעניש, ער זאָגט, „די, וואָס האָבן אים אַרעסטירט, זענען אַליין פאַרברעכער. זיי אַרעסטירן אומשולדיקע, כדי צו פאַרווישן זייערע אייגענע פאַרברעכנס. נאָר דער גרויסער סטאַלין וועט סוף כל סוף זיי דעמאַסקירן און באַשטראָפן, ווי ער האָט עס דעמאַסקירט די מערדער פון קיראָוון". אָבער די אַנדערע אַרעסטאַנטן ווייסן גוט, אַז פול זענען געווען די טורמעס אין די צאַרישע צייטן און פול ביי דער סאָוויעטן־מאַכט. די הערשער האָבן זיך געביטן, נאָר די טורמע איז געבליבן. פון דער טורמע ווערט איציק אָפּגעשיקט אין אַן אַרבעטס־לאַגער אונטער וולאַדי־וואָסטאָק. דאָרט טרעפט ער פיל יידישע בחורים פון שטעט און שטעט־לעך פון פוילן. מען האָט זיי פשוט אויפגעכאַפּט אויף די גאַסן פון ביאַ־ליסטאָק, בריסק, קאָוועל און אַנדערע שטעט. זיי, די פליטים אַנטלאָ־פענע פון היטלערס גיהנום האָט מען געברענגט מאַסנווייז אַהער. דאָ האָט מען זיי אין הורט באַשטראָפט מיט צונעמען די פרייהייט פון פינף ביז צען יאָר. קיינער פאַרשטייט נישט פאַרוואָס האָט איינער באַקומען פינף יאָר און דער צווייטער גאָר אַכט און מען קליגט זיך צו פאַרשטיין; לויט דער לאָגיק וואָלט דער, וואָס האָט געזאָגט, אַז זיין טאַטע איז געווען אַ שוסטער, באַדאַרפט באַקומען אַ קלענערע שטראָף, ווייל סטאַ־לינס פאָטער איז דאָך אויך געווען אַ שוסטער, האָט ער גאָר באַקומען אַכט יאָר, ווען אַ צווייטער, וואָס האָט געזאָגט, אַז זיין טאַטע איז אַ געווען אַ בייגל־הענדלער האָט גאָר באַקומען פינף יאָר. צום סוף קומט מען צום אויספיר, אַז עס איז שווער צו וויסן, וואָס פאַראַ טאַטן זיך אויס־צוקלויבן און מען אַרבעט ווייטער און מען הונגערט.

ג

יעקב געפינט זיך אין טיף־רוסלאַנד און אַרבעט אין אַ גרויסער מעטאַל־פאַבריק אין טשקאַלאָוו. די פרעמדקייט און איינזאַמקייט קען אוודאי נישט פאַרהיילן זיין ווייטיק און ער קען אַלץ נישט פאַרגעסן דעם שרעקלעכן טויט פון קלאַראַן. קומט אין זיין טרויער דער ריכטנ־טראָפּ־מאָלאָטאָוו־אָפּמאַך, וואָס דערשיטערט אים. אַ שלום צווישן קאָמוניזם מיט די מערדער פון קלאַראַן... ווערט דאָס אַ ווונד אין זיין גלויבן, אָבער יעקב האָט נישט מיט וועמען צו טיילן זיינע געפילן, ער אַרבעט, ווייטיקט און שווייגט. אַזוי וואַכן און חדשים ביז די היטלעריסטן ברעכן דעם נישט־אָנגריף־אָפּמאַך, וואָס זיי האָבן געשלאָסן אויף גאַנצע צוואַנציק יאָר. הערט יעקב מאָלאָטאָווס דערקלערונג דורכן ראַדיאָ: „דער שונא איז אויף אַ פאַררעטערישן אופן באַפאַלן אונדזער לאַנד, באָמבאַרדירט די שטעט און מאָרדעט די פרידלעכע באַפעלקערונג". ענלעך האָט זיך געענדיקט דער פלירט מיט די פאַשיסטן, עס האָט זיך צעפלאַקערט די מלחמה קעגן פאַשיזם, אין יעקבס האַרץ גליט דאָס געפיל פון נקמה. אָבער דערוויל איז גאָר נישט פריילעך. דער פראָנט איז געבראָכן, די היטלער־אַרמיי רוקט זיך בליץ־שנעל פאָרויס, זיי פאַר־כאַפּן ריזיקע שטחים און דערנענטערן זיך צו מאָסקווע, לענינגראַד, און רוקן זיך צו דער וואָלגע, קרים און קאַווקאַז. אָבער אין די טרויעריקע צייטן גלויבט אַלץ נישט יעקב, אַז דער פאַשיזם קען זיגן, אַן אינערלעך געפיל זאָגט אים, אַז סוף כל סוף וועט די רויטע אַרמיי צעקלאַפּן דעם פאַשיזם. ווילט זיך אים אויך ווערן אַ זעלנער, העלפן שלאָגן די פאַשיסטן. נעמט מען אָבער נישט די נעכטיקע פוילישע בירגער אין דער אַרמיי, בלייבט יעקבן פון דער ווייטנס צו אָטעמען מיט די געשעענישן פון פראָנט. געשעענישן, גאָרנישט קיין פריילעכע. נאָר היטלער איז קיין מאָס־קווע נישט אַריין און נישט אין דער שטאָט פון לענינען. ביי סטאַלינ־גראַד קומען פאָר מוראדיקע קאַמפן, וועלכע ענדיקן זיך מיט דער ערשטער מפּלה פאַר דער היטלער־אַרמיי. די רויטע אַרמיי שטעלט זיך צוריק אויף די פיס, זיי באַקומען ניי געווער און אַ נייעם גייסט. די פאַשיסטישע אַכזריות שטעלט קעגן זיי דאָס גאַנצע פאָלק און איבערן ריזיקן לאַנד טראָגט זיך דאָס ליד:

שטיי אויף ריזיק לאַנד!
דערהויב זיך צום טויט־שלאַכט!
קעגן די פאַשיסטישע האָרדעס,
קעגן זייער פינצטערער מאַכט!

מיט די גרויסע קלעפּ, וואָס די היטלער־ארמיי באַקומט אין סטאַלינ־גראַד הויבט זיך אָן דער באַרג־אַראָפּ פון פאַשיזם. עס וואַקסט דער גלויבן אין זיג איבערן שונא. די שלאַכטן ווערן גרויזאַמער, די פאַשיסטן בלוטדורשטיקער, אָבער די רויטע אַרמיי ווערט אויסגעשולטער, שלאָג־פעיקער און דיסציפּלינירטער. דעמאָלט ווערט אויך יעקב אַ זעלנער. אויך אים האָט מען גענומען אויפן פראָנט און איבער זיין קאָפּ רעגנט מיט קוילן, די לופט ציטערט פון אויפרייסן. טויזנטער געזעגענען אָפּ מיט אַ קרעכץ דאָס לעבן. יעקבן וויל זיך לעבן„ זיין האַרץ כאָטש עס ציטערט פון שרעק, פאַרן טויט, רופט אים צו נקמה. ער וויל מיט אייגענע הענט העלפן באַגראָבן דעם פאַשיזם, מיט אייגענע אויגן זען זייער מפּלה. די פאַשיסטן גיסן מיט פייער און שטאָל. פון אַלע זייטן און פון הימל זייען זיי טויט. די סאָוויעטן וואַרפן אַלץ נייע מחנות זעלנער אויף די פראָנטן. מענטשלעכע ברוסטן קעגן שטאָל פון שונא. אַ וואַנט פון מענטשן פאַרשטעלן דעם וועג פאַרן פאַשיזם און די פעלדער זענען פול מיט טויטע.

דאָ ווי דער טויט בושעוועט אַזוי פריי איבער די פעלדער, ווי די גרענעץ פון לעבן און טויט איז אין גאַנצן פאַרווישט, שוידערט די נשמה פאַרן טויט און אַזוי שטאַרק וויל זיך לעבן. ווען לעבנס לעשן זיך מאַסנווייז און אַרום ליגט דער טויט צעלייגט אויף די ווייס־פאַרשנייעטע פעלדער, שפּראָצט אויף אין יעקבן אַ גרויסע בענקשאַפט צו אַ וועלט אַ שוין פאַרלאָרענע, ווי ער האָט געהאַלטן זיין קלאַראַן אַרומגענומען. אַ וועלט, וואָס איז פאַרשווינדן ווי אַ חלום, און דאָרט איז דער שונא, וועלכער האָט דעם חלום דערטרונגען אין בלוט. פון ווייטן ברענט אַ דאָרף. די פייער־צונגען שלינגען איין די ווענט, זיי רייסן זיך אַרויס דורך די דעכער און דערנענטערן זיך צו דעם ווייסן קליינעם קלויסטער מיט אַ טורעמל און מיט אַ קרייץ אויפן שפּיץ. דאָ האָט מען דורות די אָרעמע, ערלעכע פּויערים געשטראָפט מיט גאָטס האַרבע רייד, גע־

שראַקן זיי מיטן טייוול, נאָר קיין שלום האָט דער קלויסטער נישט געקאָנט שענקען די פריידלעכע אָרעמע דערפער.

ציט זיך דער גיהנום ווי אַן אייביקייט. קומען אַמאָל אויסגעבענקטע שעהן פון פייער־איבעררייס, פאַרשטומען נאָר די האַרמאַטן, באַווייזט זיך ווידער די וועלט אין איר גאַנצער שיינקייט. אַ פוכיקער שניי האָט פאַרשיט די פעלדער און די טויטע. דער שונא ליגט טיף ערגעץ פאַרקאָפּעט אין די טראַנשייען. דער פראָסט איז היינט לינד, טויכן אויף האָפענונגען. מען מאַכט זיך באַקוועמער אין די טראַנשייען, טייל רויכערן, אַנדערע קלויבן לייז און חלומען וועגן אַ געליבטע. אַנדערע שרייבן בריוו צום ווייב. דוכט זיך, אַז קיינמאָל האָט דאָ נישט געשפּיגן מיט פייער, און שטיל קומט אָן די נאַכט, אַ נאַכט אָן טויט. חלומט עמעץ וועגן זיין היים, אַ צווייטער ווּנטשט זיך אַ לייכטע ווונד, כדי אַרויס פון גיהנום. נאָר די לבנה ווייסט וואָס יעדער טראַכט או טרוימט. נאָך נאַכט קומט אַ פרידלעכער פרימאָרגן, דער פּאָליטרוק לייענט פאַר די זעלנער ערענבורגס אַרטיקל פון דער „פּראַוודאַ״: „די דייטשן גרויסן זיך מיט זייער טעכניק און פאַבריקן, אָבער אין קיין איינע פון די גרעסטע פאַבריקן קען מען קיין מענטשן נישט פּראָדוצירן, דעריבער דערשיסט וואָס מער פריצן״. זיצט וואַניאַ און טראַכט וועגן ווייב און קינדער, צו זענען זיי נישט הונגעריק? דימיטרי האָט איבערגעלאָזט אין סיביר אַ יונג ווייבל, צו וועט זי אים בלייבן געטריי? דער פּאָליטרוק לייענט ווייטער: „דער שונא וויל זיך אַריינרייסן קיין לענינגראַד, אָבער די רויטע אַרמיי וועט נישט אָפּגעבן די שטאָט פון לענינען״

ווידער קומען טעג מיט פייער און אויפרייסן, דער הימל רויט, די לופט פאַרטויבט. קומט אַ באַפעל פון קעגנאָנגריף, רייסן זיך אַרויס פון די אָקאָפּעס אַ מאַסע מיט „הוראַ״־געשרייען, אויסגעמישט מיט האַרמאַטן־שאָסן. אויך יעקב לויפט מיט זיין אויסגעשרעקטער ביקס און זוכט אין וועמען זיין פּיקע אַריינצושטעכן. ווי לאַנג האָט דאָס געדויערט? ווידער איז שטיל אויף די פעלדער, פול מיט טויטע אויסגעשמירטע אין בלוט, צעריסענע קערפּערס ליגן אין ווייסן שניי. די לעבעדיקע גראָבן זיך איין וואָס טיפער אין די טראַנשייען. אָט קומט אָן אַ טאַנק, בלייבט שטיין. עס שטייגט אויס דער אָבער־לייטענאַנט קוטאָוו, קוקט זיך אַרום איבער דער טויטער וועלט און פאַרשווינדט ערגעץ מיט זיין טאַנק. אַ מידער

ליגט יעקב און טראַכט וועגן אַ לעבן, וואָס איז פאַרביי. איבער די פאַרבלוטיקע פעלדער טראָגט זיך דער ריח פון טויט.

ד

מיטן דערנענטערן זיך פון דער היטלער־אַרמיי צו ראָסטאָוו, דערפילט זיך מאַקס אַרומגערינגלט מיט אַנטיסעמיטישער שינאה. די אוקראַאינישע אַרבעטער האָבן פלוצלונג זיך דערמאָנט אין אַלטע אַנטי־יידישע וויצן פון כמיעלניצקיס צייטן. צוואַנציק יאָר סאָוויעטישע הערשאַפט האָט דערשטיקט דעם אַנטיסעמיטיזם, אָבער אים נישט אויסגעוואָרצלט אין אָנבליק פון די ערשטע היטלער־זיגן האָט די שינאה ווידער אויפגעבליט, און גרויסע טיילן פון אוקראַאינער וואַרטן מיט אומגעדולד אויף דעם אַריינמאַרש פון דער היטלער־אַרמיי.

די יידן, צוזאַמען מיט די אַקטיווע קאָמוניסטן פאַרלאָזן די שטאָט. הויבט זיך אָן פאַר מאַקסן און זיין פאַמיליע אַ נייער וואַנדער־וועג. אין שפעט־האַרבסטיקע רעגנס, נאַסע שנייען אויף אָפענע וואַגאָנען, צווישן מאַשינען פון עוואַקואירטע פאַבריקן. צווישן מאַסן פרויען און קינדער, וועמענס איינציקער ציל איז אַנטלויפן וואָס ווייטער פון דער היטלעריסטישער געפאַר, צו ראַטעווען זיך און זייערע קינדער. באַוויזן זיך אָפט אויפן הימל איבער די אָפענע וואַגאָנען דייטשישע עראָפלאַנען און וואַרפן באָמבעס אויף די קעפ פון די פליטים. נישט ווייט פון סטאַלינגראַד האָט מאַקסן געטראָפן אַ שפליטער און געמאַכט אַ לייכטע וווּנד אין זיין האַנט. אין סטאַלינגראַד זענען אַלע שפיטאָלן איבערפולט און די קראַנקן־שוועסטערס האָבן נישט קיין צייט צו אַזאַ קליינעם וווּנד. פאַרבינדט מאַקס מיט אַ שטיק פון זיין העמד דעם וווּנד און מיט זיין פאַמיליע וואַלגערט ער זיך, צווישן די מאַסן פליטים,ביים ברעג פון דער וואָלגא. זיי וואַרטן, אַז אַ שיף זאָל זיי, איבער אָט דעם ברייטן, רוסישן טייך, אַוועקפירן קיין אַסטראַכאַן, ביים קאַספּישן ים.

סוף כל סוף קומען זיי אָן קיין אַסטראַכאַן, אַן אַלטע שטאָט, וואָס האָט אין איר געשיכטע געהערט אַמאָל צו די טערקן, אַמאָל צו די רוסן.

איצט איז די שטאָט פאַרפּלייצט מיט מאַסן פּליטים, וואָס זוכן פון דאַנען אַ וועג ווייטער ווו צו לויפן. אויף דער זיבעצנטער סטאַנציע פון אַסטראַ־כאַנער פּאַרט איז נישטאָ ווי דעם קאָפּ אַוועקצולייגן. מען קעמפּט דאָ מיט די זייטן פאַר אַ פּיצל אָרט צום זיצן. אַ גאַנצע נאַכט הערט מען קריגערייען און אַ געוויין פון קליינע קינדער. בייטאָג שטייט מען לאַנגע שעהן אין די רייען נאָך אַ ביסל שיטערן קרויט־באָרשטש. מאַקס האָט פון ראָסטאָוו מיטגענומען אַ זעקל סוכאַרקעס, זיי ענדיקן זיך אָבער אויס און זיין פאַמיליע דראָט הונגער. צום גליק האַלט זיך פריידל זייער גוט, די נייגעריקייט צו די נייע ערטער מאַכט איר אָפּט פאַרגעסן אין דעם הונגער און איר שוואַכע מוטער האַלט זיך אויך פעסט אין די שווערע וואַנדערונגען.

פון אַסטראַכאַן פירט זיי אַ טאַנקער אַוועק איבערן קאַספּישן ים קיין קראַסנאָוואָדסק. אויך דאָ אין דער אַזיאַטישער שטאָט איז פול מיט פּלי־טים, וואָס שלאָפן אויף די גאַסן. אויך דאָ הערשט דער הונגער און עס פייניקן די לייז. נאָר דער ווינטער איז דאָ לינד און ווייט איז דער שונא. פון דאַנען שוין אָן פּאַניק, פּילן אָן די פּליטים די צוגן, וואָס פירן זיי אַוועק דורך אַשכאַבאַד ביי דער פּערסישער גרענעץ, דורך פּוסטע שטחים פון ריזיקן קאַזאַכסטאַן צו די לעגענדאַרע שטעט פון מיטעלן אַזיע. בוכאַראַ און סאַמאַרקאַנד מיט אירע געמיש פון פעלקער, שפּראַכן און סטילן. דאַרע מענטשעלעך מיט שפּיציקע בערד און קרימ־לעכע אויגן, אויסגעמישט מיט אייראָפּעישע רוסן, בוכאַרער יידן, און יידישע פּליטים פון פּוילן. די אַלטע בנינים פון די פּערסישע און טערקישע צייטן זענען באַפּוצט מיט די בילדער פון מאַרקס, לענין און סטאַלין. שטייען אויך נייע הייזער מיט רוישיקע בלויע און רויטע קאָלירן, דאָ איז אַ געמיש פון אַלט און ניי, פון איסלאַם מיט קאָמוניזם. רוישיקע באַזאַרן מיט עקזאָטישע פּרוכט און אַלטע שמאַטעס. דורך אָט די שטעט קומט מאַקס אָן אין דער הויפּט־שטאָט פון אוזבעקיסטאַן — טאַשקענט. אויך דאָ קעמפּט דאָס מאָדערנע לעבן קעגן די שפּורן פון אַלטקייט. דאָ הערשט די רוסישע שפּראַך, נאָר די שטאָטישע אינסטאַנצן זענען באַזעצט מיט אוזבעקן. איז אָט די ווייטע אַזיאַטישע שטאָט געוואָרן דער צענטער פאַר יידישע פּליטים פון פּוילן, רוסלאַנד, אוקראַינע און בעסאַראַביע. פול איז די שטאָט מיט פרויען און קינדער, נאָר צווישן די פּליטים פון פּוילן טרעפט מען יונגע מענער,

ווײַל מען האָט זיי נישט גענומען אין דער אַרמיי. מאַקס באַקומט אַרבעט אין אַן עוואַקוירטער פֿאַבריק פֿון אוקראַינע, און רייזל אין אַ טעקסטיל־פֿאַבריק. ערשט דאָ אין טאַשקענט קען מאַקס יעדן טאָג לייענען אַ צײַטונג און נאָכפֿאָרשן נאָך די געשעענישן אויף די פֿראָנטן. אין דער צײַט פֿון זײַנע וואַנדערונגען איז געבראָכן געוואָרן דער דײַטשישער אָנגריף. סטאַלינגראַד איז געוואָרן דער קבֿר פֿאַר 400.000 פֿאַשיסטן און דער אָנהייב פֿון היטלערס סוף. די נײַ־אָרגאַניזירטע כּוחות, דאָס נײַע מאָזיגרײַכע געווער און דער בעסטער פֿון די רוסישע „גענעראַלן" — מאָראָז (פֿראָסט) גיט די דײַטשן זיך גוט צו פֿילן. די יונגע קאָמאַנדירן מיט נײַע קאַמפּס־מעטאָדן האָבן אַרײַנגעבראַכט אַ נײַעם גײַסט אין דער ווײַטער אַרמיי. מאַקס איז ווײַט פֿון פֿראָנט אָבער ער לעבט מיט אַלע געשעענישן, מיט דער האָפֿענונג פֿון אַ שנעלן זיג איבערן פֿאַשיזם. נאָר צוזאַמען מיט די בשׂורות פֿון זיג, קומען די שרעקלעכע גרוסן פֿון פֿאַרניכטונג פֿון ייִדן, עס שווימען אויף די שרעקלעכע נעמען: אָשוויענצשים, מײַדאַנעק, פּאָנאַר, טרעבלינקע. און אַנדערע לאַגערן, ווו עס ווערט מיט דער מאָדערנסטער טעכניק דערמאָרדעט מיליאָנען ייִדן. דאָרט קומט אום דאָס אַלטע פֿאָלק פֿון חכמה און הומאָר, פֿון גרויסע דענקער, שרײַבער, טרוימער און קעמפֿער. פֿון געטרײַע מוטערס און חנעוודיקע טעכטער. גייט דורך אַ שוידער דורכן לײַב ביים געדאַנק, אַז עס קומט אום אַ וווּנדערלעכע יוגנט פֿון גלויבן, שטרעבן און געטריישאַפֿט. אַפֿילו אין זייער נאַיוווקייט, חלומות און אילוזיעס זענען זיי געווען פּרעכטיק. ווו איז איצט סאָניע, מאַגדע, פֿרעדע און גאָלדעלע? עס קומט אום אַ פֿאָלק פֿול מיט טאַלאַנט און שעפֿערישקייט, וואָס האָט געשאָנקען דער וועלט דעם „לא תרצח" דאָס קריסטנטום און דעם מאַרקסיזם. דעם גלויבן אין איין גאָט און דעם פֿאַנטעיזם. פֿרויד און אײַנשטיין. זיי האָבן געקעמפֿט אויף די באַריקאַדן פֿון אַלע פֿרײַהייט־באַוועגונגען. זיי קומען אום פֿון יונקערישער סאָלדאַטעסקע, וואַנדאַלישע האָרדעס, קומען אָן אויך די גרוסן פֿון אויפֿשטאַנד אין דער וואַרשעווער געטאָ. מאַקס ווייסט, אַז אָט יענע יוגנט איז פֿעיק צו אַזאַ העראָישן טאַט. קלאָר, נישט צו זיגן האָבן זיי זיך פֿאַרמאָסטן, נאָר צו געבן אַ שפּײַ אין פּנים זייערע מערדער. שטעמפּלען זיי צו אייביקער שאַנד. איז דער העלדישער אויפֿשטאַנד דאָס לעצטע וואָרט פֿון דעם אויסגעהרגעטן פֿאָלק.

אין דער צײַט זענען די פֿראָנטן אַרומגעכאַפּט פֿון פֿײַער־גרויל. די

שפּיטעלער פול מיט פאַרוווּנדעטע און די באַזאָרגן מיט קאַליקעס. ווער אָן הענט, ווער אָן פיס נאָר אויף די ברוסטן מעדאַלן. די צייטונגען דערציילן וועגן די קעמפער אויף די פראָנטן: „חבר סוסלאָוו פון קאַזאַכסטאַן האָט מיט זיין פינקטלעכן שיסן אַוועקגעלייגט 300 פריצן, חבר בובאָוו פון סיביר האָט דערשאָסן 230 דייטשן". אין דער פאַבריק ווי מאַקס אַרבעט ווערט פון קופער אויסגעאַרבעט גילזן צו קוילן, יעדע קויל באַדייט ווייניקער אַ פאַשיסט. די גילזן ווערן געגאָסן אין ליטעינעם־צעך און דערנאָך באַאַרבעט אין מעכאַנישן צעך. די פאָסן און רעדער דרייען די סטאַנקעס טאָג און נאַכט. לעבן זיי שטייען יונגע מיידלעך מיט פאַרשמירטע קליידלעך פון אייל, אויך די פנימער זענען פאַרשמירט און די אויגן פאַרשלאָפן. אין דרויסן איז נאַכט, עס ברומט דער ווינט, ביים סטאַנאָק זינגט אַ מיידל פון בענקשאַפט:

וויסע פוכיקע שנייעלעך,
פאַרדעקט האָט איר אַלע פעלדער,
נאָר די בענקשאַפט מיינע,
קענט איר נישט פאַרשיטן.

ביי סטאַנקעס שטייען אויך יונגע בחורים, שוין צוריקגעקומענע פון די פראָנטן, זיי זענען נאָך אָפּעראַציעס, האַלבע קאַליקעס און פול מיט זכרונות פון יענעם גיהנום. זיי קענען נאָך אַרבעטן אָבער שוין נישט מער טאַנצן מיט קיין קראַסאַוויצעס. ביים מיטאָג־איבעררייס בלייבן שטיין די מאַשינען לויפן אַלע אין עס־צימער זיך אָנצוזופן מיט דעם הייסן שיטערן קרויט־באָרשטש. דערנאָך זיצט מען אַרום דעם קאָקס אויוון און מען וואַרעמט זיך. אין ז'עם צעך איז שטיל. עס הוזשען נישט די מאַשינען, דעמאָלט צעזינגט זיך יאַסקע מיט די געקרייזלטע האָר דאָס רוסישע לידל:

עס האָט דעם קעמפער אַ מיידעלע באַגלייט צו דעם שלאַכט
זיי האָבן געזעגנט זיך אין אַ שטילינקער נאַכט.

עס זענען אויך דאָ אין דער פאַבריק עלטערע מענער, קוואַליפיצירטע אַרבעטער, מייסטערס, ספּעציאַליסטן, בריגאַדירן און נאַטשאַלניקעס. טייל שוין צו אַלט צו זיין אויפן פראָנט, אַנדערע, ווייל די פאַבריקן נויטיקן זיך אין זיי. עס אַרבעטן דאָ פרויען, וועמענס מענער זענען

אויף די פראַנטן, בענקען זיי צו די מענער און חלומען, זיי זאָל צוריק־קומען מיט אָרדערן, אַרבעטן זיי און זינגען:

צו די פלאַמיקע רויטע האָריזאָנטן,
פלי דו מיין ווייס־טייבעלע.
טראָג אַ גרוס דעם קעמפער אויפן פראָנט,
פון זיין געטריי ווייבעלע.

געטריי זענען זיי די ווייבלעך, אַפילו ווען זיי ליגן מיט אַ פרעמדן, טראַכטן זיי אַלץ וועגן זייער אייגענעם מאַן.

צווישן די מאַשינען שוועבט פלינק אַרום דבורהלע. זי נעמט צונויף די פאַרטיקע גילזן פון די סטאַנקעס און טראָגט זיי אַוועק אין מאַגאַזין. קיינמאָל פאַרלאָזט נישט דער שמייכל אירע ליפּן, קיינמאָל פאַרלאָזט נישט דער חן איר פּנים. צוזאַמען מיט איר עלטערן ברודער איז דבורהלע אַנטלאָפן פון וואַרשע. אין דער שטאָט סטאַלינאָ האָט ער גע־אַרבעט אַלס עלעקטריקער און געזאָרגט פאַר זיין יונגערער שוועסטער. אַז היטלער איז באַפאַלן דעם ראַטן־פאַרבאַנד איז אויף זיין גורל אויס־געפאַלן צו גיין אין דער אַרמיי, ווען אַנדערע פּליטים פון פּוילן ווערן נישט גענומען. מעגלעך, אַז דאָס איז געווען אַ טעות אָדער אַ צופאַל, נאָר דבורהלע איז געבליבן איינע אַליין אין אַ פרעמד לאַנד. נעמען צוויי פון איר ברודערס חברים זי אונטער זייער שוץ און זאָרגן פאַר איר, ווי פאַר אַ שוועסטער מיט זיי עוואַקואירט זיך דבורהלע פון סטאַלינאָ.ביידע חברים זאָרגן אויף דעם גאַנצן שווערן וועג דבורהלע זאָל נישט הונגערן, זיי פאַרדעקן איר מיט זייערע מאַנטלען איר זאָל נישט זיין קאַלט. און אַלע דריי ווערן זיי פאַרוואָרפן אין פאַרט שעווטשענקאָ ביים קאַספּישן ים. דאָ האָבן זיי געלעבט צוזאַמען, די חברים האָבן געאַר־בעט און דבורהלע האָט ווי אַ שוועסטער פאַר זיי געקאָכט און פאַרריכט זייערע בגדים. ביידע חברים האָבן אין געהיים ליב געהאַט דבורהלען און יעדער האָט געטרוימט זי זאָל זיין זיינע. נאָר דבורהלע האָט פאַר ביידן געהאַט דעם זעלביקן שמייכל און קיינמאָל זיך נישט פאַראַטן וועמען פון זיי ביידן זי האָט באמת ליב. נאָך אַ יאָר צוזאַמענלעבן ווערט איינער פון זיי מאָביליזירט, דער צווייטער, גראָד דער, וועמען זי האָט ליב, בלייבט. קען אָבער דבורהלעס געוויסן נישט מסכים זיין, אַז דער

בלינדער גורל זאָל זיין דער, וואָס זאָל דעצידירן מיט וועמען פון זיי־ביידן צו בלייבן. איז נאָך דעם ווי זי געזעגנט זיך מיט דעם מאָביליזירטן נעמט זי צונויף אירע ביסל זאַכן און געזעגנט זיך אויך מיטן צווייטן. און זי זאָגט אים: „זיי געזונט, שלומקע, איך מוז דיך פאַרלאָזן, אַנדערש קען איך נישט". און זי איז אַוועק קיין טאַשקענט.

אין דער ביוראָ פון דער פאַבריק אַרבעט וויעראַ פון קאַמיענייעץ־פאָדאָלסק, גראָד פאַרן אויסברוך פון דער מלחמה איז זי זיך פאַנאַנ־דערגעגאַנגען מיט איר מאַן. איצט אויף וואַנדער־וועגן, אַן איינזאַמע, פייניקט איר דאָס געוויסן, פאַרוואָס האָט זי אים פאַרלאָזן? זי האָט דאָך אים ווייטער ליב. די סיבה פון זייער פאַנאַנדערגייין זעט איר איצט אויס אַזוי לעכערלעך־נישטיק. ווייטיקט איר דאָס האַרץ: צי לעבט ער נאָך צי וועט זי אים נאָך אַמאָל זען? זעט אויס, אַז אין צייטן פון די גרעסטע וועלט־געשעענישן הערט נישט אויף דער מענטש צו האָבן זיינע אייגענע קליינע געשעענישן. קומט וויעראַ אָן מיט איר אייגענעם ווייטיק אין דער שטאָט פון צפון־קאַווקאַז מאַכאַטשקאַלאַ. דאָ אַלס לע־רערין אין דער שול, טרעפט זי דעם זשורנאַליסט פסח יעפימאָוויטש פון קיעוו. נישט געפונענדיק קיין צווייטע באַשעפטיקונג איז ער אויך געוואָרן אַ לערער אין דער זעלבער שול. איז וואָס קען דען זיין נאַטירלעכער, ווען די וועלט איז פאַרנומען מיט מאָרד און רויב, באַפריינדן זיך צוויי מענטשן און שמועסן צווישן זיך וועגן טאָלסטאָי און ראָמען ראָלאַנד? וואָס קאָן נאָך אַזוי דערנענטערן צוויי מענטשן, ווי די ליבע צו דער שיינער ליטעראַטור? יעפימאָוויטש איז אַ הויכער, ברייט־פּלייציקער און מאַכט דעם איינדרוק פון אַן אַטלעט. טייטלען טאַקע אויף אים די ווייבער מיט די פינגער און זייערע צונגער זאָגן: „פאַרוואָס זאָל אַזאַ ריז נישט גיין אויפן פראָנט, אפשר שמעקט אים בעסער דער ווייבערישער פראָנט?" ווי האָבן זיי געקאָנט וויסן, אַז אונטער דער אַטלעטישער פיגור קלאַפּט אַ קראַנק האַרץ? די דאָקטוירים האָבן דאָס געוווּסט און אים נישט מאָביליזירט. מיט זיין פרוי האָט יעפימאָוויטש ווייניק וואָס צו רעדן, אים, דעם אינטעליגענט, האָט אַמאָל אימפּאָנירט איר פּראָלעטאַרישער אָפּשטאַם, אָבער חוץ אַט דעם יחוס איז זי געווען זייער אַן אָפּגעשטאַנענע און אים איז געווען מיט איר זייער לאַנגווייליק. זי האָט אים געבוירן אַ קינד, איז דאָס געווען דאָס איינציקע, וואָס האָט זיי געבונדן. ווערט פאַר אים אַן אמת פאַרגעניגן יעדע טרעפונג מיט וויעראַן, מיט וועמען

עס איז אינטערעסאַנט צו רעדן, שפּאַצירן בײדע לאַנגע שעהן איז אינטערעסאַנטע שמועסן. זײַן װײַב אָבער איז איבערגעצײַגט, אַז ער, יעפּי־מאָװיטש, געהערט נאָר צו איר און ער האָט נישט קײן רעכט צו פּטרן צײַט פֿאַר אַן אַנדערע פֿרוי. מאַכט זי אים אָפּט סקאַנדאַלן. בלײַבט נישט פֿאַר אים קײן אַנדערע ברירה, ער גײט אַװעק אין דעם מאָביליזאַציע־פּונקט, און דערצײלט גאָרנישט װעגן זײַן קראַנקהײט און ער װערט אַ זעלנער. ער איז אַפֿילו צום פֿראָנט נישט דערגאַנגען און איז ערגעץ געשטאָרבן. קען װעראַ נישט קוקן זײַן פֿרוי אין די אויגן, זי פֿילט זיך שולדיק אין זײַן טויט און מיט אַ שװערן געװיסן אַנטלויפֿט זי קײן טאַשקענט.

פֿון די װענט אין דער פֿאַבריק, שרײַען אַראָפּ די לאָזונגען „אַלץ פֿאַרן פֿראָנט!" אָבער די צװײ פֿאַרקױפֿערינס אין דעם פֿאַבריק־מאַגאַזין מײנען, אַז אַלץ איז נאָר פֿאַר זײ. די אַרבעטער קוקן מיט הונגעריקע אויגן אויף דער קלײנער נאָרמע ברויט, װאָס עס איז נישט גענוג אויף אײן פֿרישטיק. נאָר די פֿאַרקױפֿערינס פֿעלט נישט קײן ברויט און נישט אַנדערע פּראָדוקטן. פֿאַר דעם זאָרגט שוין דער געלער הויפּט־בוכהאַלטער, ער איז אַ ספּעציאַליסט פֿון צושטעלן דער מאַכט פֿאַלשע רשימות פֿון אַרבעטער און דערפֿאַר באַקומען די פֿאַרקױפֿערינס מער ברויט און פּראָדוקטן. און, אַז עס איז דאָ אַ סך ברויט פֿעלט די פֿאַר־קױפֿערינס נישט קײן יונגע בחורים און נישט קײן פֿאַרגעניגנס. װאָס קאָן מען דער פֿאַר ברויט נישט באַקומען? ענדיקן זיך אָבער זײערע פֿאַרגעניגנס מיט טויט־שטראָף. דער בוכהאַלטער װערט דערשאָסן און די בײדע פֿאַרקױפֿערינס ראַטעװעט פֿון טויט דאָס, װאָס זײ זענען שװאַנ־גער. מען טאָר דאָך נישט אומברענגען קײן נאָך נישט געבוירענע קינדער פֿאַר די זינד פֿון זײערע מוטערס.

נישט געקוקט אויף די טאָג־טעגלעכע דאגות פֿאַר זײַן משפּחה, לעבט מאַקס מיט אַלע געשעענישן אויף דער װעלט און פֿאַרגעסט אויך נישט אין ארץ־ישׂראל. נאָך יאָרן פֿון װאַגל איז ער אַלץ מער איבער־צײַגט, אַז דאָרט איז די אײנציקע רעטונג פֿאַרן אומגליקלעכן פֿאָלק. אין די שמועסן מיט אַ סך אַנדערע פּליטים צײַגט ער זיך איבער, אַז גאָר פֿיל טראַכטן אַזוי װי ער. מאַקס איז אויך באַפֿרײַנדעט מיטן אינזשיניער פֿון דער פֿאַבריק, ער איז פֿון קיעװ און האָט זײַנע יוגנט־יאָרן געזינדיקט מיט ציוניזם. איצט, כאָטש ער פֿאַרמאָגט אַ רויט פּאַרטײ־ביכל האָט ער נאָך

ציוניזם. רעדן ביידע ביי יעדער טרעפונג וועגן ארץ־ישראל, טיילן זיך מיט יעדער צייטונגס־ידיעה וועגן דעם לאַנד און וועגן דער ישראל־לאַנגע יאָרן קאָמוניסטישער הערשאַפט זיך אַלץ נישט אויסגעהיילט פון בריגאַדע. אין אָט וויִיזט דער אינזשיניער מאַקסן די מאָסקווער יידישע צייטונג „אייניקייט” און מאַקס לייענט מיט שטוינונג: „מיר זענען געבליבן וויִטער פּרינציפּיעלע קעגנער פון ציוניזם. מיר זענען אָבער דער ביי פאַר אַ יידישער מלוכישקייט אין פּאַלעסטינע ווי אַ לעזונג פאַר אַ טייל פון יידישן פאָלק”. וואָס באַדייט דאָס? קעגן ציוניזם אָבער פאַר פּאַלעסטינע. צו איז דאָס נישט אַ ניי אַקראָבאַטיש שטיק אין די אינטערעסן פון דער סאָוויעטישער אויסערן־פּאָליטיק? דאָך איז עס פאַר מאַקסן אַ גרויסע בשורה. ענדלעך אָנערקענט אויך דער קאָמוניזם די רעכט פון די יידן צו אַן אייגענער מלוכהשקייט.

פאַרזונקען אין מחשבות וועגן די געשעענישן, וואָס קומען פאָר אויף דער וועלט, שפּאַנט מאַקס איבער די האַלב־פינצטערע גאַסן פון טאַשקענט און עפּעס אַ בענקשאַפט צו אַ פאָרגעפיל ציט אים צום וואָקזאַל, דאָרט אַהין, ווי עס וואַלגערן זיך נאָך אַלץ אומגליקלעכע היימלאָזע. וואָס פאַרפלייצן די אַרומיקע גאַסן, הונגעריקע פרויען מיט קינדער אונטערן פרייען הימל. שפּאַנט מאַקס אין טריבן ווינטער־אָוונט, אַ פייכטע קעלט עסט זיך איין אין זיין לייב און גריזשעט די נשמה. די שטאָט ליגט איינגעהילט אין אַ קאַלאַמוטנע נעפּל, אַ פּאַסקודנע פליסיקייט פון שניי וואָס צעטייעט אין מיטן פאַלן, רינט פון הימל ווי עס וואָלט עמעץ געשפּיגן אים אין פּנים. אַרום וואָקזאַל ליגן אין דער פינצטער קופּעס מענטשן מיט קינדער און פּעקלעך. זיי וואַרטן מען זאָל זיי צייטווייליק אַוועקפירן אין די שכנותדיקע קאָלכאָזן. זעט מאַקס אַ גרופּע יונגע פרויען מיט קינדער אַרום אַ פייער, זיי וואַרעמען די פאַרפרוירענע הענט און זינגען. די פלאַמען באַלייכטן זייערע פּנימער און ווי אַ וווּנדערלעכער כאָר טראָגן זיך זייערע שטימען:

זיי דרייסט און זיי העלדיש אין אַכזריותדיקן שלאַכט,
פאַר דער רוסישער ערד זאָלסטו קעמפן.

דרינגט דער געזאַנג אַריין טיף אין האַרצן. דאָס זינגען יונגע יידישע פרויען, וועמענס מענער זענען ערגעץ אויף פראָנטן אָדער שוין זייער

יונג לעבן אָפּגעגעבן פאַרן לאַנד, און זיי מיט זייערע קינדער וואָגלען עלנטע און הונגעריקע, אָבער צו להעכיס דער נויט, דעם הונגער און היימלאָזיקייט, זינגען זיי:

אוּן פאַרגעס נישט אין מאָסקווע און נישט אין דיין אייגענער פרוי,
ווי אַ זיגער זאָלסטו צו זיי זיך אומקערן.

פלוצלינג גיט אַ פלאַם אַ באַלויכט עמעצנס אַ פּנים און אַ ציטער לויפט דורך אין מאַקסן. צי האָט ער די דאָזיקע אויגן ערגעץ ווו געזען? און אפשר האָט נאָר איר שיינקייט געמאַכט ציטערן זיין האַרץ? שטייט ער פאַרגליווערט, קוקט פאַרגאַפט און קען נישט אָפּרייסן זיינע אויגן פון אַ פרויען־געשטאַלט, וואָס האַלט אַרומגענומען אַ מיידעלע פון אַ יאָר פינף. וואָס ציט אים אַזוי צו דער פרוי? גריבלט ער אין זיינע זכרונות און קען גאָרנישט זיך דערמאָנען. דערווייל דערנענטערט זיך צו אַן עלטערע פרוי מיט אַקעסעלע „קיפּיאַטאָק״ און רופט אויס צו דער יונגער פרוי — „רוטקע!״ גיט אַ קלאַפּ אים דאָס האַרץ. אינעם בלישטש פון אירע אויגן האָט ער זי דערקענט. פאַרגעסט ער אין אַלץ און נעמט שרייען „רוטקע! רוטקע!״ זי קוקט אים אָן פאַרוווּנדערט, אָבער ער שרייט ווייטער: „איך בין מאַקס פון וואַרשע, דו דערקענסט מיך נישט?״ די ערשטע מינוט גיט אַ שלאָג פון איר אַ קוואַל פון פרייד, וואָס פאַרלעשט זיך אָבער גלייך, אַן ערנסטע און אומעטיקע שטעלט זי אים פאָר איר מוטער און טעכטערל און זי פרעגט שטיל: „ווו קומסטו אַהער?״ מאַקס איז באַרוישט פון געפילן פון איבעראַשונג איז פאַרשטומט זיין מויל, נאָר דער געדאַנק זאָגט אים גלייך אונטער צו נעמען זיי פון דאַנען, שיצן זיי פון דער קעלט און הונגער, נעמען זיי אונטער אַ דאַך. אויך רוטקע איז באַרוישט פון אָט דער אומגעוווּנטלעכער טרע־פונג, אָבער מאַקס לאָזט איר נישט טראַכטן, ער נעמט צונויף זייערע פעקלעך. ער פילט ווי דאָס וואָלט געווען זיין רעכט און ער פירט זיי צום טראַמוויי, שווייגנדיק, נישט פרעגנדיק גאָרנישט לאָזן זיי זיך פון אים פירן. עס איז פאַר אים אַ צו גרויס גליק ער זאָל זיין פעיק עפּעס צו טראַכטן, ער טרייבט פון זיך דעם געדאַנק וועגן רייזלען, אים פרייט ווי ער וואָלט אַ גרויסן אוצר געפונען.

רייזל מיט איר איינגעבוירענער גוטסקייט נעמט זיי אויף פריינדלעך,

זי גרייט שוין טיי אָנצוואַרעמען די געסט און אַן אָונט־ברויט פאַר אַלע־
מען. פריידל קוקט נייגעריק אויף דער פרוי, וואָס איז געווען איר פאָ־
טערס שול־חברטע און דערנעענטערט זיך גלייך צו רוטקעס טעכטערל
פאַניע. ביי דער הייסער טיי ווערט גלייך אַ היימישע שטימונג. אַ היימ־
לעכקייט נעמט אַלעמען אַרום. רייזל ווייסט נישט, וואָס טוט זיך אין
מאַקסנס האַרץ, זי איז צופרידן צו געפונען אין רוטקען אַ פריינדין אין
אָט דער פרעמדער שטאָט; רוטקע האָט גלייך נושא־חן־געווען אין אירע
אויגן.

גלייך נאָכן אָונט־ברויט גרייט רייזל אַ געלעגער פאַר ביידע טעכ־
טער און פאַר רוטקעס מוטער אין דעם איינציקן שטיבל. אין דער ענג־
שאַפט שוועבט אַרום אַ פייערלעכקייט. די קינדער און די מוטער ווערן
שנעל אַנטשלאָפן און מאַקס מיט רייזלען הערן זיך איין ביז שפעט אין
דער נאַכט, וואָס עס דערציילט רוטקע. אַ געשיכטע, וועגן טראַגישן
טויט פון לייבלען, ביידנס שול־חבר. מאַקס האָט גאַרנישט געוווסט, אַז
אָט דער באַשיידענער לייבל איז אומגעקומען מיט אַ העלדישן טויט
ראַטעווונדיק דאָס לעבן פון אַ קינד. ווייטער דערציילט רוטקע וועגן טראַ־
גישן טויט פון איר פאָטער. אין די יאָרן, ווען איבערן לאַנד פון אָקטאָבער
האָט גענומען, ווי אַ מגפה, בושעווען דער טעראָר, זענען נאָענטע חברים
פון איר פאָטער אַרעסטירט און ערגעץ פאַרפאַלן געוואָרן, נאָר איר פאָ־
טער האָט מיט זיין גאַנצער געטריישאַפט געגלויבט אין דער „סאָציאַ־
ליסטישער גערעכטיקייט". אין יענע טעג פון שרעקלעכן קאָשמאַר
האָט ער געזאָגט צו זיין פרוי: „דאָך גלויב איך, אַז אַלע אַרעסטן זענען
באַרעכטיקט, סתם אַרעסטירט מען נישט, אָט בין איך נישט שולדיק
אַרעסטירט מען מיך נישט". קורץ נאָך דעם האָט מען מיטן דער נאַכט
אָנגעקלאַפט אין זייער טיר, מען האָט ברוטאַל גענומען זוכן טראָצקיס־
טישע מאַטעריאַלן און כאָטש מען האָט גאָרנישט געפונען, האָט מען
דאָך צוגענומען דעם פאָטער. די מוטער האָט גענומען לויפן אין די אַמטן
פון אינערן־קאָמיסאַריאַט, נאָר דאָרטן האָט מען איר געזאָגט, אַז איר
מאַן איז אַ קאָנטררעוואָלוציאָנער און ער האָט שוין זיין שטראָף באַקומען.
די דריטע טראַגעדיע און דעם דריטן טויט פון איר נאָענטסטן האָט זי זיך
דערוווסט פון אַ קורצע סטאַנדאַרטע מעלדונג, אַז איר יונגער מאַן און
פאָטער פון איר טעכטערל איז „געפאַלן ביים פאַרטיידיקן דאָס פאָטער־
לאַנד". די שרעקלעכע ידיעה איז איר געקומען אויף די וואַנדער־וועגן.

איז דאָס נישט צופיל פאַר איין יונג לעבן? מאַקס געדענקט גוט אָט דאָס לעבנס־לוסטיקע מיידל, וואָס האָט אַלעמען אָנגעשטעקט מיט פרייד. אַלעמען געצוווּנגען זי צו ליבן. איצט איז רוטקע שוין אַ מוטער פון אַ קינד, אַן אויסגעמאַטערטע פון דורכלעבונגען, וואַנדערונגען, זאָרג און הונגער. דאָך האָט דאָס אַלץ נישט געקאָנט אָפּמעקן איר שיינקייט, און רייץ. איר ווייבלעכע רייפקייט ווירקט נאָך שטאַרקער אויף מאַקסן און מאַכט אַ סוף צו זיין רו. שלאָפן שוין אַלע, נאָר מאַקס קאָן די נאַכט נישט שלאָפן. עס גליט אין אים אַ זשאַר. נייע געפילן, וואָס זענען לאַנג אין אים געשלאָפן, האָבן ווידער זיך צעפלאַמט און צעשטורעמט זיינע בלוטן.

צומאָרגנס איז מאַקס מיט רייזלען פאַרנומען מיט איינאָרדענען רוטקעס משפחה. זיי געפונען אין שכנות ביי אַן אוזבעקישע פאַמיליע, פאַר זיי אַ צימער און רוטקע באַקומט אַרבעט אין דער פאַבריק, ווי עס אַרבעט רייזל. צווישןביידע פרויען האָט זיך גלייך איינגעשטעלט אַ גרויסע פריינדשאַפט, נאָר אים מיידט עפּעס רוטקע אויס. פאַרוואָס? ער איז דאָך מיט זיינע געדאַנקען אין אַלע זיינע חלומות מיט איר. ער טרוימט זי אַרומצונעמען, אויסקושן, פילן איר קערפּער. אַ גאַנצן טאָג טראַכט ער וועגן איר ביי דער אַרבעט. ביינאַכט חלומט ער וועגן איר, אין שלאָף נעמט ער זי אַרום און כאַפּט זיך אויף אַן אַנטוישטער, געפונענדיק לעבן זיך רייזלען, אַנשטאָט רוטקען. מאַקס פאַרשטייט נישט, וואָס איז מיט אים געשען, דוכט זיך, אַ צווייטער „איך" האָט זיך אין אים אָנגערופן. ער האָט יאָרן נישט געפילט דעם פריידיקן ציטער פון תאווה, וואָס רופט איצט ביי אים אַרויס רוטקע יאָרן געוועזן פאַרטאָן אין פאָליטישע ויכוחים און איצט ווערט רוטקע פאַר אים דער גאַנצער זין פון זיין לעבן. פון וואַנען קומט צו אים די גיריקייט צו אָט דער פרוי? צוליב דעם האָט ער דורכגעלעבט אַזאַ שטורמיש לעבן, ער זאָל, ווי דעמאָלט, אַלס קינד, ווידער אָנגעצונדן ווערן מיט קינדערישער ליבע? גראָד איצט, ווען די וועלט זינקט אין אכזריות און אומקום האָט זיין האַרץ אויפגעפלאַטערט מיט אַ גרויסע ליבע. אָבער רייזל טאָר פון זיינע געפילן גאָרנישט וויסן. ער טאָר איר נישט ווי טאָן, ווייל יאָרן פון טריישאַפט בינדט זיי. ער האָט צו רייזלען פליכטן, זי איז די מוטער פון זיין קינד. אָבער ווי לאַנג וועט ער קאָנען לעבן אין ליגנט? צו מעג ער צוליב זיין געטריישאַפט צו רייזלען דערשטיקן אין זיך די געפילן צו רוטקען? ווי קען ער זיך

אָפּזאָגן פון דעם גליק פון דעם תענוג וואָס נאָר רוטקע קאָן אים געבן? איצט ווייסט ער, אַז ער האָט רייזלען קיינמאָל נישט ליב געהאַט. טאָ ווי וועט ער זיך אַרויספּלאָנטערן פון אָט דעם פאַרכישופטן קרייז, צי מעג ער זיך אָפּזאָגן פון דעם גליק, וואָס דער גורל אַליין האָט אים צוגע־טראָגן?

און זי, רוטקע, צי איז זי גלייכגילטיק צו מאַקסן, פאַרוואָס מיידט זי אים אויס? פון ערשטן טאָג פון זייער טרעפונג באַגלייט רוטקען עפּעס אַ שווערער שולד געפיל לגבי רייזלען, אַליין נישט ווויסנדיק פאַרוואָס. זי האָט דאָך קעגן איר אַפילו אין געדאַנק נישט געזינדיקט, זי באַמיט זיך דאָך וועגן מאַקסן אַפילו נישט צו טראַכטן, כאָטש ער איז דאָך געווען אַזוי נאָענט צו איר אין די קינדער־יאָרן. און אויב קומט ער איר צו חלום, פאַרבינדט זי נאָך שטאַרקער איר פריינדשאַפט מיט רייזלען. איז איר טיפער ערלעכקייט ווייסט זי צו דערשטיקן די געהיימע געפילן, וואָס וועקט אין איר מאַקס, צו פאַרגעסן די זכרונות פון געמיינזאַמע שפּאַצירן. אין איר איינזאַמקייט, וואַקסט דער פּחד געשטרויכלט צו ווערן, און זי דערוויטערט זיך נאָך מער פון מאַקסן און פאַרבינדט זיך אַלץ שטאַרקער צו רייזלען.

אַרבעט מאַקס אין דער פאַבריק אונטערן רויש פון מאַשינען און היץ פון פליסיקן מעטאַל און חלומט וועגן רוטקען וואָס איז אַזוי נאָענט און אַזוי ווייט פון אים. אין דער פאַבריק קומען אָפט פאָר פאַרזאַמלונגען פאַר די אַרבעטער. עס רעדן די נאַטשאַלניקעס פון די צעכן און די סטאַכאַנאָווצעס פון אַלע פאַכן, אַ יונג רוסיש יונגל מיט אָפּגעריסענע קליידער און צעשראָקענע אויגן, וועלכע דערציילן פון עלנט, אויך ער איז אַ סטאַכאַנאָוויעץ און דאַרפט עפּעס זאָגן, ער איז אָבער נישט קיין רעדנער. זיך צינג איז אים שווער, די ווערטער פאַרהאַקן זיך אין מויל, ער פאַרגעסט וואָס דער נאַטשאַלניק האָט אים אויסגעלערנט צו זאָגן. נאָר איינצלנע ווערטער פּלאָנטערן זיך אים אין מוח און ער שרייט זיי אויס אין איין אָטעם „איך דאַנק דיר, סטאַלין, פאַר דער גליקלעכער יוגנט וואָס דו האָסט אונדז געשאָנקען!“. איבלט מאַקסן פון אָט דעם ליגנט. עס ווילט זיך אים אַנטלויפן פון דער פאַלשקייט, פון דעם אַרום. אָבער אויך אין זיין אייגענעם „איך“ ליגט באַהאַלטן אַ גרויסער ליגנט, וואָס בייסט זיין געוויסן. זיך האַרץ ווערט אין צוויַיען צעריסן, צווישן ליבע צו רוטקען און פליכט צו רייזלען. אָבער ער פילט, אַז דעם פּלאַם,

וואָס רוטקע האָט אין אים אָנגעצונדן, וועט קיינער מער נישט קאָנען פאַרלעשן.

ה

אין דעם אָרעמען און שמוציקן הויף פון דער נאָוואָליפּקי האָט נאָך קיינמאָל נישט געהערשט אַזאַ הונגער, ווי איצט. פון מענטשן איז געוואָרן שאָטנס. די יוגנט פון הויף איז אַנטלאָפן קיין רוסלאַנד, אַ סך אַלטע און קינדער האָבן די דייטשן פאַרשלעפּט ערגעץ, אויף זייער אָרט זענען געקומען יידן פון אַנדערע שטעט. דער באַלעבאָס פון הויף איז נאָך אַנהויב מלחמה דערהרגעט געוואָרן פון אַ שפּליטער אויף זיין אייגענעם באַלקאָן. יידן האָבן געזאָגט, אַז דאָס איז גאָטס שטראָף, ווייל ער האָט נישט געוואָלט עפּעס שענקען פאַר די יידישע פּליטים פון אַנדערע שטעט, וואָס האָבן זיך איינקוואַרטירט אין זיין הויז. נאָר זיין אַלט הינטל האָט מיט טרויער געוווּעט אויף זיין טויט. מלכהלע איז ערגעץ באַהאַלטן ביי אַן אָרעמער קריסטן, אירס אַ געוועזענע קונה. מלכן דינט זיין סוחרישער טאַלאַנט, ער האַנדלט צווישן די יידן אין שיל און לערנט גמרא. דער לערער איז ערגעץ פאַרשוווּנדן און דעם בלינדן בעטלער איז געשען אַ נס — ער איז פּלוצלינג זעעוודיק געוואָרן ווען די דייטשן האָבן אים געפּירט צום אומשלאַג־פּלאַץ. די פאַמיליע, וואָס איז אַמאָל געווען רייך האָבן די דייטשן אַוועקגעשלעפּט קיין אָש־וויענטשים. וואָס איז געוואָרן פון זייערע טעכטערס לאַנגע צעפּ און דעם חלום וועגן אַ פּרינץ? די מיאוסע דאָקטאָרין מיט איר הויכן מאַן זענען אַנטלאָפן קיין רוסלאַנד. ער האָט אין גרויס איילעניש פאַרגעסן אין עוואַן, דער פרוי פון זיין פריינד, וועלכע האָט אים צוגעשטעלט אַ סך פאַרגעניגן. סאָניעס פאַרמעגלעכע עלטערן זענען געוואָרן גרוי און הונגעריק. דער פאָטער פון די ברודער גוץ און יעקב חלומט מער נישט פון גרויסן געווינס, נאָר וועגן אַ קאַרטאָפל צו שטילן זיין הונגער. זייער מוטער האָט געהאָט „מזל" צו שטאַרבן נאָך איידער מען האָט אַלע יידן פאַרייגעטריבן אין געטאָ, מען זאָגט, אַז זי איז געווען אַ כשרה נשמה.

שמעון דער סטאָלאַר איז גאָרנישט צו דערקענען, אַלט און קראַנק. נחמה ברענגט אים פאַר רחמנות עפּעס צום עסן. זי האָט מער צו עסן פון אַנ־דערע, ווייל איר מאַן דער טרעגער־יונג איז אַ מיליציאָנער אין געטאָ. חנטשען האָבן די דייטשן פאַרשלעפּט, אירע קינדער זענען זיך צעלאָפן. די זינדיקע נקבה האָט שוין לאַנג פאַרלוירן אירע קליענטן, האָט זי אַריינגענומען צו זיך אַן אַלטן קריסט, וואָס האָט פאַרלאָזט זיין ווייב, געלעבט מיט דער נקבה און דערפאַר איר מאַן געגעבן בראָנפן צו טרינ־קען. האָבן די דייטשן אויך זי אַרויסגעטריבן פון געטאָ צוזאַמען מיט אירע ביידע מענער.

געצל לערנט אַלץ תורה און הונגערט, נאָר פאַרן יצר־הרע האָט ער מער נישט קיין מורא. אויפן אָרט פון דער זינדיקער נקבה האָט ער איצט חסידישע שכנים, די עלטערן פון מאַגדען, וואָס האָבן אַהער זיך איבערגעטראָגן ווען מען האָט זיי פאַרטריבן פון דער אַרי־שער אָגראָדאָווע־גאַס. זאָגט געצל צו זיין פרומען שכן: „דער מהר״ל פון פּראָג האָט פון ליים אויסגעקנאָטן אַ גולם, אין אים אַריינגעבלאָזן אַ רוח חיים, ווייל ער האָט געוואָלט אויסראָטן דאָס שלעכטס און ברענ־גען די גאולה אויף דער וועלט. האָט אָבער דער גולם נישט פאַרמאָגט קיין רגש פון רחמים, נאָר יצר להרוס, נישט געוווּסט מה מותר ומה אסור. נישט געקאָנט מבחין זיין בין טוב לרע און איז אויפגעשטאַנען נגד יוצרו. דאַמאָלט האָט דער צדיק פון פּראָג גוזר געווען אויפן גולם דעם טויט. איצט איז געקומען אַן אויבער־רוצח פון דײַטשלאַנד־רייך, וואָס האָט געוואָלט די וועלט אָנפילן מיט שינאה און גזילה, האָט ער גענומען מיליאָנען יצור־אנושי און זיי פאַרוואַנדלט אין גולמס, אַנגעטאָן זיי מונדירן, גע־געבן געווער און געשיקט זיי מאָרדן און רויבן״. זאָגט מאַגדעס פאָ־טער: דעמאָלט, ווען דער רבונו־של־עולם וועט פון ד מיליאָנען גולמס אַרויסטרייבן דעם רוח החיים וועט דער שטן ימח שמו, נישט האָבן מער קיין שליטה און עס וועט קומען משיח״.

סאָניע איז נישט אַנטלאָפן פון וואַרשע. איר אַרישער פּאַס, איר פּוילישער מאַן און דאָס קינד האָבן זי צוגעשמידט צו איר אָרעם שטיבל אויף פּאָוואָנזעק. אירע פּוילישע שכנים קומט גאָרנישט אויפן געדאַנק, אַז זי איז נישט קיין פּוילישע און זיי רעדן אין איר קעגנוואַרט קעגן יידן. אין געהיים שטייט סאָניע פאַרבונדן מיט די חברים פון געטאָ, זי קומט אַליין אין געטאָ, ברענגט אויפרופן, צייטונגען פון דער באַנייטער

קאָמוניסטישער פּאַרטיי אונטער דעם נייעם נאָמען פּ.פּ.ר. באַזונדער קומט זי זיך טרעפן מיט איר בעסטער חברטע מאַגדע. די מלחמה האָט מאַגדען באַפרייט נאָך לאַנגע יאָרן פון דער טורמע, נאָר צוליב איר יידישן אויסזען איז אוממעגלעך זי אויצובאַהאַלטן אויף דער אַרישער זייט. האָט דער היטלעריזם מאַגדען צוריקגעברענגט צום יידישן לעבן, צו דער שפּראַך פון פאָלק. אירע חסידישע עלטערן גלויבן ווייטער אין משיחן און זי אין דער רעוואָלוציע. אָבער די שרעקלעכע געטאָ־באַדינגונגען, דער טעראָר קעגן יידן, דער מאַסן־מאָרד, דערמאָנט איר אויף יעדן טריט, אַז נאָך אומגליקלעכער פאַרן פּראָלעטאַריאַט איז דאָס יידישע פאָלק און מאַגדע איז מיט איר פאָלק, טיילט זיין גורל.

פרעדאַ איז צוריקגעקומען קיין וואַרשע פון ביאַליסטאָק. היות זי האָט גוט געקענט רוסיש האָט זי געאַרבעט ביי דער סאָוויעטישער מיליטערישער מאַכט. מיטן דערנענטערן זיך פון די היטלער־באַנדעס האָבן די אַקטיווע קאָמוניסטן באַקומען אַ באַפעל נישט צו פאַרלאָזן די שטאָט, נאָר בלייבן און פירן דעם קאַמף אין רוקן פון שונא. זיי זענען אָבער די מערסטע געווען יידן און דורך די היטלעריסטן אויסגעמאָרדעט געוואָרן. פרעדע איז פון די געציילטע, וואָס האָבן זיך געראַטעוועט. איבערגעטאָן פאַר אַ דאָרפיש מיידל האָט זי צופוס געוואַנדערט קיין וואַרשע. אויפן וועג האָט זי געזען שוידערלעכע סצענעס פון פייניקן יידן. אין אַ שטעטל האָבן די היטלעריסטן אַריינגעפּאַקט אין דער שיל דאָס גאַנצע שטעטל יידן מיט די פרויען און קינדער, פון שיל האָט זיך געהערט הארצרייסנדע געשרייען „וואַסער! וואַסער!” צום סוף האָבן זיי די שול מיט די יידן אונטערגעצונדן. אויף די וועגן האָט מען געפירט מחנות יידן, אָפּגעריסענע מיט פיצלעך קינדער אויף די הענט. די פויערטעס זענען אַרויס מיט קאַנען וואַסער און נאָר די, פון די אומגליקלעכע, וואָס האָבן געהאַט צו באַצאָלן מיט גאָלדענע פינגערלעך, אָדער זייגערס האָבן פון זיי באַקומען אַ טרונק. צי זענען דאָס די פויערים, וועלכע פרעדע האָט געוואָלט באַפרייען פון דעם פריצישן יאָך?

אין וואַרשעווער געטאָ טרעפט פרעדע איר ברודער דבן. ער איז נאָך פריער צוריקגעקומען פון ווילנע צוזאַמען מיט דער „ווילדער צילקע”. זי איז שוין מער נישט דאָס שטיפעריש־פריילעכע מיידל. זי טאַנצט מער נישט קיין „הורא” אין די זאַלן פון „השומר”, נאָר צוזאַמען מיט דבן

טראָגט צילקע איבערן אויסגעמאַטערטן, הונגעריקן געטאָ דעם טרייסט און האָפֿענונג פֿון אַ פֿריי ארץ ישׂראל.

טרויעריק איז אויף די געטאָ־גאַסן פֿון וואַרשע. עס בושעוועט דער הונגער און דער מלאך המות. יעדער טאָג איז אַ קאַמף פֿאַר דורכהאַלטן, אַ ווילן איבערצולעבן דעם שונא, צו זיין אַן עדות פֿון זיין שוואַרצער מפּלה. אין די שרעקלעכע באַדינגונגען פֿון הונגער, עפּידעמיעס און טעראָר עקזיסטירן דאָך די פּאַרטייען און יוגנט־אָרגאַניזאַציעס. עס גייען אַרויס אומלעגאַלע צייטונגען. די פֿרומע זענען זיכער, אַז נאָך דער מלחמה וועט קומען משיח. די ציוניסטן גלויבן, אַז פֿאַר די ליידן וועלן די יידן באַלוינט ווערן מיט ארץ ישׂראל. די קאָמוניסטן זענען זיכער, אַז די מלחמה וועט זיך ענדיקן מיט אַ סאָציאַלער רעוואָלוציע און די בונ־דיסטן זענען געבליבן טריי דעם סאָציאַליזם און דער יידישער קולטור. די אַקטיוויסטן פֿון אַלע באַוועגונגען זענען אַנטלאָפֿן אויף מזרח, איז אויף זייער אָרט אויסגעוואַקסן נייע טוער. זיי זעצן פֿאָר די אַרבעט אין הינטערגרונט, אין די שווערסטע באַדינגונגען פֿון דייטשישן טעראָר. די יוגנט שלינגט הונגעריק די ידיעות פֿון פֿראָנט. די היטלער־אַרמיי האַלט אָפּ גרויסע נצחונות אָבער די יידישע יוגנט איז זיכער, אַז זייער מפּלה וועט קומען, טוען זיי אַלץ, אין זייערע באַגרענעצטע מעגלעכקייטן, צוצו־איילן די מפּלה פֿון פֿאַשיזם. זיי שאַדענען אין די דייטשישע וואַרשטאַטן, האַלטן־אויף געהיימע שולן, לערן־קרייזן, ביבליאָטעקן. די עפֿנטלעכע קיכן ווערן אַ צענטער פֿאַר געהיימע טרעפֿונגען. אַלע ריכטונגען האָבן זייערע אומלעגאַלע צייטשריפֿטן אין יידיש און אין פּויליש. דער אָרגאַן פֿון „השומר" שרייבט: „צו להכעיס דעם געטאָ וועלן מיר הויך האַלטן דעם קאָפּ און מוטיק זיך נישט לאָזן בייקומען". די בונדישע „יוגנט־שטימע" שרייבט: „מיר דאַרפֿן לערנען פֿון די שפּאַנישע פֿרייהייט־קעמ־פֿער, בעסער שטאַרבן שטייענדיק ,איידער לעבן קניענדיק". דער קאָמו־ניסטישער „ביולעטין" וואָרנט: „דער פּראָגראַם פֿון נאַציזם איז קלאָר און ציניש, אויסראָטן די יידן ביזן שורש". די צייטונג פֿון „גאָרדאָניאַ" — „סלאָוואָ מלאָדיך" שרייבט: „פֿון אונדזערע ביינער וועלן אויפֿשטיין נקמה־נעמער. פֿון דער נקמה וועלן די דייטשן זיך נישט אַרויסדרייען, אָפּילו ווען מיר וועלן פֿאַרטיליקט ווערן, וועלן יידישע נקמה־נעמער געפֿונען די מערדער אין זייערע נאָרעס".

אין געטאָ איז אַ מאַסן־שטערבלעכקייט און אַן אומבאַשרייבלעכער

הונגער. עס מערן זיך פאַקטן פון דערנערן זיך מיט קעץ און שטשורעס...
די גאַסן זענען פול מיט נאַקעטע, באָרוועסע און געשוואָלענע קינדער. יעדער טאָג איז דאָ געראַנגל נאָך אַ שטיקל ברויט, אַ טאָג פון שרעק, בהולה, אַכזריות, אַקציעס און לאַפּאַנקעס פון די ס.ס.־לייט צוזאַמען מיט אוקראַינישע און לעטישע באַנדיטן. אָפּגעריסן און פאַרלאָזן פון דער וועלט איז דאָס געטאָ, דאָך זענען יידן געבליבן געטריי זייער גלויבן און אידעאַלן. אַ חוץ אַ ביסל אונטערוועלט־יונגען און אַסימילירטע אינטע־ליגענטלעך וועמען עס איז געגעבן גענוג געווען אָנצוטאָן אַ פּאָליציאַיש בענדל, כדי זיי זאָלן פון זיך אויסטאָן דאָס לעצטע ביסל מענטשלעכקייט. אָבער דאָס פאָלק, די יוגנט איז געבליבן געטריי און דער געטאָ־פּאָעט טרייסט זיין פאָלק:

> עס וועט קומען, איר הערט, ס׳וועט קומען אַ טאָג,
> וואָס וועט נעמען פאַר אונדז נקמה.

די וויכטיקסטע ראָל פון ראַטעווען דאָס געטאָ פון הונגער־טויט פירן אויס די קינדער. אויף זיי איז אַויסגעפאַלן דער עול צו שפּייזן זייערע משפחות. עלטערע קאָנען מיט שמוגל זיך נישט פאַרנעמען, ווייל זיי ווערן דערפאַר גלייך דערשאָסן. טוען דאָס די קינדער מיט זייער גאַנ־צער געטריישאַפט און קינדישער געשיקטקייט. אויף נאָוואָליפּקי־פּזשע־יאַזד איז דאָס לאָך פון געטאָ־מויער, ווערט דאָ אונטערגעקויפט די יידי־שע און פּוילישע פּאָליציי פון ביידע זייטן מויער און קינדער קריכן אַריבער אויף דער אַרישער זייט, טראָגן אַרויס פון געטאָ אַלץ, וואָס האָט נאָר אַ ווערט און ברענגען דערפאַר קאַרטאָפּל. דאָס זעלבע קומט פאָר ביי אַנדערע לעכער. קינדער גנבענען דורך די וואַכן. פלינקייט און עלאַגאַנט שפּילט דאָ אַ גרויסע ראָל. זיי באַקומען אָפּט קלעפּ, נישט זעלטן ווערט אַ קינד דערשאָסן, אָבער דער שמוגל הערט נישט אויף, ער איז דער איינציקער מיטל פון עקזיסטענץ. דערזען די דייטשן אין די קינ־דער אַ געפאַר און טוען זיי מאַסנווייז אויסראָטן. זיי נעמען צו די קינ־דער פון דאָקטער קאָרטשאַקס תומים־הויז. דער גוטער דאָקטער האָט נישט געוואָלט די קינדער לאָזן גיין אַליין צום טויט, איז ער פרייוויליק אַוועק מיט זיי. אַזוי זענען אַוועק די קינדער פון דער „מעדעם־סאַנאַ־טאָריע״, אויך מיט זיי זענען געגאַנגען די לערער. אומשולדיקע יידישע

קינדער ווערן געפירט צום טויט דורך דער אויסדערוויילטער ראַסע פון צווייפיסיקע חיות מיט אויטאָמאַטן אין די הענט.

קומען פאַר אין געטאָ סצענעס פון כאַפּן יידן. דער שונא לויערט אויף יידיש בלוט. גייען גאַנצע טראַנספּאָרטן צום אומשלאַג־פּלאַץ. עס גייען פרויען, קינדער און אַלטע לייט. מאַמעס מיט זויג־קינדער אויף די הענט, נאָך נישט באַוויזן צו דערקענען די וועלט און גייען שוין צום טויט. עס גייען בונדיסטן צוזאַמען מיט זייערע פּאַרטיי־קעגנער ציוניסטן, קאָמוניסטן צוזאַמען מיט גערער חסידים. עס גייען כלה־מיידלעך, חנעוור־דיקע יידישע טעכטער. עס גייען ישיבה־בחורים אויף קידוש־השם. אויף אַ בוידעם־שטיבל פון אַ דורכגאַנגס־הויף זאַמענהאָף־נאַלעווקי, זיצן אַ צוויי צענדליק חברים, די רעשטלעך פון די אַקטיוויסטן פון די אַמאָל גרויסע נאָדל־, כעמישע און אַנדערע פאַראיינען, — צווישן זיי מאַגדע און פרעדע — און פירן אַ וויכוח וועגן דעם, צי מעגן זיי דערלאָזן, אַז מענטשן זאָלן ווי קעלבער געפירט ווערן צו דער שחיטה? טייל האַלטן, אַז די באַוועגונג וואָס האָט פון זיך אַרויסגעגעבן באַטווינען און טויזנטער העלדישע קעמפער טאָר נישט דערלאָזן אַזאַ שאַנדע, אַז ס.ס.־לייט זאָלן אומגעשטערט פירן מענטשן צום טויט. אין זייערע רייד פילט זיך דער וויטיק פון די הערצער. זיי זענען גרייט מיט מעסערס זיך וואַרפן אויף די ס.ס.־לייט און ראַטעווען די צום טוט פאַרמשפטע. אָבער עס וועגט איבער די קלאָרע לאָגיק, אַז די היטלעריסטן וואַרטן נאָר אויף אַזעלכע העלדן. זיי וואַרטן נאָר אויף אַ תירוץ אָנצוהויבן אַ מאַסן־מאָרד. און מיט וואָס וועלן קאָנען אומבאַוואָפנטע זיי ענטפערן? מען מוז פריער זיך באַזאָרגן מיט געווער, ערשט שפּעטער זיך דערלויבן אויף העלדישקייט. די זעלבע דיסקוסיעס פירן זיך צווישן בונדיסטן, זיי האָבן אַ טראַדיציע פון קאַמפן, און הירש לעקערטס. אויך אין די חלוצישע גרופּן וואָס האַלטן זיך פאַר די יורשים פון די מכבייער האָבן אין זייערע רייען געגוג אַזעלכע, וואָס זענען גרייט אויף העלדישע טאַטן, נאָר דער באַוווסטזיין, אַז טויזנטער יידן וועלן באַצאָלן פאַר דער העלדיש־קייט פון איינצלנע, האַלט זיי אָפּ פון מעשים. גייען מענטשן צום טויט, מיטן גלויבן, אַז אַנדערע וועלן פאַר זייער טויט נקמה נעמען.

נאָך קיינמאָל האָט אַ פאָלק זיך נישט געפונען אין אַזאַ טראַגישער לאַגע: אַרומגערינגלט אין אַ געטאָ, קעגן זיי שטייט אַ מעכטיקער בלוט־טיקער שונא, וואָס האָט באַהערשט לענדער און באַזיגט פעלקער. זייערע

פוילישע שכנים זענען אָנגעשטעקט מיט שינאה. זיי זענען גרייט פאַר אַ קילאָ צוקער איבערגעבן יעדן ייד, וואָס ראַטעוועט זיך אויף זייער זייט. ווען די דייטשן איז שווער צו דערקענען אַ ייד, העלפן זיי דערביי די פּאָליאַקן, מאַכנדיק דערפון אַ פּרנסה. אויך אין די וועלדער זענען יידן באַדראָט. אויך דאָרטן וואַרט זיי דער טויט פון אַנטיסעמיטישע פּאַרטיזאַנער. איז ווי איז פאַר זיי אַ רעטונג? דערצו האָבן די יידן נאָך אַן אינערלעכן שונא, דאָס איז זייער איינגעבוירענער אָפּטימיזם. די דערפאַרונג פון דורות האָט דעם געפּייניקטן פאָלק געלערנט, אַז זיי לעבן איבער זייערע ערגסטע שונאים און גלייבן, אַז דאָס זעלבע וועט אויך דאָס מאָל געשען. אין זייער שוידערלעכסטער פאַנטאַזיע קאָנען יידן זיך נישט פאָרשטעלן צו וואָס עס זענען פעיק די היטלעריסטן. ווי קאָנען זיי וויסן, אַז עס עקזיסטירן אַזעלכע מענטשן־חיות, וואָס וועלן פון זיי מאַכן „יודען־זייף“?

גייען נישט פאַרביי קיין טעג אָן קרבנות, ווערט אַלץ ווייניקער יידן אין געטאָ און שרעקלעכע גרוסן קומען פון דער פּראָווינץ. עס איז פאַר זיי, די יידן נישט מער קיין סוד די טויט־לאַגערן. נישטאָ מער קיין אילוזיעס. עס איז קלאָר, אַז דער ציל פון די נאַצי־פאַרברעכער איז די טאָטאַלע פאַרניכטונג פון גאַנצן יידישן פאָלק. בלייבט איצט דער איינציקער אויסוועג — קאַמף. קאַמף אָן אויסזיכט פון זיג. קאַמף, וואָס קען ענדיקן נאָר מיט טויט. אַ קאַמף אָן געווער קעגן דער מעכטיקסטער מיליטערישער קראַפט. דאָך געפינט זיך אין געטאָ נישט קיין איין פּאַרטיי, וואָס זאָל זיין קעגן דעם פאַרצווייפלטן קאַמף. אויף אַ צווישן־פּאַרטייאישער באַראַטונג שטייט די וויכטיקסטע פראַגע — געווער. אַזשעד פון „בונד“ האָט געפירט וועגן דעם געשפּרעכן מיט דער פוילישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, נאָר אַפילו זייערע צוזאָגן זענען נישטיקע. באַרטקאָווסקי פון פּ.פּ.ר. זאָגט צו אין נאָמען פון די פוילישע קאָמוניסטן די פולע אונטערשטיצונג. זייער ווילן צו העלפן איז אַן אויפריכטיקער, נאָר לײדער פאַרמאָגן זיי אַליין זייער ווייניק. נעמען די אַקטיוויסטן פון אַלע ריכטונגען זוכן געווער, מאַכן אייגענע אויסאַרבעטונגען פון אויפרייסשטאָפן, מאָלאָטאָוו־פלאַשן. אויך דער שונא גרייט זיך. אין מיטן די גרעסטע שלאַכטן ביי סטאַלינגראַד פאַרגעסן די היטלעריסטן נישט אין די יידן. פאַר זיי איז נישט קיין סוד די אַנטיפאַשיסטישע געפילן פון דער יידישער יוגנט און זיי וויסן וויפל רעוואָלוציאָנערע ענערגיע פאַרמאָגט

אַט די יוגנט, באַשליסן זיי אומצוברענגען דאָס יידישע פאָלק. היטלער אַליין באַפעלט וואָס שנעלער צו ליקווידירן די וואַרשעווער געטאָ. די דייטשן גרייטן זיך דורכפירן דעם טויט־אורטייל איבער דעם גרעסטן יידישן קיבוץ. די יידישע יוגנט ענטפערט מיט ווידערשטאַנד. דאָס ערשטע נעמען זיי זיך צו די פּראָוואָקאַטאָרן פון דער גרופּע „זשאַגעט" און מיטאַרבעטער פון דעם 13־טל. די דייטשן זענען נישט גאָר רוצחים נאָר האָבן אָנגעשטעקט אויך טייל יידן מיט רציחה, האָט מען דאָס ערשטע זיי, די יידישע פאַרברעכער, באַדאַרפט ליקווידירן. די ס.ס. נישט קאָנענדיק זיך מער באַנוצן מיט פּראָוואָקאַטאָרן, גייען איבער צום מאַסן־איבערפאַל, רייסן זיך אַריין צוזאַמען מיט אוקראַינער אין יידישע שטובן — מאָרדן און רויבן. די יידישע קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע שלאָגט צוריק, עס פאַלן 200 קעמפער, אָבער אויך דער שונא האָט גרויסע פאַרלוסטן. דער מוטיקער אַרויסטירט פון דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע ווערט אַ סיגנאַל און טויזנטער שטעלן זיך אין אירע רייען. זיי לאָזן זיך אין געיעג נאָך אוקראַינישע „ווערקשיצלער" און אַנטוואָפענען זיי. אויף מוראַנאָוו הרגנען יידישע טרעגער אַ דייטשישן אָפיציר, וואָס איז געקומען אויף „גאַסטראָלן" אין געטאָ. אויף לעשנאָ פאַלן צוויי ס.ס.־לייט און אַ פּוילישער אויסשפּירער.

און אַט קומט אַ באַפעל: אַלע יידן מוזן פאַרלאָזן וואַרשע און זיך עוואַקויאירן קיין טראַווניק־פּאָניאַטאָוו. אָבער איצט ווייסן שוין די יידן די באַדייטונג פון דעם וואָרט „אויסזידלונג". זיי ווייסן שוין וועגן די לאַגערן ווו די דייטשן האָבן אָרגאַניזירט אַ גרויסע אינדוסטריע פון טויט. און זיי ענטפערן מיט „ניין! נישט פאָרן". ביינאַכט ווערן די געטאָ־גאַסן באַקלעפּט מיט פּלאַקאַטן, וואָס רופן: „יידן, זאָל קיינער נישט פאַרלאָזן וואַרשע, די שארית־הפליטה צעטיילט זיך מער נישט. מיר בלייבן פאַראייניקט אין אומגליק, אין קאַמף. אין דער צאָל איז אונדזער כוח". די נאַכט איז דער אָנהייב פון העראָישן אויפשטאַנד. דער אָנהייב פון דעם לעצטן קאַפּיטל פון געטאָ.

די יוגנט־אָרגאַניזאַציעס שטייען גרייט צום קאַמף. אין „השומר" שפּילט דב אַ גאָר וויכטיקע ראָל און אים העלפט צילקע. אין די רייען פון פּ.פּ.ר. איז צווישן די אַקטיוועסטע מאַגדע און פרעדע. אין דער לעצטער מינוט איז אין געטאָ געקומען אויך סאָניע. זי האָט נישט געקענט רואיק בלייבן אויף יענער זייט, ווען אירע חברים כאַפּן זיך צום געווער.

ס'איז די ערשטע נאַכט פּסח. איבערן געטאָ איז אַן אויסגעשטערנטער הימל. אפשר די שענסטע נאַכט איבער וואַרשע. אַ סודותדיקע שטילקייט. די לבנה שטייט אין דערוואַרטונג, מענטשלעכע שאָטנס שאַרן זיך ביי די ווענט איבער די גאַסן. זיי טראָגן פונאַנדער אין דער פינצטער קוילן און גראַנאַטן. די נאַכט שטייט די יידישע יוגנט מיט געווער אין האַנט און וואַרט אויפן שונא. עס שטייען די קאַמפּס־גרופּן פון אַלע באַוועגונגען. קיין זאַך טיילט זיי מער נישט. אין שפּיץ פון אויפשטאַנד — מרדכי אַניעלעוויטש. ער, דער קאָמענדאַנט פון די געטאָ־קעמפער, זאָרגט ווי אַן אמתער קריגס־פירער פאַר יעדן פראָנט־אָפּשניט, פאַר יעדע גאַס. די סטראַטעגיע פון קאַמף באַשטייט אין געבן מיט קליינע כוחות גרויסע קלעפּ דעם שונא. דער ציל פון קאַמף איז נישט ראַטעווען זיך נאָר אומברענגען וואָס מער פאַשיסטן. ווערט די נאַכט איבערן געטאָ אויפגעהאָנגען דריי פענער: די יידישע בלוי־ווייסע, די רויט־ווייסע פון פוילן און די רויטע פון סאָציאַליזם.

אויף דעם פרימאָרגן האָט די זון ברייט צעלייגט אירע פרילינגסשטראַלן. נאָר שוואַרצע קראָען האָבן פאַרשוועכט דעם פרימאָרגן מיט זייער קראָקען. פונקט 6 פרי ווערן ביידע געטאָס, די גרויסע און די קליינע אַרומגערינגלט מיט ס.ס.־לייט און לעטן. זיי דרינגען אַריין אין געטאָ דורך דער אָקאָפּאָווע גאַס און דורך דער לעשנאָ. די ערשטע שאָסן, וואָס גיט אויף זיי אַ האָגל, רופן אַרויס ביי די דייטשן אַ גרויסע בהולה. זיי ציען זיך צוריק און זוכן אַ וועג ווו צו אַנטלויפן. נאָר פון אַלע פענצטער שיסט מען אויף זיי. צום ערשטן מאָל אַנטלויפן די דייטשישע מערדער פאַר יידן. זיי אַנטלויפן צו דער שוויענטאָיערסקע גאַס, נאָר דאָ באַגעגנט זיי אַ פייער. אויף מוראַנאָוו גייט זיי אַנטקעגן יידישע קעמפער אין דייטשישע מונדירן און זייען צווישן די דייטשן טויט, נעמען צו זייער געווער. אויף נאַוואָליפּקי געפינען זיך די דייטשן אין אַ זאַק, פון וואַנען זיי קאָנען נישט אַרויס און לאָזן איבער אַ סך טויטע. דער ערשטער טאָג פּסח איז דער ערשטער טאָג פון דער דייטשישער מפּלה. די דייטשן זענען אַנטלאָפן מיט חרפּה. די קעמפער, אָנגעפילט מיט שטאָלץ, ווייסן אָבער, אַז די דייטשן וועלן די מפּלה גלייכגילטיק נישט אַראָפּשלינגען. זיי וועלן קומען צענפאַך מער און נעמען נקמה. אָבער קיינעם שרעקט נישט דער טויט. אַלע עטעמען נאָר מיט איין באַגער, וואָס מער באַצאָלן די דייטשישע מערדער פאַר זייערע

פֿאַרברעכנס. דערווייל פֿאַלט צו די נאַכט. די צווייטע פּסח־נאַכט. עלטערע ייִדן שלעפּן אַרויס אין די באַהעלטענישן הגדות און קליינע קינדער פֿרעגן די פֿיר קשיות „מה נישתנה הלילה הזה?" נאָר די יוגנט שלאָפֿט נישט. זי וואַכט איבער דעם פֿאַרבלוטיקטן געטאָ.

דער געטאָ איז שטאָלץ מיט איר גרויסן זיג, אָבער די אמתע קאַמפֿן וועלן זיך ערשט אָנהייבן. דערווייל באַווייזט זיך נאָך אַן אויפֿרוף פֿון דער קאַמפֿס־אָרגאַניזאַציע: „זאָלן אויפֿשטיין טויזנטער, לאָמיר זיך פֿאַר־אייניקן אין איין אַרמיי". אין אַלע קאַמף־גרופּן קומען פֿאַר אָפּשאַ־צונגען פֿון דעם, וואָס עס איז געשען. די רעדנער פֿון אַלע ריכטונגען שטרייכן אונטער, אַז די ייִדישע יוגנט האָט אָפּגעטאָן איר גרויסן חוב פֿאַר דער געשיכטע. עס איז געראַטעוועט געוואָרן דער כבוד פֿון ייִדישן פֿאָלק. אין אַ הויף אויף מילע רעדט דב. ער זאָגט: „מיר האָבן געשלאָגן און וועלן שלאָגן די דייטשישע חיה ביזן לעצטן אָטעם פֿון אונדזער יוגנט. לאָמיר קעמפֿן ווי די העלדן די מכביער און בר־כוכבא. געדענקט, אַז דאָ, אויף די געטאָ־גאַסן, קעמפֿן מיר פֿאַר אַ פֿריי ארץ־ישׂראל און מיר שטאַרבן סאַר די רעכט פֿון ייִדישן פֿאָלק פֿאַר אַ זעלבשטענדיק, פֿריי לעבן". אויף זאַמענהאָף רעדט מאַגדע. זי זאָגט: „לאָמיר קעמפֿן ווי אונדזערע רוסישע חברים אונטער סטאַלינגראַד. מיר האָבן געעפֿנט אין האַרץ פֿון שונא אַ נייעם פֿראָנט, אַ געטאָגראַד און לאָמיר שלאָגן דעם פֿאַשיזם ביז אונדזער לעצטע קוילן". מאַגדע האָט זיך גאָר אַנדערש געמאָלט אין איר פֿאַנטאַזיע די טעג פֿון קאַמפֿן. זי האָט געחלומט זיך צו זען אין די רייען פֿון פּוילישן פֿאַבריקס־פּראָלעטאַריאַט, צווישן מע־טאַל־, טראַמוויי־ און באַן־אַרבעטער, מיט זיי צו קעמפֿן פֿאַר אַ פּוילישן אָקטאָבער. האָט אָבער דער גורל איר געשטעלט אין שפּיץ פֿון אומגליק־לעכע ייִדן, צוזאַמען מיט ציוניסטן, בונדיסטן און ישיבֿה־בחורים. די רויטע פֿאָן לעבן דער בלוי־ווייסער, און זי מאַגדע קעמפֿט מיט די לעצטע רעשטלעך פֿון איר פֿאַטערס פֿאָלק, פֿון וועלכע זי האָט געוואָלט אַנטלויפֿן.

אין צווייטן טאָג ברעכן די ייִדישע קעמפֿער דורך די געטאָ־מויערן און באַזעצן די נייטראַלע הייזער, ווי עס טאָרן נישט וווינען קיין ייִדן און נישט קיין פּאָליאַקן. די דייטשן באַווייזן זיך ערשט אויפֿן דריטן טאָג פּסח. זיי קומען אָן אין מיטן דער נאַכט. זיי ריזיקירן אָבער נישט מער קיין אָפֿענעם קאַמף פּנים אל פּנים מיט די ייִדישע קעמפֿער נאָר צינדן אונ־טער דאָס הויז פֿון דער קהילה אויף זאַמענהאָף. דאָס פֿייער פֿאַרשפּרייט

זיך, נאָכדעם קומען מוראדיקע אויפרייסן. ערשט ווען דער געטאָ ברענט פון אַלע זייטן, וואַגן זיי צו קומען. זיי וואַרפן גראַנאַטן אין אַלע קעלערס פון די הייזער. צווישן די פייער־פלאַמען קעמפט העלדיש די געטאָ־יוגנט. אויף מילע באַווייזט זיך אַ דייטשישער טאַנק, ער ווערט אָבער באַלד אויפגעריסן פון מאָלאָטאָוו־פלעשער. פון אַלע פענצטער שיסט מען צו די דייטשן. נאָר די פלאַמען צווינגען די יידישע קעמפער צו פאַרלאָזן זייערע פּאָזיציעס. זיי קריכן איבער די דעכער און פאַרנעמען נייע פּאָזיציעס. די פלאַמען טראָגן זיך איבער די גאַסן זיי שלינגען איין ווענט און הייף. עס גייט אַוועק מיט די פלאַמען אַ גאַנץ לעבן פון דורות, רייך מיט שטרעבונגען און חלומות. פון אַ פענצטער שיסט פרעדע צו די דייטשן. זי הערט ווי אַ דייטש שרייט: „מעדכען שיסען!“ און ער פאַלט אַ טויטער. פון אַנדערע פענצטער שיסט סאָניע און מאַגדע. ביידע חבר־טעס האַלטן זיך אין די שלאַכטן צוזאַמען. פון אַלע פענצטער, דעכער שיסן יידישע קעמפער, יעדער באַמיט זיך צו האָבן וואָס מער געהרגעטע דייטשן אויף זיין חשבון. לויפן זיי פון הויז צו הויז, פון בונקער צו בונקער, און קעמפן ביז דער לעצטער קויל. די דייטשן באַנוצן זיך מיט צינד־באָמבעס, האַרמאַטן און עראָפּלאַנען. ציט זיך דער נישט־גלייכער קאַמף טעג און נעכט. עס ווערט אַלץ ווייניקער פון די קעמפער, זיי קאַפּיטולירן אָבער נישט. די דייטשן ווערן נערוועיש. זייער פּרעסטיזש איז אין געפאַר. הימלער אַליין טעלעפאָנירט און פאָדערט אַ שנעלן סוף מאַכן צו דער חרפּה. וואָס זעלנער, באַוואָפנטע ביזן קאָפּ, קאָנען זיך נישט קיין עצה געבן מיט דעם ביסל הונגעריקע נישט באַוואָפנטע יידן. ברענגען די דייטשן נייע כוחות, ניי געווער, דער געטאָ ברענט נאָר ער קעמפט. צוויי וואָכן פירן די יידן אין געטאָ זייער העראָישן שלאַכט קעגן דעם מעכטיקסטן כוח אין דער וועלט. די קעמפער פאַלן ווי העלדן. שוין נישטאָ מער דער בונקער פון הויפּט־שטאַב אויף מילע. געפאַלן איז דער קאָמענדאַנט אַניעלעוויטש. אויף אַ הויף פון דער גענשע איז געפאַלן דב און לעבן אים זיין טייערע צילקע. אויף נאַוואָליפּקי איז געפאַלן פרעדע, אויף זאַמענהאָף מאַגדע. ס׳קומט אום די פּרעכטיקע יידישע יוגנט. אירע לעצטע העלדן קעמפן נאָך אַלץ אויף די חורבות פון די יידישע גאַסן. דער געהיימער ראַדיאָ־זענדער פון די קעמפער גיט זיין לעצטן רוף צו דער וועלט: „אַכטונג! אַכטונג! מיר דערקלערן פאַר דער גאַנצער וועלט, אַז דער וואַרשעווער געטאָ גוססט, ער קומט אום אין העלדישן שלאַכט!“ די

לעצטע קעמפער פון „בונד", ציוניסטן און קאָמוניסטן קעמפן נאָך. קליינע גרופּן פירן נאָך אַלץ אַ פּאַרטיזאַנער־קאַמף. פּאַלן אָן אויף גרופּעס דייטשן.

סאָניע געפינט זיך צום סוף פון די קאַמפן, אַן אויסגעמאַטערטע און דערשלאָגענע אין אַ פינצטערן קעלער, אָן עסן צו שטילן דעם הונגער און אָן אַ האָפענונג פון דאַנען זיך אַרויסצובאַקומען. אין דרויסן וואַרט אַ פּאַשיסטישע קויל און אין קעלער דראָעט אַ זיכערער טויט. איבער זיי ברענט דאָס הויז. דאָס מויל איז פול סאַזשע. אין האַלדז דושעט דער רויך. די צייט ציט זיך ווי אַן אייביקייט. די יידן אין קעלער האַלב־פּאַרחלשטע און גוססדיקע. ווער זאָל דאָ וועמען ראַטעווען? ווי אין חלום הערט זיך פון דרויסן אויף יידיש: „יידן, גייט אַרויס פון די בונ־קערס, די דייטשן שענקען אייך דאָס לעבן, איר וועט גיין צו דער אַר־בעט. אויב איר וועט נישט אַרויס וועט אַריינגעלאָזט ווערן גאַז!" אָבער קיינער רירט זיך נישט. ווער גלייבט נאָך אין דייטשישע צוזאָגן? מען דערפילט גאַז. סאָניע פאַרשטאָפּט איר מויל מיטן קליידל און בלייבט פאַרזונקען אין אַ זיסן חלום. ווי לאַנג האָט דאָס געדויערט? נאָר עמעץ לאָזט סאָניען נישט שטאַרבן, אַ ייִנגעלע וועקט זי צום לעבן. ער זאָגט איר, אַז אַלע אין קעלער זענען טויט, אין דרויסן איז נאַכט. ער קריכט אַרויס, נאָך אים סאָניע. אין דרויסן איז חושך, די לופט איז פול מיט רויך. פון ערגעץ רייסן זיך נאָך אַרויס איינציקע פלאַמען. אין דרויסן ווערט סאָניען בעסער. זי דערמאָנט זיך אין איר קינד. זי וויל עס אַזוי נאָך זען און אַ ווילן צום לעבן וועקט זיך אין איר. קריכן ביידע איבער חורבות פון אָפּגעמעקטע גאַסן און דערנענטערן זיך צום געטאָ־מויער, ביים פּלאַץ פּאַריסאַווסקי. משהלע ווייסט פון אַ מויער־לאָך און ביידע קריכן דורך אין דער פינצטער. זיי געפינען זיך אויף דער אַרישער זייט. דאָ גייען זיך ביידע פונאַנדער, צוזאַמען איז געפערלעך. סאָניע שאַרט זיך ביי די ווענט פון די פּאַוואַנזקער הייזער. די שטאָט שלאָפט, פון געטאָ טראָגן זיך נאָך אַלץ פלאַמען און רויך. ערגעץ ביי אַ הייזל שטייט אַ גרופּע פּוילישע ווייבער. אפשר האָבן די וואַנצן נישט געלאָזט זיי שלאָפן און אַרויסגעטריבן אין דרויסן? קוקן זיי אויף די פלאַמען, וואָס טראָגן זיך איבערן געטאָ און זאָגן: „די זשידעס פּרעגלען זיך דאָרט".

ו

די פראַנצויזישע גענעראַלן האָבן גוט באַפעסטיקט די מאַזשינאָ־ליניע. נאָר די דייטשן זענען אַריין קיין פראַנקרייך ווי אויף אַ שפּאַציר דורך בעלגיע. פּאַריז פאַרטיידיקט זיך נישט. עס איז איר אַ שאָד די פּאַלאַצן און מוזייען. פּאַריז גיט זיך איבער ווי אַ פּראָסטיטוטקע. די באַנקירן און פאַבריקאַנטן שטעלן זיך צום דינסט פון היטלערן, האָפנ־דיק אויף מיליטערישע באַשטעלונגען און גוטע רווחים. די פראַנצויזישע פּאָליציי שטעלט זיך דינען די נייע אָרדענונג איבערגעבנדיק פראַנ־צויזישע פּאַטריאָטן אין די הענט פון די דייטשן. פאַר לאַוואַל און פּעטען ווערן די דייטשן — פאַרבינדעטע. די פּראָסטיטוטקעס זעען אין די דייטשן נייע קליענטן. פאַר די דייטשישע דיגניטאַרן איז פראַנקרייך דאָס לאַנד וווּ מען קען אויסבאַהאַלטן זייערע פאַמיליעס קעגן ענגלישע לופט־אַנגריפן. פראַנקרייך איז פאַר זיי דאָס לאַנד פון וויין, פּאַרעטער און פּראָסטי־טוטקעס.

פראַנצויזישע אַרבעטער און יוגנט אַנטלויפט פון פּאַריז צו די דרום שטעט. זיי פּילן אָן די רייען פון דער רעזיסטענץ־באַוועגונג, פירן אָן מיט שטרייקן און סאַבאָטאַזשן. פראַנקרייך פאַרמאָגט נישט קיין וועלדער פאַר פּאַרטיזאַנער, דערפאַר זענען דאָ געדיכט באַוווינטע קוואַרטאַלן מיט שמאָלע געסלעך און מאַנסאַרדע־דירות, וועמענס פענצטער זענען אויפן דאַך. אין אָט די קוואַרטאַלן דרוקן זיך אומלעגאַלע צייטונגען אין מיל־יאָנען עקזעמפּליאַרן. דאָ איז באַהאַלטן געווער און געהיימע ראַדיאָ־זענדערס. אין דער געדיכטעניש פון פראַנצויזישן פאָלק דרינגט נישט אַריין קיין פּאַראַט, פון דאַנען ווערט גערופן צום ווידערשטאַנד, דאָ ווערט געראַטעוועט דער כבוד פון פראַנקרייך.

אויף קיין טולוז, ווי עס געפינט זיך גוץ, פליסן אָן מאַסן פּליטים. זיי באַזעצן געדיכט די ביליקע האָטעלן און מעבלירטע צימערן. פול מיט יוגנט, וואָס קען נישט מוחל זיין דעם פּאַראַט פון די גענעראַלן און פּאָליטיקער, די חרפּה פון פּאַריז. שרייען דאָ אַראָפּ פון אַלע ווענט די לאָזונג: „לאַוואַל צו דער תּליה!" איבער דרום־פראַנקרייך הערשט די מאַריאָנעטן־רעגירונג פון ווישי. פּעטען דער העלד פון ווערדען נעמט אויף דייטשישע שליחים, וואָס ברענגען אים באַפעלן פון היטלערן. נאָר

די יוגנט ענטפערט מיט אויפרייסן דייטשישע צוגן, זיי אַפּלאַדירן די ענג־לישע עראָפּלאַנען, וואָס קומען דאָ באָמבאַרדירן.

אויף היטלערס באַפעלן, האָט אויך די ווישי־רעגירונג איינגעפירט אַנטי־יידן געזעצן און גענומען רודפן די יידן, וואָס האָבן זיך אַהער גע־ראַטעוועט אַנטלויפנדיק פון די היטלער־באַנדיטן. מוז אויך גוץ זיך באַהאַלטן, לעבן אין אונטערערד. ער בלייבט געבונדן מיט דער פראַנ־צויזישער רעזיסטענץ און קעמפט אין אירע רייען. אָבער דאָס מאָל פילט גוץ זיך שטאָלץ מיט זיין אָפּשטאַם. צו איז דאָס נישט קיין כבוד־צייגעניש פאַר אַ פאָלק צו זיין פאַרהאַסט דורך די פאַשיסטן? פאַרבינדט זיך גוץ מיט יידישע פליטים. ער העלפט זיי זיך אויסצובאַהאַלטן. ער לעבט מיט אַלע געשעענישן, מיט אַלע ליידן פון זיין פאָלק, מיט די ידיעות פון אומ־קום. מיט שטאָלץ פילט אים אָן דער העראָישער אויפשטאַנד פון וואַר־שעווער געטאָ. און פון איצט בינדט גוץ זיין גורל מיטן גורל פון זיין פאָלק. נישט קיין טעאָריעס איבער דער נאַציאָנאַלער פראַגע האָט אים צוריקגעברענגט צו זיין געפייניקט און גערודפט פאָלק, נאָר דאָס לעבן אַליין.

ז

יעקב ווייסט איצט דעם טעם פון מלחמה. אונטער שנייען, רעגנס און ווינטן, אין גיהנום פון אויפרייסן, דונערן פון האַרמאַטן, זשו־מען פון עראָפּלאַנען. נאָר דער ווילן פון נקמה גיט אים כוח דאָס אַלץ אויסצוהאַלטן. מיט קלאַראַס נאָמען אויף די ליפּן, לויפט ער פאָרויס ביי יעדן אָנגריף. דורך פייער און בלוט, דורך צעהאַקטע שטעט און אָפּגע־מעקטע דערפער. די דייטשן שטעלן אַלץ אַ פראַצווייפלטן ווידערשטאַנד. יעדע דעראָבערטע שטאָט קאָסט אַ סך קרבנות. אָבער די אַרמיי טרעט איבער דעם שונאס און איבער אייגענע טויטע אַלץ פאָרויס. נישט לאַנג לאָזט מען רוען אין די אָקאָפּעס ווי מען ליגט איינגעקורטשעט און מען ציטערט פון קעלט. פון ווייטנס ברענט אַ דאָרף, ווילט זיך לויפן אַהין זיך אָנוואַרעמען, גיט אַ בליץ אַ רויטע ראַקעטע, דאָס איז אַ באַפעל —

פאַרויס! שפּרינגט מען אַרויס פון די אָקאָפּעס און מען לויפט אונטער אַ האַגל פון קוילן מיט געשרייען „הוראַ! פאַר סטאַלין און פאַרן פאָטערלאַנד!" אַ יונגער קאָמענדאַנט שרייט ווילד, טרייבט אונטער און שעלט. איבער קאָפּ באַווייזן זיך דעם שונאס עראָפּלאַנען, ווילט זיך איינזינקען אין דער ערד, זיך צו באַשיצן, נאָר דער באַפעל טרייבט אַלץ פאָרויס. ווערט פול דאָס פעלד מיט טויטע, אויסגעמישט מיט פאַרוווּנדעטע. טרעפט ווען מען נישט די קויל איז עס נאָר אַ צופאַל. יעקבן ווילט זיך שטאַרק לעבן, אפשר צוליב דער נייגעריקייט צו זען דעם שונאס מפלה און נאָך ווייטער צו נעמען נקמה.

די רויטע אַרמיי איז שוין ווייט אַריבער דער רוסישער ערד און שפּאַנט שוין איבער פּוילישע פעלדער. יעקב דערקענט די פּוילישע לאַנדשאַפט, אירע לאַנקעס, פּוילישע פּויערים, די פּוילישע שפּראַך. אָט זענען שטעטלעך, אָבער אָן יידן. ווו זענען זיי? צי איז עס מעגלעך, אַז אַלע זענען זיי אומגעקומען? ער שפּאַנט איבער אַ פּוילן אָן יידן. און זיינע עלטערן, צו זענען זיי אויך מער נישטאָ? זיין פאָטער, וואָס האָט געחלומט וועגן גרויסן געווינס און נישט געהאַט גענוג ברויט. זיין גוטע מוטער, ווען האָבן זיי געשטערט? פאַר וואָס האָט מען זיי אומגעברענגט?

פון אַ פּויערישער כאַטע קריכט אַרויס אַ שאָטן אין שמאַטעס. דאָס איז אַ יידישע פרוי. יאָרן איז זי געווען באַהאַלטן אין אַ סטאַדאָלע טיף אין שטרוי. זי האָט דערפאַר באַצאָלט מיט איר גאַנץ פאַרמעגן. איר מאַן און קינדער זענען אומגעקומען. ערשט נעכטן זענען אין דאָרף געווען דייטשן, זיי זענען אַריין אין דער סטאָדאָלע און זי האָט דייטלעך געהערט ווי עמעץ באַפעלט צו זוכן אין שטרוי, נאָר, זעט אויס, אַז גאָט האָט רחמנות געהאַט אויף איר, און דער לעצטער מינוט, ווען איר לעבן איז געהאָנגען אויף אַ האָר, האָבן די דייטשן זיך דערשראָקן פאַר דער אָנקומענדיקער רויטער אַרמיי און אַנטלאָפן. איז דאָס נישט גאָטס וווּנדער — זאָגט זי ער האָט דאָך זי געראַטעוועט פון אַ זיכערן טויט.

שפּאַנט יעקב מיט דער רויטער אַרמיי. אויפן וועג ווערט אַלץ צעשטערט. די זעלנער נעמען אַלץ, וואָס לאָזט זיך. שוין אַדורך אַזויפיל זעלנער. צי איז נאָך פאַר זיי עפּעס געבליבן? שטייט אַ וואַגאָן צוקער, נעמט מען צוקער, דערזעט מען סחורה וואַרפט מען אַוועק דעם צוקער און מען כאַפּט סחורה. נישט זעלטן פאַלן זעלנער צוזאַמען מיט די געראַבטע זאַכן. אַ קליינע קויל איז גענוג אַ סוף צו מאַכן צו אַ לעבן. וואָס

איז דען אַ מענטש ? ניקיטאַ זאָגט, אַז אַ הון האָט מער ווערט פון אַ מענטש, מען דרייט דערפון אַראָפּ דעם קאָפּ, מען וואַרפט אַרויס דאָס פּאַסקודסטווע און מען לייגט אַרויף אויפן פייער, איז עס געשמאַקע פלייש, נאָר אַ מענטשן־פלייש איז דאָך בלויז פּאַסקודסטווע, זיי ליגן טויזנטער אויף די פעלדער און פאַרשטונקען די לופט. דימיטרי זאָגט, אַז מען טוט נאָר אָן אַ מענטש אַ מונדיר נעמט ער מאָרדן און רויבן.

שפּאַנען אומצאָליקע געשטיוולטע מאַסן און פאַרפלייצן דאָס לאַנד פון דעם שונא, וואַרפן גראַנאַטן אין די הייזער. עס איז גענוג, אַז עמיץ זאָל אַרויסזאָגן דאָס וואָרט „שפּיאָן" און אַ גאַנצע גאַס זאָל אַוועק מיטן רויך. גענוג, אַז אַ פרוי זאָל אָפּזאָגן עמיצן צו באַפרידיקן זיינע גלוסטן און אַ שטוב זאָל אָפּגעווישט ווערן. ווער וועט אין דער מלחמה זוכן גע־רעכטיקייט ? באַוועגט זיך אַ ריזיקע מאַסע מענטשן, טאַנקן און האַרמאַטן אין דער ריכטונג צו דאַנציק. זיי לאָזן הינטער זיך רואינירטע שטעט, פאַרברענטע דערפער, פעלדער מיט צעבראָכענע טאַנקן, טיילן פון האַרמאַטן און טויטע. אָט איז דאַנציק. פון דאַנען האָט היטלער אָנ־געהויבן זיין מאַרש איינצונעמען די וועלט. נאָר אָט גייען זיי דאָ געפּאַנ־גענע די „אויסדערוויילטע ראַסע" מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ. איצט שענקט זיי קיינער נישט קיין בלומען. עס שמייכלען נישט צו זיי די דאַנציקער מעדכען. איצט באַצאָלן די ראַסן־באַנדיטן פאַר אַלע זייערע פאַרברעכנס. די שטאָט ברענט און איבער אירע חורבות גייען די זעלנער פון דער רויטער אַרמיי מיט טריומף־לידער. די שטאָט איז איינגעהילט אין פּחד, די דייטשן פאַרשליסן די טירן אויף שלעסער. זיי רייסן אַראָפּ שנעל היטלערס בילדער פון די ווענט און וואַרפן אין די מיסט־קוישן. אין דרויסן זענען די זיגרײַשע זעלנער דורשטיק נאָך נקמה. אָט שלעפּן עטלעכע זעל־נער אַ יונגע דייטשקע, שרייען „היטלער קאַפּוט" און רייסן פון איר אַראָפּ דאָס קלייד. אַנדערע זעלנער כאַפּן זיך צו אַ 16־יאָריק מיידל אויף וועמען די אומשולדיקייט אַליין איז אויסגעגאָסן אויף איר פּנים, שיין און איידל ווי אַ מלאך. האָט גראָד דער גורל געוואָלט, אַז זי זאָל באַצאָלן פאַר אַלע פאַרברעכנס פון די היטלער־באַנדעס. זי ליגט שוין אין גאַנצן פאַרחלשט, אָבער זעלנער וואַרטן נאָך אַלץ אויף זייער רייע. אין אַ שטוב רייסן זיך אַריין זעלנער, פאַרשטעלט אַ מוטער איר טאָכטער. זי הייבט אויף איר אייגן קלייד און שרייט : „נעמט מיך, זי איז דאָך נאָך צו יונג". נעמען זיך טייל זעלנער צו דער טאָכטער און אַנדערע צו דער מוטער. נישט ליבע נאָר

שינאה רייצט די זעלנער צום געשלעכטלעכן אַקט. די דייטשן פּאַרטיידיקן נישט זייערע פרויען און טעכטער פון שאַנד. די איינציקע זענען די הינט, וואָס נעמען זיך אָן פאַרן מענטשלעכן כבוד און באַצאָלן דערפאַר מיט זייער הינטיש לעבן. אין אַ שטוב רייסט זיך אַריין אַ זעלנער. דער מאַן זעט מיט זיינע אייגענע אויגן, ווי דער זעלנער נעמט זיך צו זיין יונג ווייבל. נאָכדעם, אַ צופרידענער, פאַרפּאַקט ער אירע זיידענע וועש, ער וועט דאָס אָפּשיקן זיין ווייבל קיין סיביר. זאָל זי דאָרט אויך געניסן פון זיג.

פון דאַנציק לאָזט זיך די רויטע אַרמיי אויף נייע דעראָבערונגען. פון אַלע פּאַנצער־אויטאָס און טאַנקן שרייען אַראָפּ די לאָזונגען: „קיין בערלין!", „מירן דערשטיקן די פאַשיסטישע חיה אין איר אייגענער נאָרע!". אין די פאַרכאַפּטע שטעט, דעראָבערן דערוויל די זעלנער די דייטשקעס, וואָס פאַרשטייען נישט קיין רוסיש, זיי ווייסן אָבער זייער גוט, וואָס די רוסן ווילן פון זיי. די רוסישע זעלנער האָבן פיינט די דייטשן, אָבער נישט די דייטשקעס. אין די בריוו, וואָס זיי שיקן אַ היים שרייבן זיי: „ליבע פרוי, איך נעם דאָ נקמה אין די דייטשן". גייט אַ זעלנער מיט אַ דייטשקע, שרייט אים נאָך זיין חבר: „וואַנקאַ, נעם נקמה אויך פאַר מיר!" אָבער נישט אַלע דייטשקעס האָבן געהאַט דאָס מזל זייערע מענער זאָלן דערהרגעט ווערן אָדער אַריינפאַלן אין פלען, אין אַזעלכע שטיבן הענגט אָן אויפשריפט: „דאָ הערשט דער טיפּוס". עס געפינען זיך אָבער גענוג פרויען, וואָס האָבן פּראַקטישע מיטלען ווי אַזוי פון רוסישע זעלנער אַרויסצובאַקומען מאַכאָרקע צום רויכערן פאַר זייערע מענער. די דייטשקעס האָבן פיינט דעם קאָמוניזם אָבער נישט די רוסישע זעלנער. זיי זענען מענעריש... דערציילן זיך דייטשקעס, אַז אין רוסלאַנד זענען אַלע פרויען נאַציאָנאַליזירט. זיי געהערן צו אַלעמען. דאָס איז — זאָגט איינע — קאָמיש אָבער נישט שלעכט. נאָר די דייטשישע מענער לויפן דורך שנעל די גאַס מיט מעלאַנכאָלישע פּנימער. נישט איינער פון זיי האָט אויסגעטאָן דעם ס.ס.־מונדיר און אָנגעטאָן אויף זיין פּנים אַן אומשולדיקע מינע, ווי ער וואָלט זאָגן: „כ'האָב גאָרנישט געזען און גאָרנישט געוווּסט". ער וויל מען זאָל שנעל פאַרגעסן אין אַלע פאַרברעכנס. אים פּייניקט נישט זיין געוויסן, זיין נשמה איז שוואַרץ, נאָר דער פּחד פאַר דער שטראָף שרעקט אים.

טרעט די רויטע אַרמיי איבער דער ערד פון די מערדער. זעלנער

פון אַלע פעלקער: רוסן, קאַזאַכן, קירגיזן, יידן, אוזבעקן שלאָגן צוזאַ־
מען דעם פאַשיזם. זיי שטייען שוין ביי דער לעצטער פעסטונג פון שונא.
פון מערב שפּאַנען די אַרמייען פון די פאַרבינדעטע. עס פאַלט בערלין,
די הויפּט־שטאָט פון באַנדיטן־רייך. היטלער רייסט זיך אויף צוזאַמען
מיט זיין געליבטער. די איבעריקע באַנדיטן פאַלן אַריין אין די הענט
פון די פאַרבינדעטע. דער וועלט ווערט אַנגעזאָגט די גרויסע בשורה פון
דעם סוף פון היטלעריזם. די רויטע אַרמיי האָט אָפּגעזאָלט פאַר אַלע
ליידן פון איר פאָלק. די ענגלענדער פאַר לאָנדאָן, די פראַנצויזן, פאַ־
ליאַקן, טשעכן, יוגאָסלאַוון און אַנדערע זענען ווידער זעלבשטענדיק. אָבער
ווער וועט נקמה נעמען פאַרן אויסגעהרגעטן יידישן פאָלק? פאַר אַ מיל־
יאָן יידישע קינדער. ווער וועט די לעצטע רעשטלעך, די געראַטעוועטע
פון טויט געבן אַ היים? וווּ אַהין זאָלן גיין די יידישע זעלנער, די זיגער
אָן היימען?

אין פּאָטשדאַם איז נאָר איין פּאַלאַץ געבליבן גאַנץ. דינגען זיך דאָרט
צומאַרגנס נאָכן קריג די דיפּלאָמאַטן. יעדער וויל וואָס מער פאַר זיין
לאַנד. איז דעריבער דער ערשטער טאָג פון שלום אַן אָנהייב פון נייע קאָנ־
פליקטן. די מלחמה האָט זיך געענדיקט מיט דער אַטאָם־באָמבע, וואָס די
אַמעריקאַנער האָבן געוואָרפן אויף היראָשימאַ. וואָרפט דער עכאָ פון דעם
אַטאָם־אויפרייס אַן אַ פּחד אויף דער וועלט. נאָר דערווייל שפּייזט אַמע־
ריקע די באַזיגטע דייטשן מיט עראָטישע פילמען, קאָקאַ־קאָלאַ, סיפיליס
און ממזרים. די סאָוויעטן דראָען די וועלט מיט די וואָנסעס פון זייער
גענעראַליסימוס. אַפילו דער שמייכל פון סטאַלינען דערמאָנט אין צפון
נעכט פון ווייסע בערן. דעם באַזיגטן דייטשלאַנד שענקען די סאָוויעטן
צענדליקער סקולפּטורן פון סטאַלינען און אויף די צעשטערטע וואָקזאַלן
פון די דייטשישע שטעט שרייבט אויף גרויסע פּלאַקאַטן: „סטאַלין, דער
גרעסטער פריינד פון דייטשישן פאָלק!”. די ענגלענדער זענען אַרויס
פון דער מלחמה ווי אַ זיגרייכער באַנקראָטטשיק. פון אַ האַלבע וועלט
איז דער מעכטיקער אימפּעריע געבליבן נאָר אָדען ווי די ענגלישע זעל־
נער באָדן זיך אין אַ היץ פון אין גיהנום. די פראַנצויזן, קוים צוריק באַ־
קומען זייער אומאָפּהענגיקייט, פּטרן זייערע מענטשן און זייער רייכטום
צו האַלטן אונטערגעדריקט אַלזשיריע. און כדי צו דעקן די גרויסע דע־
פיציטן פון זייער בודזשעט, עקספּאָרטירן זיי פילמען, אין וועלכע זייערע
אַרטיסטקעס ווייזן די גאַנצע וועלט זייערע נאַקעטע הינטנס.

דאָס באַזיגטע דייטשלאַנד אַ צעטיילטע אויף פיר זאָנעס, ווערט דאָס פאָטערלאַנד פון שמוגל, שפּיאָנאַזש און פּראָסטיטוציע. אַרום די קאַזאַר־מעס פון אַלע אַרמייען דרייען זיך דייטשישע „מעדכען". די נייע דייטשישע פּאָליטיקער דעקלאַמירן וועגן דער אייראָפּעישער קולטור און טיף אין האַרצן זענען זיי היטלערן אַ שונא, פאַרוואָס ער האָט נישט געזיגט. נאָר די דייטשקעס איז באַקוועמער צו זיין די באַזיגטע. זייערע מענער זענען געוועזן קעגן ראַסן־שאַנד, אָבער זיי נאָשן אַמעריקאַנער שאָקאָלאַד און געבוירן אַ נייע ראַסע דייטשן מיט סלאַווישע נעז און שוואַרץ־געקרייזלטע נעגער־האָר. איז וואָס האָט יעקב צו טאָן אין דעם לאַנד, וואָס האָט געבאָדן זיך אין בלוט און איצט זינקט זי אין שמוץ און זינד?

יעקב דעמאָביליזירט זיך פון דער רויטער אַרמיי און לאָזט זיך קיין פּוילן, בויען דעם סאָציאַליזם. ער קומט אָן קיין וואַרשע. אויף דער לינקער זייט ווייסל, אין פּראַגע, זענען דאָ נאָך גאַנצע גאַסן, אָבער אים ציט צו יענער זייט בריק, וואָס ליגט אין חורבות. דאָרט וווּ ער האָט פאַרברענגט זיינע שענסטע יוגנט־יאָרן און ווי עס האָבן אַזוי העלדיש געקעמפט זיינע חברים און אַזוי טראַגיש אומגעקומען. אָט דאָ איז געוועזן די נאַלעווקי, דאָרט די זאַמענהאָף. ווי איז די נאָוואָליפּקי? דער הויף ווי ער איז געבוירן, ווי זיינע עלטערן האָבן געלעבט? פון די חורבות שטעקט אַרויס דער שפּיץ פון קלויסטער און ער אָריענטירט זיך, אַז דאָ איז דאָס הויז געשטאַנען. פּלוצלונג פון ערגעץ קריכט אַרויס אַ פּאָליאַק מיט גרויסע וואָנסעס, ווי ביי אַ שלאַכטשיץ, מיט רוצחישע אויגן, און האַלט אַ האַק אין דער האַנט. ער דערזעט יעקבן נעמט ער ווילד שרייען: „אַ זשיד! אַ זשיד!" און ער נעמט לויפן צו יעקבן מיט דער האַק אין האַנט, גרייט אים צו געבן איבערן קאָפּ. נעמט יעקב אַרויס דעם רעוואָלווער, זיך איינציק פאַרמעגן, און שיסט אויס אין רוצחישן פּנים. דער עכאָ פון שאָס פאַרלירט זיך צווישן די חורבות. איז דאָס די לעצטע סאַלווע, וואָס אַ ייד האָט געגעבן זיינע שונאים אויף די חורבות פון געטאָ.

ח:

די ענדגילטיקע מפלה פון די היטלער־באַנדעס רופט אַרויס ביי די יידישע פּליטים אין ראַטן־פאַרבאַנד פרייד און האָפענונג. זיי חלומען שוין וועגן צוריקקערן זיך צו די אַלטע היימען, צו געפונען די נאָענטסטע, כאָטש יעדער פון זיי ווייסט, אַז די היים איז מער נישטאָ און אויך נישט די נאָענטע, דאָך ווילט זיך אַזוי שטאַרק גלייבן און האָפן ז״י צו גע־פינען. עס ווילט זיך לעבן מיט דער אילוזיע, אַז אפשר איז פאַרט עמעץ געבליבן. טראַכט קיינער נישט צו בלייבן און יעדער פיבערט שוין מיטן געדאַנק פון פאַרלאָזן דעם ראַטנפאַרבאַנד. אויך די סאָוויעטישע רעגי־רונג זאָגט צו צוריקצוקערן די פּליטים. הייבן זיך אָן פאַרזאַמלונגען פון זיי פּליטים פון פּוילן אָרגאַנירטע דורכן „פאַרבאַנד פון פּוילישע פּאַ־טריאָטן". אויף די פאַרזאַמלונגען קומען יידן אַנטלאָפענע פאַרן היטלע־ריזם און אויך פּאַליאַקן, געוועזענע געפאַנגענע זעלנער, אָפיצירן, רעאַק־ציאָנערע באַאַמטע און דעפּענסיווע אַגענטן, וואָס די רויטע אַרמיי האָט אַרעסטירט ביים באַזעצן מערב־אוקראַינע און מערב־ווייסרוסלאַנד, זיי באַפרייטע דורך דער אַמנעסטיע פאַר פּוילישע בירגער, הערן אויך אויס אַלע קאָמוניסטישע רעדעס פול מיט לויב־געזאַנגען פאַר סטאַלינען, דעם באַפרייער פון פּוילן. זיי פּאַטשן בראַוואָ יעדעס מאָל, ווען מען דער־מאָנט נאָר סטאַלינס נאָמען און ווילן, וואָס שנעלער פּטור ווערן פון סטאַלינס היימלאַנד.

אויף אַזאַ פאַרזאַמלונג פון די „פּוילישע פּאַטריאָטן" דאַרף אַרויס־טרעטן אַ וויכטיקער שליח פון מאָסקווע, אַ העלד פון די פּאַרטיזאַנער־קאַמפּן אין פּוילן מיט אַ סך אָרדערן. איז מאַקס נייגעריק אַוועק צו דער פאַרזאַמלונג. צו זיין דערשטוינונג, דערקענט ער אין דעם העלד זיין אַמאָליקן חבר סרולקע, ביי וועמען ער האָט פאַרברענגט אין אַ ראָש השנה אין קליינעם שטעטל און דאָרט האָט סרולקע אים באַקאַנט מיט דעם וואונדער־שיינעם מיידל — גאָלדעלע די אַנאַרכיסטקע. איצט רעדט סרול־קע צו די פאַרזאַמלטע פּליטים פון אַ פּאַפּירל אַרויס אַ סטאַנדאַרטע רעדע און גאַפּיעט מיט די אויגן אויף מאַקסן. אויך סרולקע האָט אים דער־קענט, אָבער צום גליק מאַכט זיך דער העלד נישט דערקענען זיין נעכטיקן חבר.

די פּליטים גרייטן זיך צו פֿאַרלאָזן דאָס לאַנד. אָבער מאַקס׳ לאַגע איז אַ גאָר קאָמפּליצירטע. ער וויל וואָס שנעלער אַוועק, עס שרעקט אים אָבער צו פֿאַרלירן רוטקען. ווי קען ער זיך צעשיידן מיט די, וועלכע איז אים טייערער פֿון אַלץ? רוטקע איז שוין לאַנג אַ סאָוויעטישע בער־גערין, איז ווער ווייסט צי זי וועט וועלן פֿאַרלאָזן דאָס לאַנד, און אויב יאָ, צי וועט געלונגען פֿאַר איר און איר משפּחה באַקומען אַ דערלויבע־ניש אַרויסצופֿאָרן? מאַטערט אים און נעמט צו זיין רו דער פּחד זי צו פֿאַרלירן. אָן רוטקען וועט ער נישט פֿאָרן, וואָס פֿאַראַ טעם וואָלט איצט געהאַט זיין לעבן אָן רוטקען?

צום גליק האָט דער פֿיבער פֿון פֿאָרן, וואָס האָט פֿאַרכאַפּט אַלע פּליטים אויך מיטגעריסן רוטקען. אויך רייזל האָט איר שטאַרק צוגערעדט דערצו.ביידע פֿריינדינס האָבן נישט געוואָלט זיך צעשיידן. פֿאַר מאַקסן איז דאָס געוואָרן אַ גליקלעכע בשורה. בלייבט נאָר די טעכנישע שוועריי־קייטן צו באַזייטיקן. אָבער פֿאַר געלט קען מען אין טאַשקענט אַלץ מאַכן. עס נעפּיגען זיך דאָ פֿאַרמיטלער, וואָס קאָנען פֿון דער פּאָליציי אַרויס־באַקומען אַ פּאַס עס זאָל דאָרט זיין געשריבן, וואָס מען ווינטשט זיך נאָר. „פֿאַרלירט״ גלייך רוטקע איר און איר מוטערס פּאַס און באַקומט פֿון דער פּאָליציי אַנדערע פּעסער מיט אַנדערע נעמען און מיט דעם זעלבן 38־טן פּאַראַגראַף ווי אַלע פּעסער פֿון די פּוילישע פּליטים. באַזיצנ־דיק אַזאַ פּאַס וועט שוין דער פֿאַרבאַנד פֿון פּוילישע פּאַטריאָטן דערלע־דיקן אַלע איבעריקע פֿאָרמאַליטעטן און רוטקע מיט איר משפּחה וועט, ווי אַלע פּליטים פֿון פּוילן, באַקומען דאָס רעכט זיך אומצוקערן קיין פּוילן. מאַקס רעדט זעלטן מיט רוטקען, זי מיידט אים אויס, נאָר פֿון איר מוטער דערוווסט ער זיך, אַז רוטקע איז צופֿרידן וואָס זי קען פֿאַר־לאָזן דאָס לאַנד ווי עס איז אומגעקומען אומשולדיק איר פֿאָטער און ווי זי האָט פֿאַרלוירן איר מאַן. אויך די מוטער איז צופֿרידן וואָס זי פֿאַרלאָזט דאָס לאַנד, כאָטש זי ווייסט גאָרנישט, וואָס עס וואַרט איר ער־געץ אַנדערש.

מיט פֿרייד אָרדנט מאַקס איין זיין טאָפּלטער משפּחה אין דעם וואַגאָן פֿון דעם רעפּאַטריאַנטן עשעלאָן, וואָס פֿירט זיי אַוועק אין אַ לאַנגער ווייטע רייזע צום אומבאַקאַנטן. דער צוג מיט פּליטים שלעפּט זיך איבערן ריזיקן לאַנד, טעג און נעכט. אָפּט בלייבט ער שטיין אויף לאַנגע שעהן, אַדורכלאָזנדיק מיליטערישע צוגן. דער עשעלאָן איילט זיך נישט,

ער שלעפּט זיך איבער די ברייטע סטעפּעס פון קאַזאַכסטאַן ביז ער דער־נעענטערט זיך צו די פעלדער און שטעט פון אייראָפּע. דאָ דערפילט מען גלייך דאָס בלוט איינגעזאַפּטע אין די פעלדער. מען זעט די פאַר־ברענטע וואָקזאַלן, עס וואַלגערן זיך צעבראָכענע טאַנקן. דייטשישע גע־פאַנגענע פאַרריכטן די צעשטערטע באַן־רעלסן. זיי שטרעקן אויס די הענט צו די יידישע פּליטים, בעטנדיק ברויט און צו רויכערן. פירן זיך אין די וואַגאָנען וויכוחים, צו מעג מען רחמנות האָבן אויף די מערדער פון מיליאָנען יידן, אויף די, וואָס האָבן אַן אַ ציטער געשחטן פרויען און קינדער, שוואַנגערנדע און זויג־קינדער? זענען אַלע ביי דער מיי־נונג, אַז אויף די פאַרשאָלטענע מערדער טאָר מען נישט רחמנות האָבן, דאָך וואַרפט מען זיי שטיקלעך ברויט דורך די פענצטער. בלייבט דער צוג שטיין אין אַ שטאָט, צעלויפט מען זיך פון די וואַגאָנען צום באַזאַר, מען קויפט איין פּראָדוקטן צום ווייטערדיקן וועג.

צום ערשטן מאָל איז מאַקס טאָג און נעכט לעבן רוטקען. אַ גאַנצן טאָג זעט ער איר פּאָר זיינע אויגן. און כאָטש זי האַלט זיך נאָר לעבן רייזלען פילט מאַקס די פרייד צו זיין מיט איר צוזאַמען. אָפט טרעפט זיין בליק אירע וואַרעמע אויגן. זי לאָזט זיי שנעל אַראָפּ, נאָר אים ווערט וואַרעם אויף דער נשמה. רוטקע וועקט אַלץ מער אין אים אַ נישט גע־שטילטן הונגער צו איר ווייבלעכקייט און צו דעם נשמהדיקן, וואָס פאַר־זיסט און צינדט אָן אַ פרייד אין האַרצן. אַ ליבע, וואָס גיט לעבנס־לוסט, רעגט אָן צו געדאַנקען, מאַכט ליב האָבן די גאַנצע וועלט אַרום. ווערט די גאַנצע לאַנגע רייזע פאַר אים פול מיט געמישטע געפילן פון אומרו און גליק. מיט אַ פּלאָנטער פון פאַרוויקלטע געפילן, ווייל צווישן אים און רוטקען שטייט רייזל. זי שטייט אים אַלס איינציקע שטערונג אין זיין גליק. דאָך פילט ער צו רייזלען נישט קיין שינאה נאָר רחמנות. אַ טיפן רחמנות, פאַרוואָס ער קאָן איר נישט ליב האָבן און טראָגט נאָר אַ פליכט פאַר די יאָרן פון געמיינזאַמען לעבן.

דער עשעלאָן קומט אָן אויף דער אוקראַינישער ערד. גלייך דערפילט זיך דאָ די לופט מיט שינאה. די אוקראַינער האָבן געטריי געהאָלפן די היטלעריסטן אין זייער מאָרד־מלאכה. איצט פיניקט זיי נישט דאָס געוויסן, זיי שטאָלצירן מיט זייער כוליגאַניזם און באַנדיטיזם. דער צוג דערנעענטערט זיך צו דער גרענעץ פון פוילן. אפשר צו דער גרענעץ פון אַ ניי לעבן? אָבער ווער ווייסט, וואָס וואַרט זיי אין דעם נייעם לעבן?

מען פֿאַרלאָזט דאָס לאַנד, ווו מען האָט געפֿונען אַ באַהעלטעניש, אַ רעטונג. פֿאַר אַ טייל איז דאָס לאַנד געווען גאַסט־פֿריינדלעך, אַנדערע האָבן דאָ שווער געליטן, אָבער אַלע האָבן זיי דאָ געראַטעוועט זיך פֿון אומקום. ביי אַלע שאָטן־זייטן, וואָס זיי האָבן דאָ געטראָפֿן בלייבט אַ טיף פֿאַרבאַרגענער סענטימענט. צעזינגט מען זיך מיט האַרציקע רוסישע לידער. אַזוי געזעגנט מען זיך אָפּ מיט דעם גאַסטפֿריינדלעכן פֿאָלק, וואָס איז ברייט־האַרציק ווי די רוסישע סטעפּעס.

דער צוג פֿאָרט אַריין אין דעם לאַנד פֿון שינאה. מען פֿאַרווערט צו זינגען. מען וואָגט נישט צו עפֿענען די פֿענצטער, נישט אַרויסקוקן. ווי אַנדערש האָט זיי אויפֿגענומען דער רוסישער מענטש, געטיילט זיך מיטן ביסן און אָט דאָס פּוילישע פֿאָלק אַליין, זייענדיק צו שפּאָט און באַליידיקט האָבן זיי געזוכט יידן איבערצוגעבן אין די הענט פֿון די דייטשישע מערדער. אָט דאָס לאַנד האָבן די דייטשן אויסגעקליבן פֿאַר דאָס פֿאַסיקסטע אויף אויסצומאָרדן 6 מיליאָן יידן. זיי, די פּאָליאַקן, האָבן דערפֿאַר באַקומען די דערלויבעניש פֿון די דייטשן צו באַראַבעווען דאָס ביסל אָרעמקייט פֿון די דערמאָרדעטע יידן. און איצט קוקן זיי מיט שינאה אויף די צוריק־קומענדיקע יידן און שעפּטשען מיט כעס „נאָך אַזוי פֿיל יידן געבליבן?" עס שרעקט זיי, אַז די געראַטעוועטע וועלן צוריק מאָנען זייער צוגע־ראַבעוועטע האָב און גאָב. אויף די סטאַנציעס קומען איינציקע יידן צו די וואַגאָנען, זיי דערציילן וועגן שוידערלעכן אַנטיסעמיטיזם, וואָס הערשט אין באַפֿרייטן פּוילן. מען וואַרפֿט יידן פֿון די צוגן. יידן ווערן מיטן העלן טאָג דערמאָרדעט אין די שטעט. רופֿן אָט די גרויסן אַרויס אַ פּחד און אַ פֿראַגע, צו וואָס איז מען געקומען אַהער? צו וועט מען קאָנען שנעל פֿון דאַנען אַנטלויפֿן?

אויפֿן קראָקעווער וואָקזאַל קומען צו די וואַגאָנען צו אַ גרופּע גע־ראַטעוועטע רעליגיעזע יידן, זיי האָבן דאָ געקעמפֿט אַלס פּאַרטיזאַנער. ברענגען זיי מצות צו די וואַגאָנען און דערמאָנען אַלעמען, אַז עס איז פּסח ביי יידן. אין וואַרשע פֿאַרברענגט מאַקס גאָר קורץ. אַ חורבה איז געבליבן פֿון דער שטאָט, ווו ער איז געבוירן. ער לאָזט זיך ווייטער אין וועג, אַלץ נעענטער צו דער גרענעץ. דאָרט קיין שלעזיע, וואָס איז אַריינגעפֿאַלן צו פּוילן און די פּוילישע רעגירונג וויל מיט דער הילף פֿון יידן די דייטשישע ערד פֿאַרפּויליש.

קאַטאָוויץ, די הויפּט שטאָט פֿון שלעזיע, שטייט אַ גאַנצע, ווי די

מלחמה וואָלט אין איר פאַרגעסן. אירע איינוווינער האָבן אָפּט געטווישט זייער פּעל, פון דייטשן אויף פּאָליאַקן, און פאַרקערט, אָפּהענגיק, ווער עס האָט געהערשט איבער דער שטאָט. נאָר דער האַס צו יידן איז זיי געבליבן ביי יעדער הערשאַפט. אין טאָג פון זיין קומען טרעפט מאַקס אין דער שטאָט אַ לוויה פון אַ יידישן דאָקטער. ער האָט איבערגעלעבט דעם היטלער־רעזשים און איצט זייענדיק זיכער, אַז זיין לעבן דראָט מער נישט קיין געפאַר איז ער דערמאָרדעט געוואָרן דורך פּוילישע באַנדיטן.

אין דער שטאָט געפינען זיך אַ פּאָר צענדליק פּליטים געראַטעוועטע פון די לאַגערן און געקומענע פון ראַטנפאַרבאַנד, עס איז אויך דאָ אַ יידישער קאָמיטעט און דער „דזשאָינט". געפונען זיך דאָ אויך יידישע קאָמוניסטן. זיי האָבן זיך צעשפּרייט איבער גאַנץ אויבער־ און נידער־שלעזיע. אויך זיי רעדן וועגן די היסטאָרישע רעכט פון פּוילן צו שלעזיע, ווייל אין 14־טן יאָרהונדערט האָט אַ פּרינץ פון דער פּיאַסט־דינאַסטיע חתונה געהאַט מיט אַ שלעזישער פּרינצעסין. דערפאַר דאַרף שלעזיע געהערן צו פּוילן. די היסטאָרישע רעכט פון יידן אויף ארץ־ישראל, איז ביי זיי שאָוויניזים. עס וואָלט געווען פיל ערלעכער פון די קאָמוניסטן צו זאָגן אָפּן, אַז מען דאַרף שלעזיע צונעמען ביי די דייטשן, כדי וואָס מער ערד אָפּצורייסן פון אונטער די פיס פון דער בלוטיקער חיה. אָבער ווי מעגן קאָמוניסטן זיך באַנוצן מיטן אַרגומענט פון אַ פּריצישן שלאָף־צימער צו באַרעכטיקן דאָס פאַרכאַפּן שלעזיע? די קאַריערריסטישע טיפּן צווישן די קאָמוניסטן ענדערן זייערע יידישע נעמען אויף פּוילישע, פון מענדל ווערט — מענדלעוווסקי, פון משה — מיעטשיסלאַוו, פון מעל־מאַן — מילעווסקי. זיי באַזעצן זיך אויף באַקוועמע מלוכה־פּאָסטנס. נאָר די, וואָס זענען נישט פעאיק צו פאַרווישן זייער אָפּשטאַם, קלאַמערן זיך אַרום דעם ביסל געראַטעוועטע יידישע אַרבעטער. זיי האַלטן זיך פאַר די פאָרשטייער פון יידישן אַרבעטער־קלאַס, וועלכער עקזיסטירט שוין נישט מער. שאַפן זיי קאָאָפּעראַטיוון, עפענען קלובן ווי זיי הענגען אויף די בילדער פון שלום־עליכם לעבן סטאַלינען. זיי קלאַמערן זיך נאָך אין אַלטע באַגריפן, אַלטע פראַזן, וואָס פּאַסן זיי היינט, ווי די אָפּגע־טראָגענע אַמעריקאַנער בגדים, וואָס זיי באַקומען פון די „דזשאָינט"־מאַגאַזינען. דרייען זיי זיך אַרום אין די אומעטיקע שטעטלעך, פון וואַנען עס זענען פאַרטריבן געוואָרן די דייטשן. צווישן פּאָליאַקן, וואָס זענען אַנטלאָפן פון די באַזעצט דורך די רוסן פּוילישע געביטן, און האָבן

געברענגט אַהער די שינאה צו די באָלשעוויקעס און צו יידן. זיי העצן קעגן דער פּוילישער רעגירונג פון „עלף זשידעס" און קעגן די געראַטעוועטע יידן, וואָס האָבן — ווי זיי זאָגן — פאַרכאַפּט די בעסטע דייטשישע דירות. ווילן די יידישע קאָמוניסטן אין אָט די לאַנגווייליקע שטעטלעך צווישן גאָטישע קירכעס און פּוילישער שינאה בויען דעם סאָציאַליזם. נאָר דער עכאָ פון שרעקלעכן קעלצער פּאָגראָם דערמאָנט זיי, אַז זיי זיצן אויף אַ ווולקאַן. נעמען טייל טיף שווייגן, אַנדערע פאַרשווונדן אין די פינצטע־רע נעכט און שמוגלען זיך מיט אַנדערע יידן אַריבער אויף דער צווייטער זייט גרענעץ. דער קעלצער פּאָגראָם ווערט אַ וואָרענונג, אַז דאָס לאַנד פון מיליאָנען יידישע קברים, וועט פאַר יידן קיין סאָציאַליסטישע היים נישט ווערן.

ציוניזם איז אין נייעם פּוילן פאַרווערט, דאָך עקזיסטירן דאָ אַלע ציוניסטישע פּאַרטייען צווישן די געראַטעוועטע יידן. עס עקזיסטירן קיבוצים אונטערן לעגאַלן מאַנטל פון פּראָדוקטיוויזאַציע פונקטן. די רעגי־רונג מאַכט זיך אויך נישט זען, ווי יידן פאַרלאָזן אומלעגאַל דאָס לאַנד. די קיבוצים זענען די וואָס פירן אָרגאַניזירטערהייט די יידישע יוגנט דורך די גרענעצן. נאָר דערווייל ווערן די קיבוצים אַ צייטווייליקע היים פאַר דער יידישער יוגנט. דאָ אַרבעטן זיי אין וואַרשטאַטן, עסן צוזאַמען און זינגען צוזאַמען אויס די לידער פון בענקשאַפט צו אַן אמתער היים. אין דרויסן איז די לופט אָנגעזאַפּט מיט שינאה. עס טראָגט זיך דער ריח פון טויט פון יידישע קברים און אומעטום דראָעט פאַר יידן דאָס געפאַר פון אַ כוליגאַניש מעסער אָדער רעוואָלווער. די זיכערהייט־אָרגאַנען גיבן די קיבוצים געווער צו פאַרטיידיקן זייער לעבן. שטייט מען אַ גאַנצן טאָג ביי די טירן פון קיבוץ אויף שמירה מיט אַ ביקס אין האַנט. איז מאַקס מיט זיין טאָפּלטער משפּחה אין קיבוץ. ער פירט אָן מיט די וואַרשטאַטן און רייזל מיט דערווירטשאַפט, איר העלפט רותקע מיט איר מוטער.

די פּוילישע רעאַקציאָנערן צוזאַמען מיט די פאַשיסטישע באַנדעס אין די וועלדער און אונטערגרונט זענען צו שוואַך זיי זאָלן זיך פאַרמעסטן מיט די סאָוויעטישע גאַרניזאָנען, וואָס געפונען זיך אין פּוילן. די רויטע אַרמיי וועט די פאַשיסטן נישט לאָזן קומען צו דער מאַכט. בלייבט זיי אַרויסצוווייזן זייער העלדישקייט נאָר קעגן די געראַטעוועטע פון טויט יידן. פאַלן אָן אויף זיי אין דער פינצטער. יידיש בלוט ווערט זייער לעצ־טער שאַנס. אָט הויבן זיך אָן וואַלן אין פּוילן, וואָס דאַרף נאָר פאַרמעל

דעצידירן, ווער עס זאָל הערשן איבער פוילן, ווייל פּאַקטיש איז דער גורל פון דעם רעזשים אין פוילן דעצידירט געוואָרן אויף די שלאַכט־פעלדער. אין די וואַלן קאָנען יידן שפּילן אַן אַנגעזעענע ראָל און מיטווירקן צו דער מאָראַלישער מפּלה פון פאַשיזם. יידן קומען פון די טויט־לאַגערן און פון רוסלאַנד, זיי פאַרמאָגן נאָך נישט קיין פּוילישע פּעסער נאָר בלויז קוויטלעך פון פאַרשידענע מיליטערישע מאַכטן און עוואַקואַציע־בריוו פון ראַטנפאַרבאַנד. אַזעלכע קוויטלעך איז נישט שווער צו פאַבריצירן און די יידן קאָנען שטימען וויפל מאָל זיי נאָר ווילן. אויף אַ פאַרזאַמלונג פון די קאַטאָוויצער יידן דערקלערט מאַקס: „מיר דאַרפן שטימען, וויפל מאָל עס לאָזט זיך, דאָס איז אונדזער מאָראַלישער חוב, מיר פעלשן דערמיט נישט די וואַלן, מיר דריקן נאָר אויס דעם ווילן פון די אומגעקומענע ברודער, שוועסטער און עלטערן אונדזערע, ביי וועמען די פאַשיסטישע מערדער האָבן צוגענומען זייער וואַל־רעכט צוזאַמען מיט זייער לעבן. מיר, די יורשים פון זייער בלוט האָבן די פולע רעכט צו שטימען אין זייער נאָמען, מיר לייגן זייערע טויטע שטימען אויף דער וואָגשאָל פון אַן אַנדער פוילן. זאָל דאָס זיין אונדזער לעצט געזעגענונגס־וואָרט מיט דעם לאַנד, ווי עס ליגן באַגראָבן אונדזערע טייערסטע". האָבן יידן אַ סך בייגעטראָגן צו דער וואַל־מפּלה פון די פאַשיסטן און זיי האָבן דאָס נישט געהאַט צו באַדויערן. די פּוילישע רעגירונג האָט אין קעגנזאַץ צו דער פּוילישער באַפעלקערונג אַרויסגעוויזן פול מענטשלעכקייט און פריינדלעכקייט צו די געראַטעוועטע פון טויט יידן, און איר האָבן דאָס ביסל פּוילישע יידן צו פאַרדאַנקען, וואָס זיי האָבן פריי געקאָנט פאַרלאָזן דאָס לאַנד און אַוועק אין זייער אייגענער היים. די פּוילישע קאָמוניסטישע רעגירונג האָט פאַר יידן געטאָן דאָס, וואָס נישט אַלע קאָמוניסטישע רעגירונגען האָבן געטאָן.

יעדן טאָג, ווי נאָר מען דערהערט אַ פייף פון אַ לאָקאָמאָטיוו, פאַר לאָזן חברה די קיבוצישע וואַרשטאַטן און לויפן צום וואָקזאַל. עס קומען נאָך אַלץ עשעלאָנען פון ראַטן־פאַרבאַנד מיט רעפּאַטריאַנטן. זוכט יעדער אפשר וועט ער געפונען צווישן זיי אַ פריינד, אַ נאָענטן אָדער אַ באַקאַנטן. געפונט מען נישט. ווערן אומבאַקאַנטע נאָענט. מען רעדט צו די איינזאַמע יוגנטלעכע צו פאַרלאָזן די וואַגאָנען און קומען אין קיבוץ. עס איז נישט שווער זיי איבערצוצייגן, אַז פוילן איז פאַר זיי נישט קיין היים, דער קיבוץ וועט זיי פירן צו אַן אמתער היים. אין קיבוץ באַ־

גריסט זיי דער אויפשריפט אין העברעיש „ברוכים הבאים”. זיצט מען צוזאַמען ווי ברידער וואָס האָבן נאָך יאָרן זיך ווידער געטראָפן. יעדער האָט געגנוג וואָס צו דערציילן, וועגן סביר, קאַזאַכסטאַן, וועגן וועלדער און הונגער, און צוזאַמען חלומט מען וועגן אַ פריידיק, זוניק ארץ־ישראל. פאַלט צו די נאַכט טאָר מען נישט אַרויס אין גאַס. אין דער פינצטער לויערט אויף יידן דער טויט. זיצט מען פאַרזונקען אין טרויעריקע זכרונות. פון דרויסן טראָגן זיך שיכורע געזאַנגען. ביי דער טיר שטייט אַ שומר מיט אַ ביקס אין האַנט. אויך אין די בעטן שלאָפט זיך נישט, זינגט שרהלע מיט אַ קינדישע שטים:

שטילער, שטילער, לאָמיר שוויגן,
קברים וואַקסן דאָ.

אין די קברים האָט יעדער זיינע טייערסטע. משהלע ווייסט אַפילו נישט, ווו ס׳זענען די קברים פון זיינע עלטערן, ברודער, שוועסטער, אַן עלנטער און איינזאַמער איז ער פאַרוואָגלט געוואָרן אין אַ ווייסער וועלט פון פרעסט און וועלדער. ער האָט אין ביאַליסטאָק געהערט, וואָס די דייטשן טוען מיט יידן, האָט ער געוואָלט ראַטעווען זיינע עלטערן, העלפן זיי אַנטלויפן פון די מערדער. איז ער אַוועק צו דער גרענעץ נאָר זעלנער האָבן אים פאַרכאַפּט און פאַרשיקט אין די אומסופיקע וועלדער. אויך שלומקע איז געווען אין וועלדער אָבער אין די ווייסרוסישע, צווישן פאַרטיזאַנער. דאָס גאַנצע שטעטל איז אַוועק אין וואַלד נאָר געציילטע זענען פון זיי געבליבן. לייזער איז געווען אין געטאָ. צוזאַמען מיט אַנדערע קינדער אַריינגעשמוגלט אין געטאָ קאַרטאָפל. דאָס ערשטע האָבן די דייטשן צוגענומען זיין שוועסטערל, דערנאָך די מוטער, איז ער אַנטלאָפן פון שטעטלישן געטאָ. אויפן וועג האָט אים דערקענט אַ פוילישער פּאָליציאַנט און אים געשלאָגן אַזוי לאַנג ביז ער איז געווען זיכער, אַז לייזער איז טויט. אָבער לייזער האָט נאָך געלעבט און אַ צעבראָכענער האָט ער אין מיטן דער נאַכט זיך אויפגעהויבן און ווייטער געשלעפּט זיך, ביז ער איז אָנגעקומען צו אַ דאָרף. אַ גוטער פּויער נעמט אים צו דער אַרבעט, ער קען אָבער זיך נישט אָפּגעוויינען אים צו רופן „זשידעק”. ווייסט לייזער, אַז „זשידעק” באַדייט טויט. אַנטלויפט ער פון דעם פּויער און קומט אין אַ צווייט דאָרף. דאָ געפינט ער אַ פּויער, וועמענס זון איז

געפֿאַלן אין דער מלחמה און ער האַלט אים ווי אַן אמתן זון. אויך שרהלע איז מיט איר מוטער געווען אויסבאַהאַלטן ביי גוטע פּאָליאַקן. קיינער, חוץ זיי, איז פֿון זייער שטעטל נישט געבליבן לעבן. יוסלע איז צוזאַמען מיט זיין פֿאַמיליע געשלעפּט געוואָרן אין פֿי־וואַגאָנען קיין אָשוויענטשים. דאָ איז געשטאַנען אַ דייטש מיט אַ פֿריילעך פּנים און מיט דער האַנט סאָרטירט די אָנגעקומענע פֿאַרטיע יידן. רעכטס האָט באַדייט אויף אַר־בעט, לינקס — טויט. זיין מוטער און צוויי יינגערע שוועסטערלעך האָט דער דייטש באַפֿוילן „לינקס" און אים מיטן פֿאָטער „רעכטס". אין דער לעצטער מינוט נעמט דאָס יינגסטע שוועסטערל וויינען און רופֿן דעם טאַטן, בלייבט ער פֿאַרצווייפֿלט שטיין און ווייסט נישט מיט וועמען ער זאָל גיין, צו מיטן זון צו מיט דער פֿרוי און טעכטער? נאָר דער ס.ס.־מאַן קומט אים צוהילף און פֿרעגט אים העפֿלעך „אפֿשר אויף לינקס?" און דער פֿאָטער איז אַוועק לי־ךקס. איז יוסלע געבליבן אַליין. מען האָט אים געשלעפּט פֿון לאַגער צו לאַגער ביז ער האָט פֿאַרוואָגלט קיין דייטשלאַנד אין אַ לאַגער, דאָרט האָבן די קאַצעטלער געאַרבעט אין אַ גרויסער געווער־פֿאַבריק. דאָ האָבן ענגלישע עראָפּלאַנען אָפֿט באָמבאַרדירט די פֿאַבריק, פֿלעגן די דייטשישע מייסטערס אַנטלויפֿן און יוסלע האָט זיך צוגעכאַפּט צו זייערע פֿרישטיקן. זיי די ענגלישע עראָפּלאַנען האָט יוסלע צו פֿאַרדאַנקען, וואָס ער איז נישט געשטאָרבן פֿון הונגער.

אָבער מער פֿון די אַנדערע האָט מאָטעלע געזען דעם טויט. ער האָט אין טרעבלינקע געהערט צו די „בלויע", צו די, וואָס טראָגן בלויע בענדלעך און סאָרטירן די זאַכן פֿון די, וואָס זענען אַוועק אין די גאַז־קאַמערן. וואָס האָט זיך אַלץ נישט געפֿונען אין זייערע וואַליזקעס? מען האָט זיי דאָך איינגערעדט, אַז מען פֿירט זיי זיך באַזעצן אויף אַ ניי אָרט. דאָ פֿירט מען זיי„באָדן". יעדער באַקומט אַ האַנטעך מיט זייף. ערשט שוין נאַקעטע נעמט מען טרייבן מיט קאָלבעס אין די גאַז־קאַמערן. דער מיאוסער נפֿש סוראַמאַ האָט העכער פֿון אַלע דייטשן געשריגן: „אין באָד אַריין, דאָס וואַסער ווערט קאַלט!" און דערביי געטאַנצט און געלאַכט. קיינער פֿון די צום טויט פֿאַרמשפּטע האָט זיך נישט פֿאָרגע־שטעלט, אַז מען פֿירט אים צום טויט. די, וואָס האָבן אין דער לעצטער מינוט זיך געכאַפּט, אַז מען האָט זיי אָפּגענאַרט, וואָרפֿן זיך פֿאַרצווייפֿלט אויף די הענקער. איין מאָל האָט אַ גאַנצע נאַכט געדויערט אַ שלאַכט צווישן די נאַקעטע קרבנות און די באַוואָפֿנטע הענקער. אויך ביי דער

אַרבעט איז נישט בעסער ווי דער טויט. גאַנץ אָפט פלעגט מען באַגיין זעלבסטמאָרד, אָדער זיך ספּעציעל פאַרשולדיקן, כדי צו באַקומען אַ קויל, וואָס האָט זיך גערעכנט פאַר אַ לוקסוס־טויט. די דייטשן האָבן געשפּאָרט קוילן און געטייט מיט קלעפּ. מאָטעלע האָט סאָרטירט די וואַליזעס און זיך אויסגעלערנט קונציק אַריינכאַפּן אין מויל אַ שטיקל ברויט אָדער צוקער, די דייטשן זאָלן נישט באַמערקן, ווייל דערפאַר באַקומט מען קלעפּ. די דייטשן האָט אינטערעסירט דאָס גאָלד, נאָר מאָטעלע האָט געזוכט אין די וואַליזעס עסן. און אָט קומט אַ צייט ווען די דייטשן פאַרלירן זייער הומאָר, ווערן נערוועז און זוכן צו פאַרווישן די שפּור פון זייער מאַסן־מאָרד. זיי ווילן אויך אומברענגען אַלע עדות פון זייערע פאַרברעכנס, די באַגראָבער, סאָרטירער, דאָקטוירים און קוואַליפיצירטע אַרבעטער. פילן די קאַצעטלער, אַז עס קומט זייער לעצטע שעה, באַשליסן זיי צו מאַכן אַן אויפשטאַנד. זיי נעמען גרייטן מעסערס, הייפּלען און רעוואָלווערן. זיי געלונגט אַרויסצוגנבענען אַ פּאָר קוילן־וואַרפערס און ביקסן פון מאַגאַזין. עס ווערט געשאַפן אַ געהיימער שטאַב. די קאַצעטלער ווערן איינגעטיילט אין פינפטלעך גרייט צום קאַמף. אין דער לעצטער מינוט איז שיער נישט פאַרשיט געוואָרן די גאַנצע אונטערנעמונג צוליב דעם, וואָס די דייטשן האָבן ביי אַ וואַרשעווער דאָקטער געפונען אַ גרויסע סומע געלט און חושד געווען, אַז דאָס איז צונויפגענומען צוליב אַ וויכטיקן ציל. אָבער דעם דאָקטער איז געלונגען אַראָפּצושלינגען סם מיטנעמענדיק מיט זיך דעם סוד פון אויפשטאַנד. אויף דעם סיגנאַל פון אַ שאָס ווערן אונטערגעצונדן די לאַגער־געביידעס און די צום טויט־פאַרמשפּטע יידן נעמען העלדיש קעמפן. די דייטשן אַנטלויפן אין בהלה. ערשט נאָכן אָנקומען פון נייע ס.ס.־אָפּטיילונגען באַקומען די דייטשן אַן איבערגעוויכט איבער די קעמפער. די קאַמפן טראָגן זיך איבער מחוצן לאַגער — אין די וועלדער און בלאָטעס. די קעמפנדיקע קאַצעטניקעס דערהרגענען אַ סך ס.ס.־לייט, זיי ווערן אָבער באַזיגט דורך די גוט־באַוואָפנטע דייטשן. די גרעסטע מערהייט אויפשטענדלער פאַלט מיט אַ העלדישן טויט. נאָר געציילטע געלונגט זיך צו ראַטעווען. מאָטעלען געלונגט זיך אַריינצוכאַפּן אין דעם לאַגער נומער 1 פון די זאַמד־גרובן. אין דעם לאַגער זענען נישטאָ קיין יידן, ווערט דער לאַגער נישט שטאַרק געהיטן. מאָטעלע גראָבט זיך איין טיף צווישן די קופּעס שטיין־קוילן און וואַרט אויף אַ נס. אָבער ווי לאַנג קאָן מען ליגן אַ הונגעריקער?

מאַטעלען ווילט זיך גאָרנישט שטאַרבן פון הונגער צווישן די שטיק־קוילן, קריכט ער אין מיטן אַ פינצטערער נאַכט אַרויס, שפּרינגט אַריבער דעם פּאַרקאַן, דער ווילן צו לעבן גיט אים מוט. ער אַנטלויפט דורך די בלאָטעס אַריין אין אַ וואַלד. דער הונגער טרייבט אים אַלץ ווייטער. פּאַרטאָג קומט ער צו צום ראַנד פון וואַלד און ער באַמערט אַ דאָרף. דער הונגער טרייבט אים אין דאָרף אַריין, אָבער דאָ באַמערקט אים אַ דאָרפיש מיידל און זי פאַלט אין חלשות. אפשר צוליב זיין שרעק־לעכן אויסזעען, פאַרשוואַרצט פון די קוילן האָט זי אים אָנגענומען פאַר אַ שד? וואָגט שוין נישט מאָטעלע צו ווייזן זיך פאַר מענטשן. פאַר הונגער עסט ער רויע שוואָמען, ביז ער באַמערקט אין אַ דאָרף אַ גע־רודער. דאָס איז די רויטע אַרמיי געקומען. און ער איז געראַטעוועט.

אין פאַרגלייך מיט זיי אַלע האָט פּיוול געלעבט אין טשעלאַבינסק ווי אין אַ גן־עדן. אויך אין טשעלאַבינסק איז דער הונגער נישט געווען קיין זעלטענער גאַסט, נאָר דאָ איז צו פּיוולס גליק געווען נאַטאַשאַ. אָט דאָס רוסישע מיידל האָט געאַרבעט אין דער פאַבריק־קיך און אונטער־געטראָגן פּיוולען נאָך אַ צוגאָב באַרשטש. פון וואַנען קומט אַזאַ געטריי־שאַפט פון אַ רוסיש מיידל צו אַ יידישן בחור פון לאָדזשער באַלוט? איצט געפינען זיי זיך ביידע אין קיבוץ. פּיוול האָט געוואָלט פאָרן צו זיין שוועסטער קיין אַרגענטינע, נאָר נאַטאַשאַ האָט אים געשטעלט אַ באַדינג אָדער אין איר אָדער אין זיין „ראָדינע״. אין קיין פרעמד לאַנד וויל זי נישט לעבן. פאָרן זיי ביידע קיין פּאַלעסטינע נאָר דערווייל אַרבעט נאַ־טאַשאַ געטריי אין דער קיבוצישער קיך און פון געוווינהייט ברענגט זי פּיוולען נאָך אַ זופּ, כאָטש דאָ איז פּיוול גאָרנישט הונגעריק.

אַלע שלאָפן שוין. ווער ווייסט וואָס זיי חלומען? נאָר מאַקסן מאַ־טערן אַזוי פיל פראַגן: וואָס וועט זיין מיט אָט די אַלע קינדער און יוגנט? ווען וועלן זיי זיך דערשלאָגן צו אַ היים? און צו וועט די נייע היים פאַר זיי נישט זיין קיין שטיף־מוטער? און זיין טעכטערל פריידל, צו וועט זי נאָך באַווייזן דאָרט געפונען כאָטש אַ טייל פון איר פאַרלוירענער יוגנט? און רוטקע, צו וועט ער איר קענען פריי זאָגן, אַז ער האָט איר ליבער ווי אַלץ אין דער וועלט? און וואָס וועט זיין מיט רייזלען, ווי וועט ער זיך אַרויספּלאָנטערן פון דעם פּלאָנטער פון געפילן צווישן זיין גרויסער ליבע צו רוטקען און זיין פליכט צו רייזלען?

קומט דער טאָג ווען דער קיבוץ לאָזט זיך אין וועג אַריין. זיי קומען אָן צו

אַ קליין גרענעץ־שטעטל אין נידערשלעזיע. דאָ איז דער לעגאַלער פּראָ־דוקטיוויזאַציע־קיבוץ נישט מער ווי אַ גרענעץ־פּונקט פון דער „בריחה״. די נאַכט איז אַ פינצטערע און ס׳רעגנט שטאַרק. זעענען די וואַנדערער זיכער, אַז אַפילו קיין הינט וועט אין אַזאַ נאַכט אויף זיי נישט בילן, לאָזן זיי זיך אין אַ לאַנגער רייע אַוועק צו דער גרענעץ. פּלוצלונג דערהערט זיך אין דער פינצטער אַ באַפעל: „סטוי!״ זעט אויס, אַז די פּאָליציי איז נישט פויל געווען אין דער פינצטער צו וואַרטן אויף דעם פאַנג. די „בריחה״־לייט פאַרשווינדן אין דעם חושך און די גאַנצע גרופּע ווערט אָפּגעפירט אין דער דאָרטיקער פּאָליציי. די אַרעסטירטע מאַכן זיך באַקוועם אין דעם גרויסן ליכטיקן זאַל, טוען אויס די נאַסע מאַנטלען צום טריקענען און לייגן זיך אַוועק אויף דעם פּאָל שלאָפן. נאָר מאַקס ווערט אַוועקגעפירט צום פּאָליציי־קאָמיסאַר. דער קאָמיסאַר איז זייער העפלעך און מאַקס דערקלערט אים גאַנץ אָפן, אַז די גאַנצע גרופּע האָט געוואָלט אַריבערגיין די גרענעץ און ער פאַרשטייט גאָרנישט, פאַרוואָס די פּאָליציי שטערט זיי אין דעם? פּוילן נייטיקט זיך דאָך נישט אין קיין יידן, דער בעסטער באַווייז איז דאָך דער קעלצער פּאָגראָם. מיט זייער פאַרלאָזן דאָס לאַנד — זאָגט מאַקס — וועט פּוילן באַפרייט ווערן פון דעם יידן־פּראָבלעם און די פּוילישע פאַשיסטן וועלן נישט האָבן קעגן וועמען צו העצן און צו פאַרסמען די לופט פון דעם שיינעם לאַנד. דער קאָמיסאַר פאַרשטייט מאַקסן זייער גוט און דערקלערט מיט דער גאַנצער אויפריכטיקייט, אַז ער האָט גאָרנישט קעגן דעם, אַז יידן זאָלן פאַרלאָזן דאָס לאַנד, אָבער די פּאָליציי דאַרף אויך עפּעס האָבן דערפון אויך די פּאָליציי וויל לעבן און זייערע לוינען זענען קליינע, יידן באַקומען דאָך דאָלאַרן פון אַמעריקע, דאָרט איז אויך דאָ אַ סך פּאָליאַקן נאָר זיי שיקן גאָרנישט. אַוודאי וויל די פּאָליציי זיי דאָ נישט האַלטן נאָר דאָס ווענדט זיך אין די יידישע פירער. וויפל דאָס וועט קאָסטן ווייסן זיי שוין, דאָס איז דאָך נישט די ערשטע גרופּע וואָס ווערט געכאַפּט אויף דער גרענעץ. צומאָרגנס אין דער פרי ווערט מאַקס אַרויסגעלאָזט פון אַרעסט זיך טעלעפאָניש צו פאַרשטענדיקן מיטן מרכז פון דער קיבוצישער באַוועגונג, אָבער דורכן טעלעפאָן ענטפערט מען מאַקסן, אַז דאַסמאָל וועט די פּאָליציי קיין געלט נישט באַקומען, ווייל די רעגירונג עפנט גלייך זעקס גרענעץ־פּונקטן, און יעדער ייד, וואָס וויל נאָר, קאָן פריי פאַרלאָזן דאָס לאַנד. פאַר יידן איז דאָס אַ גרויסע בשורה אָבער נישט פאַר דער

פּאָליציי. דער זעלבער קאָמיסאַר, וואָס איז צו מאַקסן געווען ביינאַכט אַזוי העפלעך, האָט ביים באַפרייען די גרופּע געזידלט און געשאָלטן אַלע יידן.

מיטן העלן טאָג איז די גרופּע צוזאַמען מיט טויזנטער יידן אַריבער די גרענעץ קיין טשעכיען. דאָ האָט זי פריינדלעך באַגריסט אַ טשעכישער אָפיציר און געבעטן די פּליטים, גיין איינצווייז, נישט צו צעטרעטן די פּאַרזייעטע פעלדער. ווייטער וואַרטן שוין גרויסע אויטאָס, וואָס פירן די פּליטים אַוועק אין אַ שטאָט וווּ עס געפינען זיך באַראַקן פון „דזשאָינט“. דאָ ווערן אַלע באַטראַכט פון אַ דאָקטער, באַקומען אַ געשמאַקן מאָל־צייט, אַ נאַכטלעגער און מאָרגן אין ווייטערדיקן וועג.

פירט זיי דער צוג איבער די שיינע פּייזאַזשן פון עסטרייך. דאָס איז די סאָוויעטישע זאָנע פול מיט רויט־אַרמייער. אויף איינע אַ קליינע סטאַנציע ווערט דער צוג פאַרהאַלטן. די „בריחה“־לייט באַפעלן אַלעמען צו צערייסן אַלע דאָקומענטן און אַלע דאַרפן זיך דערקלערן פאַר פּליטים פון גריכנלאַנד, ווי עס איז נישט לאַנג צוריק פאָרגעקומען אַ נישט־געלונגענער קאָמוניסטישער אויפשטאַנד. אָבער דער סאָוויעטישער מאַכט קען מען נישט אָפּנאַרן. זיי ווייסן זייער גוט פון וואַנען עס קומען די פּליטים. שטייט דער צוג אַ גאַנצן טאָג, אַרום פלוידערן פריילעך סאָוויע־טישע זעלנער, טייל שפּאַצירן מיט דייטשקעס. די עסטרייכער רויכערן געמיטלעך זייערע ליולקעס ווי זיי וואָלטן געווען די אומשולדיקסטע באַשעפענישן. זיי, די נעכטיקע שותפים פון היטלערן ווילן איינרעדן דער וועלט, אַז אויך זיי זענען געווען אַ קרבן פון דער היטלעריסישער אַגרעסיע. זיי ווילן מען זאָל פאַרגעסן מיט וואָס פאַראַ ענטוזיאַזם זיי האָבן אָנגענומען דעם „אַנשלוס“ צום דריטן רייך. צוזאַמען מיט זייערע ברודער פון מערדער־רייך האָבן זיי זייענדיק אין דער רייכס־אַרמיי און אין די ס.ס.־גרופּן גערויבט און געמאָרדעט. יאָרן לאַנג דערצויגענע אין די מעכטיקע אָרגאַניזאַציעס פון דעם אויסטראָ־מאַרקסיזם האָבן זיי אין איין טאָג פאַרטויִשט זייער פעל און געשטעלט זיך צום דינסט פון נאַציאָנאַל־סאָציאַליזם. צו מאָרגנס פרי קומט צו די וואַגאָנען אַ מאַ־שין פון „דזשאָינט“, זיי פאָרן גלייך צו דעם סאָוויעטישן מיליטערישן קאָמענדאַנט. ווער ווייסט וויפל דאָס האָט געקאָסט ? נאָר גלייך נאָכ־דעם, נעמט דער צוג רירן.

דער צוג קומט אָן קיין ווין אין דער אַמעריקאַנער זאָנע, דאָ אין

ראָטשילד־שפּיטאָל באַקומט יעדער פּליט אַ „דזשאָינט"־פּעקל און ווערן גרופּווייז אָפּגעפירט אין אַנדערע לאַגערן. פון עסטרייך אין דייטשלאַנד. צווישן די פּליטים וואַקסן אויס פירער, וואָס שטעלן איין אָרדענונג און דיסציפּלין אויף די וואַנדער־וועגן. זיי גיבן די וואַנדערנדיקע אַ ציל און אַ ריכטונג. די אָרגאַניזירטע קיבוצים זענען די ערשטע, וואָס העלפן דער „בריחה" עפענען, דורכרייסן גרענעצן און רוקן זיך אַלץ נענטער קיין ארץ־ישראל. מאַקס׳ גרופּע באַשטייט פון הונדערט מיט צוואַנציק יוגנטלעכע, קינדער און זייערע עלטערן. איז נישט לייכט אַזאַ גרויסע גרופּע צו פאַרזאָרגן מיט שפּייז און קליידונג, מיט עלעמענטאַרע באַקוועמלעכקייטן אין אָט דעם אומגאָרמאַלן וואַנדער־וועג. די ליבע צו דער יוגנט און די פאַראַנטוואָרטלעכקייט, וואָס ער פילט אויף זיך צו זיי אַלעמען און נאָר זיין טאָפּלטער משפּחה צו דערפירן צו אַ זיכערן ברעג, צו אַן אייגן לאַנד — רוטקעס אַנווענזנהייט גיט אים כוח, ענערגיע און לעבנס־פרייד. גוט איז אים צו קוקן אין אירע וואַרעמע אויגן, אין איר ליכטיק פּנים.

מאַקס מיט זיין גרויסע גרופּע קומט אָן אין דעם לאַגער עבענזעע. די געגנט איז אַ פּרעכטיקע מיט אַ וווּנדערשיינע אַזערע. נאָר די לופט איז מיט ריח פון טויט. אין לאַגער זענען נאָך פריש די שפּורן פון ווילדער אַכזריות, אין די צעלעס ווי שטייגן זענען נאָך נעכטן געזעסן מענטשן און דאָ אויף די הויכע בערג געאַרבעט ביים שטיין־האַקן. די, וואָס זענען שוין מער נישט פעאיק געווען צו אָט דער שווערער שקלאַפן־אַרבעט האָבן די נאַציס נישט באַדאַרפט דערשיסן, ווייל די נאַטור האָט זיי צוגעשטעלט אַ ביליקן מיטל פון מאָרד. זיי האָבן די קרבנות אַראָפּגע־וואָרפן פון די בערג אין דעם טיפן תהום אַריין. ליגט לעבן לאַגער אַ פּרעכטיקע אַזערע אין מילדער געמיטלעכקייט, נאָר פון נאָענטן טיפן טאָל פון טויט שרייען די מענטשלעכע ביינער צום הימל. צום גליק איז מאַקט מיט זיין גרופּע דאָ נישט לאַנג, זיי ווערן פון דאַנען אָפּגעשיקט אין דער ענגלישער זאָנע אונטער ברוק. דאָ איז געווען אַ לאַגער פון יוגאָ־סלאַווישע געפאַנגענע, אויך דאָ זענען געבליבן גענוג סימנים פון נאַצישן סאַדיזם. איצט איז דער לאַגער פול מיט קיבוצישער יוגנט.

די „בריחה" האָט פּלאַנירט פון דאַנען צו „עפענען" די גרענעץ קיין איטאַליע, אָבער זיי איז דאָס נישט געלונגען, זיצן דאָ הונדערטער יוגנט־לעכע און זוכן וואָס מיט זיך צו טאָן. מאַקס טוט אַלץ צו באַקעמפן די

לאַנגווייליקייט, צו באַשעפטיקן דער יוגנט מיט ספּאָרט, שמועסן און שפּילערייען. ער באַמיט זיך צו שאַפן אַן אינטימע משפּחה־אַטמאָספער. נאָך לאַנגע וואָכן וואַרטן, פירט זיי די „בריחה" איבער צוריק אין דער אַמעריקאַנער זאָנע קיין זאַלצבורג. אין דער ריזיקער „ביאַליק־מחנה" שפּאַצירט מען דערוויל איבער דער אַלטערטימלעכער שטאָט מיט איר אייגנאַרטיקן סטיל, וווּ געלעבט און געשאַפן עס האָט מאָצאַרט. איז געשען אויף אַ גאַס אין מיטן דער שטאָט איז פון אַ גאַנצער גרופּע מאַקס געבליבן מיט רוטקען אַליין. ווערט אים וואַרעם אויף דער נשמה, אַזוי ווי דעמאָלט אויף זייערע געמיינזאַמע שפּאַצירן אַמאָל אין וואַרשע. מאַקס, וועמענס לעבן איז דורך ווי אַ שטורעם פילט זיך נישט דרייסט ווען ער בלייבט מיט אַט דער געליבסטער פרוי. עס פאַלט צו די נאַכט, עס שליסן זיך די געשעפטן, די שטאָט ווערט איינגעהילט אין חושך, די איינוווינער פאַרשווונדן פון די גאַסן, נאָר די גאַסן־הענדלער מיט אומ־לעגאַלע אַמעריקאַנער פּאַפּיראָסן לאָזן זיך אין דער פינצטער אַרויס האַנדלען. רוטקע דערפילט זיך אומרואיק. אפשר האָט זי אויך זיך דער־מאָנט אין יענע שיינע קינדישע טעג? און אפשר האָט זי זיך דערמאָנט אין רייזלען? זאָגט זי: „קום שנעל, מיין טעכטערל וואַרט דאָרט אויף מיר". קערן זיי זיך צוריק שווייגנדיק, מיט שנעלע טריט.

אויף אַנדערע שפּאַצירן איז שוין רוטקע מער נישטאָ. טרעפט מאַקס אין דער שטאָט זיינעם אַ באַקאַנטן פון וואַרשע, געווען אין וואַרשעווער נאָדל־פאַריין, אַ געטרייער קאָמוניסט. דאָך האָט ער פאַרלאָזט דאָס סאָ־ציאַליסטישע פּוילן און פאָרט אין קאַפּיטאַליסטישן אַרגענטינע. קיין ארץ־ישראל וויל ער נישט פאָרן, ווייל ער איז אַ שונא דעם ציוניזם. אין ראָסטאָוו האָט ער געאַרבעט צוזאַמען מיט מאַקסן. דאָרט האָט ער געשאָלטן די באָלשעוויסטישע אָרדענונג. אין עסטרייך איז ער ווידער אַ קאָמוניסט און פאָרט קיין אַרגענטינע צו אַ רייכן פעטער. ווער קען אַריינקריכן אין אַ מענטשלעכער נשמה?

יידן געראַטעוועטע פון טויט־לאַגערן, פון בונקערס און וועלדער, יידישע זעלנער און פּאַרטיזאַנער פון דער רויטער אַרמיי וואַנדערן אי־בערן צערוינירטן אייראָפּע. זיי וואַרטן — אין די זעלבע לאַגערן ווו מען האָט געפּייניקט און געטויט יידן — אויף אַ נס, עס זאָלן געעפנט ווערן די טויערן פון ארץ־ישראל. לעבט מען דערוויל פון „אונרא"־ראַציאָנען און „דזשאָינט"־פּעקלעך. אַ טייל מיד פון ליידיקגיין, נעמען זיך שפּע־

קולירן. גרעטעוועטע פון גיהנום, פאַרקריפּלטע נשמות פון לײדן, פיזיש און גײסטיק צעבראָכענע, ווילן פאַרגעסן די יאָרן פון קאָשמאַר. די, וואָס האָבן פאַרלוירן די נאָענטסטע און טײערסטע ווילן פלוצלונג שנעל רײך ווערן און נעמען זיך צו מיאוסע פּרנסות. זײ האַנדלען און שפּקולירן אויף אַלע שוואַרצע בערזעס און פאַרשוואַרצן דאָס פּנים פון זײער פאָלק. זײ מאַכן געשעפטן מיטן פאָלק פון די מערדער און שלאָפן מיט זײערע װײבער און טעכטער. זײ, וואָס האָבן פאַרלוירן זײערע פרויען און קינ־דער, יאָגן זיך נאָך קערפּערלעכן געניס, נאָך וועלכן עס קומט אַ ביטער־קײט ביז איבל. נאָך תענוג וואָס ענדיקט זיך מיט אויסגעלאָשענע, אויסגעלײדיקטע אַנטוישונג. אָבער זײ קענען זיך מער נישט באַפרײען פון אַ ווילן צו נײע, נאָך גרעסערע קערפּערלעכע פאַרגעניגנס, וואָס זײ קויפן ביליק פאַר אַ שטיקל שאָקאָלאַד, ציגאַרן אָדער קאָנסרוון. ווערט די צײטווײליקײט אין די די.־פּיפּ.־לאַגערן אַ סטאַבילקײט. טײל פאַרגעסן, אַז זײ געפונען זיך אויפן וועג קײן ארץ־ישראל און טראַכטן שוין וועגן בראַזיל, קאַנאַדאַ און אַרגענטינע. אין ארץ־ישראל דאַרף מען אַרבעטן און זײ האָבן דען ווייניק געאַרבעט אין די דײטשישע לאַגערן, אין די סאָוויעטישע שאַכטעס? ער איז דען אַן אידעאַליסט? ער איז נאָר אַ פּשוטער ייד, וואָס האָט מער נישט קײן כוח צו לײדן. אין דײטשלאַנד קאָן מען דערווײל מאַכן געלט, איז נישטאָ זיך וואָס צו אײלן קײן ארץ ישראל. די דײטשן זענען טאַקע מערדער אָבער די דײטשקעס זענען געשמאַק.

עס זענען אָבער דאָ אַנדערע יידן, אַן אַנדערע יוגנט, וואָס צערײסן די עפּידײוויטס, וואָס זײ האָבן באַקומען אויף צו פאָרן קײן אַמעריקע. זײ זענען שוין מיד פון שינאה, זײ בענקען צו אײגענע, נישט צו זײן מער קײן גאַסט און קײן פרעמדע. טויזנטער יונגע מענטשן אָרגאַניזירט אין קיבוצים, זײ אינטערעסירט ווייניק, וואָס טײלט אײן קיבוצישע באַ־וועגונג פון דער צווײטער, זײ ווילן דער קיבוץ זאָל זײ ברענגען צו אַ הײם. וואַנדערן זײ אין פינצטערע נעכט איבער גרענעצן און זאַנעס, זײ לאָזן זיך אויף ריזיקאַלישע רײזעס איבערן ים. אַ הײמלאָזע יידישע יוגנט, אַרויס פון בונקערס און לעכער, פון וועלדער און קאַזאַרמעס, שרײבן אַ נײ העראָיש קאַפּיטל אין דער יידישער געשיכטע. פון „יציאת אײראָפּאַ", „בריחה" און „עליה ב'". און דאָרט אין לאַנד קעמפט די יידישע יוגנט אין דער „הגנה", „אצל" און „לחי". איז עס אַ רעוואָלוציע,

אַ בונט פון אַ יוגנט וואָס וויל מער נישט זיך לאָזן מאָרדן. עס איז אַ בונט קעגן אַלע ליידן, פאַר רעכט צו לעבן ווי אַ פריי פאָלק, נישט צו זיין מער פאַר קיינעם קיין קרבן.

אין אַ געוויסער נאַכט ווערט אַ צוג אין עסטרייך פאַרפולט מיט יידישע פּליטים. די דייטשישע פּאַסאַזשירן גאַפּען פאַרוווּנדערט, פון וואַנען האָבן זיך דאָ גענומען אַזוי פיל יידן? די באַן־באַאַמטע האָבן באַ־קומען זייער לוין די יידן אַריבערצופירן אין דער פראַנצויזישער זאָנע אָן דערלויבענישן פון דער מיליטערישער מאַכט. די „בריחה" האָט אין הורט באַצאָלט פאַר זיי און דעם לאָקאָמאָטיוו־מאַשיניסט באַלוינט פאַר דעם, וואָס ער וועט זיך ספּעציעל אָפּשטעלן נישט אויף קיין סטאַנציע ווי עס געפינען זיך די זעלנער פון דער אָקופּאַציע־מאַכט, נאָר לעבן אַ גרויסן וואַלד. ווי נאָר דער צוג בלייבט שטיין, שפּרינגען יידן פלינק אַראָפּ און לויפן אַריין אין וואַלד. דורך נאַכט אין וואַלד פירט זיי די „בריחה"־בחורים" ביז צו דער מחנה אונטער שטראַסבורג, וואָס זעט אויס ווי אַ מיטלאַלטערלעכער שלאָס, איינגעהילט אין אַ טיפער געהיי־מעניש. אינעווייניק, אין דעם „שלאָס" איז אַלץ אַזוי סודותדיק. דאָ ווערט נישט גערעדט הויך נאָר עס פאַלן קורצע באַפעלן אין דער העברעישער שפּראַך. בחורים פון ארץ ישראל פירן דאָ אָן מיט דער גאַנצער געהיימקייט. ערשט די אַנדערע נאַכט קומען אויטאָס און פירן זיי אַוועק צו דער גרענעץ. ערגעץ לעבן הויכע בערג, וואָס שטייען ווי ריזיקע וועגט שטעלן זי אָפּ די אויטאָס, פון הילצערנע באַראַקן קומען אַרויס מונדירטע מענער, די „בריחה"־לייט באַגריסן זיך מיט זיי ווי מיט גוטע באַקאַנטע. די גרענעץ־היטער באַקומען וואָס זיי קומט און שנעל פאַרמירט זיך אַ לאַנגע ריי פון מענטשן, וואָס שפּאַנען שוין צופיס אין די טיפע שנייען. דער וועג אַרויף ווערט אַלץ שווערער, די שנייען טיפער. די קינדער מוז מען טראָגן אויף די הענט און די פרויען מוז מען גוט צוהאַלטן זיי זאָלן נישט פאַלן. מאַקס האַלט פריידלען מיט פאַניען און רייזל מיט רוטקען האַלטן אונטער רוטקעס מוטער. די נאַכט שלעפּט זיך ווי אַן אייביקייט און דער וועג האָט נישט קיין סוף. כאָטש ס'איז אַ קאַלטע ווינטער־נאַכט, זענען אַלע באַגאָסן מיט שווייס. אין מיטן דער נאַכט באַווייזן זיך פון ערגעץ צוויי איטאַליענישע קאַראַביניערן. אויף די „בריחה"־לייט מאַכט דאָס נישט קיין רושם. זיי דערלאַנגען די איטאַליענער אַ פּאָר פּעקלעך אַמעריקאַנער פּאַפּיראָסן און דער מענטשלעכער צוג שלעפּט

זיך וויטער אין די טיפע שנייען. ענדלעך באַוויזט זיך אויפן הימל אַ ווײַסער פלעק, ווי אַן אָנזאָג פון אַ נייעם טאָג, וואָס ווערט געבוירן. גלייך וואַקסט אויס פאַר די אויגן אַ דאָרף. די וואַנדערער איילן שנעל צו די הײַזלעך און ווערן פריינדלעך פון איטאַליעניש פרויען אַריינגע־בעטן אין וואַרעמע שטובן. אַ צעשמייכלטע איטאַליענערין טראָגט אַלעמען אַנטקעגן הייסע מילך מיט פרישע זעמל און זי פּלוידערט פריילעך אין דער אומפאַרשטענדלעכער, פאַר זיי, שפּראַך. סוף כל סוף איז פאַר זיי געענדיקט דער שווערער וועג און זיי געפינען זיך אין דעם פריינדלעכן איטאַליע. נאָך אַ קורצן אָפּרו קומען אַן גרויסע פאַרמאַכטע אויטאָס און פירן אַלעמען אַוועק קיין מילאַנאָ.

מען קומט אָן אין דעם פּליטים־לאַגער „סקאַלאַ קאַדאָרנאַ“, דאָס ער־שטע באַקומט מען אַ געשמאַקן פרישטיק. פריידל מיט פאַניען פרייט מער ווי אַלץ די פּאָמעראַנצן, דער גאָלדענער עפּל, וואָס זיי האָבן נאָך אין זייער קורצן לעבן נישט פאַרזוכט. אויך רוטקע זעט אויס צו זיין צופרידן און מאַקסן איז אַזוי גוט צו קוקן אין איר ליכטיק פּנים, ער איז גליקלעך, וואָס ער האָט איר געבראַכט אין אָט דעם שיינעם לאַנד. אפשר וועט פון איצט די זון פון גליק פאַר איר שײַנען? אויך מילאַנאָ דאַרף די גרופּע אין קורצן פאַרלאָזן, לאָזט מען זיך גלייך אַרויס באַזוכן די שיינע שטאָט מיט דענקמעלער און קלויסטערס, מיט אַ סך שפּיצן און קרייצן. אינעווייניק אין אַ קלויסטער איז אַלץ איינגעהילט אין אַ טיפער רו און מענטשלעכע זאָרגן. דורך די קאָלירטע שויבן, וואָס זענען באַמאָלט מיט די בילדער פון תנ״ך רייסט זיך אַריין דאָס דרויסנדיקע ליכט. די שטיינערנע פיגורן פון די הייליקע קוקן שטום, ווי זיי וואָלטן אין זיך געהיטן די סודות פון דער אייביקייט. איבערן אַלטאַר הענגט דאָס בילד פון גאָטס זון, אַן אויסגעדאַרט גוססדיקער קערפּער צוגעקלאַפּט צו אַ הילצערנעם קרייץ. ער האָט אויף זיך גענומען די ליידן, כדי צו דערלייזן די וועלט. אין דער זייט הענגט אַ בילד פון דער מאַדאָנע. די פריילין־מוטער איז אַ יונגפרוי מיט אַ מילדן בליק, וואָס זאָגט צו יעדן מוחל צו זיין די ערדישע זינד. אויף איר פּנים איז אויסגעגאָסן מער ער־דישע שיינקייט ווי הימלישע הייליקייט.

פאַרלאָזנדיק דעם קלויסטער טרעפט מאַקס אַ באַקאַנטן קאָמוניסט פון וואַרשע. און צווישןביידע הייבט זיך גלייך אָן אַ ויכוח. ער באַמיט זיך מאַקסן צו באַווייזן, אַז דער קאָמוניזם זיגט איבער דער וועלט. ער

האָט שוין אויסגעשפּרייט איר הערשאַפט פון פּעקין ביז בערלין. ענטפערט אים מאַקס: „דער קאָמוניזם האָט ווירקלעך פאַרשטאַרקט איר מאַכט, נאָר פון קאָמוניסטישן אידעאַל איז זיי גאָר ווייניק געבליבן. אויך פון קריסטנטום איז נאָך זייער זיג געבליבן נישט מער ווי דער נאָמען. דער גלויבן פון ליבע האָט נישט געשטערט די כהנים פון געקרייצן זיך צו פאַרוואַנדלען אין יעזואיטישע הענקער. די גלויביקע אין „באָלשעוויזם" שטעלן נישט קיין קלויסטערס. זיי פאַרברענען נישט זייערע אַפּיקורסים נאָר דערשיסן זיי אָבער פאַרפּייניקן אין די טורמעס און לאַגערן. זייערן גרויס־אינקוויזיטאָר שטעלן זיי דענקמעלער נאָך ביים לעבן און פאַר־טעמפּן די מוחות פון זייער יוגנט מיט דער באָלשעוויסטישער עוואַנ־געליע — „דער קורצער קורס פון דער געשיכטע פון באָלשעוויזם". זיי, די אָנהענגער פון דעם „סאָציאַליסטישן משיח" — סטאַלין, האָבן פון אַ גרויסן גלויבן — געמאַכט אַ גאַרנישט און פון אַ גאַרנישט — געמאַכט אַ גרויסן גלויבן. זיי האָבן געמאַכט אַ רעליגיע פון פּחד, חניפה און אונ־טערטעניקייט, ווי די מאַסן דאַרפן אין סאָציאַליסטישן גן־עדן קניען פאַר יעדן נאַטשאַלניק.

לאַנג שלעפּט זיך דער צוג פון מילאַנאָ קיין רוים. וואָס מער אויף דרום ווערט אַלץ וואַרעמער. דער צוג לויפט דורך בערגיקע לאַנדשאַפטן מיט טעראַסעס פון איילבירט־ביימער. אין צוג רוישן די פריילעך־גוט־מוטיקע איטאַליענער און עס שמייכלען די ברוין־חנעוודיקע איטאַליע־נערינס. מאַקס מיט זיין גאַנצער גרופּע זענען פריילעך און אין אַ גוטן הומאָר. די אַלטערטימלעכע טויערן זאָגן אָן, אַז זיי פאָרן אַריין אין דער אייביקער שטאָט. זיי ווערן אָבער אַוועקגעפירט אין דער פאָרשטאָט טשינעטשיטאַ. די גרויסע זאַלן פון דער פילם־סטודיע איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ לאַגער פאַר פּליטים, פון פאַרשידענע נאַציעס. צווישן די, וועלכע האָבן פאַרלוירן זייערע היימען, ווייל דאָרטן זענען אַנטשטאַנען קאָמוניסטישע רעזשימען געפינען זיך דאָ יידן, וועלכע זענען שוין דורות־לאַנג היימלאָז, וואַלגערן זיך דאָ אַרום אין ריזיקע זאַלן, פול מיט בעטן צווישן פילם־דעקאָראַציעס. דאָ אין דער גרויסער פאַבריק פון חלומות, וואַלגערט זיך אַ נייע ווירקלעכקייט פון נויט און פּיין. דער דירעקטאָר איז דאָס אייניקל פון באַרימטן פירער פון די ענגלישע ליבעראַלן לויד דזשאָרזש. אין דעם הויכן פלעגמאַטישן אייניקל פון באַרימטן זיידן קלאַפּט אַ טיף מענטשלעך האַרץ. מען זעט פאַר זיך נישט קיין פילאַנ־

טראָפּ נאָר אַ מענטש, וועלכער איז נישט גלייכגילטיק צו מענשטלעכע ליידן.

טשינאָ־טשיטאַ איז אָבער פאַר מאַקס גרופּע נאָר אַ צייטווײַיליקער איבערגאַנגס־פּונקט. פון דאַנען וועלן זיי באַלד איבערגעפירט אין אַ ווילע, וואָס געפינט זיך אין אַ שטעטל הינטער רוים. דאָ פליסן די טעג אַנגענעמע און זאַטע, באַגלייט מיט פריילעכע געזאַנגען. מען לעבט אין איין גרויסע משפחה. און מען וואַרט, וואָס שנעלער צו קומען אין דער אמתער היים. מען לעבט מיט אַלע געשעענישן פון „דאָרט", מיט די העראָישע קאַמפן פון דער ארץ־ישׂראל־יוגנט. און דערווײַיל האָט מען אַ סך צייט צו באַקענען זיך מיט דער אַלטער וווּנדערלעכער שטאָט — רוים.

איטאַליע איז צערוינירט פון מלחמה און פאַשיזם, הונגעריק און אָרעם, נאָר רייך מיט אַלטערטימלעכקייטן און מיט קונסט־ווערק. גאָטס הייזער זענען רייך מיט אוצרות. דאָס קריסטנטום, וואָס איז אויסגעוואַקסן פון די אונטערשטאָטישע אָרעמקייט, פון די קאַטאַקומבן, פון קאָלעקטיווע מאַלצייטן, איז שפּעטער געוואָרן גייציק נאָך גאָלד, רייכטום און הערשאַפט. הײַנט אין דער קלויסטער געבונדן מיט די רײַכע פּאַלאַצן. נישט אין די קאַטאַקומבן געפינט זיך איצט דער געקרייצער נאָר אין די רייכע קלויסטערס פיל מיט גאָלד און טייערע שטיינער. די וויאַ נאַציאָנאַלע און פּיאַצאַ דע פּאָפּאָלאָ איז פול מיט רייכע געשעפטן, רייכע קלויסטערס און לוקסוס זינד־הייזער. אויך אין די זינד־הייזער איז נישטאָ קיין גערעכטיקייט. זיצן דאָרט „מאַדאַנעס" כמעט נאַקעטע און קוקן גיריק אויס אַ קליענט, ווען אויף אַנדערע וואַרט אַ לאַנגע ריי פון קליענטן. אויך גאַסן האָבן זייער מזל. ווען אַ טייל זענען פול מיט געשעפטן פון גאָלד, שמוק, מיט קאַפע־הייזער, רייכע האָטעלן פאַר טוריסטן, זינקען אַנדערע גאַסן אין נויט און שמוץ. דאָ טריקענען זיך אויף באַלקאָנען צעריסענע ליילעכער און ווייבערישע מייטקעס. בלוטלאָזע קינדער פאַרנעמען זיך מיט האַנדל און גנבה. בוי־אַרבעטער זיצן אין ביליקע ווײַן־הייזער און חלומען וועגן אַ טאָג אַרבעט. פעלט נישט אויף אַזעלכע געסלעך קיין ביליקע ליבע. דאָ פאַרקויפן יונגע מאַמעס זייערע קערפּערס, צו קאָנען שפּייזן זייערע קינדער. זיי פאַרהענגען דערבײַ מיט אַ טוך דאָס פּנים פון דער הייליקער בתולה, וואָס הענגט אויף דער וואַנט, זי זאָל נישט זען די זינד. אויף די גאַסן ווי מען פאַרקויפט ליבע, האַנדלט

מען מיט פאַרפוילטע פּרוכטן און געפּרעגלטע פיש. מיט פריטורע אַל־גענטע און אַנדערע מאכלים. איבער דער גאַס טראָגט זיך דער ריח פון ביליקן ווייַן און דער געזאַנג:

סאַנטאַ לוציאַ, סאַנטאַ לוציאַ.

פאַר טוריסטן איז איטאַליע דאָס לאַנד פון גוטן ווייַן, שיינע פרויען און אָפּערע־אַריעס. זיי קומען זען די שיינע קלויסטערס און פאַרגעסן אויך נישט אין די זינד־הייזער. אין דער שטאָט פון הייליקן וואַטיקאַן זענען בורדעלן אַ לעגאַלע אינסטיטוציע. זיי ברענגען אין לאַנד אַריין טוריסטן און פרעמדע וואַלוטע. אין די קלויסטערס זענען די הייליקע בילדער גאַרנישט אַזוי צניעותדיק, די שיינקייט פון די נאַקעטע מלאכים דערמאָנען אין גן־עדן. און דער הייליקע מאַדאָנע אַליין איז מער פּאַסיק פאַר אַ האַליוואַדער אַרטיסטקע ווי פאַר גאָטס אַ מוטער. די פאַטערס פון דער קריסטלעכער רעליגיע האָבן געוווּסט, ווי אויסצונוצן די פּלאַס־טישע קונסט. זיי האָבן פאַרגעסן אין פּסוק „לא תשה לך פסל וכל תמונה" און געשטעלט די גרעסטע קינסטלער אין דינסט פון זייער גלויבן, און ווער ווייסט צו די בילדער פון נאַקעטע מלאכימלעך האָבן נישט מער גע־האָלפן צו פאַרשפּרייטן דאָס קריסטנטום, ווי די פרומסטע עוואַנגעליעס, צווישן די באַרבאַרישע פעלקער, וועלכע האָבן נישט געקענט לייענען גאָטס־וואָרט. איז דער זיג פון קריסטנטום אין יענער צייט געווען אויך דער זיג פון דער פּלאַסטישער קונסט איבער די געשריבענע פּאָעזיע.

וואַנדערנדיק איבער קלויסטערס און מוזעומס, איבער אַלטערטימ־לעכקייט און געשיכטע קערט זיך מאַקס אום צום שטעטל, ווו עס געפינט זיך דער קיבוץ. פון די רייכע קלויסטער, וואָס דערמאָנען יענער וועלט און דעם גן־עדן קערט ער זיך אום צו דער אָרעמער ערדישערווירק־לעכקייט. די הייזלעך פון דעם שטעטל ליגן צופוסנס פון אַ באַרג. אירע איינוווינער אַרבעטן, האַנדלען, טרינקען ווייַן, געבוירן קינדער און צאָלן שטייערן. דערפאַר באַזאָרגט זיי די מאַכט מיט אַ שפּיטאָל, פּייערלעשער, פּאָליציי, אַ טורמע און אַ בית־הקברות. אין מיטן שטעטל שטייט אַ קלויס־טער, וועמענס מאַנאָטאָנישע קלאַנגען באַגלייטן יעדן גלויביקן פון גע־בורט ביזן טויט. דער גלח גיט יעדן נייעם זיווג זיין ברכה, אָבער נאָר די בורדעלן איז צו פאַרדאַנקען, וואָס די הייליקייט פון דער פאַ־מיליע ווערט נישט צושטערט. ווען נישט די בורדעלן, קנייפּיעס, האַליוואַ־

דער פילמען און ווײַבערישע רכילות וואָלט מען אין אַזאַ שטעטל געקאָנט שטאַרבן פון לאַנגווײַליקייט.

מאַקס טרעפט זיך חברה אין אַ פרײלעכער שטימונג, מען טאַנצט אַ „האָרה". אַ נײַע בחורה איז צוגעקומען. נאָר עטלעכע בחורות זענען דאָ אין קיבוץ. ווייניק מיידלעך זענען דאָ צווישן די פליטים. זיי, די אײַ־דעלע, האָבן נישט געקאָנט אויסהאַלטן די נאַציִשע פּײַניקונגען און גאָר ווייניק האָבן זיך געראַטעוועט. איז יעדע נײַע בחורה אַ פרייד פאַר די בחורים. זי הייסט מזל און איז פון טוניס. זי פאַרמאָגט אַ שאָקאָלאַד־פּנים, אַ קליין פאַררינסן נעזל, ווײַסע ציין און אַ סך חן. זי קען נאָר פראַנצויזיש, אַראַביש און לאַכן. זי פאַרשטייט קוים, וואָס מען רעדט צו איר און ענטפערט אויף אַלץ מיט אַ געלעכטער. אין אַ זײַט זיצט רוטקע פאַרטיפט אין אַ שמועס מיט רייזלען. מאַקס האָט אין רוים געזען פאַר־שידענע מאַדאָנעס פון פאַרשידענע קינסטלער, נאָר זײַן לעבעדיקע מאַ־דאָנע איז אויסגעמאָלט פון גרעסטן קינסטלער, פון דער נאַטור אַליין.

אין קיבוץ לעבן אַלע די גאַנצע צײַט אין דערוואַרטונג אויף עפּעס אַ גרויסן נס, נאָר די בשורה קומט אינגאַנצן אומדערוואַרט. די „אונאָ" האָט מיט אַ מערהייט באַשטעטיקט די אַנשטייונג פון אַ יידישער מדינה אין אַ טייל פון ארץ ישראל... איז דאָס דער גרעסטער יום־טוב פאַר דעם געמאָרדעטן און געפּייניקטן פאָלק. אין רוים זאַמלען זיך טויזנטער איטאַליענישע יידן און פליטים ביי טיטוס טויער, פון דאַנען לאָזן זיי זיך מאַניפעסטירן איבער דער שטאָט, וואָס האָט אַמאָל חרוב געמאַכט ירושלים. אָבער דערווייל זענען אין איטאַליע פול די לאַגערן מיט יידישע פליטים. דערווייל הערשן נאָך די ענגלענדער איבערן לאַנד פון תנ"ך און לאָזן דאָרט נישט אַרײַן די אייניקלעך פון יעקבן אין דעם צוגעזאָגטן לאַנד. דערווייל קומט נאָך אַלץ פאָר אַ פאַרביסענער קאַמף פון יידישן ישוב קעגן די ענגלישע הערשער איבערן הייליקן לאַנד. צו די פליטים קיין איטאַליע קומען פון ישוב ציוניסטישע פערזענלעכקייטן. עס קומט דער אַלטער טאַבענקין, וועלכער קען לאַנגע שעהן אינטע־רעסאַנט דערציילן, אַז פון שעהן ווערן מינוטן. עס קומט בר־יהודה און אַנדערע, וואָס ברענגען אַהער אַ ביסל ארץ־ישראל־לופט. עס קומען אָבער אויך אַזעלכע, וואָס וואָלטן פיל מער נוצן געבראַכט דעם ציוניזם ווען זיי קומען נישט. עס זענען דאָ ארץ־ישראל־שליחים געטרייע און איבערגעגעבענע, נאָר זייער פאַנאַטיזם, די גוזמה און מאַנגל פון חוש

הומאָר, מאַכט זיי אָפּט לעכערלעך אין די אויגן פֿון די פּליטים. אָט מוסרט אַ שליח אַ גרופּע יוגנטלעכע, פֿאַרוואָס זיי רעדן נאָר פּויליש. ער באַמיט זיך נישט צו דערוויסן, אַז אָט די יונגע זענען אַלס קינדער אױסבאַהאַלטן געוואָרן אין קלויסטערס און ביי פּאָליאַקן. אויב זיי האָבן געקענט אַ ביסל יידיש האָבן זיי תּפילה געטאָן זיי זאָלן פֿאַרגעסן די שפּראַך, זיך הלילה אין שלאָף נישט אַרויסכאַפּן מיט אַ יידיש וואָרט. יידיש האָט פֿאַר זיי באַדייט טויט. טייל שליחים ווילן די פּליטים זאָלן גלייך רעדן עברית אַזוי ווי זיי רעדן נאָך אַזוי פֿיל יאָרן זייענדיק אין ארץ־ישראל... זיי וואָלטן אויך געוואָלט די פּליטים, וועלכע זענען געווען יאָרן אונטערן שאָטן פֿון טויט, זאָלן לעבן מיטן זייערע באַגריפֿן און טראַכטן פּונקט ווי זיי. מאַקס האָט געקענט נאָר איין שליחה, אַ חברה פֿון דעם קיבוץ אין קסריה, העניאַ, וואָס האָט מיט האַרציקער פּשוטקייט, אָן פֿאַנאַטיזם, אָן גוזמה, דערציילט דער יוגנט סיי די גוטע און סיי די שאָטן־זייטן פֿון דעם לעבן פֿון ישוב און דערפֿאַר באַקומען צו זיך און צו דער קיבוצישער באַוועגונג די פֿולע סימפּאַטיע.

אין אָן אָוונט קומען צום קיבוץ גרויסע טוריסטן־אויטאָס און פֿירן אַלעמען אַוועק צום ברעג פֿון ים. דאָ אין חושך זענען פֿאַרזאַמלט הונדער־טער מענער, פֿרויען און קינדער, אַלע מיט אָן איינגעהאַלטענעם אָטעם. מען זעט גאָרנישט, מען הערט נאָר שעפּטשענדיקע באַפֿעלן. אַלץ קומט פֿאָר געהיימנישפֿול, גוט אָרגאַניזירט און שנעל. רייען נאָך רייען דער־נעענטערן זיך צום ברעג, שטייגן אַיין אין פֿאַנטאָנע שיפֿלעך, וואָס פֿירן זיי אַוועק צו אַ שיף, וואָס שטייט אַ נישט באַלויכטענע ווײַט פֿון ברעג. וווּנדערלעך־שנעל ווערט די שיף פֿאַרפֿולט מיט הונדערטער, משפּחות און מיט קיבוצישע יוגנט. דאָס שיפֿל איז צו קליין פֿאַר אַזאַ צאָל מענטשן פּרעסט מען צונויף אין גרויסן ענגשאַפֿט, נישטאָ זיך ווי אַ ריר צו טאָן. מיטן נאַכט נעמט דאָס שיפֿל זיך וויגן אויפֿן ים און די כוואַליעס שפּילן זיך מיטן שיפֿל ווי מיט אַ שפּילצייג. אַזוי שרעקלעך קליין זעט אויס דאָס שיפֿל אויף דער גרויסן ים. נעמט גלייך יעדן שטיקן אין האַלדז און עס נודיעט צום ברעכן. אויך מאַקס איז געכאַפּט אויף דער ים־קרענק. ווי אַ שיכור דערשלעפּט ער זיך קוים פֿון זיין נאַרע צום דעק אויף דעם שיפֿל. אַרום איז אַ פּרעכטיקע נאַכט, די לופֿט איז שאַרף, דער הימל אויסגעשטערנט, די לבֿנה אַ נייגעריקע קוקט צו דעם שיפֿל, וו זי ראַנגלט זיך מיט די בייזע כוואַליעס. מאַקסן נודיעט און עס מאַטערט אים די

ים־קרענק. נאָר אויף דער נשמה איז אים גוט, אַט פֿאָרט ער צו דעם לעצטן ברעג, צום ציל, און מיט אים איז רוטקע, איצט וועט קיין זאַך זיי שוין נישט שיידן, דאָרט אין דעם לאַנד וועט ער אָנהויבן אַ ניי לעבן. דאָרט וועט ער אַלץ טאָן פֿאַר רוטקעס גליק. און אַט דערזעט ער רוטקען, אויך זי איז אַרויס אײנאָטעמען פרישע ים־לופט. זי וואַקלט זיך און איז בלאַס, ווילט זיך אים אַזוי שטאַרק איר העלפֿן, ער נעמט זי אַרום, נאָר זי באַפרייט זיך פֿון זיינע הענט און קוים האַלטנדיק זיך אויף די פיס דער־שלעפּט זי זיך צו איר געלעגער. בלייבט מאַקס אויפֿן דעק פֿאַרזונקען אין אַ גליקלעכן חלום.

עס איז מיטן נאַכט, אַלץ שלאָפֿט, נאָר דאָס שיפֿל ראַנגלט זיך מיט די כוואַליעס. עס שלאָפֿט נישט דער קאַפּיטאַן — אַ יונגער ייִדישער בחור פֿון אַמעריקע, וואָס רעדט קוים ייִדיש — זיינע געהילפֿן זענען צוויי אי־טאַליענער, וועלכע פֿאַרען זיך ביי די מאַשינען. פֿאַראַן אויך אַ פֿאַר־שטייער פֿון דער „הגנה״, וואָס שטייט אין כסדרדיקער פֿאַרבינדונג מיטן לאַנד דורך אַ ראַדיאָ זענדער. מיט אים איז אַ הויכע פרוי אויך פֿון ישראל, זי רעדט ייִדיש מיט אַ בעסאַראַבישן אַקצענט און זאָרגט פֿאַר דער באַשפּייזונג, מעדיצינישער הילף און פֿאַר די קינדער.

דעם צווייטן און דריטן טאָג האָט דער ים זיך שטאַרק צעבייזערט און אין פערטן טאָג באַדראָט דער שטורעם דאָס שיפֿל, וואָס באַקומט קלעפּ פֿון די כוואַליעס, בויגט און וואַרפֿט זיך ווי אין קדחת. די גלוי־ביקע זאָגן תהילים און די קליינע מאַנשאַפֿט אַרבעט מיט דער גרעסטער אָנשטרענגונג. ערשט אין אָוונט געלונגט זיי אַריינפֿירן דאָס שיפֿל צווישן די פעלדזן פֿון דעם אינדזל ראָדוס, דאָ איבערצוּוואַרטן דעם שטורעם. פֿאַרטאָג זעט מען פֿון ווייטן די גריכן זיך פֿאַרזאַמלען אויף אַ באַזאַר. אַ גריך דערנענטערט זיך צום שיפֿל, זאָגט עפּעס, נאָר קיינער פֿאַרשטייט אים נישט. דערווייל האָט דער שטורעם זיך איינגעשטילט און ווידער גליטשט זיך דאָס שיפֿל איבער די כוואַליעס. עס איז שוין נישט ווייט צום לאַנד, וואַקסט די געשפּאַנטקייט ביי דער מאַנשאַפֿט און ביי די מפּילים. בייטאָג טאָר שוין קיינער זיך נישט באַווייזן אויפֿן דעק, ווייל דאָס אויג פֿון דער ענגלישער מאַכט וואַכט איבערן ים און היט קיין איין ייִד זאָל זיך נישט אַריינרייסן אין דעם הייליקן לאַנד. ליגט מען אין ענגשאַפֿט איבערגעדעקט מיט אַ גרויסן ברעזענט, צו מאַכן דעם איינדרוק פֿון אַ האַנדלס־שיף, וואָס פירט סחורה. נאָר ביינאַכט לאָזט מען זיך אַרויס

אויפן דעק, כאַפּן פרישע לופט. מען קוקט אויף דעם אויסגעשטערנטן הימל און מען טראַכט וועגן די נייע היים וואָס איז שוין אַזוי נאָענט.

פאַרטאָג באַווייזט זיך אויפן הימל אַן עראָפּלאַן, ער דרייט זיך נידעריק איבערן מפּילים־שיפל און פליט אַוועק. אַלעמענס הערצער ווערן אָנגעפילט מיט אומרו. גאָר שנעל שווימען אָן צוויי גרויסע ענגלישע קריגס־שיפן, נאָך פון ווייטנס פרעגט פון דאָרט אַ קול אויף ענגליש פון אַ רם־קול, וואָס מען פירט אין דעם שיפל? דער קאַפּיטאַן ענטפערט, אַז ער פירט קאַרטאָפל קיין חיפה. דאמאָלט דערהערט זיך פון דער ענגלישער שיף „לאָזט אַרויס די „קאַרטאָפל" אויפן דעק זיי זאָלן אונ־טערן ברעזענט נישט דערשטיקט ווערן". איז שוין קלאָר די ענגלענדער לאָזן זיך נישט אָפּנאַרן, פלאַטערט גלייך אויף איבערן שיפל די בלוי־ווייסע פאָן און אַ גרויסע אויפשריפט אין ענגליש: „נאָך אונדז קומען אַנדערע".ביידע גרויסע שיפן דערנענטערן זיך גאָר פאַרזיכטיק, מיט די כוואַליעס נישט צו דערטרינקען דאָס קליינע שיפל. מען זעט שוין דייטלעך די פּנימער פון די ענגלישע זעלנער, זיי שטייען קריגס־גרייט. פון דער ענגלישער שיף פרעגט מען: „ווער איז אייער קאַפּיטאַן? זאָל ער זיך באַווייזן". אַלס ענטפער ווערן אויפגעהויבן צענדליקער קינדער, אָט זיי זענען די קאַפּי־טאַנען. שטייען קעגן זיך די אומבאַוואָפנטע מפּילים און די באַוואָפנטע ענגלישע זעלנער, וואָס וואַרטן אויף אַ באַפעל. די ענגלענדער ווייסן נישט, אַז די „הגנה" האָט באַפוילן די מפּילים — צוליב דער גרויסער צאָל קינדער — נישט צו שטעלן קיין ווידערשטאַנד. שטייען זיי גרייט צום שלאַכט. מיט איינמאָל גיבן די מאַטראָזן, באַוואָפנט אין ביקסן און גומענע פּאַלקעס אַ שפּרינג אַראָפּ פון דעם הויכן דעק, אויף דעם קליינעם שיפל. פון קלאַפּ צעברעכט זיך דער דעק אונטער זייערע פיס און דאָס שיפל גיט זיך אַ בויג און הויבט אָן זינקען. ברעכן אויס די פרויען און קינדער מיט אַ שרעקלעכן געשריי, אָבער אין דער מינוט האָט עמעץ גענומען זינגען די „התקוה". קלינגט דער הימן פון האָפענונג אין אַ מעכטיקן כאָר. אויף דעם קלאַנג פון דעם הימן בלייבן די ענגלישע מאַטראָזן אינסטינקטיוו שטיין ווי פאַרגליווערט און פאַרשעמט. ערשט נאָכן ענדיקן פון דעם הימן, נעמען די ענגלענדער איבערפירן די מעפּילים אין זייערע שיפן און פירן זיי אַוועק קיין קפריסין.

אַרומגערינגלט מיט שטעכיקע דראָטן געפונען זיך דאָ אין זעקס לאַגערן טויזנטער יידן, פרויען און קינדער. אויף הויכע טורעמס שטייען

מיליטערישע וואַכן. זיי באַלייכטן ביינאַכט מיט רעפלעקטאָרן זאַן היטן קיינער זאָל פון דאַנען נישט אַנטלויפן. די געפאַנגענע לעבן דאָ אין בלעכערנע באַראַקן און אויך אין געצעלטן, טייל זיצן שוין דאָ יאָרן. די ענגלישע אַדמיניסטראַציע איז מענטשלעך. די געפאַנגענע לעבן אין פולער אויטאָנאָמיע, האָבן זייער זעלבסטפאַרוואַלטונג. עס געפינען זיך דאָ אויך שליחים פון ישראל, די „הגנה״ פירט אַן אינטענסיווע מיליטערישע צוגרייטונג פון דער יוגנט, זי שולט דאָ אויס די זעלנער פון דער צוקונפטיקער יידישער אַרמיי. דער ועד־משותף פון אַלע חלוצישע באַוועגונגען פאַרנעמט זיך מיט פאַנאַנדערטיילן אַלעמען די שפּייז, וואָס מען באַקומט פון די ענגלענדער. זיי זאָרגן פאַר קינדער שולן, פאַר ספּאָרט־פאַרמעסטונגען און רעפעראַטן פאַר דערוואַקסענע און ראַדיאָ־אודיציעס. דער גרעסטער שונא פון די געפאַנגענע איז די לאַנגווייליקייט — טוט דער ועד אַלץ אָט דעם שונא בייצוקומען און זיי געלונגט איינצוהאַלטן אַ מוסטערהאַפטע אָרדענונג. קען אָט די קליינע רעגירונג, אונטער שטעכיקע דראָטן דינען ווי אַ ביישפּיל, ווי אַזוי מען קאָן פאַרוואַלטן נישט הערשנדיק איבער קיינעם, אָן צוואַנג, אָן רייסעניש, אָן קאָאַליציעס און אָפּאָזיציעס. די פאַרשידנסטע ריכטונגען פון לינקן „השומר״ ביזן „ביתר״ אַרבעטן צווישן זיך אין פולער האַרמאָניע. קיין באַשלוס ווערט נישט אָנגעוואָרפן קיינעם מיט כוח. דעמאָקראַטיע באַדייט דאָ נישט קיין הערשאַפט פון אַ מערהייט איבער אַ מינדערהייט. באַשלוסן ווערן אָנגענומען ביי פולער פאַרשטענדיקונג, דורך צופּאַסן זיך און אַנטקעגנקומען יעדן צד און רעכענען זיך מיט יעדנס מיינונג, קיינעם נישט איבערצושטימען און קיינעמס מיינונג נישט פאַרגוואַלדיקן. האָט מאַקס געטרוימט, אַז אויך די יידישע היים וועט דינען אַ ביישפּיל ווי מען קען פאַרוואַלטן איבער אַ לאַנד און נישט הערשן און אונטערדרוקן.

אויף מאַקסן איז אויסגעפאַלן צו ווערן דער „מרכז״ אין דעם לאַגער ווי עס האָט זיך געפונען זיין גרופּע. קומט אים אויס אָפט צו באַזוכן דעם ענגלישן מעידזשער. ער וויזט מאַקסן זיינע פולע קאַסטענעס מיט מתנות, וואָס ער האָט באַקומען אין עגיפּטן און פּאַלעסטינע אין משך פון זיין דינסט פאַר דער אימפּעריע, די וועגט ביי אים זענען באַהאָנגען מיט אַ סך בילדלעך פון נאַקעטע פרויען, אויסגעשניטן פון פאַרשידענע זשורנאַלן. ער איז פון פאַך אַן אַרכיטעקט, ווייל ער פון זיין פאַך־שטאַנדפּונקט איבערצייגן מאַקסן, אַז יידן האָבן אין ארץ ישראל מיט זייער

טעכניק, מיט זייער בויען אין אייראָפּעישן סטיל, צעשטערט דעם פּאַלעסטינער מזרח־סטיל. ער האַלט, אַז די אַראַבישע הייזלעך זייערע קעמלען, אייזלען און פּרימיטיוו לעבן איז מער פּאַסיק פאַרן פּאַלעסטינער לאַנדשאַפט. מיט מאַקסן איז ער אין גאַר פריינדלעכע באַציונגען, ווייל מאַקס פאַרגעסט קיינמאָל נישט צו ברענגען אים אַ מתנה ווײַן אָדער קאָניאַק. דערפאַר דערלויבט ער מאַקסן אַרויסצוטראָגן פון זיין קאַנצעלאַריע די ביכער מיט די נעמען פון די געפאַנגענע און מאַכן דאָרט ענדערונגען פון די יאָרן, ווייל עלטערע ווי אויך גאָר יונגע ווערן באַפרייט פון די לאַגערן און איבער־געפירט אין לאַנד אַריין. קפריסין איז פאַר די פּליטים דער לעצטער עטאַפּ אין זייער לאַנגן וואַנדערוועג. די שוועל צום לאַנד פון זייער היים. לעבט מען שוין דאָ מיט אַלע געשעענישן פון „דאָרט" און מען ווערט מיט „דאָרט" אין גאַנצן געבונדן.

רוטקע ווערט צוזאַמען מיט אַנדערע מוטערס פון קליינע קינדער אָפּגעשיקט אין לאַנד אַריין צוזאַמען מיט איר מוטער און טעכטערל. בלייבט אין מאַקסנס האַרץ אַ טיפע פּוסטקייט. כאָטש ער ווייסט, אַז די צעשיידונג איז אַ קורצע, באַלד וועט ער אויך דאָרט אָהינקומען. דאָך בענקט זיך צו איר אַזוי שטאַרק. כאָטש זי האָט זיך געהאַלטן פון אים פונדערווייטנס, דאָך איז זי אים אַזוי נאָענט און ער פילט, אַז אָן איר איז זיין לעבן פּוסט און גרוי. פיבערט ער מיט אַלץ, וואָס דאָרטן אין לאַנד און ער וויל וואָס שנעלער דאָרט זיין. גלייך נאָך איר אָפּפאָרן קומען פון ישראל די ערשטע גרוסן פון מלחמה. די ענגלענדער פאַרלאָזן דאָס לאַנד און לאָזן איבער אַ לאַגע פון הפקר. די אַראַבער באַפאַלן דעם יידישן ישוב מיטן איינציקן ציל צו טרייבן די יידן אין ים אַריין. נאָר דאָרט געשעט דער נס. די יידישע יוגנט, כאָטש שלעכט באַוואָפנטע, פאַרטרייבט די אַנ־פאַלער. זיי באַפרייען חיפה. די באַוואָפנטע אַראַבישע אַרמייען באַקומען די ערשטע קלעפּ און אין בלוט פון יונגע־לעבנס ווערט געבוירן די יידישע מדינה.

די היים

א

שטיל שווימט אַריין פאַרטאָג די שיף אין דעם פּאָרט פון חיפה. די נאָך־פאַרשלאָפענע אויגן ווערן פאַרכאַפּט מיטן בילד פון אַ שטאָט, וואָס כישופט אַראָפּ פון די בערג. די שיף פאַראַנקערט און די מפּילים ווישן אויס די פאַרשלאָפענע אויגן און זען שוין דייטלעך אַ גאַס. אין פּאָרט דרייען זיך אַרום נאָר איינציקע מענטשן און קוקן גלייכגילטיק צו דער שיף. נאָר די געקומענע קענען נישט בלייבן גלייכגילטיק און ספּאָנטאַניש רייסן זיך פון זיי אַרויס די טענער פון „התיקוה“. עס קומען אָן די סוכנות באַאַמטע מיט טעקעס און אַ סך פּאַפּירן און פאַרשרייבן אַלעמענס נעמען און יאָרן. אָבער די נייע קוקן נייגעריק אויף אַ יידישן מיליציאָנער, אַ יידישן זעלנער. נאָר מען לאָזט זיי לאַנג נישט גאַפּיען. מען רופט שנעל איינשטייגן אין גרויסע אויטאָס, וואָס פירן זיי אַוועק אין דעם בית־עולים קיין נתניה. דאָ ביים ערשטן פרישטיק באַקומט מען די ערשטע ידיעות פון דער לאַגע אין לאַנד. אויף די פראָנטן איז אַ פייער־איבעררייס, אָבער יעדער ווייסט, אַז די מלחמה קען יעדע מינוט זיך באַנייען, דאָך שרעקט עס קיינעם נישט. נישטאָ קיין פּחד, קיין בהולה. מענטשן שפּאַנען שטאָלץ מיט אויפגעהויבענע קעפּ, מיט האָפענונג און גלויבן. אויך די, וואָס דאַרפן פון דעם בית עולים גלייך אַוועק אין דער אַרמיי, זענען מאָדנע רואיק.

שוין אין קפריסין האָט מאַקס געוווּסט, אַז זיין קיבוץ איז באַשטימט צו גיין אויפן נגב. באַשליסט מאַקס מיט רייזלען דאָס ערשט באַזוכן רוטקען אין תל־אביב. איר אַדרעס האָבן זיי אַ דאַנק דעם איינציקן קורצן בריוול, וואָס זי האָט געשיקט קיין קפריסין. שפּאַנען שוין ביידע איבער דער ערשטער יידישער שטאָט. מענטשן גייען דאָ געמיטלעך, אַנ־דערע איילן ערגעץ. די שטאָט פאַרמאָגט נישט קיין שום אייגנאַרטיקייט. קיין שום סטיל נאָר עפּעס אַן איינגענעמע היימישקייט. פריילעכע קינדער פילן אָן די גאַסן, מען טרעפט אויך יוגנט אין האַקי־מונדירן, געקומענע פון די פראָנטן זיך זען מיט די נאָענטסטע און גלייך צוריק אַוועק אַהין. דאָס גרעסטע רייכטום פון תל אביב איז דער ים. ביים ברעג באָדן זיך דערוואַקסענע און קינדער. אין ים ביים ברעג שטייט איבערגעבויגן די דערטרינקענע שיף „אַלטאַלענאַ". זי האָט דאָ אַהערגעבראַכט נייע עולים און געווער. איז אַרום דער שיף אויסגעבראָכן פּאַרטייאישע אינטריגעס אומזיסטע שינאה און אומזיניקע פּאַרטיי געראַנגל.

אין אָוונט קומען ביידע אָן צו רוטקען. די משפּחה וווינט אין באַראַקן פאַר עולים אין צפון פון דער שטאָט. מאַקסן קלאַפּט דאָס האַרץ דערזעענ־דיק זיין געליבטסטע, נאָר ער מוז אין זיך דערשטיקן די געפילן, וואָס גליען אין זיין האַרץ. רוטקע פרייט זיך שטאַרק מיט רייזלען. ביידע האָבן זיך אַ סך צו דערציילן. בלייבט מאַקסן זיך צו פאַרנעמען מיט דער קליינער פאַניען. פון רוטקעס מוטער דערוויסט ער זיך וועגן זייער לעבן; רוטקע אַרבעט אין אַ שאָקאָלאַד־פאַבריק אין רמת־גן. זי, די נעכטיקע לערע־רין האָט ליב קינדער און בענקט שטאַרק צו איר פאַך, זי האָט אָבער קיין שום אויסזיכטן צו ווערן דאָ אַ לערערין, ווייל ווי קען זי אַזוי גרינטלעך אויסלערנען עברית, זי זאָל קענען לערנען אַנדערע? איז רוטקע טרויעריק, זי רעדט ווייניק וועגן זיך, זי פאַרשווייגט וועגן נישט איינגענמלעכקייטן ביי דער אַרבעט און וועגן קליינעם פאַרדינסט. זי איז באַזאָרגט וועגן רייזלען, וואָס פאָרט אַוועק אין ווייטן פוסטן נגב, צום פראָנט ביי אַ שוואַכן געזונט־צושטאַנד. אָבער מאַקס טראַכט וועגן רוטקען. ער ווייסט, אַז זי דאַרף דאָ בלייבן, דאָ איבערוואַרטן דעם שטורעם, דער־נאָך וועט ער זי ברענגען אַהין אין קיבוץ, ווייטער צו קענען זיין לעבן איר, קוקן אין איר ליכטיק פּנים, און אין אירע וואַרעמע אויגן.

דער קיבוץ געפינט זיך אויף אַ הויכקייט אַרומגערינגלט מיט פוס־טער ערד, ווילד־גראָז, און נאַקעטע, פאַרדאַרטע ביימער, אַ זכר פון אַן

אָפּגעשטאָרבענעם פּרדס. איינגעהילט אין פּרימאָרגן־נעפּל שטייט אויף דער קיבוץ פון שלאָף, עס גרייט זיך אַ חמסין־טאָג. פון די הילצערנע צריפים קומען אַרויס יונגע מענטשן איילנדיק צום חדר אוכל. זיי עסן שנעל אָפּ דעם פרישטיק און יעדער לאָזט זיך אַוועק צו זיין אַרבעט. פון הונדערט און צוואַנציק יוגנטלעכע, וואָס מאַקס האָט געברענגט אין לאַנד, זענען נאָר זעכציק אין קיבוץ. די אַנדערע זענען גלייך פון דער שיף אַוועק צום פראָנט. פון די ותיקים איז אויך נישטאָ מער ווי זעכציק מאַן, זייערע פרויען מיט די קליינע קינדער געפינען זיך — צוליב דער נאָענטקייט פון פראָנט — אין דער שטאָט. די וויכטיקסטע אַרבעט אין קיבוץ איז איצט — גראָבן בונקערס. דער קיבוץ איז אַ יונגער און פאַרמאָגט נישט מער ווי אַ פּאָר קי, צוויי קעלבלעך, צוויי טראַקטאָרן, אַ מעכאַנישן וואַרשטאַט, אַ קליינע סטאָלעריי און אַ גרינס־גאָרטן. זיי פאַרמאָגן, צום פאַרטיידיקן זיך, זיבעצן ביקסן און אַכט סטענען. לעבן קיבוץ איז דאָ אַ מחנה פון פלמ״ח. עטלעכע הונדערט בחורים פון לאַנד זענען דאָ צוזאַמען מיט יוגנט פון אַנדערע לענדער וואָס זענען אַהערגעקו־מען דאָ קעמפן פאַר אַ יידישער מדינה. אַ גאַנצן טאָג שלאָפן זיי אין די געצעלטן און ביינאַכט אין דער פינצטער לאָזן זיי זיך אַרויס איבער דער וויסטעניש. עס דויערט נאָך דער פייער־איבעררייס, די אַראַבישע אַרמייען שטייער אָבער גרייט צו אַ נייעם אָנגריף. דער קיבוץ איז אַרומגערינגלט מיט שטעכיקע דראָטן און מינירטע פעלדער. נישט ווייט איז דער שונא, וואָס קען יעדע מינוט באַפאַלן דעם קיבוץ, אָבער דאָ גייט דאָס לעבן מיט איר גאַנג, מיט איר פּראָבלעמען. עס זענען דאָ צוויי מחנות, אַלטע און נייע, די נייע נאָך נישט פאַרוואָרצלט, פילן זיך פרעמד, ווער ווייסט, וואָס עס טיילט זיי מער, צי דאָס וואָס די נייע קענען נאָך נישט קיין עברית, אָדער וואָס די אַלטע האַלטן זיך פאַר יחסנים? רעדט מען אין צוויי שפּראַכן, מען לעבט מיט די זעלבע געשעענישן, מען שפּינט די זעלבע חלומות וועגן אַ פרייע, גליקלעכע היים, וועגן אַ בליענדיקן קיבוץ. די, וואָס זענען געקומען מיט מאַקסן זענען נישט געוווינט צו צעטיילן זיך אויף מיוחסדיקע און צווייטראַנגיקע. זיי האָבן אויף די וואַנדער־וועגן גע־לעבט ווי איין משפּחה.

אויך ביי די ותיקים זענען דאָ אומצופרידענע, טייל פון זיי האָבן פאַרלאָזט פאַרמעלעכע היימען, אַ שטאָטיש באַקוועם לעבן און געקומען אַהער צווישן אייביקע ווינטן פירן מלחמה מיטן גרויען מדבר. מיינען

אַ טייל, אַז זיי האָבן שוין אָפּגעטאָן זייער חלוצישן חוב און ווינקען צוריק צו דער שטאָט, צו אַ קאַלטער גלאָז זיסן גאַז־וואַסער. עס פעלן אָבער נישט קיין עקשנותדיקע, געטרייען, וואָס פילן אויף זיך דעם חוב דאָ אין מיטן מדבר אויפצושטעלן אַ בליענדיקן ישוב, אַן אָאַזיס פון גלייכ־הייט, אַ קאָלעקטיוון אינדזל אין מיטן פון קאַפּיטאַליסטישן ים. דאָס, וואָס גרויסע דענקער און קעמפער איז נישט געלונגען, דאָס, וואָס בלוטיקע רעוואָלוציעס האָבן נישט דערגרייכט, ווילן זיי פאַרווירקלעכן דורך זייער אַרבעט און עקשנות. מיט אַ באַשיידן לעבן, אָן געיעג נאָך אייגנטום און קאַריערע שאַפן זיי אַ נייעם לעבנס־סטיל, אַ נייעם טיפּ מענטש. נאָר כאַראַקטער, מיינונגען און חלומות קענען זיי נישט קאָלעקטיוויזירן, דער פרייער געדאַנק איז דאָס איינציקע פּריוואַט־אייגנטום פון יעדן באַזונדער. עס פאַראייניקט זיי דער גלויבן, אַז זיי טוען אַ נוצלעכע אַרבעט. אין נאָמען פון דעם נייעם לעבן, זענען זיי גרייט אויפצורייסן אונטער זיך אַלע בריקן. איבערלאָזן אונטער זיך די טויזנט יעריקע „גלות־קולטור״. זיי האַסן דעם גלות און ווילן אַריבערשפּרינגען אַלע גלות־תקופות, פון תנ״ך ביז דער צווייטער און דריטער עליה. זיי ווילן אָנהייבן אַ נייעם בראשית.

מאַקס אַרבעט אין דער סטאָלעריי ביים קיבוץ. די אַלע, וואָס ער האָט געעברענגט מיט זיך אַרבעטן ביי פאַרשידענע אַרבעטן. די בחורות אין קיך און אין גרינס־גאָרטן. די בחורים ביי ביצורים, ביי שמירה. נאָר רייזל אַרבעט נישט, זי איז קראַנק. שוין לאַנג מאַטערט איר די קרענק, זי איז אָבער קיינמאָל נישט געווען צעפּיעשטשעט און נישט ליב געהאַט זיך צו קלאָגן. זי האָט העלדיש דורכגעטראָגן די וויטיקן אויף די וואַנ־דער וועגן, אָבער איצט איז זי צו שוואַך צו קעמפן מיט דער קרענק. אין קיבוץ איז נישט לייכט צו ברענגען אַ דאָקטער, פאַרט מאַקס מיט איר קיין גדרה צום דאָקטער. ער פאַרשרייבט איר אַ מעדיצין וואָס העלפט אָבער גאָר ווייניק. האָט מאַקס רחמנות אויף רייזלען, וועלכע האָט אַזוי געטריי אים באַגלייט אין די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן, ער בענקט אָבער ביז וויטיק צו רוטקען און חלומט איר צו ברענגען אין קיבוץ מיט איר משפחה, זי זאָל מער נישט זיין עלנט, און ער זאָל קאָנען עטעמען מיט איר נאָענטקייט. איז דאָס האַרץ מאַקס׳ צעריסן אין צווייען, וואָלט רייזל געווען אַ שלעכטע, וואָלט ער געקאָנט מיט איר זיך קריגן. וואָלט דאָס האַרץ זיינס נישט אַזוי פיל געוויטיקט פאַר רייזלען. אים טוט וויי, וואָס

ער קען איר נישט ליב האָבן, פאַרוואָס זי קען קיין אָרט אין זיין האַרץ נישט געפינען, כאָטש זי איז אין דעם גאַרנישט שולדיק. און ווער ווייסט אפשר איז מאַקס אויך גאַרנישט שולדיק, וואָס אים ציט אַזוי שטאַרק צו רותקען, וואָס זי האָט זיין גאַנץ האַרץ פאַרנומען און עס איז דאָרט נישטאָ מער קיין אָרט פאַר רייזלען?

אין אַן אויסגעשטערנטער נאַכט רוקט זיך אַ לאַנגע שורה פון מיליטערישע אויטאָס און דזשיפּן איבער דער ווּיסטע פון נגב. זיי גייען דורך דעם קיבוץ און שוין פון ווייטן דערהערט זיך אין מיטן נאַכט אַ געדיכטע שיסעריי. דאָס האָב די מצרישע זעלנער געעפנט אויף זיי אַ פייער און דערמיט איבערגעריסן די הפוגה. ווידער גיסט זיך בלוט אויף די פראָנטן. די מענער פון קיבוץ שטייען גרייט מיט די ביקסן און סטענעס אין די הענט. די שכנותדיקע מחנה פון פלמ״ח איז אויסגעליידיקט, די געצעלטן פוסט. אַ גאַנצע נאַכט בליצן ראַקעטעס באַגלייט מיט דונערן פון אויפרייסן. פאַרטאָג ווייסט מען שוין, אַז אונדזערע בחורים טרייבן די מצרים, אָבער קיינער ווייסט נישט וויפל יונגע לעבנס ווערן פאַרלאָשן אין שטילן מדבר. צוזאַמען מיטן טאָג וואַקסט די אָנגרייפערישקייט פון שונא. זיי באָמבאַרדירן דעם קיבוץ נגבה, גת און כפר מנחם. דאָ אין קיבוץ גייט דאָס לעבן מיט איר טאָג־טעגלעכן גאַנג, מיט אירע קליינע געשעענישן. עס געשעט אַ פאַנטשער אין טראַקטאָר, אַ נייִ קעלבל איז געבוירן. אַ נייִ פּאָרל איז אַוועק ווינען צוזאַמען. — צילע פון אונגאַרן מיט שמעון דער טראַקטאָריסט. דאָס איז דער ערשטער זיווג צווישן אַ נייע מיט אַ ותיק. מזל פון טוניס האָט די ערשטע פון אַלע נייע אָנגעהויבן רעדן עברית, שרהלע חברט זיך גאָר שטאַרק מיט מירון, וועלכער האָט געענדיקט דעם ירושלימער אוניווערסיטעט. ער כאַפּט זיך נאָר צו דער אַרבעט מיט דער טוריה. ער האָט אַ גאַנצע טעאָריע וועגן פיזישע אַרבעט. נאַטאַשאַ די רוסישע פון טשעלאַבינסק אַרבעט אויך דאָ אין קיך און איר פּיוּול לערנט זיך זיין אַ טראַקטאָריסט. פון די פראָנטן קומען אָפּט בחורים אויף קורצע אורלויבן. זיי קומען צו מאַכן ווי צו אַ פאָטער און צו די חברים. נאָר מאָטל וועט מער נישט קומען... אין קיבוץ איז אָנגעקומען אַ קורצע מעלדונג וועגן זיין טויט. דער, וואָס איז פון די געציילטע אַרויס אַ לעבעדיקער פון טרעבלינקע, האָט אויף די שלאַכט־פעלדער פון נגב פאַרלוירן זיין יונג לעבן.

אין מקלחת ביים באָדן זיך רעדן די בחורים פון קיבוץ, וועגן די

פראַנטן, וועגן טראַקטאָרן ,פלחה, ביי די בחורות אין מקלחת פירן זיך גאָר אַנדערע שמועסן. אסתרקה פאַרזיכערט דאָ אירע חברטעס אַז שרהקע איז אַנטלאָפן פון קיבוץ, ווייל זי האָט געוואָלט האָבן אַן אייגענעם אייז־קאַסטן און אַ בחור פאַר זיך אַליין. אַז אסתרקע פאַרלאָזט דעם מקלחת, רעדן שוין די אַנדערע וועגן איר. איינע זאָגט, „איך ווייס נישט וואָס די בחורים זען דאָס איר איר? זי האָט דאָך גאָרנישט קיין שיינע פיס און צו קליינע ברוסטן".

ב

אין מיטן געבורט פון אַ לאַנד, ווען אַ פאָלק שטייט אויף צום לעבן, אויסצוקעמפן דורך פייער און בלוט אַ שטיקל ערד אונטער די פיס און אַ שטיקל אייגענעם הימל פאַר חלומות. אין מיטן פון די שטורמישע טעג באַוויזט זיך אויך גוץ אין דעם לאַנד. נאָך דעם, ווי ער האָט זיין יוגנט אָפּגעגעבן פאַרן קאָמוניזם, געווען אין ראַטן־פאַרבאַנד, אין כינע, גע־קעמפט אין שפּאַניע און צום לעצט מיט די פראַנצויזישע „בערג־יינגלעך" מיט שפּאַניער און יידן געקעמפט אין פראַנקרייך קעגן די היטלער־אַרמיי. אויך ער, האָט ווי זיין ברודער יעקב, זיגרייך אַריינמאַרשירט קיין דייטש־לאַנד, נאָר פון מערב־זייט, ביידע ברודער האָבן גאָרנישט געוווסט איינער פון צווייטן. אין דייטשלאַנד דערוווסט זיך גוץ וועגן גאַנצן גרויל פון דעם יידישן חורבן און ער נעמט אָרגאַניזירן די רעשטלעך געראַטעוועטע פון די טויט־לאַגערן. ער טרעפט זיך מיט די בחורים פון דער ארץ ישראל בריגאַדע, און נעמט אַקטיוו מיטאַרבעטן אין דער „בריחה". און ווי נאָר עס צעפלאַקערט זיך די באַפרייאונגס־מלחמה איז ער שוין ווידער אַ זעל־נער, נאָר אין דער ניי־געבוירענער ישראל־אַרמיי.

איז ווידער פאַר גוצן טעג פון מלחמה. די אויטאָס פירן אים מיט אַנדערע זעלנער אַלץ מער קיין דרום. ווערט די לאַנדשאַפט אַלץ אָרעמער, אַלץ זעלטענער זענען פרדסים און זעלטענער אַ ישוב. צווישן פוסטקייט איז ערגעץ אַן אַראַביש פאַרלאָזטער דאָרף אַרומגרינגלט מיט אָפּגעדאַרטע ביימער, מיט קאַקטוס־ און סאַברע־קוסטעס. ווערט היימ־

לעכער אויף דעם געמיט ווען אויפן האָריזאָנט צייכנט זיך קאָנטורן פון אַ וואַסער־טורעם, דאָס איז אַ סימן פון אַ קיבוץ. פאַרן די אויטאָס אַריין צווישן הילצערנע צריפים. דער קיבוץ איז גאָר אַנדערש פון אַלע אַנדערע דערפער אין וועלט. די פויערים זענען דאָ גאָר אינטעליגענטן אין ברילן מיט טוריהס אין די הענט. די יונגע פויערטעס איז קורצע הייזלעך מיט נאַקעטע לידקעס, זענען מער ענדלעך צו דאַטשניקעס אויף ערגעץ אַ פּליאַזשע. שושנה האָט אַמאָל אין וואַרשעווער „השומר" גע־טרוימט צו לעבן אין אַ קיבוץ. צו לעבט נאָך שושנה? אָדער זי איז אומ־געקומען אין די גאַז־קאַמערן? וויפל פּרעכטיקע שושנהס זענען דאָרטן אומגעקומען? האָבן דאָ אַרומגרינגלט מיט מדבר באַשלאָסן אַנדערע שו־שנהס אַנצוהויבן בויען אַ ניי לעבן. און אפשר וועט דאָ אויך גוט געפונען אַ שושנה? עס איז נאָך אָבער אין מיטן פון שטורעם, נאָך נישט געקומען די צייט אויף ליבע... וואַרפט גוט צוזאַמען מיט די אַנדערע זעלנער — אַראָפּ פון די אַקסלען די ביקסן, טרינקען זיך אָן מיט קאַלטע וואַסער, וואָס שמעקט אַזוי גוט נאָך אַ הייסן המסין־טאָג. לייגט מען זיך דערנאָך אויף דער ערד אונטער צריפים און מען שלאָפט איין אין זיסע חלומות. אָבער גוט קאָן נישט שלאָפן, ער איז באַרוישט פון די איינדרוקן. פאַר זיין מוח לויפט דורך זיין גאַנצע פאַרגאַנגענהייט: שטורמישע טעג, חלומות, קאַמפן, זיגן און אַנטוישונגען. איצט האָט דער גורל אים פאַר־וואַרפן אויף אַ נייעם פראָנט, אַנגעצונדן מיט אַ נייעם גלויבן, באַדויערט ער גאַרנישט פון דעם, וואָס ער האָט אַדורכגעמאַכט אין זיין לעבן. וואָס ער האָט געטאָן איז געווען מיט ערלעכקייט און גלויבן, און ריין איז זיין געוויסן. אויב ער האָט געקעמפט פאַרן קאָמוניזם איז עס נישט דער קאָמוניזם פון ביוראָקראַטיזירטע נאַטשאַלניקעס. און אויב ער קעמפט איצט פאַר אַ יידישע היים איז עס נישט פאַר קרעמישע מענ־טשעלעך וואָס שפּעקולירן מיט סאָציאַליזם און מיט מגרשים. אויב דאַרף בליען אַמאָל אַ לעבן אויף אָט דער אַרעמער ערד, אָן וואַסער און אָן אוצרות, קאָן עס געשענען נאָר, ווען עס וועט געשעפּט ווערן פון די אוצ־רות פון יענעם קוואַל פון אידעישקייט און געטריישאַפט, וואָס עס האָט פאַרמאָגט יענע יידישע יוגנט, וועלכע איז אַזוי טראַגיש אומגעקומען אין די געטאָס. און פון דער יוגנט, וואָס קעמפט איצט דאָ אין די מדברות.

דערווייל באַצאָלט דער ישוב טייער פאַר יעדן זיג איבערן שונא. עס פאַלן די בעסטע פון איר יוגנט. נאָך דעם בלוטיקן מבול, אין וועלכן עס

איז דערטרונקען דאָס פּאָלק דאָרט, גיסט זיך דאָ ווייטער דאָס בלוט פון דער יידישער יוגנט. און דאָס אומגליקלעכע פאָלק איז נישט באַשערט קיין שלום און קיין מנוחה.

פאַרטאָג וועקט אויף דער רעש פון די אויטאָס די זעלנער פון שלאָף. שנעל זיך אָפּגעפּרישט מיט וואַסער, אָפּגעגעסן דעם פרישטיק, פירן זיי די אויטאָס אַוועק איבער פעלדער איינגעהילטע אין פרימאָרגן־נעפּל. ערגעץ ווו בלייבן די אויטאָס שטיין, עס פאַלן באַפעלן, זעלנער שפּרינגען נער־וועז אַראָפּ פון די אויטאָס און צעשפּרייטן זיך איבער דעם ברייטן פעלד. יעדער באַמיט זיך וואָס טיפער צו פאַרקאָפּען, מען זוכט אַ בערגל, אַ גריבל זיך צו שיצן. ביסלעכווייז פאַרשווינדט דער נעפּל און עס הויבן אָן פליען איבערן קאָפּ די קוילן. די זון נעמט ברייען, דער זאַמד ווערט הייס, הייס ווערט די לופט, עס שטעכן די דערנער און געדיכטער פליען די קוילן, גראָבט מען זיך איין אַלץ טיפער. אָט האָט אַ קויל ווען געטראָפן, עמעצער נעמט צו די פאַרוווּנדעטע און די קוילן פייפן אַלץ מיט זייער רעש אין דער לופטן. גוף ליגט פאַרקאָפּעט אין דער ערד. אַרום איז אַ גרויסע פיינלעכקייט, פאַרצווייפלט איז די ווינסטעניש, מיט האָפענונגס־לאָזיקייט און טויט, אין מוח איז אים שווער ווי בליי. דאָס סווישטשען פון די קוילן איז אויסגעמישט מיט מענטשלעכע געשרייען ווי דער לעצטער עכאָ פון פאַרלאָשענע לעבנס. ווי אַן אייביקייט ציט זיך דער טאָג אונטער קוילן. אין אָוונט קומט אַ באַפעל — „קדימה!“. די הוראַ געשרייען פאַר־הילכן דעם מדבר. דער ווילן צו זיגן טרייבט אַלעמען פאָרויס. אַזוי דוכט זיך גוצן איז עס געווען אין אָנהויב אין שפּאַניע. אויך דאָרטן איז נישט געווען קיין אונטערשיד פון ראַנגעס, דאָ לויפן די אָפיצירן פאָרויס. מען לויפט אין דער נאַכט. מען זעט נישט ווער עס פאַלט, מען הערט נאָר דעם קרעכץ ווער עס שעפּטשעט: „חבר נעם צו מיין ביקס, איך קאָן נישט מער“ און דאָס קול ווערט פאַרשטיקט. אַ גאַנצע נאַכט דויערט די שלאַכט, די מצרים זענען ווייט פאַרטריבן געוואָרן. קריכט אַרויס די זון, דערזעט מען זיך אויף אַנדערע פעלדער. ווידער צערוקט זיך דער נעפּל, ווידער גראָבט מען זיך איין אין דער ערד און איבערן קאָפּ סווישטשען די קוילן. אַרום איז אַ גרויער לאַנדשאַפט, נאָר אויף די האָריזאָנטן זעט מען אַ וואַ־סער־טורעם פון אַ ישוב. לעבן גוצן זענען זיינע שלאַכט־חברים; עליאשא פון דניעפּראָפּעטראָווסק, ער האָט ערגעץ אין נידערשלעזיע אויסגעטאָן זיין רויטאַרמייאישן מונדיר און מיט אַ קיבוץ געוואַנדערט **איבער דייטש־**

לאַנד, עסטרייך, איטאַליע און מיט אַן אומלעגאַלער שיף געקומען אַהער, און נאָך איצט שעלט ער אַלץ אויף רוסיש. דער שטילער משהלע איז פון פוילן, קען, דוכט זיך, נישט טשעפּען קיין פליג אויף דער וואַנט, אָבער אין שלאַכט איז ער דרייסט. דזשעק פון יאָהאַנעסבורג רעדט יידיש מיט אַן ענגלישן אַקצענט. זיינע עלטערן האָבן אים נישט געלאָזט פאָרן, ער איז פּשוט אַנטלאָפן און געקומען אַהער. ער זאָגט, אַז נאָך דער מלחמה וועט ער זיך צוריקקערן אַ היים, אין דרום־אַפריקע, זאָגט ער, איז נישטאָ קיין אַנטיסעמיטיזם דאָרט האָט מען פיינט די נעגער. אפשר דערפאַר שטייען זיי נישט קיין שנאה צו די יידן? עובד איז אַ געבוירענער פון ירושלים, זיינע עלטערן זענען פון תימן. ער קאָן גוט יידיש און זינגט מאַנגערס לידער. ער איז דער איבערזעצער און פאַרבינדלער צווישן יידן פון פוילן מיט יידן פון מאַראָקאָ. די ערשטע עברית ווערטער, וואָס יעדער נייער לערנט דאָ אויס איז „סבלנות״ און „יהי טוב״ נאָר אין שלאַכט עקזיסטירט איין שפּראַך, דער ווילן צום זיגן. אויף דעם פראָנט איז אויך נישטאָ קיין פּראָטעקציע, פאַרן טויט זענען די ספרדים, די זעלבע יחסנים ווי די אַכשנזער.

ציען זיך הייסע טעג פון שלאַכטן. פון סוויִשטשען פון קוילן און „הוראַ״־געשרייען. יעדן טאָג פאַלן נייע לעבנס. נאָר וואָס געלעבט, געשלאַכט, געוויצלט זיך, געחלומט וועגן מאָרגן און איז שוין מער נישטאָ. אַנדערע הויבן אויף זיין ביקס און לויפן ווייטער. אין שלאַכט פאַלט אויך גוץ. עמיץ וויל אים אויפהויבן. נאָר ער שעפּטשעט קוים אויס: „אַ שאָד חבר דייך מי. איך האָב געענדיקט. קעמפט ווייטער און זיגט!״.

ג

די מלחמה איז געענדיקט אָבער די זון פון גליק שיינט נאָך נישט. ווייזלען איז געוואָרן פיל ערגער, דער דאָקטער האָט באַפוילן זי גלייך אַפּצופירן אין שפּיטאָל קיין רחובות. דאָ באַשליסן די דאָקטוירים איר מאַכן אַן אָפּעראַציע, דאָס איז די איינציקע רעטונג. נאָך דער אָפּע־ראַציע איז איר בעסער, זי איז ביים באַוווסטזיין, זי שמייכלט אפילו

צו מאַקסן און צו פריידלען. אויך רוטקע איז געקומען אין שפּיטאָל, גלייך ווי זי האָט נאָר באַקומען פון מאַקסן אַ קורץ בריוול וועגן רייזלס קראַנק־הייט. דעם שפּיטאָל פאַרלאָזט זי אַ טרויעריקע מיט פייכטע אויגן. אויך פריידל איז צוריקגעפאָרן אין קיבוץ, נאָר מאַקס איז געבליבן נעכטיקן אין רחובות, כדי גלייך אין דער פרי צו זיין אין שפּיטאָל. צומאָרגנס טרעפט מאַקס ביי רייזלס בעט אַ קראַנקן־שוועסטער שטיין טרויעריק און ערנסט. דערזעענדיק מאַקסן, דעקט זי איבער רייזלס פּנים מיט אַ ווייס ליילעך. אין דער ערשטער מינוט, כאַפּט זיך נישט מאַקס, אַז זי איז טויט. דער געדאַנק וועגן איר טויט איז אים בכלל נישט געקומען אויפן זין. ער האָט זיך נישט פאָרגעשטעלט, אַז דאָס קען געשען. אָבער באַלד ווערט אים קלאָר דער שרעקלעכער אמת און אַ שטאַרקער ווייטיק פילט אָן זיין האַרץ. רייזל איז אים קיינמאָל נישט געווען קיין געליבטע, זי איז אים געווען אַ געטרייע פריינדין, איצט איז זי מער נישטאָ, איר קערפּער ליגט אומבאַוועגלעך און שטום. שפּעטער קומט פריידל, זי טרעפט שוין נישט איר מאַמען ביים לעבן. עס קומען חברים פון קיבוץ. רייזל ליגט שוין אין טויטן־שטיבל מיט אָפענע אויגן, מיט אַ שמייכל אויף די ליפּן. צו דער לויה קומט אויך רוטקע, נאָר מאַקס מיידט אויס צו טרעפן זיך מיט אירע אויגן, עו טראַכט גאָרנישט, ווי ער וואָלט געווען פאַרזונקען אין אַ ליידיקער פּוסטקייט.

אין קיבוץ פילט זיך מאַקס איינזאַם און פרעמד. פריידל האָט ביי איר מוטערס טויט ווירדיק געהערשט איבער איר טרויער, איצט זונ־דערט זי זיך אָפּ, ווי זי וואָלט מיט קיינעם נישט וועלן זיך טיילן מיט איר טרויער. די יוגנט וואָס מאַקס האָט געפיר! איבער לענדער און גרענעצן און געברענגט אין קיבוץ, וואָרצלען זיך דאָ איין. ער איז זיי מער נישט נייטיק, ווי אויף די וואַנדער־וועגן. פילט זיך מאַקס אַ באַפרייטער פון יעדער פליכט לגבי זיי. בלייבט אים נאָר צו זאָרגן פאַר פריידלען, און כאָטש ער געפינט זיך אין טרויער נאָך רייזלען, פאַרגעסט ער נישט אין רוטקען.

רייזלס טויט האָט קיין זאַך נישט געענדעוט אין דעם אָרום, נאָך אַ קליינעם קרעכץ האָט יעדער אין איר פאַרגעו ן. נאָר פריידל טרויערט אַלץ, און ער, מאַקס, פילט זיך שולדיק, פאַרוואָס ער האָט זי נישט געקאָנט ליב האָבן. אין קיבוץ פליסט ווייטער דאָס לעבן מיט אירע קליינע געשעענישן. עס רוישט ווי פריער דער טראַקטאָר, אין מקלחת

די זעלבע ויכוחים און רכילות. ביי אסתרקען איז אַ „קומזיץ״. איר איז פריילעך. איר חברטע תמרס בחור איז געקומען אויף חופש פון דער אַרמיי, איז אסתרקע נישט אַוועק צו דער אַרבעט, זי האָט געזאָגט, אַז דער קאָפּ טוט איר וויי. תמר איז אָבער נישט נאַיוו זי זאָל נישט וויסן, וואָס עס קומט פאָר צווישן אסתרקען מיט איר בחור. נאָר וואָס קען זי מאַכן? זי איז נישט די איינציקע מיט וועמענס בחור אסתרקע האָט ליב זיך צו פאַרוויילן. נאָך די קיבוצישע צריפים הויבט זיך אָן אַ ברייטער גרויער מדבר און מאַקסן איז טרויעריק, אַ שווערע לאַנגווייליקייט דריקט אויף אים. און אים ווילט זיך אַנטלויפן.

מאַקס לאָזט זיך קיין תל אביב. פריידל בלייבט דערווייל אין קיבוץ, ביז ער וועט זיך ערגעץ איינאָרדענען, ביז ער וועט שאַפן פאַר איר אַ היים. ער וויל אויך זי אַרויסנעמען פון איר טרויער און לאַנגווייליקייט, געבן איר נאָך אַ מעגלעכקייט צו געניסן פון איר יוגנט, וואָס זי האָט פאַרלוירן אויף :די וואַנדער־וועגן. מאַקס אַליין איז דערווייל ביי ווייטע קרובים און גייט אַרבעטן אויפן בנין אַלס בוי־סטאָליאַר. ער אַרבעט שווער, אָבער מיט פלייס און מיט ווילן, וואָס מער צו פאַרדינען, צו קאָנען וואָס שנעלער קויפן אַ דירה.

נאָך דער אַרבעט לאָזט זיך מאַקס — דאָס ערשטע — קיין יפו, דאָרטן וווינט איצט רוטקע מיט איר פאַמיליע אין אַ פאַרלאָזטער אַראַבישער דירה. ער ווייסט, אַז ער וועט צו רוטקען נישט אַריינגיין, רייזלס טויט האָט נאָך מער געשטעלט אַ וואַנט צווישן אים און איר. ער קען גוט רוטקען און ער ווייסט, אַז איר ערלעכער כאַראַקטער וועט נישט דערלאָזן דעם געדאַנק, צו בויען איר צוקונפט, איר גליק, אויף דעם אומגליק פון רייזלען. כאָטש אויך איר פייניקט די איינזאַמקייט, כאָטש אויך אין איר דרימלען געפילן צו מאַקסן, נאָר רוטקע וועט אים קיין האָפענונג נישט געבן. איז אים שווער צו קוקן אין אירע אויגן, וויל ער כאָטש אַ בליק טאָן אויף דעם הייזל וווּ זי וווינט, ער באַהערשט זיך נישט אַריינצוגיין.

די יפוער געסלעך זענען פול מיט נייע עולים פון פוילן, בולגאַריע, רומעניע, טריפּאָלי, מאַראָקאָ און אַנדערע לענדער. יעדן טאָג עפנט זיך אַ שפּייז־ אָדער גזוז־קרעמל. דער ראַדיאָ צעטראָגט איבער די טרויעריקע געסלעך, פריילעכע העברעישע לידער. נעכטן האָבן נאָך דאָ געלעבט אַראַבער, געווען דאָ ביליקע קאַפעען. און זינד־הייזער.

טייל אַראַבער האָבן געטראַכט וועגן באַפאַלן און באַרויבן דאָס יידישע תל אביב. געווען פוילע, וואָס זענען גאַנצע טעג געזעסן אין די קאַפעען, געררויכערט נאַרגילעס און געחלומט וועגן גליק. געווען אַנדערע, וואָס האָבן שווער געאַרבעט און ערלעך געלעבט. געווען רייכע, וואָס האָבן געהאַנדלט מיט דמשק און קאַיר און פאַרמאָגט עטלעכע ווייבער. בעת דער מלחמה זענען זיי אַוועק, געלאָזט די הייזער, די מעטשעטן און קלויסטערס. געבליבן איז אַ פוסטע שטאָט, וואָס האָט איצט צעפּראַלט אירע גאַסן און טויערן פאַר אַנדערע מענטשן, מיט אַנדערע געוווינהייטן מיט אַן אַנדער לעבנס־סטיל. געטריבן האָט זיי אַהער פרעמדע שינאה. זייערע הייזער זענען ערגעץ פאַרברענט און זיי, געראַטעוועטע פון פייער און טויט, זענען געקומען אַהער אָנצוהויבן אַ לעבן פון דאָס ניי. גייען זיי יעדן טאָג צו די פאַבריקן און ביוראָען, זייערע קינדער איילן זיך אין די שולן. מענטשן, נעכטן זיך נאָך פרעמדע, ווערן זיך נאָענט. און דאָ איז אַ געסל פון אַלטקייט, שמוץ און שימל, וווינט די פרעכטיקע רוטקע, די טייערסטע, פאַר וועמען ס׳איז כדאי אים צו לעבן.

תל־אביב איז ערב־פרילינגדיק. די מערץ־טעג זענען פול מיט פייכטקייט. טעג הייסע, מיט חמסינען און רעגנדיק־קאַלטע. די ערשטע יידישע שטאָט האָט אַ סך צו דערציילן. זי האָט אָבער נישט קיין צייט, זי בויט זיך מיט אַ טעמפּאָ. זי דאַרף אַ סך נייע הייזער אַריינצונעמען טויזנטער נייע עולים, וואָס קומען פון אַלע עקן וועלט.

נאָך קיין יאָר איז נישט אַלט די יידישע מדינה, נאָך נישט פאַרלאָשן איז די פרייד פון אָפגעהאַלטענעם זיג, נישט פאַרטריקנט די טרערן נאָך געפאַלענע זין, נישט געטרייסט זענען די אַלמנות און יתומים, נאָר דאָס לעבן שפּאַנט איבער די קערפּערס פון די טויטע. אויף די חורבות פון דעם נעכטן בויט זיך דער היינט. דער טרויער איז פאַרמאַכט אונטער לאָדנס, נאָר חתונות פראַוועט מען פריילעך. ס׳ווערן געבוירן קינדער, פאָרלעך ליבן זיך, נאָר איינזאַמע רעשטלעך פון צעבראָכענע משפחות וואַנדערן ווי שאָטנס איבער די רוישיקע גאַסן. אין די קאַפעען זיצן עלטערע או איינזאַמע ביי נישט אויסגעטרונקענע ביזן סוף גלעזעס ביר און בענקען צו ווינער קאַפעען, צום ווייסל אָדער צו די קראָקעווער פלאַנטן. מאַקס בענקט נישט נאָך וואַרשע, דאָרט זענען פאַרברענט געוואָרן זיינע שענסטע חלומות. איז אים געבליבן נאָר תל אביב. ער האָט מיטן גאַנצן האַרצן ליב באַקומען אָט די שטאָט, וואָס

פאַרמאָגט נישט קיין שום שיינקייט. באַקומט ער ליב אַפילו די מיאוסטע קוואַרטאַלן. ער פילט זיך היימיש אין איר, איר וווקס און איר יוגנט. אַלץ דערציילט דאָ פון דעם נעכטן, פון שטורעם, געראַנגל, גלויבן, האָפע־נונגען און אַנטוישונגען. עס שפּאַנען דאָ העלדן פון נישט געשריבענע ראָמאַנען, עס וואַלגערן זיך אין די גאַסן, טעמעס פאַר דראַמעס און טראַגעדיעס, נאָר ווער וועט צונויפקלויבן זיי, ווער וועט די ביכער אָנשרייבן? ווער וועט אויפוועקן דאָס געוויסן פון דער וועלט, וואָס איז באַפלעקט מיט פאַרברעכנס קעגן אָט דעם פאָלק?

געפינען זיך אַזעלכע, וואָס פאַרפלייצן דאָס לאַנד גראָד מיט אַנדערע ביכער, מיט נאַקעטע געשיכטעס פון געקויפטער ליבע, ביליקע תענוגים און ערטישן שמוץ, געשריבן אין אַ ריינעם לשון־קודש. די פילמען רייצן מיט סעקס, גלוסטעניש, מיט אַכזריותדיקע באָקס־פאַרמעסטונגען, מאָרד און סאַדיזם. מיט געשיכטעס, אַרויסגעשלעפּטע פון די מיסט־קוישן פון לעבן. ביכער און פילמען לאַנגווייליקע, פּוסטע מיט אַ סך נאַקעטקייט און ווייניק אמת. די יוגנט ווערט כסדר פאַרטעמפּט, נאָר די סעקס־מאַגנאַטן מאַכן ריזיקע פאַרמעגנס און די רעגירונג האָט איר גרויסן ריוח פון די בילעטן־שטייערן ווייזנדיק אירע ביגרעער ברידזשיט באַרדאָס נאַקעטן הינטער־די־פּליצעס. ערגעץ ווו רעדן נאָך מנהיגים וועגן חלוציות, וועגן ווערן אַן „אור לגוים“. די צוהערער גענעצן און די רעדנער זענען נישט גרייט אַליין צו טאָן דאָס מינדסטע, וואָס זיי פאָדערן פון אַנדערע.

נאָך יונג איז די מדינה און שוין האָבן זיך אָנגעזאַמלט אַזוי פיל אומצופרידענע. צו דאָס איז אַ בחור פון לאָדזש, געקומען אַהער קעמפן און האָט נאָכן זיג נישט ווי דעם קאָפּ אַוועקצולייגן. ווי אַן איינציקער האָט ער קיין דירה נישט באַקומען און נישט פון קיינעם קיין גוט וואָרט, קיין שמייכל. נעכטיקט ער אויף שדרות ראָטשילד און חלומט אויף דער האַרטער באַנק וועגן נייע וואַנדערונגען, וועגן אַ נייע היים אין אַ פרעמד לאַנד. צו דאָס איז אַ בחור פון בענגאַזי, וואָס האָט אומלעגאַל פאַרלאָזט זיין לאַנד און אַוועק אין יידישן לאַנד צו לעבן צווישן אייגענע און געטראָפן דאָ אַזוי פיל פרעמדקייט. ער באַקומט קוים אַ טאָג אַרבעט ביי גיסן אַ בעטאָן־דאַך אויף אַ בנין. די אַרבעט איז אַ שווערע, דער חמסין ברענט, די פּלייצעס ברעכן אים, און דער קבלן וויל אויף גיך רייך ווערן, טרייבט ער די אַרבעטער און שרייט, יאַלאַ! יאַלאַ! אָט איז אַ בוכהאַל־

טער, וואָס זיך חטא איז — זיינע 48 יאָר. ער איז שוין צו אַלט צו באַקומען אַרבעט. פרעגט ער פאַרצווייפלט: „נאָך וואָס האָט מען מיך אַהער געבראַנגט מיט מיין פרוי און קינדער?״ נאָר ווער וועט אים ענטפערן? אַ פרוי פון ריגע האָט אַ סך טענות, נאָר צו וועמען? שווייגט זי. די דייטשן האָבן זי אַלס סטודענטקע ארויסגעשלעפט ביי די האָר פון ריגער אוניווערסיטעט און אָפּגעשיקט קיין אַשוויענטשים. דאָרט האָט זי זיך אויסגעלערנט ליידן און שווייגן. נאָך דער באַפרייאונג אַ קוים לעבעדיקע, זיך אַרומגעדרייט איבער די טויטע גאַסן פון וואַרשע און געשוויגן, שווייגנדיק האָט זי דאָרט דערנאָך חתונה געהאַט מיט אַ פיל עלטערן און אויך איינזאַמען ייד, געקומען צוזאַמען אין אייגענעם לאַנד. דאָ געבוירן אַ קינד, שווייגט זי זעענדיק ווי איר מאַן ראַנגלט זיך פאַר פרנסה.

אַ סך נייע משפחות זענען אויפגעקומען נאָכן חורבן, צופעליק זיך צונויפגעקלעפּט. די איינזאַמקייט האָט זיי פאַראייניקט און זייענדיק צו־זאַמען זענען זיי זיך געבליבן פרעמד. יעדער האָט זיינע אייגענע זכרו־נות און זיינע אייגענע צו באַוויינען. די נייע עולים דרייען זיך אַרום ווי פרעמדע, די ותיקים איז שווער זיי צו פאַרשטיין. צו טראַגיש זענען זייערע איבערלעבונגען, ווייל ווער קען פאַרשטיין אַ מוטער ביי וועמען די דייטשישע מערדער האָבן אַרויסגעריסן איר קינד פון האַנט און מיט קלעפּ עס געטויט אין אירע אויגן? וואָס ווייסן ותיקים וועגן געטאָס, טויט־לאַגערן און פאַרטיזאַנער וועלדער?

די ותיקים האַלטן טייער זייערע זכרונות. אויך זיי האָבן דורכגע־לעבט שווערע און שטורמישע טעג, אַרבעטסלאָזיקייט, אַראַבישע איבער־פאַלן, האָפענונגען, גלויבן און אַנטוישונגען. זיי זענען געווען אַמאָל יונג און אידעיש, מיט צוטרוי איינער צום אַנדערן; די באַדערפענישן זענען דעמאָלט געווען קליינע, איז נישט געווען קיין קנאה, קיין גייעג נאָך לוקסוס. מען האָט פאַרמאָגט אַ פּאָר האַקי־הויזן און מיט ליידיקן מאָגן געטאַנצט אַ „האָראַ״... פיזישע אַרבעט איז געווען אַ כבוד, דער שפּע־קולאַנט און גיזעלשעפטלעכער גנב איז נישט געווען „דאָס אייבערשטע פון שטייסל״, יעדער בלאָפער נישט קיין פאַרטיי־„שישקע״. די מדינה האָט באַוויזן צו טאָן פיל נוצלעכע זאַכן, זי האָט אָבער פיל מענטשלעכע נשמות פאַרסמט. פאַר פּיפּיקע קאַרעריסטן איז זי געוואָרן אַ מעלקנדיקע קו. די ערד אַן אויסגעלייזטע דורך בלוט פון יונגע לעבנס, איז געוואָרן

אַ שמאַלץ־גרוב פֿאַר שפּעקולאַציע. טייל האָבן זיך געשטעלט דעם ציל, וואָס מער הייליקע ערד אַריינצוכאַפּן אין זייערע נישט הייליקע הענט.

דאָך זענען געבליבן אַזעלכע, וועמען די מדינה האָט נישט פֿאַרדאָרבן, דערפֿאַר האַלט מען זיי פֿאַר לא יצלחס און בטלנים. אָבער זיי וועלן שוין אַנדערש נישט ווערן, זיי גייען נאָך אַלץ יעדן פֿרימאָרגן צו דער זעלבער שווערער אַרבעט. ווי אַ מוטער שפּירט נאָך די טריט פֿון איר קינד, אַזוי שפּירן זיי נאָך דאָס וואַקסן פֿון דער שטאָט, זיי זענען דאָך געשטאַנען ביי איר וויגעלע. זיי געדענקען נאָך ווען די בוגרשוב־גאַס איז געווען נישט מער ווי אַ זאַמדיק שטיק פּלאַץ. זיי זענען געקומען אין לאַנד אַריין ווי טרוימער און אַזעלכע זענען זיי געבליבן.

פּנחס האָט אין דער באַפֿרייאונגס־מלחמה פֿאַרלוירן זיין איינציקע טאָכטער, זי איז קוים אַלט געווען 19 יאָר. פֿאַדערט ער פֿאַר איר טויט נישט קיין באַלוינונג, טיף אין זיך טראָגט ער דעם ווייטיק און איר אָנדענק. קומען צו אים גוטע פֿריינט און טענהען: „אַזעלכע, וואָס קענען קוים האַלטן די פּעדער אין האַנט האָבן זיך באַזעצט אויף באַקוועמע פּאָסטנס, זענען געוואָרן גאַנצע מאַכערס אין „הסתדרות" און דו, מיט דיין עברית, מיט דיין וויסן, דאַרפֿסט אַרבעטן אויפֿן בנין? צוליב דעם האָסטו אַזוי פֿיל ביכער אויסגעלייענט, זאָלסט קענען לייגן ציגל?".

פּסח לייענט נישט קיין ביכער, ער קען קוים רעדן עברית, כאָטש ער איז שוין 20 יאָר אין לאַנד, אָבער ווער האָט אַזאַ גוט האַרץ ווי ער? ער העלפֿט נייע עולים, איינזאַמע און קראַנקע. פֿאַר קיינעם רעקלאַמירט ער נישט זיין גוטסקייט. ער פֿאַרשטייט נישט, אַז מען קען זיין אַנדערש. האַלט מען אים טאַקע פֿאַר אַ נישט גרויסן חכם, ווייל וועלכער קלוגער מענטש וועט העלפֿן אַנדערע?

אויך לייביש איז אַ ותיק אָבער נישט קיין שווייגער. זיין שפּראַך איז אַ געמיש פֿון רוסישע קללות און יידישע וויצן. ער איז שוין אויסגע־ווען אין אַלע ערטער פֿון דעם לאַנד און איז געבליבן אין תּל אביב, אַלע אַרבעטן שוין געאַרבעט און געבליבן אַ בוי־אַרבעטער, צו אַלע פּאַרטייען שוין געהערט און פֿון אַלע אַוועק, די פּאַרטייען, זאָגט ער, זענען פֿאַר די וואָס זוכן אַ פּראָטעקציע, אַ פּאָסטן אָדער אַ שיכון. ער האָט ביי די פּאַרטייען געזוכט אַן אידעאַל און נישט געפֿונען. איז ער געוואָרן אַן אָנהענגער פֿון אַ גלעזעלע קאָניאַק. דאָס גלעזעלע, זאָגט ער, וועט קיינעם נישט פֿאַרראַטן. צו גאַסן־פֿריילינס איז ער זייער פֿריינדלעך. ער

זאָגט, אַז זיי פאַרקויפן זייער קערפּער, אָבער נישט זייער געוויסן. ער האָט פיינט די כּלל־פאַרזאָרגער און זידלט די פאַרטיי־מנהיגים, נאָר אין זיין געזעלשאַפט קען מען זיך נישט לאַנגווײַליקן.

אין שכנות פון מאַקסן, וווינט אַ יונג פּאָרפאָלק. ביידע געבוירן אין לאַנד, פון קינדוויַיז זענען ביידע דערצויגן אין ליבע צום לאַנד. ביידע האָבן געהערט צו איין יוגנט־אָרגאַניזאַציע, ביידע געווען אין דער „הגנה״ אויף אימונים און שמירה און געפונען נאָך גענוג צייט זיך צו ליבן; צו קושן זיך אונטער ברייט־אויסגעשטערנטע הימלען און געחלומט וועגן אַ פרייִ ארץ־ישראל. אין דער באַפרייאונגס־מלחמה האָט ער געקעמפט אין גליל און זי איז געווען אַ טעלעפאָניסטקע ביי אַ מיליטערישער איינהייט אין נגב. און ווידער האָבן ביידע זיך געטראָפן, זי איז צו אים נישט קאַרג געווען מיט איר האַרץ און קערפּער. איצט לעבן ביידע אין אַ קליינער וווינונג, ער אַרבעט אין אַ מעטאַל־פאַבריק און זי וויגט איין זייער קינד און זינגט:

> געווען צייטן, געווען צייטן,
> מיר האָבן געקעמפט און געליבט.

זענען יענע צייטן פון קאַמפן אַוועק און די ליבע צווישן ביידע איז געבליבן.

אָבער וויפל פאַמיליעס וויסן דעם טעם פון ליבע? אויב ביי אַ פּאָרל איז געווען אַ פּאָר גראַם ליבע האָט די חתונה זיי דערפון אויסגעהיילט. אויך אין הייליקן לאַנד איז די פאַמיליע גאָר נישט אַזוי הייליק. פאַר יוריסטן איז דאָס אַ „שותפות מיט באַגרענעצטע רעכט״, פאַר שרייבער — אַ טעמע פאַר ראָמאַנען. פאַרן פּשוטן מענטש זענען דאָס קייטן פרייוויליק אָנגעטאָן. די צייטונג־כראָניק איז פול מיט פאַמיליע־טראַגעדיעס, אין אינטעליגענטע קרייזן רעדט מען אַ סך וועגן קריזיס אין פאַמיליע־לעבן, אָבער אַפילו די, וואָס רופן זיך — סאָציאַליסטן און זאָגן צו אַ סך זאַכן אויף דער וועלט צו ענדערן, וואגן נישט צו ענדערן די געזעצן וועגן פאַמיליע, וואָס איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ העסלעכע אינסטיטוציע. בלייבט דאָס פאַמיליע־פּראָבלעם אַ „טאַבו״ צו וואָס מען טאָר זיך נישט צורירן. די מוסטערהאַפטע מענער זענען די, וואָס ווען זיי גייען צו זייערע געליבטע, פאַרגעסן זיי נישט העפלעך אַ קוש טאָן זייערע פרויען.

פרויען, וואָס בלייבן טריי זייערע מענער איז אָפט נאָר דערפאַר, ווייל זיי האָבן נישט די דרייסטקייט זיי צו פאַראַטן. פאַרלעד בלייבן זיך געטריי אָפט נאָר דערפאַר, ווייל זיי האָבן נישט די געלעגנהייט זיך קעגנזייטיק צו פאַראַטן. זענען די מוסטערהאַפטע פאַמיליעס די, וואָס ביידע ליבן זיך נישט און האַסן זיך נישט צו שטאַרק.

אברהם איז אפשר אַ סימבאָל פון דורכשניטלעכקייט, געפירט אַ נאָרמאַל פאַמיליע־לעבן און געווען געטריי זיין פרוי, ליב געהאַט זיינע קינדער. וועגן פאַמיליע־סקאַנדאַלן האָט ער אַ סך געלייענט אין די צייטונגען. נאָר דאָס געשעט ביי אַנדערע.. דאַרף זיך טרעפן, אַז זיין פרוי ווערט קראַנק, רעדט פון היץ און רופט אים ביי אַ צווייטן נאָמען, אָבער ער ווערט זיין ווייב נישט חושד זיין. ביז ער געפינט אין איר טאַש אַ בריוול, וואָס דעקט פאַר אים אויף, אַז אויך ער איז געווען פאַרראַטן און אָפגענאַרט. דערפילט ער נאָך צוואַנציק יאָר צוזאַמענלעבן אַ שטאַרקע שינאה צו זיין פרוי. ווען זיין פרוי ליגט אין שפּיטאָל, קומט צו אים איר שוועסטער, דערלויבט ער זיך לגבי איר, וואָס ער האָט קיינמאָל ביז איצט זיך נישט דערלויבט. זי האָט אים קיינמאָל נישט געקענט פאַר אַזעלכן... קיינמאָל איר קיין קוש נישט געגעבן. אפשר — טראַכט זי — גיסט ער די גאַנצע ליבע צו זיין פרוי אויס צו איר שוועסטער? פון וואַנען קען זי וויסן, אַז די גאַנצע תאווה קומט נישט פון ליבע, נאָר פון נקמה?

די דייטשישע יידן, אַנטלאָפענע פון היטלעריסטישן גיהנום, האָבן אין ישראל נישט געברענגט קיין אידעאַלן, נאָר געלט און איניציאַטיוו. זיי זענען געוואָרן די בויער פון שטעט און דערפער. אַנטוויקלט די אינדוסטריע און לאַנדווירטשאַפט, אויפן אָרט פון קאַקטוס־קוסטן געפלאַנצט עפּל־ביימער. הער פישלזאָן האָט אָבער ני.ט געברענגט אַהער קיין געלט און נישט קיין איניציאַטיוו, דערפאַר איז ער זייער פלייסיק ביי דער אַרבעט, אַלס שאָפער פון דער עיריה פיו 7 ער פאַרטאָג — מיסט און דערנאָך פאַסאַזשירן אין די אויטאָבוסן פון „דן". נאָך דער אַרבעט לייענט ער די דייטשישע צייטונג, גענעצט און ווערט אַנטשלאָפן. ער פאַרדינט נישט שלעכט און זיין געטריי ווייבל איז אַ גרויסע בריה אויף אויסצוגעבן געלט. זי טוישט דאָס מעבל אויף נייע, זי האָט ליב אַלץ, וואָס איז מאָדערנע. אַפילו אַ בוך שאַנק מיט שיין געבונדענע ביכער האָט זי איינגעקויפט, ווייל ביכער איז לעצטנס זייער מאָדיש.

קיין בוך האָט זי נאָך אין איר לעבן נישט איבערגעלייענט, דערפאַר אינטערעסירט זיך זיך שטאַרק, וואָס עס טוט זיך ביי אירע שכנים.

מאָדנע זענען עס די שכנים, טייל אַרבעטן שווער ווען אַנדערע טוען אַלץ, אויסצומיידן וועלכע עס איז אַרבעט און עס איז שווער צו וויסן פון וואַנען זיי נעמען גאַנץ ברייטלעך צו לעבן? עס זענען דאָ שכנטעס, וואָס לעבן אָפּ זייער לעבן ביי די טעפּ און, אַז זיי לייגן זיך מיט זייערע מענער רעדט מען וועגן שטיקל מגרש, וואָס מען פאַרמאָגט און מען שפּירט נאָך מיט געשפּאַנטקייט דעם וווקס פון זיין ווערט. נאָר איין שכנטע לעבט אַנדערש פון אַנדערע. אַ לעבן, וואָס איז ענלעך צו יענע ראָמאַנען־ביכלעך, וואָס ווערן מאַסנוויז פאַרקויפט אין די קיאָסקן. נאָר פון ראָמאַנען־ביכלעך קען דער צענזאָר עפּעס אויסמעקן, ווער וועט אָבער אויסמעקן עפּעס פון רויען לעבן? מאַשעס מאַן איז אַ גאַנצן טאָג פאַרנומען אויף דער בירזשע, ביז שפּעט אין דער נאַכט איז ער אַ סדרן אין אַ קינאָ. שבת גייט ער זען פוטבאָל־מעטשן און ביז שפּעט אין דער נאַכט זיצט ער אין קאַפעע מיט חברים און פירט הייסע ויכוחים וועגן פוטבאָל. זי, מאַשע, איז אַ גאַנצן טאָג אויך פאַרנומען, ביים ים אויף דער פּליאַזשע, אין די האָטעלן מיט איינזאַמע טוריסטן, אין אָוונט מיט מענער אין קאַפעען. זי דערציילט אירע שכנטעס, אַז אַ ספרדישער נהג האָט זי ערגעץ פאַרפירט אויף אַ פּוסטן אָרט, נאָר זי, מאַשע, האָט זיך נישט פאַרלוירן, זי איז צו קלוג צו מאַכן — ווי אַנדערע — אַ געוואַלד. צו וואָס דאַרף זי די צייטונגען זאָלן וועגן איר שרייבן?

מיטן אַנטשטיין פון דער מדינה שטראָמט געלט פון די אַמעריקאַנער יידן, פאַר איינצואָרדענען די נייע עולים. דערמאָנט זיך אַ גוטער „סוכנות"־באַאַמטער, אַז ער האָט אַ געלעגנהייט צו טאָן אַ טובה זיינעם אַ חבר, זאָל ער אויך געניסן פון אַמעריקאַנער געלט. דער חבר איז אַן עלעקטריקער, איז פאַרוואָס נישט אינסטאַלירן עלעקטרישע פּונקטן פאַר די נייע עולים? צו ליכט האָבן די עולים נאָך צייט אָבער עלעקטרישע דראָטן, מאַכט נישט אויס צו אינסטאַלירן. איז דער עלעקטריקער שנעל רייך געוואָרן. און, אַז מען ווערט רייך, דאַרף מען טוישן די דירה אויף אַ גרעסערע און שענערע. אַ נייע דירה דאַרף ניי מעבל און אַ יונגע דינסט. און אַז מען האָט אַ שיינע דינסט באַמערקט מען גלייך, אַז דאָס ווייב פּאַסט גאָרנישט צום שיינעם מעבל. גיט מען דער דינסט אַ גלעט,

אַ קוש, און דאָס ווייב ווערט אין גאַנצן איבעריק. איז דאָס ווייב גאָרנישט צופרידן מיטן רייכטום און אויך די דינסט איז נישט צופרידן, צו וואָס דאַרף זי אָט די פֿרוי? זי שטערט איר נאָר אין אירע פֿאַרגעניגנס מיטן באַלעבאָס.

אין בית משותּף וווינען נישט קיין קבצנים. דאָ שפּילט מען אין קאָרטן אויף אַלע מרפּסות, אויף איין מרפּסת שפּילט אָפּט צוויי שכנים, ביידע האָבן צווישן זיך נישט וואָס צו רעדן, שפּילט מען, די צייט צו פֿטרן. בייטאָג זענען די מענער פֿאַרנומען אין זייערע געשעפֿטן, דערציילן זיך די ווייבער, וואָס זיי קאָכן און גיבן זיך עצות, וואָס צו באַקן, און אַז מען ווערט זיך נאָענט גיסט איין שכנטע אויס איר האַרץ פֿאַר דער צווייטער. יונה קלאָגט זיך פֿאַר איר שכנטע אויף איר שלעכטן מאַן, צו וואָס האָט זי דען חתונה געהאַט מיט אַן עלטערן מאַן, ער זאָל איר קאַרגן קליידער? זי האָט דען מיט אים חתונה געהאַט אויס ליבע? מיט ווּעמען צו ליבן זיך האָט איר קיינמאָל נישט געפֿעלט. נאָר ווייל ער האָט אַ פֿאַבריקל, ווייל דער בית־משותּף איז איר געפֿעלן, האָט זי מיט אים חתונה געהאַט. מוז ער דאָך פֿאַרשטיין, אַז מען וויל האָבן אַ ווייב דאַרף קאָסטן, אַפֿילו אַ גאַסן־פֿרוי הייסט זיך היינט גוט באַצאָלן. איז ווער פֿאַרשטייט איר אַזוי גוט ווי איר געטרייע שכנטע חדוה? זי לערנט איר טאַקע, אַז מיט אַ מאַן דאַרף מען וויסן ווי צו האַנדלען, מען דאַרף אים מאַכן אייפֿערזיכטיק, וועט ער נישט זיין קאַרג. לאָזט טאַקע יונה שטענדיק איבער דעם שליסל פֿון איר טיר ביי דער שכנטע חדוה, ווען זי דאַרף ערגעץ פֿאַרפֿאַלן ווערן אויף לאַנגע שעהן. איז געשען אין אַ הייסן חמסין־טאָג, אין מיטן באָדן זיך, דערהערט חדוה אַ קלינגען אין טיר, איז זי זיכער, אַז דאָס איז איר טעכטערל געקומען פֿון שול, נאָר צו איר דערשטוינונג איז גאָר דער שכן געקומען נאָכן שליסל. איז שוין צו שפּעט... זי באַוויזט זיך נישט צו פֿאַרדעקן און ער, דער שכן איז גאָרנישט דער זעלבער. ברוגזט זיך חדוה, וואָס פּלוצלינג? אַזוי לאַנג די בעסטע שכנים און ער האָט איר נאָך קיין קוש נישט געגעבן און איצט... איז וואָס קען זי מאַכן? זי וועט דאָך נישט אַרויסטרייבן קיין שכן, דערצו האָט ער דאָך אַ נישט געטריי ווייב, אַזוינע דאַרף מען מאַכן אייפֿערזיכטיק.

איז דאָס פֿאַמיליע־לעבן איינגעהילט אין ליגנט. ווי עס איז נישטאָ קיין ליבע, קומט פֿאַלשקייט, אויסגעלאַסנקייט, קרענקלעכע עראָטישקייט

און ביליקע פאַרגעניגנס, נאָך וועלכע עס ווילט זיך אויסשפייען. נישט פאַר מאַקסן איז אַ לעבן פון פוסטער לאַנגווייליקייט און צווייפלהאַפטע פאַרגעניגנס. אין אים פלאַמט אַ זשאַר פון אַן אמתער ליבע. פאַרכישופט פון רוטקעס פערזענלעכקייט, פון דעם ליכט פון איר נשמה, האָט ער ליב אַפילו אירע חסרונות, וואָס זי פאַרמאָגט ווי יעדע אַנדערע. און ווי אַ דורשט, אַ נישט געשטילטער, גריזשעט די בענקשאַפט און ציט אים אַהין דאָרטן צום אָרעם־שמוציקן געסל, ווו עס וווינט זיין פּרעכטיקע רוטקע. מאַקס ווייסט, אַז רוטקע לעבט נאָך אַלץ אונטערן שאָטן פון רייזלס טויט, כאָטש זי האָט קעגן רייזלען גאָרנישט געזינדיקט מאַטערט איר אַלץ דער שולד־געפיל. פון דעם ערשטן טאָג פון זייער טרעפונג האָט רוטקע גוט געפילט מאַקס ליבע. וואָלט רוטקע געוווּסט, אַז מאַקס האָט רייזלען קיינמאָל נישט ליב געהאַט, וואָלט איר נישט געמאַטערט דער געדאַנק, אַז זי האָט ביי רייזלען צוגערויבט די ליבע פון מאַקסן. קלעפן זיך נישט די שמועסן צווישן ביידן. רוטקע האַלט זיך העפלעך אָבער קאַלט. נאָר איר מוטער באַגעגנט מאַקסן מיט אויפ־ריכטיקע פרייד און רוטקעס טעכטערל דערפרייט זיך מיט פריידלען. אפשר בענקט זי נאָך אַ שוועסטערל? פאַרלאָזט מאַקס רוטקעס דירה מיט נאָך גרעסערער בענקשאַפט און מיט אַ נאָך שטאַרקערן ווילן ווידער צו זיין לעבן איר.

שטייט די שטאָט, הויז ביי הויז, אַן אויפגעבויטע דורך מי און שווערער אַרבעט. יעדער זעט די שטאָט מיט אַנדערע אויגן. יעדער קוקט מיט אַנדערע ברילן. טייל זעען נאָר אירע גרויע נישט שיינע מויערן, פאַר־ליבטע כישופט די שטאָט מיט איר יוגנט, זיי צויבערט דער ים, דער בלויער הימל. מאַקס פילט דעם כישוף און זעט איר גרויקייט. ער באַדויערט, וואָס די יוגנט ווערט דאָ אַזוי שנעל אַלט, וואָס אַלטקייט שרייט אַראָפּ פון די נייע געביידעס און וואָס יונגע מענטשן ווערן אָנ־געשטעקט מיט זיקנה. אויף באַקוועמע מרפסות גאַפּיען מענטשן און גענעצן. קומט דער ליבער אָוונט נאָך אַן אָנגעשטרענגטן און שווערן טאָג אַרבעט, נאָך אַ הייסן חמסין־טאָג, זוכן מענטשן אָוועקצוהרגענען די צייט ביי אַ קערטל. אין סאַמע מיטן שטאָט אויף קיניג דזשאָרזש־גאַס איז יעדן פרימאָרגן פול מיט פרויען און מיידלעך פון תימן. זיי וואַרטן דאָ עס זאָלן קומען מאַדאַמען און קויפן זייערע הענט, צום וואַשן און רוימען, ווער ווייס אָבער אָפּוואַשן די חרפה פון אָט דעם פרויען־מאַרק?

ווער וועט אָט די גוטע און נאַיווע עולים־פּרויען באַשעפטיקן ביי ניצלעכער אַרבעט און לאָזן יעדן אַליין רייניקן זיין אייגענעם שמוץ?

ענדלעך האָט מאַקס אָפּגעשפּאָרט געננג געלט און געקויפט אַ באַקוועמע דירה. ברענגט ער גלייך אַהער פריידלען אין זיין נייער היים. אפשר וועט זי נאָך באַווייזן צו געניסן פון דעם טעם פון אַ פריידיקער יוגנט? און גלייך ווי ער אָרדנט איין פריידלען נעמט מאַקס אַ פּאָר טעג זוּפּש און לאָזט זיך אויף אַ קורצע שפּאַציר־רייזע איבערן לאַנד.

ד

דער אויטאָ פירט מאַקסן צום צפון פון לאַנד. איבער אַלטע אַראַבישע דערפער און נייע יידישע ישובים. ער באַוווּנדערט די שיינע לאַנדשאַפט פון עמק יזרעאל און דער אויטאָ פירט אים אַלץ העכער צום באַרגיקן צפון. פון וויטן כישופט דער לעגענדאַרער כנרת און מאַקס פילט אַן אינערלעכן שטאָלץ מיט דער שיינקייט פון דעם לאַנד. ער קומט אָן קיין טבריה, מאַכט ער אַ קורצן שפּאַציר איבער דער אַלטער־טימלעכער שטאָט, צווישן אַלטע הייזלעך, קריסטלעכע קלויסטערס און אַראַבישע מעטשעטן לעבן יידישע עולים פון אַלע עקן וועלט. פון טבריה פירט אים ווייטער דער אויטאָ קיין צפת. דער זעלבער אָרעמער אַזיאַטישער סטיל, נאָר רייך איז דאָ מיט קברים. לעבן אַלטן קבר פון הושע הנביא — די פרישע קברים פון די דערשאָסענע פון אצ״ל און לח״י קעמפער און די גאָר פרישע קברים פון די געפאַלענע אין דעם באַפרייונג־מלחמה. די אַלטע שטאָט פון קבלה שטייט אויף צו אַ נײַ לעבן. עס בויען זיך קינאָ־זאַלן און פּאַרטיי־קלובן. די שיינע באַרגיקע לאַנדשאַפט ציט אַהער אויך מאָלער. אָט זיצט טאַקע אַ מאָלער און מאָלט אַ שיין ווינקעלע פון דער צפתער לאַנדשאַפט. וואַרפט מאַקס אַ בליק אויפן לייוונט און טראַכט — אַ גליק, וואָס דער רבונו של עולם איז נישט געווען קיין קוביסט און נישט קיין פוטוריסט, ווייל ווער ווייסט, וואָס פאַראַ משוגענע וועלט ער וואָלט אונדז אויסגעמאָלט.

פון צפת פירט דער וועג צום אויבערשטן גליל, וואָס איז שיטער

פאַרזייט מיט יידישע ישובים. זיי האָבן דאָ אין זייער איינזאַמקייט, מיט עקשנות געקלאַמערט און פאַרוואָרצלט זיך צווישן בערג און טאָלן. זיך פאַרטיידיקט קעגן אַראַבישע אָנפאַלן, דערציילן דאָ די קברים וועגן העלדישקייט און מוט. אין כפר־גלדי און אילת־השחר זענען אויסבאַ־האַלטן געוואָרן יידישע פליטים דורכגעשמוגלטע דורך סיריע און לבנון. דאָ האָט אַ יוגנט געקעמפט, געטרוימט און געמאַכט געשיכטע. מיט אייגן בלוט האָבן זיי אָנגעצייכנט די מאַפּע פון דער צוקונפטיקער יידי־שער מדינה.

פון אויבערשטן גליל פירט דער וועג צוריק צום פּרעכטיקן עמק. דער הימל איז שוין פאַרהילט אין אירע אָוונט־קאָלירן, די ערד מיט סימעטריש קאָלירטע פּאַסן. דער וועג פירט פון דאַנען ארויף צו נצרת, דאָ איז געווען דאָס וויגעלע פון קריסטנטום, אַ גלויבן וואָס איז פאַרשפּרייט געוואָרן מיט פייער און שווערד, מיט שייטערהויפנס און אינקוויזיציעס. די שטאָט פון וואַנען ס'האָט פאַרשפּרייט זיך אַ גלויבן פאַר הונדערטער מיליאָ־נען איז פאַרלאָזט און שמוציק, מיט אירע קנייפּעס און מיט איר באַזאַר. נאָר די קלויסטער'ס שטייען ווי פעסטונגען פון אַ גלויבן, וואָס הערשט איבער דער וועלט, און איר גאָט איז אַ געקרייצט יידל, געפּיינקט און פאַרפאָלגט ווי זיין אומגליקלעך פאָלק. אין נאָמען פון דעם געקרייציקטן ייד איז זיין פאָלק — וואָס ער האָט זיכער ליב געהאַט — געוואָרן גע־קרייצט און פאַרפּייניקט. און איצט ווען די רעשטלעך פון אויסגעהרגעטן פאָלק קומט צוריק און באַלעבן ווידער די בערג פון גליל, צי איז נישט זייער פליכט צו העלפן אומצוואַרפן די מויער פון שינאה צווישן די גלויבנס? זאָלן די געטער בלייבן אין די הימלען, נאָר דאָ, אויף דער ערד, זאָלן געבויט ווערן באַקוועמע הייזער, ווו יידן מיט אַראַבער זאָלן אין פריינדשאַפט אַרבעטן און שאַפן פאַרן וווויל פון אַלע זין און טעכטער פון דעם שיינעם לאַנד.

פון דעם שפּאַציר איבער עמק און גליל לאָזט זיך מאַקס קיין ירושלים. ווי זאָל ער נישט וואַרפן כאָטש אַ בליק אויף אָט דער שטאָט פון רום און געשיכטע? נאָר טרויעריק ווערט זעענדיק די באַרימטע שטאָט אַ צעריסענע אויף צווייען. אין מיטן אַ גרענעץ פון בלוט און שינאה.

די שטאָט פון אַלטקייט און געשיכטע איז פאַרזינקען אין אָרעמקייט. עס דרייען זיך אַרום ווי שאָטנס פון אַמאָל, באַוואַקסענע יידן מיט בערד, פּאות, אַזוי האָבן אפשר אויסגעזען די נביאים, אָבער ווען מען טרעפט זאָט די באַפּאותטע יידן אין די אָרעמע קרעמלעך, שווימען אויף אין זכרון די יידישע שטעטלעך ערגעץ אין פּוילן, אַ לעבן וואָס איז איבערגעטראָגן געוואָרן אויף די ענגע געסלעך פון ירושלים. און לעבן דעם אַלטן וואַקסט פאַר די אויגן אויס אַ ניי ירושלים פון שטיינערנע, הויכע, מאַסיווע הייזער מיט אַ שטאָלצער יוגנט פון אַרבעטער, סטודענטן, פּלמ״חניקעס.

אונטער ירושלים געפינט זיך אַ בית־הבראה, כאַפּט זיך מאַקס דאָרט אַרייַן אָפּצורוען אַ פּאָר טעג. אַרום איז אַלץ בערג און וואַלד. צופוסנס די בערג ליגט אַן אַראַביש דאָרף און בולט שטאַרן אַרויס די שפּיצן פון אַן אַלטן קלויסטער און אַ מעטשעט. קומען אין בית־הבראה פאַרברענגען אַרבעטער זייער אורלויב, קראַנקע נאָך אָפּעראַציעס, פרויען, וועמענס מענער זענען שטאַרק פאַרהאָרעוועט שיקן זיי אַרויס זייערע פרויען זיך אָפּרוען. די שיינע געגנט ציט אַהער מענטשן פון אַלע שיכטן, פון פאַרשידענע איבערצייגונגען און לעבנס־סטיל. גאָר שנעל ווערן פרעמדע זיך היימיש. עס מאַכן זיך צייטווייליקע פאָרלעך. זיך נעכטן נישט געקענט און מאָרגן וועלן זיי זיך פאַרגעסן, נאָר דערווייל איז נישט שלעכט צו שפּאַצירן צוזאַמען און פירן גאַנץ־אינטימע שמועסן. זי פרעגט: „פאַרוואָס, אַז מען גייט מיט אַ מאַן אַ ביסל שפּאַצירן באַקומט ער גלייך זינדיקע מחשבות? איך בין געקומען אַהער נאָר אָפּצורוען״. אָבער ער האַלט, אַז עס איז גאָר נישט קיין חטא אין אַ בית־הבראה צו געבן אַ קוש אַ שיין ווייבל. אַ צווייטע פרוי זאָגט צו איר פּאַרטנער, ער זאָל נישט מיינען, אַז זי איז ווי יענע בלאָנדיקע, וואָס לאָזט זיך קושן פון יעדן מאַן. זי האָט אַ מאַן, וואָס זאָל זי קושן און זי נייטיקט זיך נישט אין קיין פרעמדע מענער. פאַראַיאָרן — דערציילט זי — האָט זיך אין בית־הבראה צוגעטשעפּעט צו איר אַ יונגער מאַן, נישט אָפּגעטרעטן פון איר, נאָר זי האָט אים גאַנץ פּשוט געזאָגט, אַז זי איז נישט קיין פּי־ליאַנטראָפּקע צו באַפרידיקן וועמענס גלוסטן. איר מאַנס שותף האָט אָפּ־געגט זייַן אַלט ווייב און חתונה געהאַט מיט אַ יונגער פרוי, האָט זי גע־מיינט, אַז ער ווען זי שוין צורו לאָזן. קומט ער אָבער ווייטער, ער זאָגט, אַז אין איר פילט ער דעם אמתן טעם. טאָ וואָס קאָן זי מאַכן? פאָרט אַ שותף.

אין שכנות פון בית־הבראה איז פאַראַן אַ קיבוץ. דאָ שמעקט מיט וואַלד און מיט דאָרפישן ריח פון קי מיסט. איבער די קיבוצישע הייזלעך שוועבט אַ דאָרפישע געמיטלעכקייט. אין אָוונט קומען די קיבוצניקעס פון פעלד, וואַרשטאַטן, גאָרטן און שטאַלן. דאָס זענען געזונטע אַר־בעטזאַמע בחורים און חנעוודיקע בחורות. זיי האָבן אָט די בערג, דעם וואַלד, יעדן שפּאַן דאָ פאַרטיידיקט. זיי לאָזן זיך איצט רוען אין זייערע נידעריקע הייזלעך און דער געזאַנג פון שיר השירים שוועבט איבער זיי. אָט גייט אַ יונג געשטאַלט, דוכט זיך דאָס איז שלמית אַליין. שוועבט גלייך פאַר מאַקסן אַרויס ווי אַ חלום — רוטקע, און אַ ווייטיקלעכע בענק־שאַפט נעמט נאָגן אין זייך האַרץ. עס גאַרט זיין נשמה צו איר. ער, וועמענס לעבן איז געווען ווי אַ שטורעם. ער, וואָס האָט געלעבט אין אַ וועלט פון פּאָליטישע ראַנגלענישן, בענקט איצט אָפּצורוען אין שאָטן פון אַ גרויסע ליבע. עס לאָקט און ציט אים צו רוטקען, צו דעם חן און שיינקייט פו איר נשמה. פון וואַנען קומט צו אים אָט דער עגאָיסטישער געפיל פון וועלן פאַרגעסן זיך און טרינקען פאַרשיכורט פון דער ליבע?

דער חלום וועגן רוטקען גייט ביי מאַקסן עפּעס שטענדיק געפּאָרט מיטן חלום וועגן אַן אַנדער ישראל, ער טרוימט וועגן אַ יוגנט, וואָס איז אידעיש און געטריי. ער וויל זיי זען איבער די גאַסן גרופּנווייז דיסקוטירן וועגן קונסט, וויסנשאַפט און ליטעראַטור, וועגן דער צוקונפט פון דער געזעלשאַפט, וועגן זין פון לעבן, זאָלן חנעוודיקע בחורות נישט נאָר קאָקעטירן מיט זייערע געשיקטע קערפּערס, שיינע פיס און מאָ־דערנע קליידלעך, נאָר זאָלן אויך שטאָלצירן מיט דער שיינקייט פון זייערע נשמות. ווי סאָניע, פרעדע, מאַגדע און גאָלדעלע, ווי יענע טויזנטער יידישע נייטאָרינס, שילערינס און פאַבריק־מיידלעך, וואָס זענען מער נישטאָ, זאָלן ביי זיי שיינקייט און געטריישאַפט ווערן אײן האַרמאָנישע גאַנצקייט. זאָל די ישראל יוגנט ליב האָבן זייער לאַנד און דאָס פאָלק, זאָלן בחורים אמת ליב האָבן זייערע חברטעס און די בחורות זייערע חברים און דאָס לאַנד זאָל פאַר קיינעם נישט זיין קיין שטיף־מוטער.... אַרבעט זאָל זיין אַ פרייד, און די, וואָס אַרבעטן זאָלן געניסן פון דער פרוכט פון זייער אַרבעט.

ליידער איז דאָס אַלץ נאָר אַ חלום. די נייע יידישע מדינה טראָגט אין זיך דאָס גאַנצע נעגאַטיווע פון יעדער מאַכט, די אידעאַלן, וואָס האָבן געבוירן די מדינה — זענען שוין פאַרגעסן, די מנהיגים טראָגן

אויף זיך נאָך דעם שילד פון סאָציאַליזם, אָבער דער טעם פון הערשן,
די דיפּלאָמאַטישע באַנקעטן, דער לוקסוס האָט זיי דעמאָראַליזירט און
זייער ביישפּיל באַדראָט אַ גאַנצער דור זאָל זינקען אין גײַעג נאָך
לוקסוס און קאַריערע. די מנהיגים האָבן פאַרלוירן יעדע סאָציאַלע וויזיע,
יעדע פּערספּעקטיוו. פאַרזונקען אין טאָג־טעגלעכן פּראַקטישקייט, פאַר־
וואַנדלען זיי די שענסטע אידעאַלן אין אַ העסלעכער ווירקלעכקייט. די
מעכטיקע אַרבעטער אָרגאַניזאַציע פאַרמאָגט גרויסע מאַסן מיטגלידער
אָבער וויניק אָנהענגער. רייך זענען אירע אונטערנעמונגען, אָבער אָרעם
אירע אידעאַלן. די גרינדער פון הסתדרות האָבן אין זייער וויזיע זי געזען
ווי אַן אמתע היים פאַר די אַרבעטער און נישט קיין אַפּאַראַט פון „פּראָ־
פעסיאָנעלע” מנהיגים. אַ גרויסער טייל פון זיי זיצן נישט דאָ צוליב
זייער געטריישאַפט צום אַרבעטער, נאָר ווייל זיי זענען נישט פעאיק
צו קיין נוצלעכער אַרבעט. נישט איינער האָט פון בלאָף געמאַכט אַ באַ־
רוף. די הויכע מלוכה־באַאַמטע זען אין די „קליינע מענטשעלעך” נאָר
דעם שטייער־צאָלער און פאַר פאַרטיי־מנהיגים זענען זיי נישט מער ווי
שטים־צעטלעך... נישט איינער פון די מנהיגים האָט זיין געזעלשאַפט־
לעכע פּאָזיציע דעראָבערט מער אַ דאַנק זיינע פּערזענלעכע חסרונות ווי
צוליב זיינע פעיקייטן. זיי, די „קעמפער” פאַר דעמאָקראַטיע, טוען אַלץ צו
דערשטיקן די דעמאָקראַטיע אין די פאַרטייען ווו זיי הערשן. ווערט דער
תהום צווישן די פירער און די מאַסן אַלץ טיפער, זיי דערווייטער זיך אַלץ
מער פון פּשוטן ערלעכן מענטש. דער זיג פון ציוניזם איז געקומען נאָכן
חורבן פון יידישן פאָלק, די אַנטשטייאונג פון דער מדינה האָט נישט
געבראַכט צווישן די יידן אין דער וועלט קיין אויפשוווּנג פון ציוניזם,
נאָר פאַרקערט, זי איז געבליבן אין מיטן וועג, אויסגעהוילט פון יעדן
אינהאַלט. זי האָט אין ישראל פאַרגעסן אין איר מיסיע צו שאַפן אַ פּראָ־
דוקטיוון ייד. אונטער אירע פליגל וואַקסט אויס אַ גרויס־אינדוסטריע
פון פאַרמיטלונג, בערזע־מענטשן, שפּעקולאַנטן, עסקנים, שדכנים. אַ ניי־
ער טיפּ פון ישראלדיקן מנחם מענדל. דער סאָציאַליזם ווערט אַלץ מער
אַן אידעאַל פאַר מידע זקנים, זי פאַרפליכטעט מער צו גאָרנישט. אַ טשעק
אָן אַ דעקונג. פאַר פּיפּיקע אַדוואָקאַטלעך איז סאָציאַליזם געוואָרן אַ
באַקוועמער לייטער פאַר קאַריערעס און פאַר קרעמערישע מנהיגים איז
דער סאָציאַליסטישער אידעאַל געוואָרן אַ סחורה צום האַנדלען אין די
קאָאָפּעראַטיוון פון „המשביר”... און די פירער פון די קאָמוניסטן זענען

אין ישראל גלענצנדע אַרטיסטן, וואָס דעקלאַמירן פרעמדע טעקסטן, זיי ברענגען אַהער די שיריים פון באַנקראָטירטע פּראָזן, פון קאַלטן מאָסקווע.

ביי אַלע נעגאַטיווע זייטן האָט מאַקס ליב דאָס לאַנד און ער איז גאָרנישט בלינד צו זען אויך די גרויסע דערגרייכונגען, ער שאַצט אָפּ די שעפערישע כוחות וואָס עס באַזיצט דאָס פאָלק. ער וועט ישראל אויף קיין צווייט לאַנד נישט פאַרטוישן, דער גרויל פון אַשוויִענטשים און מיידאַנעק, די שחיטה פון אַ מיליאָן יידישע קינדער, דאָס „יידן־זייף", די שינאה, מאָרד און פּאָגראָמען רופט אים צו קושן די ערד, אויף וועלכע מען קען פריי לעבן. נאָר דאָ דאַרף ער קעמפן פאַר אַן אַנדער ישראל. ווייל אַפילו אין לענדער ווי עס דראָעט נישט קיין פאַרניכטונג האָבן דאָרט די יידן אויך נישט מער ווי די „בולקע מיט פּוטער". און שטאָלץ מיט ז׳ער שיינקייט פון דעם לאַנד קערט מאַקס זיך צוריק אַהיים צו דער אַרבעט, עס ציט אים די בענקשאַפט צו רוטקען, וואָס שנעלער כאַפּן אַ בליק אויף זיין געליבטסטער.

אויף דער שוועל פון זיין היים, זאָגט פריידל אים אָן וועגן דעם שרעקלעכן אומגליק, וואָס האָט געטראָפן רוטקען. איר אַלטע מוטער איז אין יפו איבערגעפאָרן געוואָרן דורך אַ לאַסט אויטאָ צום טויט. מאַקס, נישט פעיק אַפילו צו טראַכטן, לויפט גלייך אַוועק קיין יפו. ער טרעפט דאָרט רוטקען אין אַ שרעקלעכער פאַרצווייפלונג. ווידער האָט דער גורל איר אונטערגעטראָגן אַ ניי אומגליק. די מוטער איז פאַר איר געוועזן דער נאָענטסטער מענטש אין לעבן, נאָכדעם, ווי זי האָט פאַרלוירן איר פאָטער, לייבלען און איר מאַן. איצט איז אויך די מוטער מער נישטאָ.

מאַקס באַשליסט, נישט לאָזן זי מער אַליין. ער פילט אויפן געוויסן זיין שולד לגבי איר, פאַרוואָס ער האָט נישט געהאַט די דרייסטקייט צו בלייבן לעבן איר. ווי האָט ער געמעגט זיין טייערסטע איבערלאָזן אויף הפקר? ניין, מער וועט ער זיך מיט קיין זאַך נישט רעכענען, נאָר ווי דאַן אין טאַשקענט, ביי דער ערשטער טרעפונג, באַפעלן איר צו גיין מיט אים. צו גרויס איז אויך געווען רוטקעס ווייטיק זי זאָל דאָסמאָל קענען זיך אַנטקעגנשטעלן זיין ווילן. פירט ער רוטקען מיט איר טעכטערל גלייך צו זיך אין וווינונג. צי האָט ער דען נישט אָט די היים געשאַפן אויך פאַר זיי? — ער גיט זיי אָפּ אַ צימער. רוטקע אַ טיף־דערשלאָגענע שוויגט אַלץ אין אַ שווערן שווייגן, אין איר טרויער ווערט זי אים נאָך טייערער. איר טעכטערל, פאַניע, פילט זיך אָבער זייער

גוט אין דער געזעלשאַפט פון פריידלען, וואָס נעמט זי אונטער איר שוץ, ווי אַ ייִנגערע שוועסטער. מאַקס האָט אויך ליב דאָס קינד, אפשר דערפֿאַר, ווײַל ער האָט אַזוי ליב איר מוטער. צומאָרגנס לאָזט מאַקס איבער רוטקען מיט ביידע טעכטער און גייט אַוועק צו דער אַרבעט.

מעגלעך, אַז די פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט פֿאַר איר טאָכטער, אפשר צוליב די דאַנקבאַרקייט צו מאַקסן, ענדערט זיך ביסלעכווייז די שטימונג ביי רוטקען. זי וויל איר טרויער קיינעם נישט אָנוואַרפן. קומט מאַקס פון דער אַרבעט, טרעפט ער די וווינונג אַזוי וווּנדערלעך ריין, רוטקעס אָנוועזנהייט האָט דאָ אַלץ אָנגעפילט מיט היימישקייט און חן. פֿאַר אים איז אָנגעגרייט אַ געשמאַק מיטאָג און מאַקס באַמיט זיך נישט אַרויסצו־ווייזן קיין פֿאַרוווּנדערונג, ווי דאָס וואָלט געווען די נאַטירלעכסטע זאַך, ווײַל ווען האָט דען רוטקע חוץ אים, און ווען האָט ער חוץ איר? ביידע טעכטערלעך פילן זיך זייער גוט, ביידן האָט, זעט אויס, געפעלט אין לעבן אַ שוועסטער, ווי מאַקסן האָט געפעלט אַ פרוי, וואָס ער זאָל ליבן. ווער ווייסט, וואָס רוטקע האָט דורכגעטראַכט אין די שלאָפלאָזע נעכט? ווער ווייסט, ווי זי האָט זיך געראַנגלט מיט געפילן? געזיגט האָט אין איר די איבערצייגונג, אַז איר טעכטערל נייטיקט זיך אין איר שמייכל, און מאַקס אין זיין איינזאַמקייט נוטיקט זיך אין איר ליבע. באַהאַלט זי טיף אין זיך דעם טרויער און אויף איר פנים שווימט אַרויס דער שמייכל וואָס פילט מאַקסן אָן מיט גליק. נאָך טיף פייניקט אים דאָס געוויסן, וואָס זיין גליק האָט געקענט קומען נאָר נאָכן טויט פון רייזלען. נאָר דאָס גליק פֿאַרשרייט דעם געוויסן, זיין חלום איז פֿאַרווירקלעכט, רוטקע איז לעבן אים און קיין זאַך קען מער נישט שטערן אין זייער גליק. ווערט אים לייכט די אַרבעט און גרינג אויף דער נשמה. ווידער זעט דאָס לעבן אים אויס אַזוי שיין. ער איילט שנעל אַהיים פון דער אַרבעט, עס וואַרט אויף אים רוטקע מיט איר זיסן שמייכל. די גאַנצע שטוב שמעקט איצט מיט היימישקייט און איבער אַלץ שוועבט רוטקעס חן. כאָטש טרויעריק זענען נאָך אירע אויגן, זענען זיי אים אַזוי ליב און עס וויל זיך אַזוי שטאַרק זיי אויסקושן.

ווערט צווישן זיי געבראָכן דאָס אייז פון שוויגן, וואָס האָט אָנגע־האַלטן פון ערשטן טאָג פון זייער טרעפן. איצט שיינט ליבשאַפט צו אים פון אירע אויגן. רוטקע דערציילט אים וועגן איר בענקשאַפט צו איר באַרוף. נאָר זי האָט נישט קיין שום האָפענונג אַזוי גרינגלעך צו באַ־

הערשן עברית, יידיש איז אין יידישן לאַנד אַ פרעמדע, אַ נישט־געוווּנטשענע שפּראַך, די גרויסע גייסטיקע רייכטימער אין דער שפּראַך גייען פאַרלוירן, הונדערטער יאָרן יידישע שאַפונג בלייבן פרעמד דעם יידישן קינד, דער יוגנט. די מאַסן עולים, וועמענס שפּראַך איז יידיש, ווערן אָפּגעריסן פון זייער קוואַל, ווערן גייסטיק אָפּגעשטאַנען, בלייבנדיק אָן אַ שפּראַך. יידיש הייסט מען זיי פאַרגעסן, עברית איז שווער זיי אויסצולערנען, בלייבט זייער מויל פאַרשלאָסן. ווער ווייסט, פאַר וועלכע זינד? די אַלטע היסטאָרישע שפּראַך איז דאָך שטענדיק געגאַנגען צוזאַמען מיט דער לעבעדיקער שפּראַך פון פאָלק,ביידע האָבן געשפּאַנט דורך שמחות און דורך צרות. ווער האָט אויף זיך גענומען די ראָל אָט דעם בונד צו צערייסן?

לאַנגע אינטערעסאַנטע שמועסן דערנעענטערן זיי ביידע אַלץ מער צו זיך און מאַקס זאָגט צו רוטקען: „אָט פליט שוין דער מענטש באַלד צו דער לבנה, נאָר זיין גייסט זינקט נאָך אַלץ טיף אין דער בלאָטע, נאָך אַלץ בויט דער מענטש זיין גן־עדן אין די הימלען נאָר די ערד איז אַ גיהנום. פילאָזאָפן זוכן בייע געטער, דער מענטש ווערט מעכטיקער און אַלץ מער לעכערלעך נישטיק, די ריזיקע דערגרייכונגען פון מענטשלעכן שכל ברענגט צום חורבן פון היראָשימאַ, צו דער טעכניק פון מאַסן־מאָרד, צו גאַז־אויוונס פאַרן יידישן פאָלק. אין אָט דער וועלט פון פאַרברעכנס, שינאה און מאָרד, שטייען באַנקראָט אַלע גלויבנס, אַלע אידעאַלן געשענדעט. אַלע חלומות באַשפּיגן, וואַלגערן זיך אין דער בלאָטע, ס׳איז דער זיג פון גייסטיקער פּוסטקייט, געראַנגל אָן אַן אינהאַלט, צווייפל־האַפטע פאַרגעניגנס און געקויפטע ליבע און פון דער מענטשלעכער נשמה בלייבט אַן אויסגעבלאָזן איי. צווישן אַנטוישטע און אָפּגענאַרטע האָפענונגען, קען נאָר ערלעכקייט און אַרבעט איינהאַלטן די נשמה־גלייכגעוויכט און נאָר ליבע קען באַלויכטן דעם מענטשלעכן גייסט. און דעם געפייניקט יידיש פאָלק נאָך דעם גרויסן בלוטיקן מבול איז ווייניק צו געבן אַ היים, מען דאַרף דאָס לאַנד אויך באַשטראַלן מיט ליבע, געבן דעם לעבן טעם און פרייד“.

שבת זענען ביידע אַ גאַנצן טאָג צוזאַמען. איז גוט און היימיש. ביידע טעכטער טומלען פריילעך, אויך זיי איז גוט. נאָכן געשמאַקן מאָלצייט לאָזן ביידע זיך אַרויס אויף אַ שפּאַציר איבער די תל אביבער גאַסן צום שפת־הים. אַלץ אַרום שמייכלט צו זיי. ווידער — נאָך יאָרן — שפּאַצירן

זיי צוזאַמען. וויפל בלוט איז אין די יאָרן פאַרגאָסן געוואָרן? וויפל חלומות אין בלוט דערטרונקען? נאָר די ליבע איז געבליבן. וויפל יאָרן האָט ער געחלומט וועגן אַזאַ גליקלעכן טאָג. איצט איז צווישןביידע נישטאָ קיין וואַנט. זייער געוויסן איז ריין און וואָס איז דאָ טייערערס ווי די ליבע? ציט זייביידן צוריק צו דער היים, צו בלייבן מיט זיך צוזאַמען. די נאַכט, נעמט מאַקס צום ערשטן מאָל אַרום רוטקען, ווי ער וואָלט מיט איינמאָל געוואָלט זיך אָפּנעמען פאַר יאָרן פון חלומות און בענקשאַפט. ער קושט הייס אירע ליפּן, איר קערפּער. דערשטיקטע געפילן דערוואַכן מיט שטורעם. ער שעפּטשעט איר די טייערסטע ווערטער, ער צערטלט דעם געליבטן קערפּער, דעם אַזוי באַגערטן און אויסגעבענקטן און ביידע טרינקען דורשטיק פון דעם ריינעם קוואַל, פון ליבע.

נאָכוואָרט

מיטן שרייבן דעם ראָמאַן האָב איך נאָר געוואָלט געבן אַן אויסדרוק פון מיין ליבע און פאַרערונג דער וואונדערלעכער יידישער יוגנט אין פוילן, וואָס איז אַזוי טראַגיש פאַרשניטן געוואָרן דורך די נאַצישע רוצחים. כ׳וויל דאַנקען די אַלע, וואָס האָבן געמוטיקט מיך צו שרייבן. כ׳דאַנק מיין פריינד און חבר שמואל אַבאַרבאַנעל פאַר זיין מיפּולער רעדאַקציע און חברישער מיטהילף. איך דאַנק מיין שוועגערין אסתר און מיין ברודער יצחק לודען פאַר די ווערטפולע אָנווייזונגען און עצות. איך דאַנק פאָרויס די אַלע, וואָס וועלן העלפן אין דעם פאַרשפרייטן דאָס בוך.

יוסף לודען
רמת־גן, 1966